STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04642

MIR UN DI ARABER

*Permanent preservation of this book was made possible
by Jeannette Kent
in memory of
Arthur Kent*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיר
און
די
אראבער

זאמל-בוך וועגן יידיש-אראבישן פראבלעם

מרכז „החלוץ" העולמי —— מרכז „החלוץ" בפולין

ווארשע 1937

Printed in Poland

My i Arabowie

Dzieło zbiorowe o żydowsko-arabskim problemie

Wydane przez Komitet Centralny org. „Hechaluc-Pionier" w Polsce, Warszawa, Gęsia 14/8

Składano: „LAOR" (A. Waintraub) W-wa, Gęsia 20.
odbito w drukarni „Grafia" W-wa Nowolipki 7.

געווידמעט דעם אנדענק

פון משה ביילינסאָן

און די געפאלענע
אין די געשעענישן
תרצ"ו

מיט אלע וועגן וועלן מיר גיין. ווען געעפנט ווערן פאר אונז דער טויער — וועלן מיר אריין דורכן טויער. ווען זיך עפענען א שפארונג — וועלן מיר אריין דורך דער שפארונג. סיי דורכן טויער סיי דורך דער שפארונג. מיט אונזער שווייס און בלוט וועלן מיר אויסלייזן דאס לאנד. — פון לאנד וועלן מיר זיך נישט רירן, אונזער ארבעט וועלן מיר נישט פארלאזן.

מ. בייפינסאן

געשעענישן תרצ"ו

מיר
אונ די
אַראַבער

די שכנים;

ארבעט;

באָדן;

קאָנטאַקטן;

שמירה און הגנה;

די בלוטיקע קייט;

אין פּאָליטישן געראַנגל.



א״י און די אראבישע טעריטאָריעס

פ ו ן   פ נ ק ס

פאַרנאַכטצו האָב איך געבלאָנדזשעט צווישן די סטעזשקעס פון אַראַבישע פּרדסים הינטער יפו. כ'בין פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַן עפּענדישן הויז. ביים טויער פון הויף איז געזעסן אַן עפענדי אין געזעלשאַפט פון צוויי עלטערע שכנים און אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר צוואַנציק אין אַ עלעגאַנטער כפיה. כ'האָב זיי באַגריסט. זיי האָבן מיר נישט געענטפערט. איך בין ווייטער געגאַנגען. ווען כ'האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ, האָב איך באַמערקט אויף זייערע געזיכטער, אַז דאָס נישט ענטפערן איז געווען אַ בכיוונדיקער, אַ בייזוויליקער. דער יונגערמאַן האָט זיך אויסגעגלייכט אויף זיין אָרט, געוואָרפן אַ בליק פון נצחון, ווי ער וואָלט געזאָגט: מיר האָבן נישט געענטפערט דעם יאַהוד.

איך בין ווייטער געגאַנגען. פון איינעם פון די פּרדסים איז אַרויסגעשפּרונגען אַן אַראַבער, אָנגעטאָן אין אַ צעריסענער אייראָפּעישער טוזשורקע מיט אַ רידל אויפן אַקסל. „האַוואַדזשאַ"! — האָט ער מיר אָנגעיאָגט. כ'האָב באַמערקט, אַז ס'איז נישט קיין דערוואַקסענער אַראַבער, ווי ס'האָט זיך מיר עפּעס אויסגעוויזן אין דער ערשטער מינוט — נאָר אַ דרייצניאָריקער אַר-בעטער-יינגל. ער האָט מיר עפּעס געפרעגט מיט אַ קלינגנדיקער, אַ ביסל שרייענדיקער שטים, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט. ליידער האָב איך אים נישט געקענט ענטפערן, ווייל כ'האָב נישט געלערנט

אראביש. כ׳האב אים געפרעגט מיט איין ווארט: פון סעלימא? (כלומר, פון נאענטן דארף סעלימא?) ער האט געענטפערט: ניין, פון דאנען איז ער, פון דער באיארע. און ער האט ווייטער גערעדט און דערציילט. כ׳האב אים געפרעגט, טייטלנדיק מיטן פינגער: עפענדי? (ד. ה. צי די באיארע, וואס דו גייסט פון איר און האס, ווי ס׳קומט אויס פון דיינע רייד, ארבעסטו אין איר, געהערט צו יענעם עפענדי, וואס זיצט אויפן שוועל פון זיין הויף?)

ער האט געשאקלט מיטן קאפ אויף יא און ווייטער אויף זיין שטייגער דערציילט.

פון איינצלנע ווערטער זיינע און נאכמער פון די באוועגונגען און העויות האב איך פארשטאנען, אז זיין טאטע און מאמע זענען געשטארבן אין די מלחמה־יארן, אז ער איז א יתום. ער האט אויך פארשטאנען מיין ווייטערדיקע פראגע: קאדעש? (ד. ה. וויפל באקומט ער א טאג?) און מיט א געפיל פון זעלבסטווירדע האט ער געענטפערט: אכט גרוש. נישט גוט — האב איך געזאגט. האט ער זיך א ווײַלע פארוואונדערט און נישט געקענט פארשטיין, וואס באדייט אט דער „נישט גוט": צי ס׳איז צופיל אדער צו וויניק? ער האט מיר געגעבן צו פארשטיין, אז ס׳זענען דא ארבעטער. וועלכע באקומען 15 גרוש א טאג, און אפילו 20. אבער די זענען גרויסע ארבעטער... און ער האט קליינע שוועסטער... מ׳דארף עסן, לעבן... זיין פארדינסט איז בלויז 8 גרוש. אלץ איז פון אללא.

אין דעם מאמענט האב איך זיך פארגעווארפן, שווער פארגעווארפן, פארוואס האב איך זיך נישט געלערנט רעדן אראביש. ווען איך וואלט זיך געקענט מיט דיר דורכשמועסן — ארבעטער־יתום! יונגער ברודער! צי ס׳איז אמת די השערה פון די געלערנטע, אדער נישט, צי דו ביסט מיינער א בלוט־פארוואנדטער, אדער נישט, כ׳פיל זיך פאראנטווארטלעך פאר דיר. כ׳האב דאך געדארפט עפענען דיינע אויגן און געבן דיר פארזוכן דעם טעם פון מענטשלעכע באציונגען. ניין! נישט קיין רעוואלוציע־מאכעריי אין מזרח, אויף

איין פוס, אויפֿן באַפֿעל פון אַ געוויסן קאָמיטעט, און דורך אַגענטן פון אַ געוויסער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק, ניין, נישט קיין פּאָליטיק! אפשר איז דאָס דוקא נישט אונזער אויפֿגאַבע. דאָס אפשר וועלן מיר מוזן טאָן געצוווּנגענערהייט, פון יאוש, בלית ברירה! ניין, נישט דאָס! נאָר אַ נשמהדיקע באַרירונג... הײַנט... אויף דורות... אין משך פון לאַנגע, לאַנגע טעג... אָן אַ שום ציל, אָן שום כּוונות... אויסער דער כּוונה פון אַ ברודער, אַ פֿרײַנט און חבר.

זײַ געזונט, חאַוואַדזשאַ! האָט דער ייִנגל מיט מיר זיך געזעגנט, זעענדיק, אַז איך האָב זיך פֿאַרטראַכט און איבערגעריסן דעם שמועס. פון זײַן געזעגענונגס־ברכה האָט זיך אַרויסגעהערט אַ צופֿרידנהייט, וואָס ס'איז אים געלונגען צו כאַפּן אַ שמועס מיט אַ דערוואַקסענעם מענטש און רעדן זאַכלעך, ווי אַ דערוואַקסענער.

שלום, מײַן ליבער! האָבן מײַנע ליפּן געשעפּטשעט און מײַן האַרץ האָט געקלאַפּט פֿאַר מיר און פֿאַר אים.

י. ח. ברענער

געשריבן סוף אַפּריל 1921. אין עטלעכע טעג אַרום, דעם 1־טן מאַי 1921, איז י. ח. ברענער דערמאָרדעט געוואָרן אין יפֿוער פּאָגראָם.

די שכנים

י. בן־צבי

די מוסלעמענישע און די אַראַבישע וועלט

1. די מוסלעמענישע וועלט

עס איז אין אַלגעמיין באַקאַנט דער גרונד־אונטערשייד צווישן דער „מוסלעמענישער וועלט" און דער „אַראַבישער וועלט", און דאָך איז נאָך אַלץ פאַרשפּרייט אַ גרויסע אומקלאָר־קייט וועגן די דאָזיקע צוויי באַגריפן. דער היסטאָרישער פאַקט, דאָס „די מוסלעמענישע וועלט" האָט איר רעליגיע באַקומען פון די אַראַבער, האָט נישט אויפגעהערט צו ווירקן ביז היינטיקן טאָג און האָט אַרויפגעלייט אַ שטעמפּל אויף דער פיזיאָנאָמיע פון דער מוסלעמענישער וועלט. דער מאַכמעדאַניזם אָדער איס־לאַם איז באַגרינדעט אויף אַ הייליקן בוך, דעם קאָראַן און אויך אויף דער געשפּראָכענער טראַדיציע און די ווערטער פון די חכמים, אָבער סיי דער קאָראַן, די מוסלעמענישע תורה שבכתב, סיי די געשפּראָכענע טראַדיציע, זיינען אין אָריגינאַל אין אַראַביש. און אַזוי ווי עס איז אַ רעליגיעזע פליכט צו לערנען דעם קאָראַן אויף אַראַביש און מען טאָר אים נישט איבערזעצן פון אַראַביש אויף אַן אַנדער שפּראַך, איז דער קאָ־ראַן, און צוזאַמען מיט אים זיין שפּראַך, געוואָרן אַ גרויסער קולטור־אוצר פון אַלע מוסלעמענישע פעלקער, נישט אַכטנדיק אויף זייער ראַסע אָדער אויף דער שפּראַך, אויף וועלכער זיי ריידן.

ביז גאָר לעצטנס איז דער קאָראַן אָפיציעל קיינמאָל נישט איבערגעזעצט געוואָרן דורך די מוסלעמענער; די איבערזעצונגען פון די אייראָפּעישע געלערנטע ווערן ביי די מוסלעמענער נישט פאַררעכנט פאַר קיין אויטאָריטאַטיווע טעקסטן, מיט וועלכע מען קען זיך באַנוצן און וועלכע מען מעג שטודירן. עד היום ווערט דער קאָראַן שטודירט אין אַלע מוסלעמענישע לענדער בלויז אין אַראַבישן אָריגינאַל. דערפאַר איז אַראַביש פאַרשפּרייט אין אַ געווישער מאָס צווישן די 250 מיליאָן מוסלעמענער, וואָס לעבן איבער דער וועלט, — יעדנפאַלס, צווישן די געבילדעטע. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז אוממעגלעך צו זאָגן גענוי, וואָס עס איז די באַשטימטע צאָל פון די דאָזיקע „געבילדעטע"; עס איז אָבער באַקאַנט, אַז אין טערקיי האָבן פאַר דער מלחמה געקענט לייענען און שרייבן נישט מער ווי 4 פּראָצ. פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און אין דעם מאָדערנעם עגיפּטן קענען לייענען נישט מער ווי 12 פּראָצ. די קענטעניש פון אַראַביש צווישן די נישט-אַראַבער קען מען פאַרגלייכן מיט דער קענטעניש פון לאַטיין צווישן די קאַטוילישע פעלקער, זי שטייט אָבער אַ סך נידעריקער פון דער קענטעניש פון העברעיש צווישן די יידן.

צוזאַמען מיטן לימוד פון קאָראַן גייט אויך די אַראַבישע שריפט, וועלכע איז די שריפט פון אַלע גלויביקע מוסלעמענער: טערקן, טאָטערן, פּערסער, אינדיער, בערבערן, מאַלאַיער, קורדן און אַלבאַניער. בלויז די קעמאַלישע רעוואָלוציע אין טערקיי האָט אָפּגעבראָכן די פאַרבינדונג צווישן די טערקן און דער אַראַבישער שריפט. דאָס זעלבע איז פריער געשען מיט די אַלבאַניער און פונדעסטוועגן, נישט קוקנדיק אויף דעם איינפלוס פון דער אַראַבישער שפּראַך אויף די מוסלעמענישע פעלקער, איז אַ טעות צו מיינען, אַז דער דאָזיקער פאַקט, וואָס זיי האָבן אַ געמיינזאַמע שריפט, איז גענוג צו פאַרטושן די גרעניצן צווישן שפּראַכן און די ראַסן אין איסלאַם און פאַרוואַנדלען די מוסלעמענישע וועלט אין איין נאַציאָנאַלע איינהייט.

אמת, אַ שיראַאישער שפּריכוואָרט זאָגט: „עס זענען אין

איסלאם נישטאָ קיין נאַציאָנאַלע אונטערשיידן". אָבער דאָס דאָזיקע וואָרט שטימט נישט און האָט קיינמאָל נישט געשטימט מיט דערווירקלעכקייט. פאַקטיש עקזיסטירן אין איסלאַם געוואַלטיקע אונטערשיידן; צווישן מלוכות, שפּראַכן און די נאַציעס. די דאָזיקע אונטערשיידן פאַרשווינדן נישט. פאַרקערט, זיי ווערן בולטער מיט א כסדר וואַקסנדיקן טעמפּאָ. צוזאַמען מיט דער מאָדערנער ענטוויקלונג פון די מוסלעמענישע פעלקער ווערט אויך אויסגעשמידט און אויסגעריפט זייער ספּעציפישער נאַציאָנאַלער פּנים, דורך וועלכן זיי אונטערשיידן זיך נישט נאָר פון די קריסטלעכע פעלקער, נאָר אויך איינער פון אנדערן — פון די אנדערע מוסלעמענישע פעלקער. מיר האָבן אזעלכע ביישפּילן: אַלבאַניע, טערקיי, פּערסיע, עגיפּטן און אזוי ווייטער. די „מוסלעמענישע וועלט" איז, פאַרשטייט זיך, א ריין-רעליגיעזער באַגריף, וועלכער גילט פאַר אַלע פעלקער, וואָס זענען צוזאַמענגעבונדן אין דער דאָזיקער רעליגיע, סיי ווען זיי לעבן אין נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט, סיי ווען זיי לעבן אויף זייער אייגענער טעריטאָריע, סיי ווען זיי זענען צעשפּרייט צווישן אנדערע פעלקער און באַשטייען דאָרט בלויז ווי א „רעליגיעזע מינדערהייט".

לאָמיר וואַרפן א בליק אויף די מוסלעמענישע באַפעלקערונגען אין דער וועלט.

די מוסלעמענער מאַכן היינט צו טאָג אויס 250 מיליאָן, ארום אן אכט-חלק פון דער וועלט-באַפעלקערונג. אין דעם איז איינגעשלאָסן צפון-אַפריקע מיט עגיפּטן (23,097,000), די רוסישע מוסלעמענער (17,725,000) און די מוסלעמענער פון מזרח-אייראָפּע (3,102,000), פון גאַנצן מזרח (טערקיי, פּערסיע, דעם אַראַבישן האַלב-אינזל, אַפגאַניסטאַן, איראַק, סיריען, ארץ-ישראל און עבר-הירדן) — 33,627,000 בריטיש-אינדיע און ציילאָן — 68,768,545, די מאַלאַיער אינזלען — 20,580,192, כינע — 8,900,000 און אינדאָ-נעזיע 45,985,000. שוין די געבראַכטע טרוקענע רשימה באַווייזט, אז עס האַנדלט זיך נישט וועגן א באַשטימטער נאַציאָנאַלער גרופּע. און נישט נאָר סטאַטיש גע-

נומען, נאָר אויך דינאמיש אין די מוסלעמענישע וועלט נישט קיין רוי־מאטעריאל פאר דער באשאפונג פון א נאציע. עס איז א גצוואלטיקער בלאָק. וועלכער איז איינגעטיילט אין א סך ראסן און שפּראכן, וואָס די שוואכע רעליגיעזע פעדים האָבן קיינמאָל נישט באוויזן אים צוזאמענצובינדן אין איין פּאָליטי־שער ראם.

די מאָדערנע קולטור האלט אין איין שטארקן, מיטן כח פון היסטאָרישער נויטווענדיקייט, די דיפערענציאציע צווישן די פארשידענע עלעמענטן אין איסלאם. פון דעם דאָזיקן רוי־מא־טעריאל קומען ארויס נאציאָנאלע און פּאָליטישע איינהייטן, וואָס זענען גרונט־פארשידן איינע פון דער אנדערער.

דער דאָזיקער פּראָצעס האָט זיך שוין אָנגעהויבן, און זיין טעמפּאָ ווערט אַלץ אימפּעטדיקער. עגיפּטן, טערקיי און אַלבאַניע, די אַנטוויקעלטסטע מוסלעמענישע לענדער, האָבן זיך שוין געשטעלט אויפן וועג פון וועלטלעכן פּראָגרעס, סיי ווען זיי האָבן אָפיציעל אָפּגעטיילט די רעליגיע פון דער מלוכה, סיי ווען זיי האָבן עס נישט געטאָן.

איינער פון די וויכטיקסטע רעזולטאטן פון דעם דאָזיקן פּראָצעס איז, וואָס צוזאַמען מיט דער דע־מאָ:טער דיפערענ־ציאַציע און וואַקסנדיקער וועלטלעכקייט ווערן שוואַכער די בינ־דונגען צווישן די אַראַבישע און נישט־אַראַבישע מוסלעמענער. עס איז גענוג צו ברענגען בלויז עטלעכע ביישפּילן. די מאָ־דערנע טערקיי, וועלכע איז אריינגעטאָן אין א געוואלטיקן קאַמף פאר איר עקזיסטענץ און באפרייאונג פון די קייטן פון אייראָפּעישן אימפּעריאַליזם, איז אזוי פארנומען מיט איר נייער היסטאָרישער אויפגאַבע, אז זי קען נישט שענקען קיין שום אויפמערקזאַמקייט צו יענע פּראָבלעמען, וואָס אינטערעסירן די אַראַבער, ווי דאָס פּראָבלעם פון קאַליפאַט, די אַראַבישע פעדע־ראַציע און אזוי ווייטער. אויך די שואיטישע *) פערסיען איז פארטאָן אין איר קאַמף פאר עקזיסטענץ און נאַציאָנאַלן פּאָר־

*) רעליגיעזע סעקטע אין איסלאם

שריט. די בריטישע־אינדיע, מיט אירע זיבעציק מיליאָן מוסלעמענער, איז פאַרקאַכט אין פאַרפּלאָנטערטע אַל־אינדישע ענינים, די מוסלעמענער פון אינדאָנעזיע און די מאַלאַיער אינזלען — אַרום זעכציק מיליאָן נפשות — שטייען אויסער יעדער פּאָליטישער אַקטיוויטעט.

איצט לאָמיר אַ קוק טאָן אויף די אַראַבישע לענדער. די בינדונגען, וואָס האַלטן צונויף די אַראַבישע לענדער, ווערן אַלץ שוואַכער: די אַראַבישע עגיפּטן איז פאַרטאָן אין איר עקזיסטענץ־קאַמף און אין אירע אינעווייניקסטע פּראָבלעמען, און איר בעסטע אינטעליגענץ איז פיקסירט, פון איין זייט, אויף דער אויפלעבונג פון „פרעה'ניזם”, פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, און, פון דער אַנדער זייט, אויף פאַרשידענע צוקונפט־טענדענצן. די אינעווייניקסטע פּראָבלעמען פון עגיפּטן, איר צוקונפט, דער קאַמף פון דער נאַציאָנאַליסטישער „וואַפד”־פּאַרטיי פאַר איר עקזיסטענץ און מאַכט, עקאָנאָמישע און קולטור פּראָבלעמען, דאָס פּראָבלעם פון בריטישן אימפּעריאַליזם און דער עגיפּטישער פרייהייט אינטערעסירן די עגיפּטער אַ סך מער ווי אַ דערנענטערונג צווישן אַראַבישן האַלב־אינזל, פון וועלכן זיי האָבן גאָרנישט צו דערוואַרטן.

דאָס איז אויך גילטיק לגבי איראַק, וועלכע קעמפט פאַר איר עקזיסטענץ און צוקונפט. אין איר קאַמף מיט אַ מוסלעמענישן, שכנותדיקן לאַנד, פּערסיען, האַלט זי זיך נישט צוריק פון ברענגען אירע תביעות פאַר דער קריסטלעכער פעלקערליגע. סיריען איז אויך פאַרטאָן אין אירע אייגענע ענינים, און דאָס קריסטלעכע לבנון האָט אַ גרעסערן אינטערעס אין זיין אייגענער עקזיסטענץ און פרייהייט, ווי אין אַ פאַראייניקונג מיט סיריען, אין וועלכער די קריסטן זענען אַ מינדערהייט. מען קען אויך דערמאָנען דעם קאָנקורענץ־קאַמף צווישן איבן־סאַאוד, דעם קעניג פון סעודיה, און דעם הערשער פון תימן פאַר דער העגעמאָניע אויפן אַראַבישן האַלב־אינזל.

עס לאָזט זיך מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן דעם איסלאַם און קאַטאָליציזם: אַזוי ווי עס איז אויסגעשלאָסן, אַז די קאַטוילישע

מלוכות זאָלן זיך, נישט קוקנדיק אויף זייערע פאַרבינדונגען מיט דעם פויפסטלעכן טראָן, אין דער איצטיקער אָרדנונג צוזאַמענ־שליסן אין איין מלוכה — אַזוי איז עס אַ פאַנטאַזיע צו חלומען וועגן דעם צוזאַמענשלוס פון אַלע מוסלעמענישע לענדער אין איין פּאָליטישער איינהייט. די הערשענדע טענדענץ פירט אין דער פאַרקערטער ריכטונג, זי פירט נישט צו אַן ענגערן מוסלע־מענישן צוזאַמענגוס, נאָר צו אַ וואַקסנדיקער דיפערענציאַציע און צוזאַמענשלוס פון די פאַרשידענע טיילן פון איסלאַם אין באַזונדערע איינהייטן.

2. אראבישע טעריטאריעס און אראבישע באפעלקערונגען

מ׳קען די מוסלעמענישע און אַראַבישע וועלט זיך פאָר־שטעלן ווי צוויי קרייזן. דער גרויסער אויסערלעכער קרייז איז די מוסלעמענישע רעליגיעזע געמיינשאַפט, וואָס ציילט אַרום 250 מיליאָן נפשות. דער צווייטער קרייז — דער אינעווייניקסטער קרייז לגבי דעם ערשטן — איז די געמיינשאַפט פון די אַראַ־ביש־ריידנדיקע, וואָס נעמט אַרום אַרום 40 מיליאָן נפשות. די גרויסע איבערוועגנדע מערהייט פון אָט די 40 מיליאָן נפשות געהערט צו דער מוסלעמענישער רעליגיע, אָבער נישט 100 פּראָצענט. פון דעם דאָזיקן ציפער דאַרף מען אַראָפּנעמען די מינדערהייטן, וואָס זענען אַראַבער לויט דער שפּראַך, אָבער וואָס זייער רעליגיע איז נישט די מוסלעמענישע — יידן, קריסטן, דרוזן און אַנדערע.

יידן: מיר לאָזן אַרויס פון חשבון די העכער 400 טויזנט יידישע איינוווינער פון ארץ־ישראל, וואָס זייער שפּראַך איז העברעאיש. מיר שליסן אויך אויס פון דעם סך־הכל פון אַראַ־ביש־ריידנדיקע די יידן פון קורדיסטאַן, וועלכע ריידן אַראַמע־איש און טערקיש. עס בלייבן: אַרום 100,000 יידן אין איראַק, 20 טויזנט אין סיריע, 50 טויזנט אין תימן, 80 טויזנט אין עגיפּטן, 85 טויזנט אין אַלזשיר, 65 טויזנט אין טוניס, 170 טויזנט אין מאַראָקאָ און 18 טויזנט אין טריפּאָלי. די גרעסטע

צאָל יידן אין די דאָזיקע לענדער רעדן אראביש, און זיי גייען אריין אין אונזער חשבון פון די אראביש־רעדנדיקע אין די דאָזיקע לענדער; סך הכל האָבן מיר ארום 588 טויזנט אראַביש־רעדנדיקע יידן.

קריסטן: אין די אראביש־שפּראכיקע לענדער לעבן ארום 780 טויזנט קריסטן. מיר מוזן אָבער אויסשליסן פון דעם אראַביש־שפּראכיקן קרייז די אסיריער, ארמענער, גריכן און אלע אייראָפּעישע קריסטן, וואָס רעדן אייראָפּעישע שפּראכן.

צו די יידן און קריסטן דארף מען אויך צוגעבן 120 טויזנט דרוזן און אַרום 20 טויזנט איסמאעליטן און יעזידן. סך הכל געהערן צום אראביש־שפּראכיקן קרייז ארום 1,400,000 יידן, קריסטן און אַנהעגגער פון אנדערע רעליגיעזע סעקטעס. אויב מיר זאָלן דערצו אויך צורעכענען די אראבישע קאָלאָניעס אויפן אמעריקאנישן קאָנטינענט. קען מען די צאָל נישט־מוסלעמענישע אראביש־רעדנדיקע אָפּשאצן ארום צוויי מיליאָן נפשות. דאָס דארף מען אראָפּנעמען פון סך הכל פון 40 מיליאָן. אזוי זעען מיר, אז די געוואלטיקע מערהייט, 95 פּראָצענט פון אלע אראביש־רעדנדיקע זענען גלייכצייטיק פאראייניקט אין דער מוסלעמענישער רעליגיע.

אָבער דערמיט איז נאָך גאָרנישט געזאָגט געוואָרן וועגן דעם ראסן־צוזאמענשטעל פון די אראביש־רעדנדיקע מוסלעמענער. אויב מיר זאָלן די אראבער אנאליזירן לויט זייער ראסן־צוזאַמענשטעל, וועלן מיר געפינען, אז דער קרייז, וואָס מיר האָבן אָנגעצייכנט, איז צו ברייט און אז דער ראסן־צוזאמענשטעל פון די אראבער איז א סך קלענער, ווי עס דוכט זיך אויבערפלעכלעך. אָבער פריער ווילן מיר זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן שטח פון די לענדער און וועגן דער געדיכטקייט פון דער באפעלקערונג אין די דאָזיקע לענדער.

אָט איז דער שטח פון די לענדער, אין וועלכע די גאנצע באפעלקערונג אָדער איר גרעסטער טייל רעדט אראביש:

אין אזיע	קילאָמעטער	איינוווינער	נפשות אויפן קילאָמעטער
סיריע	200,000	2,200,000	11
איראַק	370,000	3,000,000	8
אַראַבישער האַלב-אינזל	2,600,000	7,000,000	2,6
ארץ-ישראל	26,000	1,200,000	46
עבר-הירדן	30,000	205,000	8
סך-הכל	3,226,000	13,560,000	4.2

אין אפריקע	קילאָמעטער	איינוווינער	נפשות אויפן קילאָמעטער
ליביע	1,500,000	80,000	1/2
(אין דעם זענען אריינגערעכנט 250,000 בערבערן אויף א שטח פון 500,000 קילאָמעטער)			
טוניס	125,000	2,000,000	16
אַלזשיר	500,000	5,800,000	10
מאַראָקאָ	450,000	6,000,000	15
עגיפּטן	990,000	13,700,000	10
סך-הכל	2,358,000	24,000,000	10

צי קען די דאָזיקע טעריטאָריע, וואָס אין איר̈ע גרעניצן לעבן די אַראַביש-רעדנדיקע, באַטראַכט ווערן ווי אַ נאַציאָנאַלער הינטערגרונט, אָדער, גענויער, אַ יסוד פאַר אַן אַראַבישער מלוכה? די דאָזיקע הנחה האָט נישט קיין האַפט צוליב די פאָלגנדיקע טעמים: ערשטנס, האָבן די דאָזיקע לענדער מיט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט קיין איינהייטלעכן פּאָליטישן אָרגאַניזם, זיי האָבן זיך אין פאַרשידענע עפּאָכעס אָנגעשלאָסן אָן דעם איסלאַם און אָן דער אַראַבישער וועלט. בעת סיריע, מעסאָפּאָטאַמיע און עגיפּטן זענען דעראָבערט געוואָרן דורך די ערשטע קאַליפן, זענען די איבעריקע צפון-אַפריקאַנישע לענדער דעראָבערט געוואָרן אין אַ שפּעטערדיקער תקופה, ווען דער קאַליפאַט איז שוין געווען אָפּגעשפּאָלטן אין צוויי טיילן. צווייטנס,

איז אַ געמיינזאַמע שפּראַך נישט גענוג אויף צו פּאַראייניקן פּאָליטיש אַלע די, וואָס באַנוצן זיך מיט איר. די אַראַבער זע־נען פון אייביק אָן געווען צעשפּליטערט אין פאַרשידענע קלע־נערע און גרעסערע פּאָליטישע גרופּן און זיי האָבן זיך קיינ־מאָל נישט פאַראייניקט. אַזוי ווי די ענגליש־ריידנדיקע שטעלן מיט זיך נישט פאָר איין פּאָליטישע איינהייט (ענגלאַנד, אַמעריקע און אַז. וו.) און אַזוי ווי די שפּאַניש־ריידנדיקע, וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו איין מלוכה, זענען צופאַלן אין 20 רע־פּובליקן — און עס פעלט קיינעם גאָרנישט איין, אַז זייער שפּראַכלעכע איינהייט איז מחייב. זיי זאָלן אויך האָבן אַ מלוכה־איינהייט, אַזוי איז די שפּראַכלעכע איינהייט פון די 40 מיליאָן אַראַבער נישט קיין גענוגנדער פאַקטאָר אויף צוזאַמענצוהאַלטן די אַראַבער אין אָן אייגהייטלעכער מלוכה־ראַם. כדי דאָס צו פאַרשטיין, דאַרפן מיר אַריינגעמען אין חשבון נאָך עטלעכע וויכטיקע פאַקטאָרן, ווי געאָגראַפישע באַדינגונגען, די עקאָנאָמי־שע און קולטור־לאַגע, ראַסע, דינאַסטישע אינטערעסן.

אויב מיר זאָלן די אַראַבישע שפּראַך־טעריטאָריע צו־טיילן אויף צוויי געביטן — דעם אַזיאַטישן און אַפריקאַנישן — וועלן מיר האָבן אַזאַ סך־הכל: א) אין אַזיע אַ געביט, וואָס פאַרנעמט אַ שטח פון 3.226 000 קוואַדראַט קילאָמעטער, מיט אַ באַפעלקערונג פון 13,700.000 נפשות, וואָס דרייצן מיליאָן פון זיי רעדן אַראַביש; ב) אין אַפריקע — אַ ישוב פון 28 מי־ליאָן נפשות, צווישן וועלכע עס געפינען זיך 24 מיליאָן אַראַ־ביש־ריידנדיקע אויף אַ שטח פון 2.358.000 קוואַדראַט קילאָ־מעטער. אויב מיר זאָלן די אַראַבישע טעריטאָריע צוטיילן לויט דעם ראַסן־צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג, וועלן מיר קענען ציען אַ ליניע פאַזע דעם רויטן ים און דעם סועץ־קאַנאַל, וואָס צוטיילן די דאָזיקע צוויי גרויסע קאָנטי־נענטן. מיר וועלן דעמאָלט זען, אַז צום מערב־זייט פון דער דאָזיקער ליניע, אויפן אַפריקאַנישן קאָנטינענט, איז די אַראַ־בישע ראַסע אַ קליינע מינדערהייט. די לאַגע איז אָבער גאָר אַן אַנדערע צום מזרח־זייט פון דער דאָזיקער ליניע — אין

אזיע. לאָמיר אַלס ביישפּיל נעמען אַ לאַנד, וואָס איר אַראַ־
בישער כאַראַקטער איז, שפּראַכלעך און קולטורעל, זייער בולט
— עגיפּטן מיט אירע 14 און אַ האַלב מיליאָן איינוווינער.
דוקא אין דעם פאַל קען מען זיך פאַרלאָזן אויפן אָפיציעלן
צענזוס. אין דעם דאָזיקן צענזוס האָבן בלויז אַ האַלבער מי־
ליאָן נפשות — דער עיקר בעדואינער — אָפיציעל אָנגעגעבן
זייער אַראַבישן אָפּשטאַם און ראַסע, בעת קרוב צו פערצן
מיליאָן נפשות האָבן אָנגעגעבן זייער נאַציאָנאַליטעט אַלס עגיפּ־
טיש, דאָס הייסט, זיי האָבן אויסגעדריקט זייער איבערצייגונג,
אַז זיי געהערן צו דער עגיפּטישער ראַסע, אָדער ווי מען
רופט עס אין עגיפּטן, די פּרעה׳נישע ראַסע. פאַרשטייט זיך,
אַז די תושבים פון דעם צפון־ברעג פון אפריקע — די איינ־
וווינער פון מאַראָקאָ, טוניס, טריפּאָלי — האָבן אַ סך אַ
קלענערן פּראָצענט נפשות פון דער ריינער אַראַבישער ראַ־
סע. דער בערבערישער, נעגערשער, פעניציאַנער כאַראַקטער פון
זייערע באַפעלקערונגען איז אַ סך מער בולט ווי אין עגיפּטן.
אין קורצן, מען קען זאָגן, אַז דער אַראַבישער עלעמענט איז
אין אפריקע פיל קלענער (אויף פון 10 ביז 15 פּראָצענט).
צוליב דער דאָזיקע, סיבה, און אויך צוליב די דערמאָנטע פּאָ־
ליטישע סיבות, קענען מיר לאָזן אָן אַ זייט דעם ראַסן־אַנאַליז
פון דעם אַראַבישן געביט אין אפריקע און אריבערגיין צום
אַזיאַטישן טייל, וועלכער איז אויך דער פאַקטישער געביט,
דער פּראַקטישער הינטערגרונט פון דעם אַזוי גערופענעם „אַראַ־
בישן היימלאַנד".

דער אַזיאַטישער טייל פון דער אַראַבישער וועלט איז
אַ טעריטאָריע, וואָס פאַרנעמט, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, אַ
שטח פון 3 און אַ פערטל מיליאָן קוואַדראַט קילאָמעטער. און
די צאָל פון אירע איינוווינער באַטרעפט 13.700.000 נפשות.
דער דאָזיקער ישוב איז שפּראַכלעך מער אָדער ווייניקער פו
איין שניט: ארום דרייצן מיליאָן — דאָס הייסט 95 פּראָצענט
— רעדט אַראַביש. ער איז ווייניקער איינהייטלעך אין זיין
רעליגיע: פון די 13,7 מיליאָן איינוווינער, וואָס ריידן אַראַביש

אין ארום אַ האַלבער מיליאָן יידן, ארום 700 טויזנט קריסטן און ארום א האַלבער מיליאָן פון אנדערע סעקטעס, וואָס געפינען זיך מחוץ די דריי גרויסע רעליגיעס, בסך-הכל 1,8 מיליאָן נישט-מוסלעמענער. דער אזיאַטישער טייל נעמט אריין בלויז 11,5 מיליאָן מוסלעמענער, דאָס הייסט 85 פּראָצענט. אָבער אויב מיר זאָלן די דאָזיקע באַפעלקערונג אַנאַליזירן פון שטאַנדפונקט פון ראַסע, וועלן מיר זיך אָנשלאָגן אָן שוועריקייטן און צווייפלען, וואָס עס איז זיי שווער צו אנאליזירן צוליב דעם פעלן פון אן אָביעקטיוון מאסשטאַב. לאָמיר דערפאַר פּרובירן געבן אַ היפּאָטעטישע אָפּשאצונג, וואָס האַלט זיך נאָענט צו דערווירקלעכקייט.

ערשטנס, דאַרף מען אקצעפּטירן ווי אַ זיכערע הנחה, אַז די איינוווינער פון אראבישן האַלב-אינזל זענען פון ריינער אַראבישער ראַסע, אָדער, ריכטיקער, פון ריינע אַראבישע ראַסן. די קליינע יידישע קהלות אין תימן ענדערן נישט דעם דאָזיקן פאַקט. מיר וועלן אויך אין חשבון נישט אריינגעמען די נעגער-באַפעלקערונג אין אזיע, און די בלוט-מישונג פון די נעגערקנעכט, וועלכע זענען אין משך פון דורות געבראַכט געוואָרן פון אפריקע און זענען פאַרמישט געוואָרן מיט דער סעמיטישער ראַסע. מיר וועלן די זיבן מיליאָן אויפן אראבישן האַלב-אינזל באַטראַכטן ווי ריין-ראַסישע אראַבער.

מיר וועלן איצט וואַרפן אונזער בליק אויף ארץ-ישראל און דעם עבר-הירדן. לאָמיר אָנהייבן פון די בעדואינער, וואָס זייער אַראבישע ראסע איז די אומצווייפלהאַפטסטע. די בעדואינישע באַפעלקערונג אין עבר-הירדן באַטרעפט ארום 140 טויזנט, און אין ארץ ישראל — ארום 67 טויזנט, און צוזאַמען איןביידע לענדער — איבער צוויי הונדערט טויזנט. אויסער דעם געפינען זיך אין די דאָזיקע צוויי לענדער ארום 1.300.000 פערמאַנענטע איינוווינער, פון וועלכע 900.000 זענען מוסלעמענער, שטאָט-איינוווינער און פעלאַכן און עס איז שווער פעסטצושטעלן זייער אָפּשטאַם. עס איז זיכער, אַז בעת דער מוסלעמענישער דעראָבערונג פון לאַנד האָבן די דעראָבערער

געפונען נישט קיין ליידיק און פוסט לאַנד, נאָר אַ לאַנד מיט געדיכט־באַפעלקערטע שטעט און דערפער. צווייטנס, איז זיכער, אַז די אַריידרינגער האָבן די איינוווינער נישט פאַרטיליקט מיטן שווערד, אַז די איינוווינער האָבן נישט עמיגרירט און פאַרלאָזן דאָס לאַנד, און אַז דאָס לאַנד איז נישט אָנגעפילט געוואָרן פון די אַריינדרינגער. פאַרקערט, די פעלאַכן זענען פאַרבליבן אויפן באָדן, און די שטאָטישע אין די שטעט. די אַראַבער זענען געווען בלויז די הערשער פון לאַנד, דער מיליטערישער, אַדמיניסטראַטיווער און שטאָטישער קלאַס. די צאָל פון אַריינדרינגער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין לאַנד, האָט נישט באַטראָפן מער ווי 30 טויזנט פערזאָן. מעגלעך, אַז אָן זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן געוויסע שבטים. אַ טייל פון זיי זענען אַריבערגעגאַנגען פון וואַנדער־לעבן און האָבן זיך באַזעצט אויף לאַנד, אין דערפער. זיי האָבן בלויז אַרויפגעצווונגען זייער רעליגיע אויף די איינוווינער, זיי האָבן אָבער זיי פיזיש נישט פאַרטיליקט. אין משך פון דער צייט זענען אָבער צוגעקומען נייע עלעמענטן פון די דעראָבערער, וואָס זענען געקומען נאָך די אַראַבער — סעלדזשוקן, מאָנגאָלישע שבטים, קרייץ־פאָרער, קורדן, מאַמעלוקן און עגיפטער. איך גלויב, אַז צווישן דער שטענדיקער מוסלעמענישער, אַראַביש־רעדנדיקער באַפעלקערונג אין לאַנד איז פאַראַן מער ווי איין דריטל אַראַבער לויט זייער ראַסע, די באַשטענדיקע מוסלעמענישע באַפעלקערונג באַטרעפט, ווי געזאָגט, 900.000 נפשות. איך בין משער, אַז פון זיי געהערן צו דער אַראַבישער ראַסע אַרום 300.000, און צוזאַמען מיט די בעדואינער — 500.000 נפשות אויףביידע זייטן ירדן.

אין סיריע געפינען מיר אַ באַפעלקערונג פון 2,2 מיליאָן — פון זיי 350.000 בעדואינער. די לעצטע זענען ריין־ראַסיקע. די איבעריקע זענען איינגעזעסענע תושבים.

אין איראַק רעכנט מען, אַז 1,8 מיליאָן פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, וועלכע באַטרעפט 3 מיליאָן, זענען וואַנדערנדיקע שבטים. זיי זענען ריין־שטאַמיקע אַראַבער. די איבע־

ריקע זענען: קורדן, כאלדייער, אסיריער, יעזידן, יידן און אזוי ווייטער.

אויב מיר זאָלן צוזאמענעמען די ציפערן אין די פיר לענדער: ארץ-ישראל, עבר-הירדן, סיריע און איראַק, וועלן מיר האָבן אַ סך-הכל פון 3.150,000 ריין-שטאַמיקע אראַבער, וואָס צוויי-דריטל פון זיי זענען בעדואינער, און די איינגע-זעסענע — בלויז איין דריטל. דאָס איז זייער חלק אין אַן אלגעמיינער באַפעלקערונג פון 6.700.000 נפשות. אין אַנדערע ווערטער: אין די פיר לענדער מחוץ דעם אַראַבישן האַלב-אינזל זענען די איינוווינער פון אַראַבישן אָפּשטאַם בלויז 50 פּראָצענט. פאַרשטייט זיך, אַז ווען מיר זאָלן דערצו צוגעבן דעם אַראַבישן האַלב-אינזל, וועלן מיר האָבן אַן אַנדער בילד: 10.250,000 ריין-שטאַמיקע אַראַבער אין אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 13 און דריי פערטל מיליאָן נפשות — דאָס הייסט 75 פּראָצענט.

איך האָב אָבער נישט צופעליק צוטיילט די אַראַבישע שפּראַך-טעריטאָריע אין אַזיע אויף צוויי חלקים. דאָס איז אַ נאַטירלעכע צוטיילונג, געאָגראַפיש, ווי פּאָליטיש און קולטו-רעל; 1) געאָגראַפיש — פון איין זייט — דער אַראַבישער מדבר, אָן וואַסער, מיט אַ שיטערן ישוב אין די אָאַזיסן און אויפן ים-ברעג; פון דער אַנדער זייט — אַלטע קולטור-לענ-דער אויפן ברעג פון טייכן און קוואַלן, אין די בערג און אין די באַארבעטע טאָלן, די געבורטס-לענדער פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע; 2) דער קולטורעלער און עקאָנאָ-מישער אונטערשייד: פון איין זייט — אַן איינגעוואָרצלטער ישוב, וואָס לעבט פון אַ פּאַרצווייגטער לאַנדווירטשאַפט, מיט שטעט, וואָס זענען די צענטערן פון האַנדל און אינדוסטרי; פון דער אַנדער זייט — אַ דורות-לאַנג פאַרגליווערט לאַנד, וואָס זיינע איינוווינער ציען זייער חיונה פון די זעלבע קוואַלן, ווי אין די צייטן פון אברהם אבינו, וואָס זייערע הצטרכותן זענען אויך נישט קיין סך אַנדערע פון די באַ-דערפענישן פון די לפני מתן תורה. די געדיכטקייט פון דער

באפעלקערונג איז, דערפאר, אויך פארבליבן די זעלבע אין משך פון די לעצטע 4.000 יאָר; 3) פּאָליטיש — פון איין זייט לענדער מיט מאָדערנע מלוכה-פאָרמען, מיט פאראנטוואָרטלעכע רעגירונגען, פארלאַמענטארישע אינסטיטוציעס און אַזוי ווייטער; פון דער אנדער זייט, אויטאָקראַטישע מלוכות, וואָס זענען געבויט אויף אַ סיסטעם פון פרימיטיוון, פּאַטריארכאלישן דעספּאָטיזם; 4) דער אונטערשייד אין דער סאָציאַלער סטרוקטור: פון איין זייט אַ ישוב, וואָס איז באַזעצט מערסטנטיילס פון אַן איינגעזעסענער באַפעלקערונג (אויסער איראַק) און באַשטייט פון ערד-אַרבעטער און שטאָטישע, און פון דער אנדער זייט — אַ ישוב, וועלכער באַשטייט, מערסטנטיילס, פון וואַנדערנדיקע שבטים, וואָס גיבן דעם דאָזיקן ישוב זיין כאראַקטער; 5) דערצו קומט נאָך צו דער אונטערשייד אין דער אָפּשטאַם-סטרוקטור, וועלכן מיר האָבן אויבן באַהאַנדלט.

עס איז קלאָר, אַז בשעת מען רעדט וועגן די פּערספּעקטיוון צו שאַפן אַן אַראַבישע פּאָליטישע איינהייט, דאַרף מען זיך רעכענען מיט דעם קאָנקרעטן הינטערגרונט און מיט די דינאַמישע פאַקטאָרן, נישט נאָר מיט סטאַטישע פאַקטאָרן, ווי רעליגיע, ראַסע און שפּראַך, פון איין זייט, געוואַלטיקע אונטערשיידן, פון דער אַנדער זייט וויכטיקע באַריער-פּונקטן (רעליגיע, שפּראַך, ראַסע) — וואָס איז וויכטיקער? מיר גלויבן, אַז די געאָגראַפישע, עקאָנאָמישע און קולטור־עלע פאַקטאָרן.

מען דאַרף די פראַגע באַהאַנדלען רעאַליסטיש. אונטער די איצטיקע אומשטענדן איז פאַראַן נאָך אַ פאַקטאָר פון אַנטשיידנדיקער באַדייטונג — דער ד י נ אַ ס ט י ש ע ר פ אַ ק ט אָ ר.

אין דער ציוויליזירטער וועלט ווערט אַלץ קלענער דער איינפלוס פון דער פאַמיליע, שוין אָפּגערעדט פון דער פּאַטריאַרכאַלישער גרופּע און „קלאַן" — דעם שבט. נישט אַזוי איז עס אין די אַראַבישע לענדער. דאָ שפּילן די דאָזיקע פאַקטאָרן די אַנטשיידנדיקע ראָל. די פאַמיליעס שטאָלצירן מיט אַ יחוס וואָס ציט זיך אַזש ביז מאַחמעד'ס צייטן — באַזונדערס די הערשנדיקע פאַמיליעס. די שנאה און קאָנקורענץ צווישן די

שבטים איז יאָרהונדערטער-אַלט. מיינונגס-פאַרשידנהייטן ווערן נישט געלייזט דורך אַ פאַרשטענדיקונג. עס איז פאַראַן בלויז איין אַנטשיידנדיקע לייזונג — געוואַלט. דאָס הויז פון אַבו-ראשיד און איבן-סאַאוד; די האשימיטן און די זיידישע אימאמען. די אַבסטראקטע פּאָליטישע קאַלקולאַציעס פון די אַראַבער זענען גאָרנישט ווערט אַנטקעגן די רעאַלע קרעפטן און די באַציונגען צווישן זיי.

אָבער אויב מיר זאָלן אַפילו אַרויסלאָזן פון חשבון דעם אַראַבישן האַלב-אינזל, און מיר זאָלן בלויז ריידן וועגן די קולטור-לענדער, הייסט דאָס נאָך נישט, אַז די הערשער פון אַראַבישן האַלב-אינזל וועלן גרייט ויין גלייך זיך אויסצושליסן פון חשבון. מיטן גוטן ווילן וועט איבן-סאוד, דער הערשער פון סעודיה דאָס נישט טאָן, און וואָס איז נוגע קראַפט — איז נישטאָ קיין מוטיקערער פון אים. קעגן אים קען מען אַנטשיידן נאָר דורך דעם אַריינמישן זיך פון ענגלאַנד. אָבער אויב ענגלאַנד, איטאַליע אָדער פראַנקרייך וועלן זיך אַריינמישן, וועט די לייזונג נישט צופרידנשטעלן די נאַציאָנאַליסטישע אַספּיראַציעס, און קודם כל די אַספּיראַציעס פון „איסטיקלאַל"*) וועגן אַן אַראַבישער פעדעראַציע.

אויב מיר ווילן ריידן רעאַליסטיש וועגן דעם הינטערגרונט פון אַן אַראַבישער פּאָליטישער פעדעראַציע, דאַרפן מיר קודם כל אַרויסלאָזן פון חשבון דעם אַראַבישן האַלב-אינזל, וועלכער איז, צוליב זיינע ספּעציפישע באַדינגונגען, נישט עלול צו באַהערשן די אַנדערע אַראַבישע לענדער, ער איז אָבער אויך נישט עלול פרייוויליק זיך אונטערצוגעבן צו דער פעדעראַציע און צו איר אויטאָריטעט. דאָס זאָל נישט הייסן, אַז אַראַביע האָט נישט קיין צוקונפט; פאַרקערט, דער דאָזיקער טייל פון די אַראַבישע לענדער איז דער אַממערסטן פאַרזיכערטער מיט אַ צוקונפט און זעלבסטשטענדיקייט.

*) די באַוועגונג צווישן די אראבער פאר פולער אומאָפּהענגיקייט.

עס בלייבן, דערפאַר, די פאָלגנדיקע פיר לענדער: איראַק, סיריע, ארץ-ישראל און עבר-הירדן. מיר וועלן דאָ נישט דיסקוטירן וועגן ארץ-ישראל און איר צוקונפט. זי איז פאַרבונדן מיט דער צוקונפט פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן היימלאַנד, און דאָס איז אָפּהענגיק פון די פאָלגנדיקע צוויי פאַקטאָרן: 1) די קראַפט פון יידישן פאָלק אויפצובויען זיין היים; 2) דער ענגלישער פאַקטאָר. אויך דער שיקזאַל פון עבר-הירדן איז, אין אַ געוויסער מאָס, אָפּהענגיק פון די דאָזיקע צוויי פאַקטאָרן.

וואָס איז נוגע סיריע און איראַק, גייען זיי נישט אויפן זעלבן וועג. זיי זענען אָפּהענגיק פון פאַרשידענע פאַקטאָרן. סיריע — פון דער מאַנדאַטאָר-מאַכט און פון דער צוקונפט פון דער מינדערהייטן-באַוועגונג אין אירע גרעניצן (די קריסטן און מעטועליטן אין לבנון, די עלאַאיטן אין צפון-טייל און די דרוזן אין חוראַן). איראַק איז אָפּהענגיק פון דער לייזונג פון די באַציונגען צווישן דער שיאיטישער סעקטע, צו וועלכער עס געהער די מערהייט, און די סוניטן, אין וועמעס הענט עס ליגט די הערשאַפט, און אויך פון דער באַציונג פון די הערשנדיקע אַראַבער צו די מינדערהייט-פעלקער, באַזונדערס די קורדן.

די אַראַבישע פעדעראַציע אין די גרעניצן פון די אויבנדערמאָנטע פיר לענדער קען קומען ווי אַ רעזולטאַט פון אַ פריייוויליקער פאַרשטענדיקונג צווישן אַלע באַטרעפנדע אַראַבישע לענדער און זייערע הערשער, צוזאַמען מיט אַן אָפּמאַך מיט די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן; אָדער ווי אַ רעזולטאַט פון מיליטערישן זיג אָדער אימפּעריאַליסטישער באַהערשונג מצד איין אַראַביש לאַנד איבער די אַנדערע. דער פאַרבאַדינג פאַר אַזאַ זיג איז די שטאַרקונג פון דער אַראַביש-סוניטישער מערהייט איבער אַלע מינדערהייטן, סיי די רעליגיעזע (שיאיטן, נאַצאירטן, קריסטלעכע סעקטעס, דרוזן), און סיי די ראַסישנאַציאָנאַלע (קורדן און אַזוי ווייטער). אַזאַ נצחון איז אויך מחייב די העגעמאָניע פון איינער פון די קאָנקורירנדע דינאַסטיעס איבער אַלע אַנדערע „אַלטע פאַמיליעס". אָבער יעדער

איינער, וואָס איז מער אָדער ווייניקער באַקאַנט מיט דער פּחות־פֿאַרהעלטניש צווישן די הערשנדיקע דינאַסטיעס אין די דאָזיקע לענדער, וועט זיך נישט נאַרן צו גלויבן, אַז דאָס קען געשען מיטן פֿרייען ווילן פֿון די דאָזיקע לענדער. דאָס איז אַ פּראָבּלעם, וואָס מען קען נישט לעזן אַזוי פּשוט. לאָמיר נישט פֿאַרגעסן, אַז דאָס פּראָבּלעם פֿון קאַליפֿאַט איז אויך קיינמאָל פֿון די עלטסטע צייטן אָן נישט געלעזט געוואָרן דורך אַ פֿאַרשטענדיקונג. עס איז נישט ווייניקער שווער זיך פֿאָרצושטעלן אַ פּשוטע פֿאַרשטענדיקונג צווישן די סוניטן און שיאיטן אין איראַק אָדער צווישן דער אַראַבישער מערהייט און דער קורדישער און אַסירישער מינדערהייט אין איראַק.

עס איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן אַ פֿאַרשטענדיקונג אונטער באַדינגונגען פֿון פֿרייער באַוועגונג. אָבער דאָ קומען אַריין אויסערלעכע פֿאַקטאָרן — די מלוכות, וואָס זענען פֿאַראינטערעסירט אין דער לאַגע פֿון די אויבנדערמאָנטע לענדער. עס איז אומדענקבאַר, אַז די אייראָפּעישע מלוכות זאָלן זיך אָפּזאָגן פֿון זייער איינפֿלוס און אַנטשיידונג איבער דעם דאָזיקן פּראָבּלעם. די דאָזיקע מלוכות וועלן נישט דערלאָזן, אַז איינע פֿון די אַראַבישע מלוכות זאָל איינשלינגען אַ שכנות־דיק לאַנד. בלויז ווען עס וועט מעגלעך זיין אַ פֿאַראייניקטע אַקציע מצד די פֿעלקער אין די אויבנדערמאָנטע לענדער, די מערהייט־פֿעלקער און די מינדערהייט־פֿעלקער — וועט זיין אַ האָפֿענונג, אַז זיי וועלן זיין ביכולת צו צווינגען אייראָפּע אַנערקענען די „אַראַבישע פֿעדעראַציע".

די מינדערהייטן, וואָס לעבן אין די אַראַבישע לענדער, זענען שוין איצט שטאַרק געגנוג, און די מוסלעמענער — גענוג צעריסן, אַז עס זאָל מעגלעך זיין אינגאַנצן מבטל צו זיין די מינדערהייטן אָדער זיי אונטערדריקן מיט געוואַלט, דערצו נאָך קעגן ווילן פֿון די אייראָפּעישע מלוכות. באַזונדערס שווער וועט זיין בייצוקומען דעם ווידערשטאַנד פֿון דער יידישער מינדערהייט אין ארץ־ישראל און דער קריסטלעכער מינדערהייט אין לבנון. די צוויי מינדערהייטן זענען אין אַ סך הינזיכטן

פאַרבונדן דורך אָביעקטיוו געמיינזאַמע אינטערעסן: ביידע ווערן באַדראָט פון דעם מוסלעמענישן אימפּעריאַליזם און די העגעמאָניע־שטרעבונגען פון דער מוסלעמענישער מערהייט. ביידע ליגן אויפן ים־ברעג און שטעלן מיט זיך פאָר אַ געאָגראַפישן המשך איינער פון דעם אַנדערן. ביידע שטיצן זיך אויף דער הילף פון מאַנדאַט־מלוכות, די ענגלישע און די פראַנצויזישע. דער כח פון דער יידישער מערהייט שטיצט זיך, אויסער דעם אויף די לעבנס־אינטערעסן פון 17 מיליאָן יידן, וואָס די אָביעקטיווע נויט, נישט נאָר דער אידעאַל, צווינגט זיי זיך דורכברעכן אַ וועג צום מזרח־ברעג פון דעם מיטללענדישן ים און דאָרטן שאַפן נייע לעבנס־מעגלעכקייטן אין זייער אַלטער היים.

אויב די, וואָס שטרעבן צו אַן אראַבישער פעדעראציע, וועלן זיך נישט רעכענען מיט די דאָזיקע פאַקטאָרן, איז זייער ציל פאַראורטיילט צו א פולשטענדיקן דורכפאַל. אויב זיי וועלן זיך אָבער רעכענען מיט די פאָדערונגען פון די יידן אין די לבנון־איינוווינער, גלויב איך, אז עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז עס זאָל געפונען ווערן א געמיינזאַמער וועג פאר די אספּיראַציעס פון ביידע פעלקער — פאר דער באשטרעבונג פון יידישער אויפלעבונג פון ביידע זייטן ירדן, פון מיטללענדישן ים ביז דעם מדבר אין דרום, און פון לבנון ביז דעם סיני, און פאר דעם צוזאמענשלוס־אידעאל פון אַראבישן פאָלק, וואָס איז צושפּרייט פון טייך חדקל ביז די ברעגן פון מיטללענדישן ים. דאָס וועט מעגלעך זיין בלויז דעמאָלט, ווען די אַראַבער וועלן דערקענען, אז קיין שום כח אויף דער וועלט וועט נישט אָפּשטעלן דאָס יידישע פאָלק זיך צוריקצוקערן אין גרויסע מאַסן צו זיין היסטאָרישן היימלאנד און עס ווידער אויפבויען, און אז עס איז גלייכער זיך צו פארשטענדיקן מיטן ציוניזם איידער אים צו פארוואַנדלען אין א שונא.

ח. אָרלאָזאָראָוו

דער עקאָנאָמישער יסוד פון אראבישן פּראָבלעם.

כדי צו האָבן אַן אמתן באַגריף וועגן די כוחות אין אראבישן ישוב, וואָס באַקעמפן דעם ציוניזם, דאַרפן מיר אַנאַליזירן די פארשיידענע קלאַסן אין זייער קעגנזייטיקער באַציונג און אין זייער באַציונג צו דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, אין וועלכער זיי לעבן: די גרויסע גוטס־באַזיצער, די דאָרפס־שייכן, די גייסטלעכע, די פרייע פּראָפעסיעס, די בעדואינער, די אַרבעטער אין דאָרף און שטאָט, די פעלאַכן.

דער גרעסטער קלאַס אין אראבישן ישוב איז דער קלאַס פון די פעלאַכן, וואָס אָדער זיי באַאַרבעטן זייער אייגענעם באָדן, אָדער זיי זענען פּאַכטערס. לויט דער ציילונג פון יאָר 1922 מאַכט אויס דער דאָזיקער קלאַס אַרום 55 פּראָצ. פון גאַנצן אראבישן ישוב. מען דאַרף נאָך צורעכנען צום דאָזיקן קלאַס אַסך איינוווינער פון די קליינע שטעט, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט באַאַרבעטן באָדן. ס׳וועט זיין ריכטיק באַצייכנט, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז די אַלגעמיינע לאַגע און דער לעבנס־ניוואָ פון די פעלאַכן באַוועגט זיך צווישן אָרעמקייט און מאַנגל פון אַלץ. די צוויי עיקרדיקע גורמים, וואָס דערברענגען דער־צו, רופן זיך: דער עפענדי און דער פּראָצענטניק. דער עפענ־

די פאַרפּאַכטעט זיין באָדן דעם פעלאַך דורך אַ פאַרמיטלער, אָדער אָן אים. לויט דער קוואַליטעט פון באָדן דערגרייכט דער פּאַכט־אָפּצאָל ביז 20—30 פראָצ. פון גאַנצן גערעטעניש. אויב דער פעלאַך האָט נישט קיין אייגענע זריעה און ער מוז איר באַקומען פון באָדן־אייגנטימער, שטייגט דער פּאַכט־אָפּצאָל אַפילו ביז 50 פראָצ. פון גע־עטעניש. די פראָצענטניקעס — זענען על פי רוב קאַפּיטאַליסטן, סוחרים אָדער אויך באַאַמטע. פאַר די טערקישע צייטן איז איינגעפירט געוואָרן אין א״י אַ סיסטעם, וואָס האָט זיך אָנגערופן „צען—פופצן״: דער מלוה באַקומט 15 איינסן קעגן יעדע 10 איינסן, וועלכע ער האָט אויסגעליען דעם פעלאַך. די דאָזיקע שיטה איז היינט געענדערט געוואָרן, אָבער ס'טרעפט זיך נאָך היינט אויך, אַז דער פעלאַך צאָלט יעדן חודש אַ שילינג פראָצ. פון יעדן פונט, אַלזאָ, 60 פראָצ. אַ יאָר.

וואָלט דער פעלאַך געהאַט זיין אייגן שטיקל באָדן און וואָלט ער נישט געווען פאַרבאָדן אין חובות, וואָלט ער געהאַט חיונה בצמצום. ווען ער דאַרף אָבער אַוועקגעבן 20 פראָצ. פון זיין גערעטעניש דעם באָדן־אייגנטימער און פראָצענטניק, איז שוין אַ פראַגע, צי בלייבט דעם רוב פעלאַכן אויף זייערע עלע־מענטאַרסטע באַדערפענישן. *)

אַ צווייטע שיכט אין אַראַבישן ישוב זענען די לוין־אַר־בעטער. דערדאָזיקער קלאַס באַשטייט דאָס רוב פון שוואַרצע אַרבעטער, טרעגער, שיפער, בעיקר אין די פּאָרטן, און אויך פון געזעלן און שוואַרצע אַרבעטער אין די פאַרשיידענע וואַר־שטאַטן, און צודעם דרוק־אַרבעטער, בוי־אַרבעטער, שניידער א. א. וו. דאָס רוב לוין־אַרבעטער אין דער לאַנדווירטשאַפט זענען סעזאָן־אַרבעטער. באַזונדער זענען אַזעלכע די, וואָס אַרבעטן אין דער פּלאַנטאַציעס־זאָנע, פעלאַכן, וואָס לאָזן איבער זייער משפחה אין שטוב און פאַרדינגען זיך צו אַרבעט אין יידישע

---

*) געענוער ווענן דעם פעלאַך און זיין ווירטשאַפט אין דער אָפּטיילונג ווע־בן פּאָדן.

פּלאַנטאַציעס, כדי צו פאַרגרעסערן זייערע הכנסות אין מזומנים. דער לוין פון אַראַבישן אַרבעטער איז קלענער פון לוין פון יידישן אַרבעטער; דער אונטערשייד אין די לוינען דעקט זיך אָבער נישט מיט דעם אונטערשייד אין די הכנסות. ס'איז אַ פאַקט, אַז ס'איז נישטאָ קיין פעסטגעזעצטע דעמאַרקאַציע-ליניע צווישן פעלאַך און אַראַבישן אַרבעטער און אַז נאָר אַ קלענער פּראָצענט אַראַבישע אַרבעטער לעבט בלויז פון דער לוין-אַר-בעט. אויב מיר וועלן צוגעבן צום לוין פון אַראַבישן אַרבע-טער די הכנסה, וואָס ער באַקומט פון זיין באָדן, וועלן מיר זען, אַז זיין רעאַלע הכנסה דערנענטערט זיך צום לוין פון יידישן אַרבעטער.

די בעדואינער זענען וואַנדערנדיקע אָדער האַלב-וואַנדע-רנדיקע פּאַסטוכער. זייערע פּאַשע-שטחים געפינען זיך אין דרום, מזרח און צפון-מזרח פון א"י. דער לעבנס-שטייגער פון בע-דואינער איז ווי פון אַ פּאַסטוך פון שעפסן און פון קעמלען. ער וווינט אין געצעלט, וואַנדערט אין מדבר און פון צייט צו צייט, — בעיקר פרילינג, ווען ס'ווערט ווייניקער וואַסער — קומט ער אין ישוב און ברענגט מיט זיך זיין פּראָדוקציע: וואָל און פעל, כדי צו אויסטוישן זיי אויף תבואה, צוקער, אייל, טאַבאַק, געווער, טעקסטיל, זאַטלען אַ. אַ. וו. טראָץ דער ראָ-מאַנטישער פאַרשטעלונג זענען די בעדואינער זייער אָרעם. אויסער מילך און פלייש, וואָס זיי באַקומען פון זייערע שאָף און קעמלען, דער פעל פון שעפּס, עטלעכע מינים געטריקנטע פּירות פון די אַאַזיסן און אַביסל סחורות, וואָס זיי פאַרשאַפן זיך אויף די גרענעץ-מערק — האָבן זיי גאָרנישט.

אין אַ לחלוטין אַנדערן מצב, ווי די פעלאַכן, אַרבעטער און בעדואינער, געפינען זיך די קלאַסן, וועלכע בילדן די אויבערשטע שיכט פון אַראַבישן ישוב אין א"י: די גוט-באַזיצער, די גייסטלעכע, די פרייע פּראָפעסיעס און די באַאַמטע. אין שפּיץ פון דער דאָזיקער קליינער מינדערהייט, וואָס הערשט אין דעם אַראַבישן ישוב, שטייען די עפענדיס, די לאַטיפונדיעס-באַזיצער: אַ סך עפענדיס וווינען אין די שטעט פון א"י אָדער

אין אויסלאַנד און לעבן פון פאַכט־געלט. זייערע הכנסות דערמעגלעכן זיי צו פירן אַ פאַרשווענדערישן לוקסוס־לעבן און צו ווערן דורכדעם פאָפולער אין די אַריסטאָקראַטישע קרייזן. לויט דער שאַצונג פון ד״ר רופין האָט זיך צום סוף פון דער וועלט־מלחמה געפונען אין זייער באַזיץ בערך 80 פראָצ. פון די באָדנס אין גליל, 50 פראָצ. פון באָדן אין דרום פון לאַנד און 85 פראָצ. אין עבר־הירדן. דער מעמאָראַנדום, וועלכן ס'האָט אין 1926־טן יאָר דערלאַנגט דער ועד־לאומי צו דער מאַנדאַט־קאָמיסיע פון פעלקער־בונד, שאַצט דעם שטח פון די לאַטיפונדיעס אין א״י אויף 4,702,000 דונאַם. א סך עפענדיס, וועלכע וווינען אין שטאָט, אינוועסטירן זייערע געלטער אין געשעפט און זיי זענען אויך א טייל פון דעם קלאַס פון רייכע סוחרים און פראָצענטניקעס.

צו דער אויבערשטער שיכט פון אַראַבישן ישוב אין א״י געהערט אויך די גרופע מוסלעמענישע גייסטלעכע, וואָס פון איר באַשטייט בעיקר דער אויבערשטער מוסלעמענישער ראַט. אין רשות פון דער דאָזיקער מעכטיקער און איינפלוסרייכער גרופע געפינען זיך באַדייטנדע געלט־סכומים, וואָס זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן צווישן די גלויביקע. פון די דאָזיקע געלטער, וואָס געפינען זיך אין רשות פון די רעליגיעזע אינסטיטוציעס (וואַקף), ווערט נישט פאַרעפנטלעכט דורך די פירער פון וואַקף קיין שום באַריכט.

פון די מענטשן פון פרייע פראָפעסיעס און פון דעם באַאַמטנטום שטעלט זיך צונויף די דריטע וויכטיקע גרופע פון דעם הערשנדן אַראַבישן שיכט. הגם זייערע הכנסות דערגרייכן נישט בערך כלל צו די הכנסות פון די עפענדיס, זענען זיי אָבער נוטה צוליב זייער עקאָנאָמישן מצב צו די עפענדיס. זיי זענען נאָענט צו זיי אין געזעלשאַפטלעכן הינזיכט, פאַרקערנדיק אין איין סביבה און האָבנדיק מיט זיי משפחה־פאַרבינדונגען. נאָך שטאַרקערע זענען די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען, ווייל דער אַמט אָדער די פרנסה פון אַדוואָקאַט, זשורנאַליסט און אַפילו מעדיקער זענען אַ סך אָפּהענגיק פון רייכן עפענדי.

אויך די דאָזיקע קרייזן אינוועסטירן זייערע געלטער אין מסחר, באָדנס, פינאַנס־געשעפטן. גאָר ענגע זענען די פאַרבינדונגען צווישן די עפענדים און די גייסטלעכע פירער אין א״י. אויך די גייסטלעכע זענען אין אַ קענטיקער מאָס אָפּהענגיק פון חסד פון די רייכע אַראַבער און זענען פאַרבונדן מיט זיי דורך משפחה־קרובהשאַפט. די אינטערעסן פון די אַלע קלאַסן אידענ־טיפיצירן זיך, אָדער לויפן פּאַראַלעל.

ווען מיר באַהאַנדלען די השפעה פון דער יידישער עליה אויפן אַראַבישן ישוב אין א״י אָדער די באַציונג פון דעם דאָזיקן ישוב צום ציוניזם — טאָרן מיר אים נישט באַטראַכטן, ווי אַ נישט־דיפערענצירטע איינהייט. מיר דאַרפן נעמען אין באַטראַכט זיינע פאַרשידענע קלאַסן מיט זייערע באַזונדערע אינטערעסן; נויטווענדיקערווייז דיפערענצירט זיך די השפעה פון ציוניזם און דערפאַר אויך — די באַציונג צו אים.

ס׳איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז פון דעם פאַקט, וואָס די יידישע קאָלאָניזאַציע אינוועסטירט אין לאַנד צענדליקער מיליאָנען פונטן, וואָס ס׳אַנטשטייען נייע ווירטשאַפטלעכע פונקטן, ס׳ענטוויקלען זיך נייע אינדוסטרי־צווייגן און ס׳וואַקסן די הכ־נסות פון דער רעגירונג – געניסן אַלע איינוווינער פון לאַנד. אָבער די קלאַסן געניסן פון דעם דאָזיקן פּראָצעס אין אַ נישט־גלייכער מאָס. און ס׳קען זיך טרעפן, אַז פאַר דעם אָדער יע־נעם קלאַס וועגט נישט איבער דער נוצן דעם כלומרשטן שאָדן. אממיינסטן האָבן גענאָסן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע די פעלאַכן און אַרבעטער. זינט די דאָזיקע קאָלאָניזאַציע האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זי געווירקט אויף דער אויסבעסערונג פון דער לאַגע פון די אַראַבישע אַרבעטנדיקע, אָדער זי האָט לכל הפּ־חות או פגעוועקט ביי זיי דעם ווילן און שטרעבן צו אַזאַ אויסבעסערונג. קודם כל איז צו פאַרצייכענען אַ קענטיקע פאַר־בעסערונג אין זייערע הכנסות. אין פאַרגלייך צו די פאַריקע צייטן און צו די אַרומיקע לענדער האָט געשטיגן דער אַרבעטס־לוין. באַזונדערס האָט געשטיגן דער לעבנס־ניוואָ פון די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע אַרבעטער. אין 1908 האָט באַטראָפן דער

אַרבעטס-לוין פון אַ דאָרפס-אַרבעטער 3—6 פּיאַסטער אַ טאָג; איצט דערגרייכט ער צו 15—25 פּיאַסטער. אַראָפּרעכנענדיק די העכערונג פון לעבנס-קאָסטן, וואָס באַטרעפט ביז 60%, באַקומען מיר נאָך אַלץ אַ פאַרטאָפּלונג פון לוין. אונטערן דרוק פון דער הסתדרות האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבן געזעצן צום שוץ פון אַרבעטער. יאַנואַר 1927 אין אַריין אין קראַפט דער געזעץ וועגן ענטשעדיקונגען פאַר די אַרבעטער. דער געזעץ פון 1927 וועגן דעם באַשעפטיקן פרויען און קינדער אין דער אינדוסטרי פאַרווערט אַרבעט פון קינדער, וואָס זענען יינגער פון 12 יאָר, אין געוויסע פאַכן און רעגולירט די אַרבעטס-שעהן פון פרויען און קינדער. די הסתדרות האָט זיך באַמיט צו דערלאַנגען דירעקטע הילף דער ענטוויקלונג פון דער אַראַבישער מאַסע דורך איר אַלגעמיינעם אַרבעטס-פּלאַן און דורך באַזונדערע אַקציעס. אַזאַ הילף איז דערלאַנגט געוואָרן די אַראַבישע אַרבעטער בעת זייערע פרוון צו פאַרבעסערן זייערע אַרבעטס-באַדינגונגען; ס'איז געטאָן געוואָרן דאָס, וואָס ס'איז געווען מעגלעך, פאַר דער אָרגאַניזירונג פון אַראַבישן אַרבעטער. די הסתדרות האָט אויך אַרויסגעגעבן אַן אַראַבישע צייטונג. די דריטע קאָנפערענץ פון דער הסתדרות האָט באַשטעטיקט דעם פּלאַן פון אַ פעדעראַציע פון די אַרבעטער פון ביידע פעלקער, וואָס דאַרפן זיך אָרגאַניזירן אין נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמע סעקציעס. די אַראַבישע אַרבעטער ביים באַן, פּאָסט און טעלעגראַף זענען אָנגעשלאָסן אין דעם לאַנדעס-פאַרבאַנד פון די אַרבעטער אין די דאָזיקע פאַכן, וואָס איז אַן אָפּטיילונג פון דער הסתדרות און שיקט זיינע פאָרשטייער צום אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון די טראַנספּאָרט-אַרבעטער. אַראַבישע קלובן, וואָס פאַרבלייבן אונטערן שוץ פון די באַן-אַרבעטער, ווערן געשטיצט דורך דער הסתדרות אין אָרגאַניזיר-אַרבעט און דורך פּרעסע.

דעם אַראַבישן פעלאַך, דעם קליינעם גוט-באַזיצער, דעם דאָרפס-אַרבעטער האָט די יידישע קאָלאָניזאַציע געבראַכט נאָר נוצן. די אַראַבישע דערפער זענען באַווירקט געוואָרן דורך

דעם מאָדערנעם יידישן ישוב, אויסגעלערנט נייע באַארבעטונגס־מעטאָדן און ענטוויקלט נייע ווירטשאַפטס־צווייגן. אויב דער פעלאַך האָט געאַרבעט אין דער מאָדערנער לאַנדווירטשאַפט, האָט ער געקענט צוגעבן צו זיין אָרעמער הכנסה פון זיין שטיקל באָדן אויך דעם לוין, וואָס ער האָט באַקומען אין דער יידישער פלאַנטאַציע. די פעלאַכן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט גרינס, פירות, עופות, האָבן געפונען אין די יידישע שכונות און אין די גרויסע צענטערן פון ישוב אַ גרויסן מאַרק פאַר זייער פּראָדוקציע. די אויסברייטערונג פון מאַרק האָט זיי דערמעגלעכט צו פאַרגרעסערן און אַריינפירן נייע צווייגן אין דער ווירטשאַפט. יידישע קרעדיט־אינסטיטוציעס האָבן אָנגעהויבן ערטיילן קרעדיט די אַראַבישע פויערן און דאָרפס־ראַטן.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס טענהן, אַז ס׳איז דאָ אַ פאַקטאָר, וואָס רירט אָן די לעבעדיקע אינטערעסן פון די מאַסן און קען באַוועגן די פעלאַכן צו אָנשליסן זיך אין דער קעמפנדיקער אַראַבישער באַוועגונג: דאָס דאַרף זיין דער פאַקטאָר פון באָדן, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער ענטוויקלונג פון דער יידישער אויפבוי־אַרבעט. צוליב דער וויכטיקייט פון דערדאָזיקער פראַגע איז כדאי, מיר זאָלן איר נענטער באַטראַכטן. דער ערשטער וויכטיקער פּרט: די יידן אין א״י האָבן נישט — און האָבן קיינמאָל נישט געהאַט — קיין שום באַזונדערע רעכט ביים איינקויפן באָדן; זיי האָבן נישט — און זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט — קיין שום־צוואַנגס־מיטל צו נויטן די איינוווינער, זיי זאָלן פאַרלאָזן אַפילו אַ שפּאַן פון זייער באָדן.

באַזונדערע געזעצן זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר דער אָפּהיטונג פון די רעכט פון די פּאַכטער און די באַאַרבעטער פון באָדן אין פאַל פון פאַרקויפן דעם באָדן. „דער געזעץ וועגן אַריבערפירן דאָס אייגנטום אויף באָדנס פון 1־טן סעפּטעמבער 1920״, צו וועלכן ס׳איז צוגעגעבן געוואָרן די „ביילאַגע צום געזעץ וועגן אַריבערפירן דאָס אייגנטום אויף באָדנס״ פון יאָר 1921, שטעלט פעסט:

„די רעגירונג וועט מסכים זיין אויף איבערפירן דאָס

אייגנטום, ווען דער באָדן איז אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער און אַרענדירטער, אונטערן באַדינג, אַז ס'וועט איבערבלייבן אין די הענט פון פאַכטער גענוג באָדן אין דעם אָדער אַנדערן ראַיאָן פאַר זיין און זיין משפחהס חיונה". *)

די באָדנס, וואָס זענען דערוואָרבן געוואָרן דורך יידישע געזעלשאַפטן און יחידים, לאָזן זיך איינטיילן אין דריי קאַטע-גאָריעס:

א) דאָס רוב באָדנס, וואָס די יידישע קאָלאָניזאַציע האָט דערוואָרבן, זענען געווען פריער אין די הענט פון די עפענדיס. די באָדנס זענען געווען פאַרלאָזט צי צוליב מאנגל פון געלט צי צוליבן מאנגל פון ווילן און נאָר שאָף האָט זיך אויף זיי געפאשעט; א טייל פון זיי איז געווען פארפאכטעט צו פעלאכן. דאָס ערטיילן נייעם באָדן די פאכטער און די ענטשעדיקונגען, וועלכע זענען זיי אויסגעצאָלט געוואָרן דורך די יידן, האָבן דערמעגלעכט די פעלאכן, צו באפרייען זיך פון דרייפאכיקן עול פון באָדן-אייגנטימער, פראָצענטניק און קאָמאָר-ניק, אויפשטעלן זיך א הויז אויפן נייעם באָדן, אויסבעסערן די באארבעטונגס-מעטאָדן און אינוועסטירן אין זיין ווירטשאפט גרעסערע געלט-סכומים.

ב) לגבי די שטחים אויפן ברעג ים, וואָס האָבן אלס פלאנטאציעס-זאָנע א באזונדערע עקאָנאָמישע באדייטונג און ווו ס'האָט זיך קאָנצענטרירט אין די לעצטע יאָרן די קאָלאָניזאַציע-טעטיקייט, קען געשילדערט ווערן אלס טיפיש דער פאָלגנדער פאל. אן אראביש דאָרף מיט עטלעכע הונדערט איינוווינער האָט אין זיין רשות צענדליקער טויזנטער דונאמען. דער באָדן, וואָס ווערט נישט באוואסערט, גיט קארגע גערעטעניש. מחמת אָרעמ-קייט קען נישט דער פעלאך מאָדערניזירן זיין עקסטענסיווע ווירטשאפט און אויסנוצן די גוטע אייגנשאפטן פון זיין באָדן. דאָס פארקויפן א טייל באָדן גיט אים די פינאנסיעלע מעגלעכ-

---

*) גענויער וועגן דער באָדן-געזעצגעבונג, אירע כוונות און פאָלגן, ווי בכלל וועגן באָדן-פראָבלעם אין דער אָפטיילונג: באָדן.

קייט צו גראָבן א ברונען, פלאַנצן ציטרוס-בוימער אָדער גרינס מיט באוואסערונג, און דאָס באדייט פאר אים אן אויפשטייג אויף אן העכערער עקאָנאָמישער מדרגה אין משך פון א פּאָר יאָר.

ג) די אנדערע באָדנס זענען דערוואָרבן געוואָרן אין דער פאָרם פון איינקויף פון באָדנס, וואָס טויגן נישט צו באארבע-טונג אָן געהעריקער צוגרייטונג.

די רעזולטאטן פון דער יידישער באָדן-פּאָליטיק לגבי ד פעלאכן לאָזן זיך סומירן אויף פאָלגנדן אופן:

די פארטיילונג פון באָדן, וואָס קומט אין רעזולטאט פון באָדן-דערווערב, ברענגט צו דער קאָנצענטראציע פון די אראַ-בישע פעלאַכן אויף קלענערע פּארצעלן; זי גיט דעם פעלאַך די נויטיקע מיטלען פאַר דער באארבעטונג פון א קלענערן שטח מיט די פאַרפּולקאָמטע מעטאָדן פון אינטענסיווער לאנד-ווירטשאפט. דאָס באדייט פּין איין זייט: מאָדערניזירונג פון דער אראבישער לאנדווירטשאפט און שטייגערונג פון לעבנס און קול-טור-ניוואָ, פון דער צווייטער זייט — די מעגלעכקייט פון אי-בערגעבן דעם איבערשוס פון פארלאָזטן באָדן דער יידישער אויפבוי-ארבעט. דערמאָנען מיר זיך נאָך ביי דעם, אז פריער פלעגן די עפענדיס איבערשיקן די פּאכטער פון אָרט צו אָרט צוליב דער מורא פאר חזקה-רעכט און אז זיי פלעגן עס טאָן יעדע צוויי יאָר, נישט צאָלנדיק קיין שום ענטשעדיקונגען.

אַלס באַווייז, ווי פאַלש ס'זענען די באַשולדיקונגען אויף דער יידישער באָדן-פאָליטיק, קען אויך דינען דער פאַקט, וואָס די עמיגראַציע פון די אַראַבער פון א״י איז אין פארגלייך מיט דער עמיגראַציע פון פאַר דער מלחמה און פון די אַרומיקע לענדער אַ גאַר קנאַפּע און פאַמעלעכדיקע. אַ נאָענטערער אַנאַ-ליז באַווייזט, אַז די צאָל אראבער, וואָס זענען אַריינגעקומען קיין א״י נאָך דער מלחמה, שטייגט אַריבער די צאָל, וואָס האָט עמיגרירט.

אין 1913 האָט די צאָל עמיגראַנטן בלויז פון ירושלימער געגנט דערגרייכט לויטן באַריכט פון אַמעריקאַנעם קאָנסול אין

ירושלים 3000 מאַן, פון זיי 2000 ניט־יידן. פאַר די יאָרן 1928—1922 האָבן עמיגרירט פון א״י 10254 ניט־יידן, דורכשניטלעך 1500 אַ יאָר, אַלזאָ 2 פראָצ. פון נישט יידישן ישוב. דערדאָזיקער פראָצענט איז פיל קלענער, ווי דער פראָצ. אראבישע עמיגראַנטן פאַר דיזעלבע יאָרן פון די שכנותדיקע לענדער. במשך 1927—1926, בנוגע וועלכע ס'זענען פאַראַן ציפערן, האָט די עמיגראַציע פון סיריען און לבנון דערגרייכט 27000, דורכשניטלעך 13000 אַ יאָר, אַלזאָ 4,5 פראָצ. פון דער באַפעלקערונג.

כדאי צוצוגעבן, אַז די אַראַבישע עמיגראַציע פון א״י גייט דוקא פון יענע געגענטן, וואָס זענען ניט אָנגערירט געוואָרן דורך דער יידישער האַנט, ווי דער קרייז בית־לחם, בית־גאלה, רמאללה א. א.

דאַקעגן שאַצט די א״י־רעגירונג אין בלוי־בוך פון 1928 די צאָל אַראַבער, וואָס זענען אַריינגעקומען אין לאַנד אין די יאָרן 1928—1922, אויף 20—25 טויזנט מאַן. די דאָזיקע אימיגראַציע נעמט אַרום בעיקר די אַראַבער, וואָס קומען אַריין קיין א״י פון סיריען, עבר־הירדן און סיני, ווערנדיק צוגעצויגן דורך דעם העכערן לעבנס־ניוואָ פון א״י. די רעגיסטרירטע אימיגראַציע פון נישט־יידן קיין א״י אין דעם צייט־אָפשניט 1928—1922 באַטרעפט 5 פראָצ. נפשות, פון זיי 1054 מוסלעמענער. *)

פון דעם אַלעמען זעען מיר, אַז די יידישע עליה האָט נישט פאַרשאַפן די אַראַבישע מאַסן אין א״י קיין שום שאָדן. פאַרקערט, זי האָט זיי געבראַכט אַ גרויסן נוצן. די פעלאַכן זענען נישט אַראָפּגעשטויסן געוואָרן פון זייער באָדן; זיי האָבן נאָך געקראָגן אַ גרעסערן מאַרק פאַר זייער פראָדוקציע. די

---

*) נאָכן יאָר 1930, אין וועלכן אַרלאָזאָראָוו האָט געשריבן די אָפּהאַנדלונג, האָט זיך די אימיגראַציע פון די שכנותדיקע לענדער קיין א״י געוואַלדיק פאַרשטאַרקט, די עמיגראַציע פון א״י פאַרקלענערט ביזן מינימום. גענויער וועגן דעם ווייטער.

אַרבעטס מעגלעכקייטן פון די אַראַבישע אַרבעטער זענען געוואַקסן מיטן שטראָם פון דער יידישער עליה און דער אויסברייטערונג פון דער אינדוסטריע. זייער לעבנס־ניוואָ איז געשטיגן צוליבן גרעסערן נאָכפרעג אויף אַרבעטער און אַ דאַנק דעם ביישפּיל פון אָרגאַניזאַציע און העכערן ניוואָ, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן דורך די נייע עולים. די אַראַבישע מאַסן האָבן נישט קיין שום אינטערעס קעגנשטעלן זיך דער יידישער קאָלאָניזאַציע. כדי אויפצוהעצן זיי און נישט דערלאָזן צו באַציונגען פון קאָאָפּעראַציע און פאַרשטענדניש צווישן יידן און אַראַבער, האָבן די אַראַבישע פירער אין 1929־טן יאָר געמוזט אָנקומען צום פאַנאַנדערפלאַקערן דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם ארום דעם ענין פון כותל מערבי.

ס׳האָבן געגאַסן פון דעם ענין די, וואָס זענען שטענדיק גרייט צו באַנוצן זיך פאַר זייער טובה וועגן מיט יעדער מחלוקת, אַ קינסטלעכער צי אַ ממשותדיקער — אַלזאָ, די אויבערשטע קרייזן אין דעם אַראַבישן ישוב, די עפענדיס, די מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס, דער קלער. מען דאַרף נאָך צוגעבן די בעדואינער, וואָס זייער שנאה צום שטענדיקן ישוב איז אַזוי אַלט, ווי די ציוויליזאַציע גופא. פאַר זיי איז אַ גוטער שאַנס יעדע געלעגנהייט פון רויב, זיי דאַרפן נישט האָבן צו דעם נאָך מאָטיוון, נישט רעליגיעזע, און נישט פּאָליטישע. ס׳געהערן צו די דאָזיקע קעגנערישע קרייזן אויך די קריסטלעכע אַראַבער, וואָס זענען נוטה צוליב זייערע ענינים צו די רייכערע. די מערהייט פון קריסטלעכע אַראַבער זענען סוחרים, וואָס ווערן געטראָפן דורך דער יידישער קאָנקורענץ. כדאי צו פאַרצייכענען, אַז די דאָזיקע סוחרים האָבן זיך נישט באַטייליקט אין די עצם געשעענישן פון י. 1929, אָבער זיי האָבן געפירט דעם עקאָנאָמישן באָיקאָט נאָך די געשעענישן, כדי צו פאַרגרעסערן זייער קליענטעלע.

פאַרוואָסזשע טרעטן אַרויס די עפענדיס און די פּראָצענטניקעס קעגן דעם ציוניזם?

ס׳איז קלאָר, אַז אויך זיי געניסן פון דער יידישער עליה,

ווייל יעדע שטייגערונג פון די באָדן-פרייזן און דער וווקס פון אַלגעמיינעם רייכטום אין לאַנד ברענגט זיי נוצן. אָבער פאַר זיי איז וויכטיקער, אַז די פויערשע מאַסן, וואָס אַרענדירן זייערע באָדנס, זאָלן ווייטער פאַרבלייבן אויף זייער נידעריקן לעבנס-ניוואָ, אַז די טויערן פון לאַנד זאָלן פאַרבלייבן פאַרשלאָסן פאַר די, וואָס ווילן אַנטוויקלען זיינע רייכטימער דורך מאָדערנע עקאָנאָמישע מעטאָדן און אַז ס'זאָל פאַרקלענערט ווערן ביז צום מינימום דער כוח און די פּאָזיציע פון יידישן ישוב אין לאַנד. יעדע שטייגערונג פון קולטור-ניוואָ אין לאַנד באַדראָט זייערע פּריווילעגיעס. זיי האָבן מורא, אַז די יידישע חדושים וועלן ווייזן די אַראַבישע מאַסן אַ מוסטער פון פרייען אַרבעטער-קלאַס און אַז דער דאָזיקער מוסטער וועט באַוועגן די אַראַבישע מאַסן צו באַפרייען זיך פון די קנעכטשאַפטס-באַדינגונגען, אין וועלכע זיי שמאַכטן. זיי האָבן שוין טאַקע פאַרלאָרן אַ צאָל פּאָזיציעס.

בעת דער טערקישער הערשאַפט האָבן די דאָזיקע העכערע שיכטן פאַרנומען די רעגירונגס-פּאָסטנס און געהאַט אויך אַ באַשטימטן פּאָליטישן כח. נאָך דער יונג-טערקישער רעוואָלוציע פלעגן זיי שיקן דעפּוטאַטן צום פּאַרלאַמענט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פאַרשטייער צו די געגנט-ראַטן אין דמשק און ירושלים. ווען נישט די יידן — וואָלט זייער פּאָזיציע נישט פאַרענדערט געוואָרן אויך אונטער דער ענגלישער הערשאַפט. די יידן זענען אָבער אַ קאָנקורירנדער כוח, וועלכן זיי קאָנטראָלירן נישט און וואָס קען משפּיע זיין אויף די אַראַבישע מאַסן. און דאָס ווילן זיי נישט.

אונטער דער פירערשאַפט פון די עפענדיס האָבן זיך אָרגאַניזירט די אַראַבער מיט אַ העכערן קולטורעלן ניוואָ, די מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס, די באַאַמטע, זשורנאַליסטן. פאַקטיש פירט דער דאָזיקער קלאַס די אַראַבישע נאַציאָנאַלע אַגיטאַציע. אויסער דעם פאַקט, וואָס זיינע אינטערעסן דעקן זיך מיטן אינטערעס פון דעם עפענדיס'קלאַס, פון וועלכן זיי זענען זיך ווי אַ טייל, האָט דער דאָזיקער קלאַס מורא פאַר דער קאָנקורענץ פון די יידן אין די אַמטן און די פרייע פּראָפעסיעס,

בפרט, אין דער אַדוואָקאַטור און מעדיצין, ווו יידן זענען שטאַרק פאַרטראָטן.

צום סוף דאַרף מען דערמאָנען דעם קלער. די דאָזיקע גרופע האָט אַ מעכטיקן כוח אין דער אַראַבישער באַוועגונג. דער אויבערשטער מוסלעמענישער ראַט איז געשאַפן געוואָרן דורך דער בריטישער אַדמיניסטראַציע; ער פירט אָן מיטן „וואַקף" און די צדקה־געלטער, ער האָט די השגחה איבער די רעליגיע־הייזער, די רעליגיעזע בית־דינס און די דערציונגס־אַנשטאַלטן. די לכתחילהדיקע כונה איז געווען, אַז דאָס זאָל זיין אַ געוויילטער ראַט, אָבער די רעגירונג האָט בטל געמאַכט די וואַלן און דער איצטיקער ראַט איז נאָמינירט געוואָרן דורכן הויך־קאָמיסאַר אַלס צייטווייליקע אינסטאַנץ. דער ראַט אונטער־ליגט נישט קיין שום קאָנטראָל, ער גיט נישט אָפּ קיין שום באַריכט וועגן זיינע פינאַנס־געשעפטן. ס'איז קלאָר, אַז דער דאָזיקער ראַט פאַרטרעט די אינטערעסן פון די עפענדיס, מיט וועלכע זיינע חברים זענען פאַרבונדן עקאָנאָמיש, געזעלשאַפט־לעך און דורך משפחה־קרובהשאַפט.

ס'איז נישט שווער צו פאַרשטיין די סיבה פון דער השׂ־פעה פון די דאָזיקע הערשנדע שיכטן אויפן אַראַבישן ישוב, ווען מען נעמט אין אַכט דעם האַלב־פעאָדאַלן כאַראַקטער פון דער אַראַבישער געזעלשאַפט. צווישן די בעדואינער הערשן די שייכן, איבער די פעלאַכן רעגירט דער שייך אָדער מוכטאַר. די פאַכטער זענען אָפּהענגיק פון די באָדן־אייגנטימער נישט נאָר עקאָנאָמיש, נאָר אויך פּאָליטיש און גייסטיק. אין די שטעט הערשן די מיוחסדיקע משפחות איבער די מאַסן. די רעליגיעזע אָנפירערשאַפט האָט אַ געוואַלטיקע השפּעה איבערן פינסטערן, פאַנאַטישן און לייכטגלויביקן המון.

און דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס אַ קליינע צאָל מענטשן פון די אויבערשטע שיכטן האָט זיך אוזורפירט דאָס רעכט צו רעדן אין נאָמען פון גאַנצן אראבישן ישוב. דאָס זענען די זעלבע מענטשן, וואָס מאַכנדיק אַ רעש ארום דער פאָדערונג פון ד מאָקראַטישע רעכט און זעלבסטפערוואַלטונג אין נאַציאָ־

נאַלן מאַסשטאַב — נעמען זיי אָן אַלע מיטלען, כדי צוצונעמען דאָס וואַל-רעכט פון דער איבערוויגנדער מערהייט פון די אַראַ־בער, אין ס׳רוב ערטער, ווו די מערהייט באַשטייט פון אַראַ־בער, געפינען זיך די מוניציפּאַליטעטן אין די הענט פון קליי־נע גרופּן. אין די דאָזיקע זעלבסטפאַרוואַלטונגען איז נישטאָ קיין איין פאָרשטייער פון די אַרבעטנדיקע אַראַבישע קלאַסן, די אַדמיניסטראַטיווע פּלענער און די אַרבעטס-באַדינגונגען אין די דאָזיקע מוניציפּאַליטעטן ווערן באַווירקט אין אַ גרויסער מאָס דורך דעם דאָזיקן אומשטאַנד. די פּאָליטישע פירערשאַפט און די עקאָנאָמישע הערשאַפט געפינען זיך אין די הענט פון אַ געשלאָסענער מיוחסדיקער גרופּע, וואָס פירט די אַגיטאַציע קעגן דער יידישער עליה.

ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פון שטאַנדפּונקט פון דער דרינגנדער פּאָליטישער האַנדלונג האָט נישט קיין גרויסן ווערט דער עקאָנאָמישער הינטערגרונט פון אַראַבישן פּראָבלעם אין א״י. נישט שטענדיק אידענטיפיצירט זיך דער סאָציאָלאָגישער אַנאַליז – על כל פנים נישט אין יעדן מאָמענט — מיט די חש־בונות, לויט וועלכע ס׳שטעלט פעסט דער פּאָליטיקער זיין טע־טיקייטס־פּראָגראַם. פאַראַן אין לאַנד אַ פּאָליטישע באַוועגונג, אויב אַפילו נישט קיין רייפע, וואָס באַקעמפט דעם יידישן אויפבוי אין א״י. מיר מוזן איר נעמען אין אַכט, אויב מיר ווילן פאַר־ווירקלעכן אונזער ציל, שאַפן די נאַציאָנאַלע היים. מחוץ די דרינגנדע נויטן פון מאָמענט ווערט קלאָר אָבער דער ווערט פון אויספאָרשן די סאָציאַלע כוחות, וואָס ווירקן צווישן די אַראַבער אין א״י. נאָר אין ליכט פון אַזאַ אַנאַליז וועלן מיר קענען פירן אַ ווצרטפולע פּאָליטיק און געפינען די ענדגילטיקע לייזונג פון פּראָבלעם פון די באַציונגען צווישן די יידן און די אַראַ־בער אין א״י.

מ. אסף

די אראבישע פאליטישע באוועגונג אין א״י

די אַראַבישע באַוועגונג אין ארץ־ישראל שפּייזט זיך פון דריי שטרעמונגען: פּאַן־איסלאַמיזם, פּאַן־אַראַביזם, און דער שטרעמונג צו אָרטיקער זעלבסטשטענדיקייט. אַמאָל מישן זיך די אַלע שטרעמונגען צוזאַמען, אַמאָל צעטיילן זיי זיך, אַמאָל העלפן זיי זיך קעגנזייטיק, אַמאָל — זענען זיי אין אַ סתירה. די אַראַבישע פּאַרטייען זענען געבויט אויף די דאָזיקע שטראָמען, און אויך אין זיי מישן זיך די שטראָמען צוזאַמען, און אַמאָל צעטיילן זיי זיך. דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון די אַראַבישע פּאַרטייען אין ארץ־ישראל איז: דאָס צוזאַמענמישן פון אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַ געוויסן פּראָגראַם מיט אַ פּאַטריאַרכאַלישער און פעאָדאַלער פאַמיליע. ס'איז פאַראַן אויך פּאַרטייען־פראַקציעס פון פירער, — און סתם נאָכשלעפּ־פּאַרטייען.

היינט צוטאָג עקזיסטירן אין א״י פאָלגנדע אראבישע פּארטייען:

1. די פּאַלעסטינישע אראבער־פּארטיי — פון ירושלימער הויפּט־מופטי.
2. די פּאַרטיי פון נאציאָנאַלער פּאַרטיידיקונג — פון נאשאשיבי.
3. די רעפאָרם־פּארטיי — פון ד״ר כאלדי.
4. די פּארטיי פון נאציאָנאלן בלאָק.
5. די איסטיקלאַל־פּאַרטיי.
6. די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

אין שפיץ פון דער פּאַלעסטינישער אַראַבער־פּאַרטיי שטייט אָפיציעל דזשעמאַל־אל־חוסייני. אָבער פּאַקטיש איז דער ראש — דער ירושלימער מופטי, חאדזש אמין אל חוסייני. די פאַמיליע חוסייני האָט זייער אַ גרויסע השפעה אין ירושלים און געגנט, איז פאַרבונדן מיט נאָך אייניקע גרויסע פעאָדאַלע משפחות, און איר עיקרדיקער כח איז דער אַפּאַראַט פון דעם „מוסלעמענישן אויבער־ראַט", וואָס דער מופטי — איז זיין ראש. די באַאַמטנשאַפט פון דעם ראַט באַדינט אַלע רעליגיעזע נויטן פון די מוסלעמענער אין לאַנד, די רעליגיעזע געריכטן, די בתי־יתומים און שולן, די ענינים פון ירושות און ירושות־פאַרמעגן א. ד. ג. דער דאָזיקער אַפּאַראַט פאַרשאַפט דער פּאַרטיי די גרעסטע השפעה אין לאַנד. די פּאַרטיי באַמיט זיך צוזאַמענגיסן אַלע דריי שטראָמען אין זיך, און דאָס מאַכט איר פאַר אומפּאַסנדיק און בויגזאַם. איר פירער, דער ירושלימער הויפּט־מופטי איז געווען צווישן די אָרגאַניזירער פון דער פּאַן־איסלאַמישער קאָנפערענץ אין ירושלים און איר פּרעזידענט, ער האָט אַ נאָמען אין דער מוסלעמענישער און אַראַבישער וועלט: איז געווען אין דער שפּיץ פון אַלערליי דעלעגאַציעס אין די מוסלעמענישע לענדער, איז באַרימט געוואָרן אַלס אַ קעמפער פאַר דעם מוסלעמענישן כאַראַקטער פון דעם הייליקן לאַנד, איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דעם הילפס־קאָמיטעט פאַר די דרוזישע אויפשטענדיקע, האָט פאַרמיטלט צווישן דעם קעניג איבן־סאוד און דעם תימנישן אימאַם יחיא און זייער לעצטן קריג א. אַ. וו. אָבער דאָך איז דער עיקר פון דער פּאַרטיי — די אַראַבישע זעלבסשטענדיקייט אין ארץ־ישראל. דער פּאַן־אַראַביזם און דער פּאַן־איסלאַמיזם זענען אין אַ גרויסער מאָס אַ הילפס־מיטל צו דערגרייכן די אָרטיקע זעלבסט־שטענדיקייט. און אַזוי ווי פּאַן־אַראַביזם און פּאַן־איסלאַמיזם זענען אָפּהענגיק אויך פון אויסערלעכע פאַקטאָרן, און בפרט פון ענגלאַנד — איז קלאָר, אַז אויך די פּאַרטיי איז אָפּהענגיק אין אַ גרויסער מאָס פון דעם ענגלישן פאַקטאָר.

די מופטי־פּאַרטיי (אַזוי רופט מען זי בקיצור) האָט

פּריוואַטע אינטערעסן אין דער אַראַבישער באַוועגונג פון ארץ־ישראל, ווייל די ענגלישע רעגירונג האָט איר איבערגעגעבן אַלס קאָמפּענסאַציע פאַר דער געטריישאַפט פון די חוסיינס צו ענגלאנד די אַבסאָלוטע הערשאַפט איבער די מוסלעמענישע הקדש־גיטער און איבער די רעליגיעזע בית־דינ׳ס. דער מופטי איז פּאַקטיש א מין באַשטימטער הערשער אין דער מוסלעמענישער געמיינדע. און דאָס האָט ער באַקומען פון ענגלישן גנאָד, און קעגן די רעזולטאַטן פון וואַלן (אין די וואַלן צו דער אָנפירערשאַפט פון דעם מוסלעמענישן אויבער־ראַט איז אויסגעוויילט געוואָרן אַן אַנדערער און הערבערט סעמועל האָט זיינער צייט איבערגעגעבן דעם פּאָסטן דעם מופטי). דער־ווייל איז זיין השפעה געוואַקסן א דאנק דעם אַפּאראט, וואָס איז אין זיין האַנט. און ממילא איז שטאַרקער זיין פּאָזיציע אויך אין וואַלן. אָבער די דאָזיקע מאַכט בינדט דעם מופטי נישט נאָר צו ענגלאַנד, נאָר אויך צו דעם שטראָם פון אָרטי־קער זעלבסטשטענדיקייט, און דוקא אין די איצטיקע גרענעצן פון ארץ־ישראל. דער מופטי איז פּאַקטיש פאַראינטערעסירט, אַז די טיילן פון ארץ־ישראל, פון ביידע זייטן ירדן, זאָלן זיך נישט פאַרייניקן, ווייל אַזאַ פאַרייניקונג קען ברענגען דערצו, אַז דער עמיר אַבדאַללאַ פון עבר־הירדן זאָל ווערן הערשער פון ארץ־ישראל, און דאַן הערט אויף די הערשאַפט פונם מופטי. פון דעם זעלבן אָפּאָרטוניסטישן טעם איז דעם מופטיס פּאַרטיי קעגן א לעגיסלאַטיוון ראַט אין ארץ־ישראל, ווייל ער פאַרמינדערט דאָס געוויכט פון דעם מוסלעמענישן אויבער־ראַט, וואָס דער מופטי איז זיין פירער.

דאָס אָפּהענגען פון דעם מופטי פון ענגלאַנד איז בולט באַזונדערס אין דער שטעלונג פון זיין פּאַרטיי צום ציוניזם. די שטעלונג איז אַן אַבסאָלוט נעגאַטיווע. די פּאַרטיי שטויסט אָפּ יעדע אָנערקענונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און פון דעם מאַנדאַט, אויף וויפל ער איז פאַרבונדן מיט דעם פאַרווירקלעכן די דעקלאַראַציע. אָבער די פּאַרטיי ריכטעט תמיד איר קאַמף קעגן דעם ציוניזם

אליין, האַלטנדיק זיך פריינטלעך צו ענגלאַנד. דער קאַמף קעגן ענגלאַנד ווערט געפירט בערך אין אַזא פאָרם: „מיר זאָרגן וועגן דיין גוטן נאָמען אין אָריענט, ענגלאַנד. מיר האָבן דיך ליב און דערפאַר פאָדערן מיר פון דיר — פאַר דיין טובה וועגן — זיך אָפּזאָגן פונם ציוניזם; מיר קעמפן קעגן דיר נאָר כדי דו זאָלסט אָנערקענען די זינד, וואָס דו זינדיקסט קעגן זיך אַליין".

דאָס הייסט: ס'איז אַן אַבסאָלוט-אָפּאָרטוניסטישע פאַרטיי, וואָס אירע פירער, זעענדיק די ווירקלעכקייט זייער ניכטערן, ווילן געניסן ווי ווייט מעגלעך פון דעם, וואָס איז מעגלעך אין די ענגע פּאַלעסטינע-ראַמען. גלייכצייטיק פאַרזייט זי פּאַן-אַראַבישע און פּאַן-איסלאַמישע קערנדלעך און רופט אַרויס מיט אירע לאָזונגען אַ שטאַרקע יוירונג צווישן דער אַראַבישער יוגנט.

אויף וויפל די דאָזיקע פאַרטיי „קען אלץ", זעען מיר פון דעם, אַז אויך קריסטלעכע טוער באַטייליקן זיך אין איר. איין האַנט איז אויסגעשטרעקט צום פּאַן-איסלאַמיזם, די צווייטע — צו דער קריסטלעכער וועלט. פון איין זייט — פאַנאַטישע פאַרטיידיקונג פון דעם מוסלעמענישן כאַראַקטער פונם לאַנד, פון דער צווייטער — קלאָגעריי אויף דער קריסטלעכקייט פונם לאַנד, וואָס די יידן מאַכן עס קאַליע!

לעצטנס פאַרנעמט זיך די דאָזיקע פאַרטיי מיט גרינדן „העלדן-גרופּן" פון דער יוגנט לויטן מוסטער פון די היטלעריסטישע שטורם-אָפּטיילונגען.

די צווייטע פּאַרטיי — לויט איר סטאַזש און וויכטיקייט איז די פּאַרטיי פון נאַציאָנאַלער פּאַרטיידיקונג, אין שפּיץ פון וועלכער ס'שטייט ראַגעב-נאַשאַשיבי, דער געוועזענער ירושלימער בירגערמייסטער. די דאָזיקע פּאַרטיי האָט נישט קיין השפּעה אויף דער יוגנט און איז צוזאַמענגעשטעלט פון גבירים, גרויסע לאַנד-באַזיצער און בעלי-יחוס. איר פּראָגראַם באַנוגנט זיך מיט די גרענעצן פון ארץ-ישראל, אין מערב-זייט פון ירדן, אָדער פון ביידע זייטן ירדן. די קריסטן האָבן אַ קענ-

טיקע השפעה אין דער פּאַרטיי, און פאַרשטייט זיך, אַז זי איז נישט פּאַן־איסלאַמיש. זי איז אויך נישט פּאַן־אַראַביש, אַ חוץ די פאַלן, ווען ס׳איז באַקוועם זיך צו באַנוצן מיט אַזעלכע פעדערן. די פּאַרטיי איז אַן אַבסאָלוט רעאַליסטישע און אנערקענט: 1) דעם פאַקט פון ענגלענדער אין ארץ־ישראל. 2) דעם פאַקט פון ענגליש־ציוניסטישער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל. איר לאָזונג איז דעריבער: אַ פּשרה, און אַרויסבאַקומען דעם מאַקסימאַלן נוצן פאַר די אַראַבער, אַלס איינצלנע און אַלס כלל, פון די איצטיקע באַדינגונגען. די דאָזיקע פּאַרטיי, וואָס אירע מיטגלידער האָבן בעיקר עקאָנאָמישע אינטערעסן, איז קעגן דער צעשטערונג פונם רויקן לעבן דורך געשעענישן און קריגערייען, ווייל זי זעט אין דעם נישט קיין נוצן פאַר די אַראַבער. די פּאַרטיי שטיצט די פּאָליטיק פון דער קאָלאָניאַלער אַדמיניסטראַציע, און פאַרטיידיקט, פון 1922 אָן, דעם פּראָיעקט וועגן לעגיסלאַטיוון ראַט, אַפילו מיט אַ זייער באַשרענקטער קאָמפּעטענץ.

דאָס איז דער גייסט און אינהאַלט פון דער פּאַרטיי. דער געשריבענער פּראָגראַם איז געוויינלעך באַפּוצט מיט פּאַן־אַראַבישע פעדערן. אָבער — זייט ראַגעב נאַשאַשיבי איז אַראָפּ פון בירגערמייסטער־שטול — איז די טאַקטיק זייער אַן עקסטרעמיסטישע, ווייל די אויפגאַבע איז צו באַווייזן דעם פאָלק, אַז דער קאָנקורענט, דער מופטי, איז נישט קיין געטרייער נאַציאָנאַליסט, נאָר אַ רעגירונגס־באַאַמטער, וועלכער ציטערט פאַר זיין פּאָסטן. אָבער דאָס איז בלויז אַ מאַנעוור־טריק.

די דריטע פּאַרטיי („רעפאָרם־פּאַרטיי״) איז אַלט אַ יאָר. אַן אָפּשפּליטערונג פון דער נאַשישיבי־פּאַרטיי, איז זי געשאַפן געוואָרן דורך דעם, וואָס די כאַלדי־פאַמיליע האָט זיך אָפּגעשיידט פון דער נאַשישיבי־פאַמיליע. איר פירער איז ד״ר חוסיין אל־חאלדי, וועלכער איז געוויילט געוואָרן אַלס בירגערמייסטער פון ירושלים אויפן פּלאַץ פון נאַשאַשיבי. דער געשריבענער פּראָגראַם איז נישט אַ סך אַנדערש פון דעם פּראָגראַם פון נאַשישיבים. (אייגנטלעך זענען אַלע פּראָגראַמען ענלעך, אָבער

אין דעם מופטי-פראָגראַם איז דאָ נאָך אַ הויפּט-פּונקט קעגן יידיזירן דאָס לאַנד. אויך פּאַקטיש איז נישטאָ קיין אונטערשייד די „רעפאָרם" אין זייער פּאַרנעפּלט, לויט פאַרשידענע רמזים פון די פּאַרטיי-פירערס קען מען זאָגן, אַז די רעפאָרם באַשטייט אין דעם, וואָס די פּאַרטיי וויל דורך אַ הסכם צווישן די דריי פּאַקטאָרן פון ארץ-ישראל — אַראַבער, ענגלענדער און יידן — באַשטימען די רעכט פון יעדן פּאַקטאָר. דער געדאַנק פון קאַנ-טאָנען לעבט ביי דער פּאַמיליע חאַלדי, און דאָס איז דער יסוד פאַר אַ הסכם, וואָס זי שלאָגט פאָר. אָבער ס'איז נישט קלאָר אויף וויפיל די גאַנצע פּאַרטיי אידענטיפיצירט זיך מיט דעם פּלאַן אַלס אַ לעזונג פון דער אַראַביש-יידישער פראַגע אין לאַנד.

איינע פון די משונהדיקע דערשיינונגען אין דער אַראַ-בישער באַוועגונג אין ארץ-ישראל, וועלכע איז פול מיט סתירות, איז די טאַקטישע נאָענטקייט פון דער רעפאָרם-פּאַרטיי צו דער מופטי-פּאַרטיי פון איין זייט, און די פולע אונטער-שטיצונג פון דעם „נאַשאַשיבישן" לעגיסלאַטיוו-ראַט, פון דער צווייטער זייט: די פּאַרטיי וואַרפט זיך צווישן דעם רעאַליזם פון נאַשאַשיבי און דעם אָפּאָרטוניזם פון דעם מופטי. אַ חוץ דעם פאַרנעמט איר פירער אַ רעגירונגס-פּאָסטן אין אַ געמישטער שטאָט, אין ירושלים.

אין לעצטן יאָר האָט אַרויסגעשפּראָצט נאָך אַ פּאַרטיי, „דער נאַציאָנאַלער בלאָק", מיטן צענטער אין שכם. אין איר שפּיץ שטייט אַן אדוואָקאַט אבד-א-לאטיף-סלאח. אַ יונגע און קליינע פּאַרטיי. דעם פירער איז געלונגען נאָכשלעפּן אַ פּאָר בעלי-יחוס פון פאַרשידענע פלעצער, וועלכע זענען נישט געווען ביז איצט אקטיוו אָדער זענען געווען אומצופרידן פון די אַנ-דערע פּאַרטייען. דער פּראָגראַם — אַ צוזאַמענמישונג פון פּאַנ-אראביזם מיט דער שטרעמונג צו אָרטיקער זעלבסטשטענדיקייט דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער פּאַרטיי — איר שטע לונג צום לעגיסלאַטיוון ראַט. צום אָנהויב — שטרענג קעגן, ווייל זי האָט געפּאָדערט אַלס תנאי אָפּצושטעלן די עליה און דעם באָדן-פאַרקויף. דערנאָך האָט זי מסכים געווען צום פּראָיעקט

אַזוי ווי ער איז. ס'איז אַ פּאַרטיי פון דונערן און בליצן אָן אַ קלאָרער און קאָנסעקווענטער שטעלונג צו די גרונט-פראַגן פונם לאַנד. ס'איז אַ געזעלשאַפטלעכער שוואָם אין פאָרם פון אַ פּאַרטיי.

עלטער פון די ביידע לעצטע פּאַרטייען איז די איסטיקלאַל- („זעלבסטשטענדיקייט") פּאַרטיי, מיט אַעוני-ביי-עבד-אל-האדי אין דער שפּיץ. דאָס איז אַן אַבסאָלוט פּאַן-אַראַבישע פּאַרטיי. דעם קאַמף פאַר דער אַראַבישער זעלבסטשטענדיקייט אין ארץ-ישראל זעט זי אַלס רינג אין קאַמף פאַר אַן אַראַבישער פעדעראַציע און אין דער צוקונפט — אַראַבישער אימפּעריע. זי איז קעגן דעם אָפּאָרטוניזם פון דעם מופטי, וועלכער פאַרנעמט אַ רעגירונגס-פּאָסטן און קעמפט גלייכצייטיק קעגן דער ענגליש-ציוניסטישער פּאָליטיק. נאָך זייער מיינונג איז דער מופטי זיך טועה, וואָס ער ריכטעט דעם קאַמף בלויז קעגן די יידן, ווייל נישט זיי זענען דער עיקר. די ענגלענדער זענען דער שטאַם, די יידן בלויז אַ צווייג. די האַק דאַרף פאַלן אויפן שטאַם. דער אַראַבישער קאַמף דאַרף זיין גלייכצייטיק קעגן די ענגלענדער און קעגן די יידן, און בעיקר קעגן די ענגלענדער. דעריבער איז דאָס ערשטע מיטל: ציווילע אומגעהאָרכזאַמקייט (נישט צאָלן קיין שטייערן), „נאָן-קאָאָפּערייִשן" מיט דער רעגירונג (דעמיסיע פון אַלע רעגירונגס-פּאָסטנס א. ד. גל.).

דאָס איז די ערשטע אַראַבישע פּאַרטיי אין א"י, וואָס אין איר אָנהויב איז געווען אַ פּראָגראַם און נישט קיין פּאַמיליע. רייכע און עקאָנאָמיש-פּאַראינטערעסירטע פאַרמאָגט זי כמעט נישט, זי איז באַשאַפן געוואָרן אין 1931—32, אָבער האָט אויסגעלעבט נאָר איין יאָר, און האָט צוריק אויפגעוואַכט אין אָנהויב פון דעם איטאַליעניש-אַביסינישן קאָנפליקט, דאָס הייסט: דעם איטאַליעניש-ענגלישן קאָנפליקט.

די איסטיקלאַלער זענען נאָענט מיט זייער נאַציאָנאַלער אויפפאַסונג צום איטאַליענישן פאַשיזם און דייטשן נאַציזם. בפרט דער עקסטרעמער ראַסיסטישער נאַציזם און דאָס רודפן יידן לאָקט די אַראַבישע איסטיקלאַלער.

ס'איז נישטאָ קיין ספק, אַז די איסטיקלאַלער גלויבן, אַז איצט איז די צייט צו דראָען מיט דער „האַק" אויפן „שטאם" — אויף ענגלאַנד. בשעת איר קאָנפליקט מיט איטאַליע וועגן דער מאַכט אויפן מיטללענדישן ים — וועט זי מסתמא נישט אויסשטיין קענען אַן ענערגישער אַטאַקע, אַזוי ווי זי איז נישט אויסגעשטאַנען אין עגיפּטן, און אַזוי ווי פראַנקרייך אין סיריע. די דאָזיקע אויפפאַסונג איז געוואָרן אַלץ מער און מער פאַרשפּרייט מיט די נצחונות פון איטאַליע אין אַביסיניע און די מפּלות פון ענגלאַנד אין דער וועלט-פּאָליטיק.

ס'איז אומבאַקאַנט, אין וועלכער מאָס האַלטן אונטער די איסטיקלאַלער אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונג מיט די נאַציס און איטאַליענישע פאַשיסטן; ס'איז אָבער אויסער יעדן צווייפל, אַז ס'באַשטייט צווישן זיי א טיפע באַציונג פון וואַרעמער סימפּאַטיע.

די צייטונג „אַדיפאַע" אין יפו, וואָס דינט די אינטערעסן פון איסטיקלאַל, טרייבט אַן אָפענע נאַצי-פּראָפּאַגאַנדע.

די אַראַבישע באַוועגונג שטיצט זיך אויך אויף דער נאַציאָנאַליסטישער יוגנט, וואָס גרופּירט זיך אין פאַרבאַנד פון די אומאָפּהענגיקע מוסלעמענישע סקויטן (אונטערשיידן זיי פון די באַדן-פּאַוול-סקויטן, וואָס זענען אָרגאַניזירט ביי די רעגירונגס-שולן), אין די „העלדן-גרופּן" פון דער מופטי-פּאַרטיי, אין די ספּאָרט-קלובן און די פאַרבאַנדן פון יונגע מוסלעמענער. אויך אין די רעגירונגס-שולן ווערט די יוגנט באַהערשט פון אַראַבישן נאַציאָנאַליזם, וואָס דרינגט אַריין א דאַנק די לערער, דורך די לערן-ביכער, דער פּרעסע, פּראָפּאַגאַנדע אין די מעטשעטן, רעדעס און פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס.

מיט אייניקע יאָר צוריק איז געשאַפן געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך גערופן „קאָנגרעס-עקזעקוטיווע פון די יונגע אַראַבער". איר אויפגאַבע איז געווען צו דערמעגלעכן די יונגע, וועלכע קענען קוים פאַרנעמען א פּלאַץ אין דער אַראַבישער האַלב-פּאַטריאַרכאַלער געזעלשאַפט — א נאַציאָנאַל-געזעלשאַפטלעכע מעטיקייט. פאָרמעל איז זי געווען אומפּאַרטייש

און זי האָט באַדינט די דאַמאָלסטדיקע אַראַבישע עקזעקוטיווע. אין די לעצטע צוויי יאָר איז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איינגעשרומפּן געוואָרן צוליב דער רעאָרגאַניזירונג פון די אַראַבישע פּאַרטייען, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַריינציען אין זיך די יוגנט.

די „מופטי-פּאַרטיי" און דער איסטיקלאַל האָבן אָרגאַניזירט באַדייטנדיקע טיילן פון דער יוגנט, וואָס איז געוואָרן דער פאַנאַטישער טרעגער פון אַראַבישן נאַציאָנאַליזם.

צו דעם דאַרף מען צורעכנען די אַראַבישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס אין חיפה, ירושלים, יפו און נאָך אייניקע פּלעצער. די דאָזיקע געהערן נישט צו דעם „ארץ-ישראלדיקן אַרבעטער-בונד" (ברית פּועלי ארץ-ישראל) און צו דער אַלגעמיינער (אינטערנאַציאָנאַלער) אָרגאַניזאַציע פון די באַן-אַרבעטער, וועלכע נעמען אַרום אַ קענטיקן טייל פון די אָרגאַניזירטע אַראַבישע אַרבעטער און ווערן געשטיצט דורך דער הסתדרות פון די יידישע אַרבעטער. די נאַציאָנאַליסטישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס פון די אַראַבער שלעפּן זיך נאָך דער נאַציאָנאַליסטישער אַגיטאַציע און נאַציאָנאַליסטישן טעראָר. אַ זעלבסטשטענדיקע אַרבעטער-באַוועגונג, אַ פּאָליטישע אַראַבישע אַרבעטער-פּאַרטיי, עקזיסטירט נאָך נישט אין לאַנד, די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטישע כלל-טוער גיבן אַכטונג אויף יעדן אָנהויב פון אַראַבישער אַרבעטער-אָרגאַניזירונג, און באַהערשן אים פון די ערשטע שריט.

ביז צוריק מיט ווייניקע יאָר איז די אַראַבישע באַוועגונג געווען בלויז אַ פּאָליטישע. אין די לעצטע 4—5 יאָר דרינגט מער און מער אַריין די איבערצייגונג, אַז דער כח פונם ציוניזם איז אין זיינע עקאָנאָמישע אויפטוען און אין דעם סיסטעם פון זיין אָרגאַניזאַציע: דער קרן-קימת, קרן-היסוד, די באַנקען און געזעלשאַפטן רופן אַרויס אַ שטרעבונג נאָכצומאַכן. די מיינונג, אַז די אַראַבער דאַרפן גיין אויפן וועג פון בלויז נעגאַטיוו-פּאַסיווער עקאָנאָמישער פּאָליטיק (באָיקאָט, קאַמף קעגן דער יידישער אינדוסטריע, קאַמף קעגן באָדן-פאַרקויפער), איז נישט די הערשנדיקע היינט ביי די אַראַבער. מ'האָט געמאַכט אַ פּרווו

נאָכצומאַכן דעם קרן־קימת אין פאָרם פון אַ „פאָלקס־קאַסע". ביז איצט האָט זיך דאָס נישט איינגעגעבן. דער צווייטער פרווו — אַראַבישע אויסשטעלונג — האָט זיך אויך נישט איינגעגעבן. לעצטנס ווערט געמאַכט דער פרווו צו גרינדן אַ באַנק און אַנדערע עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען.

די אָרגאַניזירטע אַראַבישע באַוועגונג אין לאַנד איז געאייניקט — נעגאַטיוו — אין איין פונקט: זי איז קעגן דעם, ס'זאָל זיך שאַפן אַ יידישע מערהייט אין לאַנד און אַ יידישע מדינה. מחוץ דעם פונקט — צעשיידט זי זיך אין די פלענער און מיטלען. די איסטיקלאַל־פאַרטיי שטויסט אָפּ דעם ענגלישן מאַנדאַט מיט דער „יידישער נאַציאָנאַלער היים" צוזאַמען. די נאַשאַשיבי־פאַרטיי נעמט אָן דעם מאַנדאַט און זוכט אַ פשרה מיט דער נאַציאָנאַלער־היים, דורך מאַכן דעם עמיר אבדאללה פאַר מלך איבער ביידע זייטן ירדן, דורך באַגרעניצן די עליה אָדער דורך אַן אַנדער וועג. די חאַלדי־פאַרטיי נעמט אָן דעם מאַנדאַט און זוכט אַ פשרה מיט די יידן דורך אַ קאַנטאָנען־סיסטעם. די דאָזיקע צעשפּליטערטקייט, וועלכע ווערט פאַרטיפט דורך פאַמיליען־און פערזענלעכע באַציונגען, דורך רעגירונגס־באַציונגען א. א. וו. — האָט געבראַכט צום בטל ווערן פון דער „אַראַבישער עקזעקוטיווע", וועלכע האָט עקזיסטירט 15 יאָר, אַלס רעפּרעזענטאַנץ פון דער אַראַבישער מוסלעמעניש־קריסטלעכער איינהייט. (די אראבער־קריסטן געפינען זיך אין אַ שווערן אינערלעכן קאָנפליקט: זיי האָבן מורא פאַר דער הערשאַפט פון אַ מוסלעמענישן רוב, ווייל אין טאָג־טעגלעכן לעבן האָבן זיך די ביידע געמיינדעס שרעקלעך פיינט. די מוסלעמענער פון זייער זייט זעען אין די קריסטן און אין זייערע קלויסטערס דעם שטיץ־פונקט פאַר דער קריסטלעך־אימפעריאַליסטישער באַהערשונג פון דער מוסלעמענישער וועלט. די קריסטן, אויפן סמך פון ביטערער דערפאַרונג, האָבן מורא, טאָמער וועלן זיי בלייבן סוף־כל־סוף פנים אל פנים מיט דער הערשאַפט פון אַ פאַנאַטישער מוסלעמענישער הערשאַפט, און דעריבער ווייזן זיי ארויס קעגן אויסן אַראַבישן נאַציאָנאַלן פאַטריאָטיזם. און די מוסלע־

מענער, אנערקענענדיק זייער שוואַכקייט, שטרעבן קעגן אויסן צו אַ בונד מיט די קריסטן, כדי בטל צו מאַכן זייער פחד און כדי געהאָלפן צו ווערן צוליב זיי דורך דער קריסטלעכער וועלט. אָט דערפאַר איז דערווייל געאייניקט דער אראבישער מוסלעמעניש-קריסטלעכער פראָנט.

די מופטי-פאַרטיי, וועלכע טענהט, אַז זי האָט די מערהייט אין לאַנד, האַלט, אַז די אַראַבישע פאַרטייען זענען אויף אַזויפיל צעשפליטערט, אַז עס איז גאָרנישט מעגלעך קיין האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט צווישן זיי. אָבער די שטאַרקונג פונם ציוניזם און דער פחד פאַר זיין שנעלער און פולער פאַרווירקלעכונג האָבן ווידער, אין פאָריקן יאָר, דערוועקט די טענדענץ צו דערגרייכן אַ מינימאַלע פאַראייניקונג אין פאָרם פון „קאָאַליציע" (די איסטיקלאַל-פארטיי האָט זיך נישט באטייליקט). אָבער אויך די קאָאליציע איז זיך צעפאלן צוליב די חלוקי-דעות וועגן דעם לעגיסלאטיוו-ראט. די געשעענישן פון אפריל 1936 האָבן געצוואונגען אלע אראבישע פירער ווידער זיך צו פאראייניקן אין פאָרם פון „אראבישן אויבער-קאָמיטעט".

אַ געמיינזאַמע לאָזונג פון דער גאַנצער אַראַבישער באַוועגונג איז: קאַמף קעגן אימפעריאַליזם. אָבער — צי איז די אַראַבישע באַוועגונג אַליין ריין פון דער דאָזיקער צרה, אַפילו איצט, ווען זי איז נאָך נישט געוואָרן קיין ממשותדיקער כח אין פּאָליטישן לעבן פון דער וועלט? די דאָזיקע באַוועגונג שעפּט אַספּיראַציע פון איר היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט. די דאָזיקע פאַרגאַנגענהייט איז איר מוסטער, צו וועלכן זי בענקט. און וואָס איז געווען די אַראַביש-מוסלעמענישע מדינה אין איר פּראַכטפולן עבר, אויב נישט קיין אימפעריאַליסטישע מדינה? דער אימפעריאַליזם איז שלעכט, ווען ער איז אַן ענגלישער אָדער אַ פראַנצויזישער, אָבער ער איז כשר וישר, אויב ער איז (געווען און וועט זיין) אַראַביש! און מיר דאַרפן נישט קוקן צו דער פאַרגאַנגענהייט. לאָמיר זיך צוקוקן, ווי אַזוי שפּראָצט אַרויס דער אַראַבישער אימפעריאַליזם שוין אין אונזער דור,

אין סאַמע קאַמף פון די אַראַבער פאַר זייער זעלבסטשטענ־דיקייט.

איראַק (מעסאָפּאָטאַמיע) פאַרמאָגט 3 מיליאָן איינוווינער אויף אַ שטח, וואָס איז גלייך צו דעם פון פּוילן (150 טויזנט קוואַדראַט מייל), וועלכע פאַרמאָגט 32 מיליאָן איינוווינער; און כמעט ווי דייטשלאַנד (182 טויזנט קוו. מייל) מיט אירע 66 מיל־יאָן מענטשן. און דאָס דאָזיקע איראַק איז נישט איין נאַציאָנאַ־לער געביט, נאָר איז צוזאַמענגעזעצט פון פאַרשידענע שטחים און לענדער. אין צפון איראַק וווינט אַ קאָמפּאַקטע מינדערהייט פון קורדן — אַ באַזונדערע ראַסע, באַזונדערע שפּראַך און גע־שיכטע. די דאָזיקע מינדערהייט קעמפט פאַר איר זעלבסטשטענ־דיקייט, אָבער זי איז געצווונגען מיט דער שווערד און מיט פּאָליטישע אימפּעריאַליסטישע איראַק־ענגלישע קאָמבינאַציעס צו זיין אונטערגעוואָרפן דעם אַראַבישן איראַק. אין צפון־סיריע (אַלעקסאַנדריעטער געגנט) עקזיסטירט אַ קאָמפּאַקטער טערקישער ישוב, וועלכער איז געצווונגען צו זיין אָפּגעריסן פון זיין שכנות־דיקן היימלאַנד צוליב די חשבונות פון סיריש־פראַנצויזישן אימ־פּעריאַליזם. אַלע ווייסן אויך וועגן די כוונות פון סיריע אין באַצוג צום לבנון, וועלכער האָט אַן אָפּגעזונדערטע פון סיריע טראַדיציע פון הונדערטער יאָרן, און וואָס דער גרונט־חלק פון זיינע איינוווינער, די מאַראָניטן האַלטן זיך פאַר אַ באַזונדע־רער, נישט אַראַבישער ראַסע. און וואָס זעען מיר אין עגיפּטן־סודאַן? סודאַן איז אַן עגיפּטישע טעריטאָריע בלויז צוליב דער מיליטערישער דעראָבערונג. אויף וויפיל ס׳האָט זיך אין סודאַן דערוועקט אַן אייגענע באַוועגונג (אין סוף פון 19־טן יאָרהונדערט)— האָבן זיי ארויסגעטריבן די עגיפּטיש־ענגלישע שותפים צוזאַמען. דאָס הייסט: דאָ איז בלויז אַ קאָנקורענץ צווישן צוויי אימפּער־יאַליסטישע שטרעבונגען. דאָס, וואָס די עגיפּטיאַנער טענהן, אַז זיי וועלן אין צענטליקער יאָר אַרום דאַרפן האָבן סודאַן פאַר זייער עקספּאַנסיע און מענטשן־איבערפלוס—איז נישט קיין טענה, ווייל יעדער אימפּעריאַליזם איז געבויט אויף דעם זאָרגן פאַר מאָרגן, אויף דער נויט אין עקספּאַנסיע א.א.וו. די טענות פון

סיריע אויפן ביירוטער פּאָרט, און פון איראַק — אויף מאָסולער געגנט זענען נישט קיין אַנדערע, ווי די טענות צווישן ענגלאַנד און עגיפּטן, איטאַליע און אַביסיניע א.א.וו. אין די אַלע פאַלן איז דאָ געוויסע געגנט-אינטערעסן אין אימפּעריאַליזם. און די יונגע אַראַבישע באַוועגונג פאַרמאָגט נישט נאָר אימפּעריאַליזם פון מדינות, נאָר אויך אימפּעריאַליזם פון דינאַסטיעס. די הו-סיינישע, סאַאודישע און תימנישע דינאַסטיעס האָבן נישט איינמאָל געקעמפט קעגן אַראַבישע לענדער, כדי צו דעראָבערן די הערשאַפט איבער זיי.

ס'איז אַ פאַקט, אַז דער פּאָליטישער אידעאַל פון דער היינטיקער אַראַבישער באַוועגונג, בפרט פון דער אַראַ-בישער יוגנט, איז דער פּאָליטישער אידעאַל פונם נאַציזם און פאַשיזם. אין דעם גייסט ווערט דערצויגן פּאָליטיש דער גאַנצער אַראַבישער דור. היטלער ווערט פאַרגעטערט אין דער אַראַבישער וועלט; מוסאָליני — נישט, ווייל ער הערשט אויך איבער מוסלעמענער, אָבער פון זיין תורה האַלט מען. דער דרוזישער עמיר, שקיב ארסלאַן, איינער פון די בולטע פּערזענלעכקייטן אין דער אַראַבישער באַוועגונג, באַמיט זיך אין דער לעצטער צייט איבערצובעטן די אַראַביש-מוסלעמענישע וועלט מיט מוסאָלינין און דערנענטערן די אַראַבער צו די אימפּעריאַליסטישע פּלענער פון דעם איטאַ-ליענישן דיקטאַטאָר.

אַ גרויסע מעלה האָבן די אייראָפּעישע נאַציאָנאַלע באַ-וועגונגען — וואָס זיי זענען אַרויסגעוואַקסן פון סאָציאַלע ראַנגלענישן, אידעאיש און פאַקטיש. ס'איז שווער פונאַנדער-צוטיילן צווישן דעם סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן קאַמף אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און אין די ענדערונגען, וועלכע זי האָט אַרויסגערופן אין אייראָפּע. אין רוב פאַלן איז די פאָן פון נאַציאָנאַלער באַפרייונג געטראָגן געוואָרן אין די הענט פון פאָלקס-פּאַרטייען, בשעת די העכערע קלאַסן זענען געווען אין סך פאַלן שותפים מיט די פרעמדע אונטערדריקער. מיט דער ווייטערדיקער ענטוויקלונג (אין 20-טן יאָרהונדערט) האָבן

סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צוגעטרעטן צו דער באַוועגונג פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג.

דער סאָציאַלער מאָמענט פעלט עד היום כמעט אינגאַנצן אין דער אַראַבישער באַוועגונג. דער אָריענט איז אונטערדריקט, אַלע שיכטן האָבן געליטן פון פּאָליטישער אונטערדריקונג, אָבער אין מזרח, ווי אין מערב, זענען פאַראַן קלאַסן, און די העכערע קלאַסן האָבן נישט געוווסט און וויסן נישט פון קיין עקאָנאָמישער אונטערדריקונג. דער אונטערשייד צווישן מזרח און מערב באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס אין מזרח האָט ביז דער וועלט-מלחמה געהערשט אַזאַ דעספּאָטיזם פאַר דעם פרייען געדאַנק און די אָרעמע און אַרבעטנדיקע שיכטן זענען געווען אַזוי פאַרשקלאַפט אונטער דער טערקיש-אַראַבישער שותפות פון די עפענדיס — אַז יעדער מענטשלעכער פּראָטעסט-געפיל איז דערשטיקט געוואָרן. דער אַראַבישער מזרח האָט נישט געוווסט אין די לעצטע דורות — נישט ווי אייראָפּע — פון סאָציאַלע נביאים, שרייבער און דיכטער, וועלכע שילדערן דאָס ליידן פון די עקספּלאָאַטירטע מאַסן, און נישט פון כלל — טוער מיט א פילנדן הארץ פאַר דעם מענטשלעכן ליידן אַלס מענטש, און אַז דער אַראַבישער געדאַנק איז באַפרייט געוואָרן דורכן מערבדיקן אימפּעריאַליזם נאָך דער מלחמה — האָט די אַראַבישע באַוועגונג זיך באַלד דורכגעדרונגען מיטן טאָטאַלי-טעט־געדאַנק פון נאַציזם-פאַשיזם. מ׳האָט געשאַפן און דערצויגן די טעאָריע, אַז כל זמן ס׳הערשט דער פרעמדער, טאָר מען נישט דערוועקן קיין סאָציאַלע סכסוכים, ווייל אויף דעם קוקט אויס דער פרעמדער, כדי צו פאַרפעסטיקן זיין הערשאַפט. די מאַסן גייען נאָך דער אַראַבישער באַוועגונג, אָבער דאָ ווירקן בעיקר פאָלגנדיקע פאַקטאָרן: די שנאה פון יעדער מאַסע צום פרעמדן הערשער; רעליגיעזע העצע, ווייל די פרעמדע הערשער זענען — פון נאָך דער מלחמה — קריסטן; די פאַרצווייפלטע עקאָנאָמישע לאַגע, וועלכע פאַרוואַנדלט די אינטעליגענטן אין פּראָ-פעסיאָנעלע „פירער" און מאַכט פעיק די מאַסן צו גיין נאָך די פירער, וועלכע זאָגן צו „נאַציאָנאַלע גליקן", אַז מיטן פאַר-

טרייבן דעם פרעמדן ווען אוועק אלע צרות און א גן-עדן וועט אראפ אויף דער ערד.

דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער אַראַבישער באַוועגונג באַווייזט איר צוזאַמענשטעל. אומזיסט וועלן מיר זוכן אין די קאָמיטעטן און צענטרען פון דער באַוועגונג — א י ן א ל ע ל ע נ ד ע ר — אַ פעלאַך אָדער אַן אַרבעטער. און די אַראַבישע באַוועגונג איז דאָך באַזירט נישט אויף פאַרטייען מיט אַ סטאַבילער מיטגלידערשאַפט, אָפּצאָלן א. ד. גל. נאָר אויף פ א ר ט ײ ע ן פון קאָמיטעטן בלויז, מיט א מ א ס ע ק ל י ע נ ט ן א ו ן נ א כ ש ל ע פ ע ר.

די „דעמאָקראַטיע" איז דאָ בלויז פּאַטריאַרכאַליש. דער פירער, אָדער די פירער, באַראַטן זיך מיט די קאָמיטעטן. אפילו אין דעם מער פאָרגעשריטענעם מצרים מאַכט דער„וואַפד" נישט קיין וואַלן, נאָר גרויסע מיטינגען-מאַניפעסטאַציעס אָדער באַראַטונגען פון דער פּאַרלאַמענט פראַקציע. אין סיריע, ארץ-ישראל און איראַק עקזיסטירט אין די אַראַבישע פּאַרטייען בלויז אַ „פּאַטריאַרכאַלישע דעמאָקראַטיע": ס'פאַרזאַמלען זיך 60 „חשובע לייט" און זיי ב א ש ט י מ ע ן 10, 20, 30 פאָרשטייער, די הערשער און באַשטימער אין דער אַראַבער-באַוועגונג זענען בעיקר די מיוחסדיקע און רייכע משפחות, לאַנד-באַזיצער, אַדוואָקאַטן, רייכע סוחרים און דאָסגלייכן פון דער הויכער געזעלשאַפט. דער פאָליטישער דרייעק פון אייראָפּע — פירונג, אָרגאַניזירטע מאַסע און אומאָרגאַניזירטע מאַסע — פעלט גענצלעך אין דער אַראַבישער באַוועגונג.

דאָס נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטישע עגיפּטן זאָגט צו אַן אַרבעטס-געזעצגעבונג שוין 13 יאָר, און איז נישט מקיים. אין איראַק רודפט מען יעדע שפּראָצונג פון אַן אַרבעטער-באַוועגונג. אין סיריע איז נישטאָ כמעט קיין שום אַרבעטער-באַוועגונג. אין ארץ-ישראל עקזיסטירט אפילו יאָ אַן אָנהויב פון אַ באַוועגונג צווישן די אַראַבישע אַרבעטער. אין חיפה עקזיסטירט שוין עטלעכע יאָר אַן אַרבעטער-גרופּע, און גרופּן

ווערן געבוירן פון צייט צו צייט אין יפו און ירושלים. אָבער די גאנצע באוועגונג האָט נישט קיין אייגענעם פּאָליטישן ווערט. אין פּאָליטישן זין געהערן די דאָזיקע גרופּן צו דער גרויסער מאַסע פון נאָכשלעפּער. ס'איז נישטאָ קיין לאַנד-אָרגאַניזאַציע, און די אָרטיקע גרופּן באַשעפטיקן זיך מיט אויסבעסערן די אַרבעטס-באַדינגונגען, אויף וויפל זייערע פּאַטראָנען, וועלכע געהערן כמעט אַלע אָן אויסנאַם צום קלאַס פון עקספּלאָאַטאַטאָרן, דערלויבן דאָס. יעדער שאַרפער קאָנפליקט ווערט איבערגעגעבן צו אַ בוררות פון איינעם פון די פירער און די אַרבעטער פאַרשפּילן. בפרט היטן אָפּ די אַראַבישע פירער, אַז די אַרבעטער זאָלן זיך נישט פאַרבינדן מיט די יידישע אַרבעטער, וועלכע רופן אַרויס אַ גרויסע יוירונג ביי די אַראַבישע אַרבעטער. די פירער דערלאָזן נישט קיין שום הילף פון די יידישע אַרבעטער פאַר די אַראַבישע און אויב ס'איז געשען אַ פּאָר מאָל, אַז מיט דער הילף פון די יידן האָבן די אַראַבישע אַרבעטער דערגרייכט איניקע אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּראָפעסיאָנעלע נצחונות — זענען זיי בטל געוואָרן דורך דעם אונטערגראָבן מצד די פירער.

אַ באַזונדער ראָלע שפּילט די פּ.ק.פּ. (פּאַלעסט. קאָמוניסטישע פּאַרטיי) אין דער סאָציאַלער אויפוואַכונג פון די אַראַבישע אַרבעטנדיקע מאַסן, אַ ראָלע פון צווייפּנימדיקייט און אַבסאָלוטער צביעות. די דאָזיקע פּאַרטיי, וועלכע באַשטייט פון יידן און אַראַבער, העלפט מיט אַלע כחות דער עקסטרעמסטער נאַציאָנאַל-שאָוויניסטישער אַגיטאַציע פון די פירער-עפענדיס. די יידישע אַרבעטער-קאָלאָניזאַציע — וואָס ס'איז נאָך נישט געווען איר גלייכן, אַלס זויבער און דערהויבן ווערק אין דער געשיכטע פון מענטשלעכע גערעכטיקייט-אויפטוען אין דער וועלט, ווערט פאַרגעשטעלט דורך דער פּ.ק.פּ. צווישן די אַראַבישע אַרבעטער, אַלס אַ ווערק פון רויב און גזלה. און די פירער פון פּ.ק.פּ. רופן — פונקט ווי די עקספּלאָאַטאַטאָרישע פירער פון דער אַראַבישער באַוועגונג — די אַראַבישע מאַסע צום ב ל ו ט י ק ן קאַמף קעגן דער יידישער אַרבעטער-

הסתדרות. די אראבישע נאציאָנאַלע באַוועגונג ווערט געהאָלפן דורך דער פּ.ק.פּ. דער סאָציאַליסטישער אָדער קאָמוניסטישער מאָמענט איז בטל ומבוטל. א ביישפּיל — די איסטיקלאַלישע פּארטיי אין ארץ־ישראל, וועלכע האָט אַ לינקן פליגל, נאָענט צו פּ.ק.פּ. (מיט האמדי אל־חוסייני אין דער שפּיץ). דער דאָזיקער פליגל איז א מינדערהייט אין דער פּארטיי און שלעפּט זיך נאָך נאָך דעם עקסטרעם־שאָוויניסטישן רוב.

די אראבישע באוועגונג איז אָפּהענגיק, לויט איר פערזענלעכן צוזאמענשטעל און אירע געלט־מיטלען, פון דעם עקספּלאָטאציע־קלאַס. אמת, די באוועגונג איז נישט קארג אויף לאָזונגען, ווי פאַרבעסערן די לאַגע פון די פעלאַכן און ארבעטער. אָבער אין דער ווירקלעכקייט טוט מען גאָרנישט כדי אויסצובעסערן די לאַגע. דאָס איינציקע אָרט, וו ס'איז אביסל בעסער געוואָרן די לאַגע פון די אראַבישע ארבעטער און פון אַ טייל פעלאַכן — איז ארץ־ישראל, אדאנק דעם פּראָגרעס פונם לאַנד דורך דעם ציוניזם בכלל און דורך דער יידישער ארבעטערשאַפט בפרט. און דער דאָזיקער פּראָגרעס איז נישט צום הארצן פון די אראַבישע פירער, וועלכע דריקן אויס ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן זייער פּחד פאַרן ציוניזם, אלס אַ מוסטער פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אין לאַנד. די אראַבישע באַוועגונג פאָדערט פון דער רעגירונג — קעגן דעם ווילן פון די ארבעטנדיקע אראַבישע מאסן — צו דערלויבן די חורנער און סודאנער אראַבער אריינקומען אין לאַנד, כדי אראָפּצודריקן דעם ארבעטסערייז פון דעם אראַבישן ארבעטער, וועלכער איז גענוג נידריק אויך אָן דעם.

אויך פון קולטורעלן שטאַנדפּונקט שטייט די איירָאָפּעישע נאציאָנאַלע באוועגונג העכער פון דער נאַצ. באַוועגונג אין אראבישן מזרח. צום אומגליק פון דער אראבישער באַוועגונג זענען איר נישט פאַרויסגעגאַנגען און ס'האָבן איר נישט באַגלייט קיין שום נייע קולטור־שטראָמען, ווי דאָס איז געווען אין איירָאָפּע. די נאציאָנאַלע דערוואכונג פון די אראַבער איז

געווען בלויז אַ פּאָליטישע, אין אַן אַטמאָספער פון אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע אינטריגעס, און נישט אין אַן אַטמאָספער פון קולטורעלע שטרעמונגען. די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג איז דאָ נישט געווען קיין פּראָצעס פון יסודותדיקע מענטשלעכע יוירונגען — אין געזעלשאַפט און קולטור — נאָר אַן איבערגענומענער פּראָצעס פון פרעמדע, אָנגעקלעפּט דורך אַגענטן אָדער דורך פּאָליטישע געשעענישן

נאַפּאָלעאָן און זיינע מענטשן האָבן געבראַכט דעם אַראַבישן מזרח דעם געדאַנק פון גלייכהייט, ווי ער איז באַשטימט געוואָרן דורך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. און פון דעמאָלט אָן איז דער געדאַנק נישט אָנגענומען געוואָרן דורך די אַראַבער. והראיה: די באַציונג צו דער פרוי. וואָס פאַר א גלייכהייט, אויב די פרוי ווערט נאָך אַלץ געהאַלטן אויף דער נידריקסטער סאָציאַל-געזעלשאַפטלעכער שטופע? וואָס פאר א גלייכהייט, אויב די קלאַסן-אונטערשיידן שטעקן נאָך, אפילו גייסטיק, אין דער פּאַטריאַרכאליש-פעאָדאַלישער אידעאָלאָגיע? דער געדאנק פון גלייכהייט איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן נאָר אויפן כלל: דאָס פאָלק, אלס גאַנצעס, מוז זיין גלייך צום אנדערן פאָלק, אָבער נישט די זין פונם פאָלק אינערהאלב אים.

ביזן היינטיקן טאָג פעלט אין די אראביש-מוסלעמענישע לענדער טאָלעראַנץ צו א פרייער מיינונג, צו קריטיק פון יעדן טראַדיציאָנעלן מוסלעמענישן ווערט. פרייע ליטעראַרישע שאַפונג איז פאַרבאָטן. דער מוסלעמענישער פאנאטיזם הערשט. און אָך און וויי צום שרייבער, וועלכער וועט וואַגן קריטיש אָנרירן עפּעס פון דער מוסלעמענישער טראַדיציע. דער חרם דראָט נישט נאָר בנוגע צו דער פארגאנגענהייט, נאָר אויך צו דעם קעגנווארט. פונקט ווי די מוסלעמענישע פאנאטיקער, אַזוי אויך היטן אָפּ די קריסטלעכע קלער-לייט, וואָס באטייליקן זיך אין דער אראבישער באוועגונג, די רעליגיעזע פארגליווערטע טראַדיציע, וועלכע דערשטיקט דאָס גייסטיקע לעבן.

נאָר איין מין קולטור בליט דאָ: די פּאָליטישע קולטור

און איר שריפטלעכער אויסדרוק — די טעגלעכע פרעסע, דאכט זיך, אז אין דער גאנצער וועלט איז נישטאָ אזא דיספראָפּאָרציע צווישן די טעגלעכע צייטונגען און דעם ניש־טיקן צאָל פון ביכער און גייסטיקע שאפונגען בכלל. און נאָך גרעסער איז די דיספּראָפּאָרציע צווישן די געדרוקטע ביכער און די געלעזענע.

די אראבישע באוועגונג איז אריינגעטאָן אין א געפער־לעכער אילוזיע, איבערשאצנדיק דעם ווערט פון אַבסטראַקטער פּאָליטישער פרייהייט. גרויסע מאסן רעדן זיך איין, אז בשעת מ׳וועט דערגרייכן די פּאָליטישע פרייהייט, וועלן פון זיך און אויפן בעסטן אופן געלעזט ווערן אַלע אָנגעווייטיקטע פראַגן.

בפרט זעט נישט די אראבישע באוועגונג די עקאָנאָ־מיש־פּאָליטישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אנ׳עיקרדיקן ווערט.

די אראַבישע באַוועגונג נעמט אַרום סיריען, איראַק, א״י און אראַביען (אין מצרים קעמפן צווישן זיך קעגנזעצלעכע טענדענצן אין באַצוג צו די אראַבישע לענדער, און ביז איצט זיגט די טענדענץ פון בלויז קולטורעלען שותפות, דאָס הייסט: קולטורעלער העגעמאָניע פון מצרים). א קאָלאָסאַלער שטח, פון א געוואַלדיקער געאָפּאָליטישער וויכטיקייט, און א געננוגנדיקער באַפעלקערונג צו באַוואַכן און באַארבעטן אזאַ שטח. כדי צו ענטוויקלען דעם דאָזיקן שטח, וועלכער איז צום גרעסטן טייל מדבר, און אין א גרויסער טייל פּאַרלאָזן און פאַרוואָרלאָזט, דאַרף מען האָבן אזעלכע מיטלען – מענטש־לעכע, פינאַנסיעלע, וויסנשאַפטלעכע און אָרגאַניזאַציאָנעלע — וואָס וועלן נישט קענען באַשאַפן ווערן דורך דער לאַנגזאַמער אייגענער ענטוויקלונג פון דער אראַבישער באַפעלקערונג, אפילו ווען מ׳וועט זיי געבן מאַקסימאַלע פּאָליטישע פרייהייט. דער אראַבישער שטח איז צו וויכטיק און טייער, כדי אַנדערע מדינות, הונגעריקע און דורשטיקע צו דעראָבערונגען, זאָלן לאָזן די אראבער א לאַנגע צייט זיך ענטוויקלען אויף אַזוי פיל, אז זיי זאָלן קענען מיטן אייגענעם כח באַשיצן און באַ־אָרבעטן זייער טעריטאָריע. און דאָס זענען נישט דווקא די

ווייטע מדינות, ענגלאַנד און פראַנקרייך. די דאָזיקע זענען דווקא נישט געפערלעך — ווייל זיי זענען ווייט און פאַר־העלטניסמעסיק זאַט (זיי דאַרפן נישט די דאָזיקע לענדער פאַר קאָלאָניזאַציע).

מער געפערלעך זענען די נאָענטע מדינות, ווי טערקיי, פּערסיען, איטאַליע. און הגם די פירער פון דער אראַבישער באַוועגונג פאַרשטייען, אַז זיי וועלן נישט קענען אָנ־האַלטן זייער זעלבסטשטענדיקייט אפילו א קורצע תקופה אָן דער הילף פון איינער פון די גרויסע אימפּעריעס, און הגם זיי ווייסן, אַז זיי האָבן נישט קיין אייגענעם כח עקאָנאָמיש צו דערהאַלטן דעם דאָזיקן קאָלאָסאַלן שטח און אים אַנטוויקלען — דאָך פירן זיי א פּאָליטיק פון מאַקסימאַליסטישן גרענעץ־פאַר־כאַפּן אָן א שום עקאָנאָמיש־פּאָליטישן חשבון. די דאָזיקע פּאָליטיק, וועלכע ווערט געשטיצט דורך די אימפּעריאַליסטישע מערב־מדינות, גיט איבער שוין פון איצט אָן די צוקונפט פון דער אראַבישער באַוועגונג אין די פרעמדע אימפּעריאַליס־טישע הענט. און דאָס מיינט נישט נאָר די פּאָליטישע, נאָר נאָר אויך די עקאָנאָמישע צוקונפט, ווייל דער פרעמדער אימ־פּעריאַליזם וועט נישט דערלאָזן די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון די אַראַבישע לענדער, אויב דאָס וועט אים נישט לוינען. און מ'דאַרף נישט קיין בעסערן ביישפּיל צו דעם פון דעם עבר־הירדן, וועלכער גייט ממש אויס אין עקאָנאָמישן זין. זיינע פירער ווייסן, וווּ די לעזונג איז — דער ציוניזם און ווילן אים באַטייליקן אין אַנטוויקלונג פונם לאַנד, אָבער דער ענגלישער אימפּעריאַליזם דאַרף ביז איצט האַלטן דאָס דאָזיקע לאַנד אין וויסטעניש — בלייבט עס וויסט!

די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך פון ערשטן מאָמענט אָן באַצויגן מיט פולער סימפּאַטיע צו דער אַראַבישער נאַציאָ־נאַלער באַוועגונג. זי האָט אין איר געזען א שוועסטער־באַ־וועגונג. דער היפּך פון דעם איז די באַציונג פון דער אראַ־בישער באַוועגונג צו דער אויפלעבונג פונם יידישן פאָלק. מיט

נישט־פֿאַרגינען, מיט שנאה און קנאה, מיט אונטערגראָבן און מלשינות — האָט זי באַגעגנט אונזער באַוועגונג פֿאַר דער מלחמה, בשעת די אַראַבער זענען געווען פֿאַרשקלאַפֿט ביי די טערקן; און מיט פּראָטעסטן, בלבולים, דעמאָנסטראַציעס און באַרבאַרישע פּאָגראָמען — פֿון נאָך דער מלחמה ביז איצט. די אַראַבישע באַוועגונג אַנערקענט נישט קיין שום רעכט פֿון די יידן זיך אומקערן קיין א״י, און זי באַנוצט זיך מיט אַלע אוממענטשלעכע מיטלען, כדי צו צעשטערן די ציוניסטישע באַוועגונג. פֿאַרבינדונגען מיט קאָמוניסטן, נאַציס, פֿאַשיסטן, און מיט יעדן שטן — אַלע זענען געווונטשן. אַלע נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישע און סאָציאַל־רעאַקציאָנערע עלעמענטן זענען מאָביליזירט צום קאַמף קעגן ציוניזם, נישט וועלנדיק צוהערן זיך צו קיין שום דערקלערונג פֿון פֿאַקטן, שלום־פֿאָרשלאָגן און וויי־געשרייען פֿונם יידישן פֿאָלק, וואָס בלוטיקט אין די גלות־לענדער. די אַראַבישע באַוועגונג, וועלכע איז געווינלעך אַ פּראָטעסט קעגן ברוטאַלן כח, וואָס באַהערשט דעם שוואַכן, אַ פּראָטעסט קעגן דער אָקופּאַציע־תאווה — די דאָזיקע באַוועגונג באַווייזט קעגן דעם ציוניזם אַ קולאַק און אַ טעריטאָריען־תאווה אָן אַ שיעור, ווי איינע פֿון די ערגסטע אימפּעריאַליסטישע מדינות. די א״י־אַראַבער טענהן מיט רעכט, אַז זיי זענען אַ טייל פֿונם גרויסן אַראַבישן פֿאָלק, און גלייכצייטיק ווילן זיי נישט הערן, אַז מען לענדער, שטעלט זיי די פֿראַגע:

היתכן, אַז די וועלט זאָל אייך, די אַראַבער, אָפּגעבן טעריטאָריעס אָן אַ סוף (די אַראַבער האָבן זיך באַפֿרייט פֿון די טערקן נישט מיטן אייגענעם כח, נאָר מיטן כח פֿון ענגלאַנד און פֿראַנקרייך), וואָס איר וועט זיי נישט אויספֿילן מיט באַפֿעלקערונג אין משך פֿון הונדערטער יאָרן, און דעם יידישן פֿאָלק, וואָס איז גרעסער פֿון אייך און וואָס ס׳איז גאָרנישט צו פֿאַרגלייכן אייערע יסורים ומאנגל אין פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט פֿון די

א״ידיקע אַראַבער) מיט זיינע יסורים (מאַנגל אין לופט צו אָטעמען ממש אין דער גאַנצער וועלט!) דעם יידישן פאָלק זאָל מען נישט געבן אפילו קיין רעכט זיך צו קאָלאָניזירן אויפן שטח פון א״י, זיין היסטאָריש לאַנד, וואָס פאַרנעמט בלויז אַ דריי פּראָצענט*) פון דער גאַנצער אַראַבישער טעריטאָריע?

די עקאָנאָמישע און בירגערלעכע רעכט פון די אַראַבער אין א״י זענען געזיכערט. פון זינט די אַראַבער זענען געקומען קיין א״י האָבן זיי נישט געהאַט אַזאַ נאַטירלעכן צוווּקס, אַזעלכע סאַניטאַרע באַדינגונגען, אַזעלכע בילדונגס-מיטלען, אַזעלכע מקורות פון פּרנסה און רייכקייט און באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע גיטער, ווי אין דער תקופה פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע, דאָס הייסט — זינט ס׳האַט זיך אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן דער ציוניזם אין ברייטן מאַסשטאַב. און נישט נאָר אין פאַרגלייך מיט דער פאַרגאַנגענהייט: די אַראַבישע באַפעלקערונג פון א״י פון דעם טייל, אויף וועלכן ס׳איז חל די פּאָליטיק פון דער „נאַציאָנאַלער היים", — איז אין פאַרגלייך דער רייכסטער, דער גרעסטער און ענטוויקלסטער אַראַבישער ישוב פון אַלע אַראַבישע ישובים אין זייערע לענדער. דאָס איז דאָס איינציקע לאַנד, וואָס אַראַבער פון אַנדערע לענדער שטראָמען אַהינצו צו זוכן פּרנסה. און ווען די אַראַבער וואָלטן וועלן שלום און הסכם מיטן ציוניזם, וואָלטן זיי דערגרייכט געוויס — בשותפות מיט די יידן — אויך פּאָליטישע רעגירונגס-רעכט. דער ציוניזם פאָדערט פון די אַראַבער בלויז איין און איינציקע זאַך: מוותר זיין אויף זייער פּאָליטישער העגעמאָניע אויף דאָס לאַנד, אַ העגעמאָניע, וועלכע זיי וואָלטן נישט באַקומען אויך אָן דער יידישער נאַציאָנאַלער היים, פּונקט אַזוי ווי זי ווערט נישט געגעבן די יידן מיט דער נאַציאָנאַלער היים, ווייל דאָס איז אַ לאַנד פון ענגלישער אָקופּאַציע פּאַר אַ מיליטערישער

*) שוין אײַנאײַנעם מיטן עבר-הירדן.

פארבינדונגס־באזע פון דער אימפעריע.

בשעת די אראבישע באוועגונג איז געגצלעך איבערגעגעבן אין די הענט פון דעם פרעמדן אימפעריאליזם, וועלכער וויל ארויסנעמען אלע זיינע רוחים פון מזרח קיין מערב — שטרעבט דער ציוניזם צוציען פונם מערב צום מזרח, אינוועסטירן און איינוואָרצלען דאָ פון די בעסטע בויענדיקע מערב־כוחות: מענטשן־פיאָנערשאפט, געלט־רייכטום, וויסנשאפטלעכע דערגרייכונגען פון די נייסטע, א גרויסע גייסט־קולטור. די צוקונפט און דער דערפאָלג פון די יידן אין ארץ־ישראל זענען ענג פארבונדן מיט א רויקער גליקלעכער און פראָגרעסירנדער סביבה. דאָס איז די בעסטע גאראנטיע פאָר די ציוניסטישע כוונות אין באצוג צו די אראבער — אין ארץ־ישראל און אין די נאָנטע אראבישע לענדער. דער ציוניזם פאָדערט בלויז די טיילן פונם לאנד, וועלכע זיינען וויסט, נישט באארבעט גענוג, און נישט גענוג באפעלקערט. די דאָזיקע טיילן וויל ער מאכן בליען און באפרוכפערן, כדי געזונט צו מאכן דאָס גאנצע לאנד, און דערלאנגען די האנט דער אויפלעבונג פון דעם גאנצן אראבישן אָריענט. און אָנשטאָט אָננעמען די אויסגעשטרעקטע האנט, דערקלערט די אראבישע באוועגונג קריג דעם ציוניזם, שימפט אים אלס אימפעריאליסטישע באוועגונג, און גלייכצייטיק זוכט זי דעם בונד מיטן מערבדיקן אימפעריאליזם, צוליב דעם געפיל פון אָנמאכט צו דערגרייכן מיט אייגענע כוחות דעם ציל: די אמתדיקע אראבישע אויפלעבונג. די תאוה צו באהערשן די מאקסימאלסטע טעריטאָריע, די תאוה צו די ברייטסטע גרעניצן — פילט אויס די הערצער פון די אראבישע פירער. ווייל דער גייסט פון דער אראבישער באוועגונג איז פארגיפטעט מיט די אידעען פון דעם נאציסטיש־פאשיסטישן נאציאָנאליזם, פון דעם עגאָאיסטישן נאציאָנאליזם, וואָס די גרענעץ פאר אים איז בלויז — דער פיזישער כח פון דעם קעגנער. דאָס איז דער גייסט, וועלכער באהערשט איצט א סך יונגע און נייע מדינות און וועלכער שטויסט די וועלט צו שרעקלעכע אומגליקן.

ד. בן-גוריון

אונזער שליחות

דער ערשטער שריט צו אַ פאַרשטענדיקונג צווישן אונז און די אַראַבער איז זאָגן דעם אַראַבישן פאָלק דעם אמת: עס איז פאַראַן אַ יידיש פאָלק פון 17 מיליאָן מענטשן, וואָס אין אינטערעס פון זיין מענטשלעכער ווירדע און נאַציאָנאַלער קולטור, געצוווּנגען פון לעבנס-נויטן פון זיינע מאַסן, געטריבן פון זעלבסטדערהאַלטונגס-אינסטינקט און היסטאָרישער ליידנשאַפט, וויל עס און מוז קאָנצענטרירן דעם מאַקסימום פון זיינע קינדער אין ארץ-ישראל, כּדי צו ווערן אַן אומאָפּהענגיק פאָלק. דאָס קאָן זיין אַן אומאָנגענעמער, נישט זייער סימפּאַטישער פאַקט פאַר די אַראַבער, וואָס ווילן נאַטירלעך אויפהאַלטן דעם סטאַטוס קוואָ פון א״י, וואָס טראָגט אַזאַ אויסגעשפּראָכענעם אַראַבישן כאַראַקטער. ווי אומבאַדייטנד דאָס קליינע א״י זאָל נישט זיין פאַר דעם אַראַבישן פאָלק, וואָס האָט גרויסע און זייער דין באַוווינטע לענדערייען אַרום א״י, אַוווּ דאָס אַראַבישע פאָלק און די אַראַבישע קולטור קאָן פריי און אומגעשטערט זיך פאַרברייטערן און אַנטוויקלען זיך — איז נאַטירלעך, אַז די אַראַבער אין א״י זאָלן קרום קוקן אויף די וויטגייענדע ענדערונגען, — קולטורעלע, ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע, וואָס קומען פאָר אין א״י אַ דאַנק דער יידישער צוריקוואַנדערונג. אָבער הינטער דער צוריקוואַנדערונג שטייט די לעבנס-נויט און דער לעבנס-ווילן פון אַ פיל מיליאָניק פאָלק, שטייט אַ מאַכטפולער, נויטווענדיקער אייזערנער פאַקט.

און נאָר אויף דעם באָדן פון אַנערקענונג פון דעם פאַקט קאָן מען קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג — פון אַנערקענונג פון דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט, הינטער וועלכער עס שטייט אַ פאָלק פון 17 מיליאָן מענטשן מיט אַ מאַרטיראָלאָגיע פון 2.000 יאָר, אַ פאָלק מיט אַן אייזערנער עקשנות, וואָס קאָן זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם, וואָס באַדינגט זיין היסטאָרישן גורל.

און פון דער אַנדערער זייט מוז זיין די אַנערקענונג פון אַ צווייטער היסטאָרישער טאַטזאַך — מעג עס זיין פאַר אונז זייער אומאָנגענעם, — אַז אין א״י לעבן שוין פון הונדערטער יאָרן אַראַבישע מאַסן, וועמענס עלטערן און אור-עלטערן זענען דאָרט געבוירן און געשטאָרבן און פאַר וועלכע א״י איז זייער לאַנד, וווּ זיי ווילן און וועלן ווייטער לעבן. מיר, יידן, מוזן אַנערקענען דעם פאַקט און אים אָננעמען באהבה און ציען פון אים אַלע נויטיקע שלוסן. דאָס איז די ערשטע באַדינגונג פאַר אַן אמתער פאַרשטענדיקונג, אַ פעלקער־פאַרשטענדיקונג צווישן יידן און אַראַבער. אַזאַ פאַרשטענדיקונג, מעגן מיר עס וועלן אַזוי ליידנשאַפטלעך ווי נאָר מעגלעך, וועט נישט קומען היינט אָדער מאָרגן, און וועט זיכער נישט קומען צוערשט פון די אַראַבער. דאָס, וואָס פאַר אונז איז כמעט זעלבסטפאַרשטענד-לעכקייט, דער באַוווסטזיין, אַז עס איז אַן אייזערנע נויט פאַרן יידישן פאָלק צו האָבן זיין אייגן לאַנד און אַז דאָס יידישע פאָלק באַזיצט דעם כּוח די נויט צו באַפרידיקן — דאָס, זאָג איך, איז נאָך נישט אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער פאַקט פאַר די אַראַבער. פאַר זיי איז נאָר דאָ אַ פאַקט פון 170 טויזנט יידן אין א״י, *) און עס זענען פאַראַן אַראַבער, וואָס גלויבן, אַז אַפילו דער פאַקט איז נישט קיין מוז, ווייל מ׳קאָן אַזאַ פאַקט אויסמעקן און פטור ווערן פון יידן אין ארץ־ישראל, פונקט ווי פאַר אונזערע צייטן איז מען פטור געוואָרן פון מינדערהייטן פיל גרעסערע און שטאַרקערע ווי מיר: פאַר אונזער צייט האָט מען אויסגעשאָכטן איבער אַ מיליאָן אַרמענער, מען האָט אַרויס-

*) דאַן, אין 1930 יאָ־ ; היינט העכער 400 טויזנט

געריסן מיליאָנען טערקן פון טראַקיע און מאַקעדאָניע, און מיליאָנען גריכן פון אַנאַטאָליע. יאָ, עס איז אויך דענקבאַר ביי געוויסע אַראַבער אַזאַ טראַגישע לייזונג פון דער „יידן-פראַגע" אין א"י... אַנדערע אַראַבישע גרופן האָבן גאָרנישט קעגן די יידן, וואָס זענען שוין אין א"י. אָבער זיי ווילן, אַז זיי זאָלן ווערן די שוץ-יידן פון די אַראַבישע באַלעבאַטים פון לאַנדי פונקט ווי די 30 טויזנט תימנער יידן זענען די שוץ-יידן פון תימנער הערשער.

און מיר דאַרפן זיך נישט מאַכן קיין אילוזיע, אַז די שטעלונג פון די אַראַבער וועט זיך שנעל און ראַדיקאַל ענדערן. נאָר דורך אונזער וווּקס וועט דאָס אַראַבישע פאָלק לערנען צו באַציִען זיך מיט אַ טיפער פאַרשטענדעניש צו אונזער זאַך, און פאַרשטיין, אַז זיי האָבן צו טאָן נישט נאָר מיט יידן פון א"י — נאָר מיט דעם יידישן פאָלק אַלס אַ גאַנצעס. דאָס איז אַ פראַגע פון צייט.

אין דער פראַגע פון יידיש-אַראַבישע באַציאונגען ליגט. אַ באַזונדערע שליחות אויפן יידישן אַרבעטער, אַלס דעם טרעגער פון דער אידעע פון פולשטענדיקער דערלייזונג פון פאָלק אין ברייטעסטן פאַרנעם, אַלס יענעם היסטאָרישן כוח, וועלכער איז נישט באַגרענעצט בלויז מיט דער היינטיקער ווירקלעכקייט, נאָר פאַרשטייט און פילט די דינאַמישע כוחות, וואָס גרייטן צו דעם מאָרגן, אַלס דעם געזעלשאַפטלעכן פאַקטאָר, וועמענס טעטיקייט איז דורכגעדרונגען מיט אַ טיפער אַלמענטשלעכער עטיק, און וועמענס נאַציאָנאַלער געפיל און באַוווסטזיין פאַרפרעמדט אים נישט, נאָר פאַרבינדעט אים טיפער מיט אַנדערע פעלקער און דינט אַלס יסוד צו צווישנפעלקערלעכער סאָלידאַריטעט; און ענדלעך, אַלס דעם אַוואַנגאַרד און פאָרקעמפער, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אוממיטלבאַר פאַר די אומגעהויערע שוועריקייטן און סכנות, וואָס דאָס אַראַבישע פראָבלעם שטעלט פאַר אונז אין א"י, וועלכער האָט מיט דעם לעבן פון זיינע בעסטע חברים באַצאָלט אין דער זעלבסטפאַרטיידיקונג קעגן די טראַגיש-אומפאַרמיידלעכע אָנפאַלן פון די פרימיטיווע

שכנים, דערצויגענע אין גייסט פון מדבר-און שבטים-מלחמות. עס איז די היסטאָרישע שליחות פון יידישן אַרבעטער צו ווערן דער טרעגער פון דעם פאַרשטענדיקונגס-געדאַנק און פאַרשטענדיקונגס-פּאָליטיק צווישן דעם יידישן און אַראַבישן פאָלק.

דער יידישער אַרבעטער זאָל ברענגען דעם געדאַנק, אַז מיר, וואָס ווילן באַשטימען דעם צוקונפטיקן גורל פון ארץ-ישראל -- מוזן אויך פאַראַנטוואָרטלעך זיין פאַר דעם גורל פון די אַלע, וואָס לעבן אין לאַנד.

מיר דאַרפן פאַרשטיין די נויטן און שטרעבונגען פון אַראַבישן פאָלק און מיטהעלפן מיטן מאַקסימום פון אונזערע מעגלעכקייטן צו זיין אויפשטייג און באַנייאונג, ווייל ער איז אַ טייל פון לאַנד און איז פאַרבונדן מיט דעם גרויסן הינטערלאַנד, מיט וועלכן מיר וועלן מוזן לעבן אין פרידן פּאָליטיש און זיין ענג פאַרקניפּט ווירטשאַפטלעך.

פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם הייסט איבערפירן דעם שווערפונקט פון דער יידישער געשיכטע צוריק קיין א"י. דאָס הייסט פאַרבינדן צוריק אונזער שיקזאַל מיטן גורל פון פאדער-אַזיע און אירע איינוווינער. און צו דעם גרויסן אומקער, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ ווייטגייענדער אומוואַנדלונג אין אונזער אינטערנאַציאָנאַלער שטעלונג און אונזער פעלקער-סביבה — מוזן מיר זיך פאַרבערייטן גייסטיק. ווענדהיק ווערן צוריק אַן ארץ-ישראל-פאָלק, מוזן מיר זיך איינלעבן אין דער נייער געאָגראַפישער און פעלקער-סביבה, אין וועלכער מיר וועלן זיך איבערפלאַנצן. אויב מיר מיינען ערנסט מיטן ציוניזם, קאָנען מיר נישט טראַכטן וועגן דער צוקונפט נאָר אין אייראָפּעישע באַגריפן. דאָס יידישע פאָלק אין א"י וועט נאָר פון מערב-זייט — דורכן מיטללענדישן-ים — זיין פאַרבונדן מיט אייראָפּע. אין צפון, אין דרום, אין מזרח קומען מיר אין באַרירונג מיט נייע פעלקער, וואָס רעדן אַלע אַראַביש און זענען פאַרבונדן צווישן זיך מיט צאָלרייכע פעדים פון רעליגיע, שפּראַך, טראַדיציע און זיטן, אויב נישט פון בלוט און פּאָליטיק. מיט די אַראַביש-שפּרעכנדע פעלקער וועלן מיר לעבן אין נאָענטער שכנות און

אויפהאַלטןווירטשאַפטלעכע און אין אַ געוויסער מאָס אויך קולטורעלע און פּאָליטישע באַציִונגען. און פון אונזער פּאַר־שטאַנד און פעאיקייט איינצולעבן זיך מיט דעם אַראַבישן שטאַם אין א״י וועט אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגען די מעגלעכקייט פון אונזער פריינטשאַפטלעכער צוזאַמענאַרבעט און שכנותדיקן פרידן מיט די אַרומיקע לענדער.

דער יידישער אַרבעטער, וואָס איז דער שליח פון דעם אומבויגזאַמען און אומדערשיטערלעכן ווילן פון יידישן פאָלק צוריקצוקערן זיך מאַסנוויז אין אייגן לאַנד און פונדאָסניי אויפשטעלן דאָרט זיין פולע נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט — מוז דערפאַר אויך ווערן דער שליח פון יידיש־אַראַבישער פאַר־שטענדיקונג, קאָאָפּעראַציע און סאָלידאַריטעט.

דריי גרונד־פראַגן שטייען פאַר אונז אין א״י אין באַצוג צו די אַראַבער: פּאָליטישער רעזשים, באָדן, אַרבעטער־פראַגע. איך וועל זיך דאָ אָפּשטעלן בלויז אויף דער ערשטער און דער לעצטער פראַגע.

די פראַגע פון פּאָליטישן רעזשים אין א״י, אונזער שטע־לונג צום מאַנדאַט איז אייגנטלעך מער אַ מאָראַלישע, ווי אַ פּאָליטישע פראַגע, ווייל עס הענגט איצט נישט אַזוי פיל אָפּ פון אונז צו באַשטימען דעם פּאָליטישן גורל פון א״י. פאַר אונז און פאַר אונזער פּאָליטיק זענען אָבער מאָראַלישע פראַגן פון לעבנס־וויכטיקייט, ווייל אונזער גאַנצע באַוועגונג ציט איר יניקה פון מאָראַלישע כוחות. מיר שטיצן זיך אויף דער טיפער גערעכטיקייט פון אונזער זאַך אין אונזער פּאָליטישן קאַמף, און נישט אויף פיזישער געוואַלט.

עס איז פאַראַן אַ פּרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט. מיר האָבן דעם פּרינציפּ איבעראַל אָנערקענט און פאַר אים געקעמפט. דאָס, וואָס איז ריכטיק אין דער גאַנצער וועלט, מוז אויך זיין ריכטיק אין א״י. איך שטיי פולשטענדיק אויפן שטאַנדפּונקט פון זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט פון יעדן פאָלק, פון יעדן טייל פון אַ פאָלק, פון יעדער מענטשלעכער גרופּע, און איך האַלט, אַז דאָס אַראַבישע פאָלק אין א״י האָט דאָס פול־

סטע רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג. און דאָס רעכט הענגט
לחלוטין נישט אָפּ דערפון, ווי זיין פאַרווירקלעכונג וועט ווירקן
אויף אונז. דאָס אַראַבישע זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט קאָן נישט
ווערן געמינערט דאַדורך, ווייל עס וועט אפשר שווערער מאַכן
אונזער אַרבעט; דער מאָראַלישער קערן פון דער ציוניסטישער
אידעע באַשטייט דערין, אַז אַ פאָלק — יעדעס פאָלק — איז
אַ זעלבסטציל, און נישט קיין מיטל פאַר אַנדערע פעלקער·
מיר ווילן· אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל זיין אָנגעוויזן אויף זיך
אַליין, זאָל זיין ביכולת צו באַשטימען אַליין זיין היסטאָרישן
שיקזאַל און נישט אָפּהענגען פון דעם ווילן, אויך נישט פון
גוטן ווילן — פון אַנדערע פעלקער. דעם זעלבן פּרינציפּ מוזן
מיר אָנווענדן אויך לגבי די אַראַבער· מיר קאָנען נישט באַ·
טראַכטן די אַראַבער אין א״י אַלס אַ מיטל פאַר אונז און באַ·
שטימען זייערע רעכט פון שטאַנדפּונקט פון אונזערע אינטע·
רעסן — אפילו אין דעם פאַל· ווען דאָס זאָל אָפּהענגען אויס·
שליסלעך פון אונזער ווילן· די אַראַבישע רעכט פליסן אַרויס
פון זייערע אינטערעסן און נויטן און באַזירן אויף אַלגעמיינע
מענטשלעכע פּרינציפּן. ס׳איז מעגלעך· אַז מיט דער פאַרווירק·
לעכונג פון אַראַבישן זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט אין א״י וועט
אונזער לאַגע ווערן שווערער – וועלן מיר מוזן די שוועריַ·
קייט איבערווינדן. די שוועריקייט קאָן אָבער נישט זיין אַ
יסוד צו באַרויבן די אַראַבער פון זייערע רעכט.

פאַר אונז איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט פון געוואַלט·
פּאָליטיק — גאַנץ אומאָפּהענגיק פון אונזער ווילן — און מיר
קאָנען אַזאַ פּאָליטיק נישט פירן· די עפנטלעכע מיינונג פון
דער וועלט· וועמענס פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע מיר מוזן
האָבן פאַר אונזער אַרבעט — וועט פון אונז פאָדערן לגבי
אַנדערע הונדערטפּראָצענטיקע גערעכטיקייט – איך האָב מורא:
מער ווי הונדערט פּראָצענט. מיר האָבן אַ טרויעריקן אָבער
לערנרייכן ביישפּיל פון דער שאו־קאָמיסיע. גראָד די פּאַרטרע·
טער פון די צוויי ענגלישע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע
צייכענען זיך· ווי באַוואוסט· נישט אויס מיט אַן אידעאַלער

באַציונג צו די אַרבעטנדע מאַסן אין אינדיע, מצרים, דרום־
אַפריקע א. א. וו., — האָבן זיך אָנגענומען די קריוודע פון
די אָרעמע אַראַבער אין א״י וועלכע ווערן באַדראָט פון דער
יידישער געפאַר... צו חלומען וועגן אַ ציוניסטישער געוואַלט־
פּאָליטיק, וואָס איז נישט הונדערט פּראָצענט גערעכט צו די
אַראַבישע לעגיטימע אינטערעסן — דאַרף מען האָבן פאַרלוירן
נישט נאָר יעדעס געפיל פון ערלעכקייט, נאָר אויך יעדן חוש
פאַר רעאַלער פּאָליטיק. די איינציקע פּאָליטיק, וואָס קאָן זיין
גילטיק פאַרן ציוניזם — איז אַ פּאָליטיק, וואָס איז מאָראַליש
אויסגעהאַלטן. עס קאָן דערפאַר נישט זיין קיין צווייפל אין
דעם זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט פאַר דער אַראַבישער באַפעל־
קערונג פון א״י. מיר מוזן דאָס רעכט אָנערקענען און אונטער־
שטיצן.

**אָבער זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט פון
די אַראַבער אין א״י הייסט נישט אייגנטומס־
רעכט פון די אַראַבער אויף א״י.** מיר לייקענען
און באַשטרייטן מיט אַלע אונזערע כוחות דאָס אויסשליסלעכע
אייגענטום־רעכט פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג, פון דער
גאַנצער איצטיקער באַפעלקערונג אין א״י — אויפן לאַנד אַלס
אַ גאַנצעס. עס איז באַקאַנט די קלאַסישע דעפיניציע פון אייגנ־
טום־רעכט: דאָס איז דאָס רעכט צו געברויכן און **מיס־
ברויכן.** מיר אַנערקענען נישט דאָס רעכט פון די אַראַבער
צו **מיסברויכן** מיטן לאַנד. אין דעם באַשטייט דער
טראַגישער ויכוח צווישן אונז און אונזערע אַראַבישע שכנים,
מיט וועלכע מיר מוזן לעבן צוזאַמען היינט און אויך שפּעטער.
**מיר זאָגן, אַז די אַראַבער האָבן אַלס ביר־
גער פון לאַנד אַלע רעכט צו געניסן פון
א״י. זיי האָבן אָבער נישט** — ווי פּריוואַט־אייגנטי־
מער — **דאָס רעכט צו שטערן אונז דעם גע־
נוס פון לאַנד.** זעלבסטבאַשטימונג הייסט, אַז די אַראַבער
קאָנען באַשטימען זייער אייגענעם גורל, געשטאַלטן און איינ־
אָרדענען זייער אייגן לעבן לויט זייערע ווונטשן און נייגונגען,

אָפּהיטן און ענטוויקלען זייערע שאַפונגען, אָבער דאָס הייסט נישט, אַז זיי זענען באַלעבאַטים איבער דעם אַלעם, וואָס נישט זיי האָבן געשאַפן, וואָס איז נישט קיין פּראָדוקט פון זייער אַרבעט, און פון זיי קאָן נישט ווערן אָפּהענגיק אונזער רעכט אויף עקזיסטענץ, אַרבעט, שאַפן, באַזעצן זיך אין לאַנד — ווען מיר טוען דאָס נישט אויף זייער חשבון, נאָר דורך אונזער מי.

עטלעכע קאָנקרעטע ביישפּילן, גענומען פון דער א״י ווירקלעכקייט, וועלן קלאָר מאַכן, וואָס איך מיין מיט מיס־ברויכונגס-רעכט פון פּריוואַט־אייגנטום. א״י באַזיצט אַ מערק־ווירדיקע אייגנאַרטיקייט, וואָס איז איינציק אויפן ערדקוגל: דעם טיפן שפּאַלט פון ירדן און ים המלח. הונדערטער טויזענ־טער דורות האָט דאָס וואַסער געפלאָסן אָן נוצן. פאַרקערט, אין פיל פלעצער האָט עס געבראַכט שאָדן — פאַרפלייצט, געשאַפן נעסטן פון מאַלאַריע און פּעסט. די איצטיקע אַראַבישע באַפעלקערונג האָט נישט באַשאַפן דעם ירדן און ים־המלח מיט איר מי, האָט זיי נישט באַנוצט און נישט אינטערעסירט זיך צו מאַכן זיי אומשעדלעך. זענען צוריקגעקומען יידן, און מיט זייער איניציאַטיוו, וויסן, פלייס, אַרבעט און מיטלען אונטער־גענומען אַ גראַנדיעז שעפעריש ווערק, וואָס וועט פאַרוואַנדלען דעם טיפן לויף פון ירדן אין עלעקטרישער קראַפט, דעם פלוס פון זיינע וואַסערן — אין באַפרוכפּערנדן כוח פאַר ברייטע שטרעקעס לאַנד, די פאַרזונקענע מינעראַל־אוצרות פון ים המלח — פון „טויטן ים״ — אין באַלעבנדע קוואַלן פון אַרבעט, פּרנסה און רייכטום פון אַ פלייסיקער באַפעלקערונג און דער־מיט שאַפן עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן פאַרן יידישן פאָלק, וואָס האָט אין דער גאַנצער וועלט נישט קיין באָדן. האָבן די אַראַבער אין א״י אופן גרונד פון זייער זעלבסטבאַשטימונג אַ רעכט צו זאָגן: ניין, מיר וועלן די שעפערישע און באַפרוכ־פּערנדע אַרבעט נישט דערלויבן, ווייל דער ירדן און דער ים המלח איז אונזער פּריוואַט־אייגנטום? מיר ענטפערן דערויף מיט אַ קלאָרן, אַנטשיידענעם און אבסאָלוטן: נ יי ן!

נאָך אַ ביישפּיל: עס איז פאַראַן אין אויבערשטן גליל אַ באַוואַסערטע געגנט, וועלכע איז לויט איר נאַטור אימשטאַנד צו ווערן דאָס פּרוכטבאַרסטע און רייכסטע ווינקל אין לאַנד, וועלכע איז אָבער איצט, צוליב היסטאָרישע אומ־שטענדן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם שרעקלעכסטן זומפּ אין לאַנד. דאָס איז דער עמק החולה. צענדליקער טויזנטער דונאַם ליגן וויסט און פאַרפּעסטעט. די אָרעמיקע קליינע באַ־פעלקערונג שמאַכטעט אין אָרימקייט און גייט אויס פון מאַ־לאַריע. אַ סירישער אַראַבער האָט נאָך פון טערקיי אַ קאָנ־צעסיע אויף דעם באָדן — וואָס איז רעגירונגס־לאַנד. די קאָנ־צעסיע ווערט נישט אויסגעפירט — ווייל דער קאָנצעסיאָנער האָט נישט קיין אינטערעס און קיין מיטלען צו געזונט מאַכן דעם פּלאַץ. פאַקטיש ווערט די קאָנצעסיע באַנוצט — סיי פון דער רעגירונג סיי פון קאָנצעסיאָנער צו שטערן דעם איינציקן כוח, וואָס איז פאַראַן אין א״י, וואָס האָט ווילן, די מעגלעכ־קייט אָפּצושאַפן די קללה פון דעם פון דער נאַטור געבענ־טשטן פּלאַץ און צו פאַרוואַנדלען די זומפּן אין אַ בליענדן גן־עדן. מיר באַשטרייטן דידאָזיקע מיסברויכונגס־רעכט פון די פאַלשע באַלעבאַטים אין דער חולה.

עס זענען פאַראַן ברייטע געביטן אין א״י, וואָס זענען נישט באַזעצט און נישט באַאַרבעט, ווי צום ביישפּיל, דער נגב און גרויסע טיילן אין עבר הירדן. עס זענען פאַראַן זייער וויכטיקע, פון דער נאַטור זייער געבענטשטע געביטן, וואָס ווערן איצט פאַרשווענדעט אויף אַן אומוויסנדן אומפּראָדוקטיוון, רויבערישן וועג. אָנשטאָט צו דערנענטערן אויף אַ קולטורעלן ניוואָ אַ גרויסע באַפעלקערונג, האַלטן די שלעכט באַווירטשאַפטע לענדערייען אויס אַ קליינע באַפעלקערונג אין דחקות און נויט. און ווידעראַמאָל באַשטרייטן מיר דאָס רעכט פון די אַראַבישע פּאָליטיקער — נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען עפענדיס (ליידער פאַרטרעטן נאָך עפענדיס די פאָלקס־מאַסן נישט נאָר אין א״י) — צו פאַרשליס פאַר אונז די אומבאַאַרבעטע שטחים, וואָס די אַראַבישע באַ־פעלקערונג קאָן נישט באַזעצן און נויטיקט זיך נישט אין זיי —

אין נגב און עבר־הירדן, — און מיר באַשטרייטן אויך זייער רעכט צו פאַרמשפּטן א״י אויף אַ רעזשים פון אָרעמקייט, אומוויסנקייט און רויב-ווירטשאַפט, ביי וועלכע אַ שטח לאַנד, וואָס קאָן מפר־נס זיין ברחבות 100,000 פאַמיליעס, זאָל קוים אויסהאַלטן אין הונגער 10.000 פאַמיליעס.

מיר זאָגן אָפּ די אַראַבער, אַלץ איינס, ווער עס זאָל זיי נישט פאַרטרעטן און ווער עס זאָל נישט רעדן אין זייער נאָמען — דאָס רעכט אויף מיסברויכן מיטן לאַנד, וואָס פליסט אַרויס פון אייגנטום-רעכט. מיר באַשטרייטן בכלל דאָס אייגנטום-רעכט אויף אַ לאַנד. יעדע אַרבעטנדע גרופּע, יעדעס אַרבעטנדע פאָלק — און יעדעס פאָלק מוז זיין סוף־כל־סוף אין זיין רוב מנין ורוב בנין אַן אַרבעטנדעס פאָלק, מיטן טרויעריקן אויסנאַם פון יידישן פאָלק, וואָס איז געצוווּנגען געוואָרן צו לעבן אין זיין מערהייט פון פאַרמיטלונג און האַנדל — יעדעס פאָלק האָט דאָס רעכט געניסן פון די פרוכט פון זיין אַרבעט און פריי צו באַשטימען מיט די פּראָדוקטיוו-מיטלען, וואָס עס האָט געשאַפן און ענטוויקלט. אָבער עס האָט נישט קיין רעכט צו באַרויבן אַנדערע פון דער זעלבער מעגלעכקייט און עס טאָר נישט פאַר־שטעלן אַנדערע דעם וועג צו אַלעם דעם, וואָס איז געגעבן פריי פון דער נאַטור און איז נאָך נישט באַנוצט געוואָרן אויף אַ צוועקמעסיקן אופן דורך די איינוווינער פון לאַנד. מיר אַנערקע־נען נישט, צום ביישפּיל, דאָס מאָראַלישע רעכט פון 5 מיליאָן אויסטראַליער איינוווינער צו פאַרשליסן דעם קאָנטינענט, וואָס קאָן דורך זיי אַליין נישט אויסגענוצט ווערן — פאַר די מאַסן מענטשן, וואָס זענען געצווונגען צו זוכן נייע אַרבעטס־פּלעצער. אויף דעם באַזירט זיך דאָס רעכט פון פרייער אײַנוואַנדערונג, פאַר וועלכער עס קעמפט דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם. די איינציקע באַגרענעצונג, וואָס קאָן געמאַכט ווערן דעם איינ־וואַנדערונגס-רעכט, איז — אַז די איינוואַנדערער דאַרפן נישט שעדיקן די לעגיטימע רעכט און אינטערעסן פון די פריערדיקע איינוווינער פון לאַנד.

אונזער רעכט — וואָס קאָן אויסגעאיבט ווערן נאָר דורך

אַרבעט — צו בויען די חורבות פון לאַנד, צו רעאַליזירן אַלע פאַרבאָרגענע ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן, וואָס זענען ביז איצט נישט אויסגענוצט געוואָרן, איז נישט אָפּהענגיק דערפון, צי די אַראַבער זענען דערצו מסכים אָדער נישט. דאָס איז אונזער רעכט און אויך אונזער רעכט קאָן נישט ווערן באַדינגט מיט דעם ווילן און הסכם פון אַנדערע. און מיר וועלן זיין קעגן יעדן רעזשים, וואָס וועט אונז שטעלן אין אַזאַ לאַגע אין א״י, אַז אונזער רעכט זאָל זיין אָפּהענגיק אויסשליסלעך פון דעם ווילן און הסכם פון דער איצטיקער באַפעלקערונג פון א״י. דאָס זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט פון די אַראַבער אין א״י דאַרף נישט איבערשרייטן די גרעניצן פון זיין אינערלעכער באַרעכטיקונג און טאָר נישט באַנוצט ווערן אַלס טאָרמאָז פאַר דער אויסאיבונג פון די רעכט פון יידישן פאָלק.

און איצט די צווייטע פראַגע — די אַרבעטער־פראַגע.

דער יידישער אַרבעטער אין א״י האָט זיך צוערשט אָנגעשטויסן אָן דער אַראַבער־פראַגע אין געשטאַלט פון אַראַבישן אַרבעטער, וועלכער האָט מיט זיין ביליקייט און זיינע פרימיטיווע פאָדערונגען פון לעבן געמאַכט כמעט אוממעגלעך די אַרבעט פון יידישן אַרבעטער. די פראַגע האָט זיך גלייך אַוועקגעשטעלט: איז מעגלעך אין א״י אַ יידישער אַרבעטער — אַן אָרגאַניזירטער, קולטורעלער, אייראָפּעאישער אַרבעטער, — ווען אין לאַנד און אין די אַרומיקע לענדער איז פאַראַן אַן אומאויסשעפּלעכער רעזערוואַר פון נישט אָרגאַניזירטע ביליקע אַראַבישע אַרבעטער? באַקענענדיק זיך מער מיט דער ווירקלעכקייט פון א״י, האָבן מיר געזען, אַז די פראַגע איז פיל שווערער, ערנסטער און קאָמפּליצירטער.

דאָס אַראַבישע פּראָבלעם האָט זיך פאַר אונז אַוועקגעשטעלט — סאָציאַל־עקאָנאָמיש ווי נאַציאָנאַל־פּאָליטיש — אין אַ דאָפּלטער געשטאַלט: פון איין זייט — אַ סכנה און אַ דראָונג, פון דער אַנדערער — אַן אויפפאָדערונג און פאַרפליכטונג, און מיר האָבן געמוזט און מוזן נאָך איצט זעען קלאָר די צוויי פּנימער פון דעם שווערן פּראָבלעם.

די עקזיסטענץ פון אַ 700 000־דיקן אַראַבישן ישוב אין א״י און דער פאַקט, אַז א״י איז אין אַ געוויסן זין נאָר אַ קליינער ברוכטייל פון אַ גרויסן אַראַבישן בלאָק, שטעלט מיט זיך פאָר זייער אַן ערנסטע סכנה און דראָונג, פאַר אונזער אַרבעט אין א״י. קודם־כל אַ סכנה אין איינפאַכן פיזישן זין, אַ סכנה פאַר אונזער עקזיסטענץ פשוטו כמשמעו. פון דעם ערשטן טאָג, וואָס מיר זענען געקומען קיין ארץ־ישראל, האָבן מיר געוווסט, אַז די עלעמענטאַרסטע זאַך, וואָס שיינט ווי אַ נאַטירלעכע זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט — פעלט אין א״י. איך מיין די מינימאַלע זיכערקייט פון מענטשלעכן לעבן, כבוד און פאַרמעגן. אין ארץ־ישראל האָבן מיר פון דעם ערשטן טאָג געהאַט דאָס באַוווסטזיין, אַז פון אונז אַליין הענגט אָפּ צו באַשיצן אונזער לעבן, אונזער כבוד. מיר זענען געקומען אין אַ לאַנד, אויף וועלכן דער מדבר האָט נאָך אַ געוואַלטיקע שליטה. געאָגראַפיש גענומען איז א״י נישט מער ווי אַן אָאַזיס, אַרומגערינגלט פון דריי זייטן — פון דרום, פון מזרח און צו דרום־מזרח־זייט — מיט מדבריות, אין וועלכע עס וואַנדערן עד־היום נאָמאַדן־שבטים, בעדואינער, וואָס לעבן פון דער שווערד, פירן צווישן זיך מלחמות און האַלטן זיך ביים מנהג פון גאולת־הדם. אויך די איינגעזעסענע באַפעלקערונג אין א״י, די פעלאַכן, זענען נישט זייער ווייט אַוועק פון די מדבר־מנהגים, און דער כוח פון דער טערקישער רעגירונג איז געווען צו שוואַך, דער גאַנצער רעזשים צו פאַרפוילט, כדי מיר זאָלן זיך פילן זיכער און באַשיצט אין די קליינע און פאַראיינצלטע יידישע ישובים, וואָס מיר האָבן געפונען אין לאַנד. מיר האָבן נישט געקאָנט משלים זיין מיט דעם אויסוועג, וואָס אונזערע פאָרגענגער האָבן געפונען — געדונגענע שומרים פון רויבערישע שבטים, טשערקעסן אָדער מוגראַבער (מאַראָקאַנער אַראַבער) זאָלן היטן די קאָלאָניעס, און עס איז געווען איינע פון די שטאָלצסטע אויפגאַבן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין דער צווייטער עליה — צו שאַפן אַ יידישן שוץ, נישט די זעלבסטשוץ, וואָס מען האָט

געשאַפֿן, למשל, אין רוסלאַנד אין אומרויקע מאָמענטן — נאָר אַ פּערמאַנענטע שוץ-קראַפט, אַלס באַגלייט־דערשיינונג פון אונזער טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

און נאָך איין דראָונג האָט פאַר אונז באַדייט דער אַראַבישער ישוב — אַ קולטורעלע און ווירטשאַפטלעכע סכנה, נישט ווייניקער ערנסט און טראַגיש ווי די ערשטע. אַ סכנה פון אַסימילאַציע און פּאַרמיטלעריי. מיר, וואָס זענען מיט אַלע רמ"ח אברים פאַרבונדן און איינגעוואָרצלט אין א"י, וועמנס לעבן און האָפנונגען האָבן זיך אינגאַנצן, אָן שום תנאי און אָן שום רעזערוו, צוזאַמענגעגאָסן מיטן שיקזאַל פון לאַנד, מיר מוזן דערקלערן און וואָרענען דאָס יידישע פאָלק: די גאַנצע געשיכטלעכע גלאָריע פון א"י, דער גאַנצער כוח פון אירע היסטאָרישע טראַדיציעס וועט נישט ראַטעווען די יידן אויך אין א"י פון דעם אומפאַרמיידלעכן שיקזאַל, וואָס האָט זיי נאָכגעיאָגט אין אַלע גלות-לענדער — צוצופאַסן זיך צו דער אַרומיקער באַפעלקערונג און ווערן אירע משרתים אין אַלע באַציונגען, — סיידן מיר וועלן ווערן אין א"י אַזאַ אומ-אָפּהענגיקער און גרויסער כוח — נישט נאָר באיכות, נאָר אויך און בעיקר בכמות — וואָס זאָל ראַדיקאַל און ענדגילטיק ענדערן אונזער נאַציאָנאַלע שטעלונג און מאַכן אונז צו די הערשער פון אונזער אייגענעם שיקזאַל. א"י אַן און פאַר זיך איז נישט קיין קמיע, וואָס וועט אונז אָפּהיטן פון אַסי-מילאַציע. ווען מיר בלייבן אין א"י די זעלבע מינאָריטעט, ווי מיר זענען עס אין אַלע גלות-לענדער, וועלן מיר בשום אופן נישט אויסמיידן די קללה, וואָס הענגט איבער אונז אין גלות. אויך א"י וועט ווערן פאַר אונז אַ ניי גלות-לאַנד, און קיין פאַרגאַנגענהייט וועט אונז נישט העלפן. און די געפאַר איז נישט נאָר א קולטורעלע, נאָר אויך אַ ווירטשאַפטלעכע. אָן אַ גרויסן יידישן אַרבעטנדן ישוב — וועלן מיר אויך אין א"י פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קלאַס פון פאַרמיטלער, לופט-מענטשן, סוחרים, פעדלער, ווי עס געשעט פאַר אונזערע אויגן אין אַן אַנדער איינוואַנדערונגס-לאַנד — אין אַמעריקע. אמת, א"י איז

קליין און אָרעם, און עס האָט נישט קיין סך פּלאַץ פאַר אַ סך נייע פאַרמיטלער — אָבער ארץ־ישראל האָט אַ גרויס הינטערלאַנד. נאָר אַ גרויסער צאָלרייכער יידישער ישוב, פאַרוואָרצלט אין דער ערד און באַשעפטיקט אין אַלע צווייגן פון ערד־אַרבעט, אינדוסטרי און מלאכה וועט קענען אויסהאַלטן דעם אומגעהויערן דרוק — פּאָליטישן, קולטורעלן און עקאָנאָמישן — פון די אַראַבער אין א״י און די אַרומיקע לענדער.

דאָס איז די דראָונג פון דעם — וואָס מען רופט אַראַבער־פראַגע. די פראַגע האָט אָבער נאָך איין זייט.

מיר קערן זיך אום אין א״י אין אַ צייט, ווען די אַרטיקע אַראַבישע באַפעלקערונג איז אָרעם, דערשלאָגן, קולטורלאָז. מיר טראָגן אין א״י דאָס לעצט וואָרט פון מענטשלעכער קולטור, טעכניש און סאָציאַל; אַנדערש קאָנען מיר נישט בויען א״י. מיר טאָרן אָבער נישט צולאָזן, נישט מאָראַליש און נישט עקאָנאָמיש. אַז אין לאַנד זאָל אויף דער דויער בלייבן שטיין דער טרויעריקער אונטערשייד צווישן די צוויי לעבנס־אַרטן, פאַר וועלכן מיר זענען נישט פאַראַנטוואָרטלעך, אָבער פון וואָס מיר וועלן ליידן: פון איין זייט אַרבעטער־ישובים, איינגעריכטעט לויטן לעצטן וואָרט פון דער מאָדערנער ווירטשאַפט — און פון דער אַנדערער זייט די נויטליידנדע פאַראָרעמטע אַראַבישע דערפער. דאָ זאָלן געבויט ווערן שטאָלן, וואָס וואָלטן פאַר אונזערע אורעלטערן אין א״י געשיינט, ווי קעניגלעכע פּאַלאַצן — און דאָרט די אַראַבישע חושעס אָן לופט אין אָן ליכט, שמוציק און ענג, אין וועלכע עס וואַלגערט זיך די גאַנצע פעלאַכישע פאַמיליע מיט די עופות און אייזלען און ציגן צוזאַמען, וווינונגען, וואָס זענען אַן אומגליק און אַ חרפה, נישט נאָר פאַר מענשלעכע באַשעפענישן, נאָר אפילו פאַר חיות און בהמות.

עס איז אומדערלאָזבאַר, אַז אַזאַ טיפער אונטערשייד זאָל אויף דער דויער עקזיסטירן צווישן נאָנטע שכנים, און עס איז אונזער היסטאָרישע פליכט צו העלפן די אַראַבישע אַרבעטנדע

מאַסן אויפהויבן זיך צו דעם זעלבן ניוואָ, אויף וועלכן מיר שטייען.

מיר טאָרן נישט שאַפן קיין אילוזיעס און איבערלאָזן דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אַ לייכטע אויפגאַבע און אַז דאָס קאָן געשען אין אַ קורצער צייט. דער אָפּגרונט פון צוויי וועלטן וועט איבערנאַכט נישט פאַרשאָטן ווערן. אַז מיר זאָלן קאָנען די אויפגאַבע דערפילן — דאַרפן מיר צוערשט ווערן אַ „מיר" אין א"י. דער „מיר", וואָס געפינט זיך אין וואַרשע, לעמבערג, ניו-יאָרק און ווין, וועט דאָס נישט מאַכן. די גרויסע ענדערונג אין לעבנסשטייגער, קולטורעלן אוןווירטשאַפטלעכן ניוואָ פון די אַראַבישע אַרבעטנדע מאַסן אין דאָרף און אין שטאָט — קאָן נישט געמאַכט ווערן דורך פּראָקלאַמאַציעס און אַגיטאַציע-רעדעס פון אַ געשיקטער גרופּע אַגיטאַטאָרן, ווי דאָס שטעלן זיך פּאָר אונזערע „לינקע": אַז מיר, יידישע אַרבעטער, זאָלן ווירקלעך קאָנען מיטהעלפן צו גרויסע רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען אין דעם לעבן פון די אַראַבישע מאַסן, מוזן מיר ווערן אַ גרויסער קאָלאָניזאַטאָרישער כוח. עס איז נישט גענוג צו פּרעדיקן דעם פעלאַך, ער זאָל נישט ווינען צוזאַמען מיט דער ציג אין איין שטוב. מען דאַרף ווייזן מיט לעבעדיקע ביישפּילן אַ ניי אַרבעטס-לעבן און מען דאַרף שאַפן דעם נייעם ווירטשאַפטלעכן און סאָציאַלן כוח, וואָס זאָל מיט זיין אייגענער עקזיסטענץ און דירעקטער ווירקונג רעוואָלוציאָניזירן דאָס לאַנד. דאָס הייסט נישט, אַז מיר מעגן — ביז מיר ווערן אַזאַ כוח — זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און באַציען זיך גלייכגילטיק צו דער אָרעמקייט און דערשלאָגענקייט פון די אַראַבישע מאַסן. מיר מוזן שוין איצט טאָן — פּאָליטיש און ווירטשאַפטלעך — וואָס עס איז אין אונזער מאַכט, צו העלפן דעם אויפשטייג פון אַראַבישן פויער און אַרבעטער, דאָס איז נישט נאָר אונזער מאָראַלישער חוב — דאָס איז אונזער לעבנס-אינטערעס.

אונזער באַציאונג צו די אראבער קאָן נישט באַשטימט ווערן פון דער באַציונג פון די אראבער צו אונז. אין דער

שאפונג פון אַ פאַרשטענדיקונג און צוזאַמענאַרבעט צווישן יידן און אַראַבער — דאַרפן מיר טאָן אונזער חלק, גאַנץ אומאָפּהענגיק דערפון, צי די אַראַבער טוען פאָרלויפיק זייער חלק. אויב אַ פאַרשטענדיקונג צווישן דיביידע פעלקער וועט פאָרקומען — און זי מוז פאָרקומען — מוז עס צוערשט קומען פון אונז.

די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט דאָס שוין לאַנג איינגעזען און האָט פאַר די לעצטע 10 יאָר געמאַכט פאַרשידענע פּרוּוון אויף דעם וועג. נישט אַלע פּרוּוון האָבן זיך איינגעגעבן; עס האָבן זיך אַרויסגעשטעלט גרעסערע שוועריקייטן, ווי מיר האָבן געדענקט. אָבער מיר האָבן נישט קיין יסוד זיך מתיאש צו זיין, מיר האָבן די זיכערקייט, אַז מיט דעם וווקס פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג וועלן אויך וואַקסן אונזערע מעגלעכקייטן צו דערהויבן און באַאיינפלוסן דאָס לעבן און באַוווּסטזיין פון די אַראַבישע מאַסן, און פריער פון אַלץ די אַראַבישע אַרבעטער.

פאַראַן אַ יידישע אַרבעטערשאַפט, וואָס זעט מיט אָפענע אויגן די עקזיסטענץ פון אַראַבישן פאָלק, און גלויבט, אַז יידן קאָנען און וועלן ווערן דער כּוח, וועלכער וועט זיין בּיכולת צו טראָגן די אחריות פאַרן גורל פון דעם קליינעם וועלטטייל, וואָס רופט זיך ארץ-ישראל. אין דער ליכט פון דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו פילט די יידישע אַרבעטערשאַפט איר פאַראַנטוואָרטלעכקייט כּלפּי די אַראַבישע מאַסן, און אין דער פולער מאָס פון אירע כּוחות וועט זי העלפן צו דעם סאָציאַלן, קולטורעלן און ווירטשאַפטלעכן אויפשטייג פון אַראַבישן פאָלק אין ארץ-ישראל.

— — — אײן זאַך פֿאַרשטאַרקט דאָ אונזער כּוח:
דאָס געפֿיל פֿון אונזער גערעכטיקײט.

— — — װײל בנוגע דעם װידערשטאַנד פֿון אונזערע שכנים צו דערלױבן אונז שאַפֿן די אַרבעטער־געזעלשאַפֿט אױף די שטחים, װאָס זענען לײדיק און װעלכע זײ דאַרפֿן נישט — זענען מיר די גערעכטע. אַזױ װײט דערגײט נישט דאָס רעכט פֿון פּריװאַט־אײגנטום אױף אַ לאַנד אַפֿילו בײ אַ זעלבסטשטענדיקן פֿאָלק, שטחים, װאָס זײ דאַרפֿן נישט, װײל זײ האָבן אַ סך — גאַנצע מדינות, נישט קײן באַװױנטע — קענען זײ אונז לױט דער גערעכטיקײט נישט אָפּהאַלטן פֿון קאָלאָניזירן זײ.

דער קאָלאָניזאַטאָרישער יושר איז מיט אונז און מיר װעלן טאָן פֿאַר אונז אין דאָזיקן לאַנד אַלץ, װאָס ס'איז מעגלעך. יעדער פֿון אונז װעט געטרײַ טאָן דאָס, װאָס ס'איז אױף אים אַרױפֿגעלײגט געװאָרן.

י. ח. ברענער

— — — נישט אײביק װעט געדױערן אָט די באַרבאַרישע תּקופֿה, אין װעלכער ס'איז אונז באַשערט צו לעבן און בױען. נישט אײביק װעט געדױערן אָט די תּקופֿה, פֿון „מלחמה אָן דערקלערן מלחמה", פֿון קאַמף פֿון שטאַרקן קעגן שװאַכן, פֿון באַרױבונג פֿון אָרעמאַן, פֿון בלוט און פֿײער. נישט אײביק!

ס'װעט קומען אַן אַנדער צײט, אַ צײט פֿון געבורט פֿון אַ נײער װעלט, אַ צײט פֿון גײסטיקער דערהױבונג, פֿון נײע מענטשלעכע, פּאָליטישע באַגריפֿן.

פֿאַר דערדאָזיקער צײט, כּדי מיר זאָלן זײַן גרײט איר אױפֿצונעמען, גײען מיר איצט דורך די תּקופֿה פֿון בלוט און פֿײער, זענען מיר באַלאַגערט אין אונזער לאַנד שױן דאָס פֿערטע מאָל.

און אַז ס'װעט קומען, אָט די געבענטשטע צײט, װעט דאָס, דאָס און נישט עפּעס אַנדערש, זײַן דער יסוד פֿאַר אמתער שותּפֿות צװישן אונז און אַראַבישן פֿאָלק.

צוליב דעם שטײען מיר איצט אין באַלאַגערונג.

מ. בײלינסאָן

אַ ר בּ ע ט

ד. בן־גוריון

אונזער רעכט אויף אַרבעט

כ'וויל אָפּלייקענען צוויי פאַלשע באַרעכטיקונגען פון דער יידישער אַרבעט: א) אַז דער יידישער קאַפּיטאַל גיט עס דאָס רעכט אויף יידישער אַרבעט ב) אַז מיר מעגן קומען קיין א"י צוליב דעם, ווייל מיר ברענגען נוצן די אַראַבער.

נישט דער יידישער קאַפּיטאַל באַרעכטיקט די יידישע אַרבעט, נאָר פאַרקערט: די יידישע אַרבעט גיט דאָ עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג דעם דאָזיקן קאַפּיטאַל. און אונזער רעכט אין לאַנד פליסט נישט אַרויס פון דעם נוצן, וועלכן מיר ברענגען די אראבער. מיר זענען נישט פאַרפליכטעט צו ברענגען וועמען עס איז נוצן אין דער וועלט. דאָס ניי־געבוירענע קינד ברענגט קיינעם נישט קיין נוצן און דאָך קען גאָרנישט באַצווייפלט ווערן זיין רעכט אויף קיום. אויב אַזאַ איז דאָס רעכט פון יחיד, מכל שכן דאָס רעכט פון כלל! און דאָ איז דער שווער־פונקט פון דער פראַגע. דער ויכוח, וואָס ווערט געפירט צווישן אונז און די כלערליי קעגנער פון יידישער אַרבעט, אָנהויבנדיק פון די אַגענטן פון קאָמינטערן ביז דער יידישער פלוטאָקראַטיע, באשטייט אין דעם: צי זענען מיר אַ ציל פאר זיך גופא אָדער בלויז אַ מיטל פאר עמיצן אויסער אונז? די יידישע אסימילאטארן האָבן באַרעכטיקט אונזער קיום מיט

דעם, וואָס מיר טראָגן צווישן די פעלקער דעם געדאַנק פון מאָנאָטעאיזם; פאַראַן סאָציאַליסטן, וואָס זעען אַלס מיסיע פון די יידן — דאָס פאַרשפּרייטן דעם געדאנק פון סאָציאַלער רעוואָלוציע אין דער וועלט. פאַראַן צווישן די קאָמוניסטן אַזעלכע, וואָס האלטן, אז די יידן דאַרפן זיין די טרעגער פון קאָמוניזם. דער צד השווה צווישן די אַלע באַשטייט אין דעם, וואָס זיי זעען נישט די יידן, ווי אַ זעלבסט־צוועק, נאָר ווי אַ מיטל פאַר עפּעס אַנדערש, וואָס איז אויסער די יידן. יידן האָבן נישט, לויט זייער מיינונג, דאָסזעלבע רעכט אויף קיום, ווי אַנדערע פעלקער, זיי זענען נאָר נויטיק אויף אַזויפיל, אויף וויפל זיי פאַרשפּרייטן אידעען צווישן אַנדערע פעלקער. די סאָציאַלע רעוואָלוציע אויפן מזרח וועלן נישט מאכן די יידן, נאָר די מזרח־פעלקער; די יידן דאַרפן נאָר פירן די אַגיטאַציע.

און מיר זאָגן: מיר זענען ווי אַלע פעלקער. מיר לעבן, ווייל מיר לעבן. מיר זענען אַ ציל פאַר זיך גופא, פונקט ווי רוסלאנד אָדער דייטשלאַנד זענען אַ ציל פאַר זיך גופא. אונזער רעכט אויף קיום באַזירט אויף אונזער קיום גופא. מיר זענען נישט קיין אונטערנעמער פון טראָגן ליכט די פעלקער, פון טאָן עמיצן טובות. אונזער רעכט אויף קיום אין פוילן צי אין רוסלאַנד באַזירט זיך נישט אויף דעם נוצן, וואָס מיר ברענגען דידאָזיקע לענדער, נאָר אויף דעם, וואָס מיר לעבן און ווילן לעבן. די געשיכטע פּסקנט, אַז מיר קענען נישט דאָרט עקזיסטירן — זוכן מיר מיטלען, אז מיר זאָלן קאָנען ממשיך זיין אונזער קיום. און דאָ, אין א״י ווערט פאַרוויר־קלעכט אונזער ווילן צו לעבן צוליב צוויי זאכן: א) אין דעמדאָזיקן לאַנד זענען פאַראַן גרויסע פאַרבאָרגענע מעגלעכ־קייטן, וואָס מען האָט זיי נישט אויסגענוצט און מען נוצט זיי אויך איצט נישט אויס און זיי גייען פאַרלוירן און מיר האָבן דעם כח זיי אויסצונוצן. ב) דאָ איז פאראַן אזא היס־טאָרישע סביבה, וואָס וועט אויסוואָרצלען פון אונזער און אַלעמענס הארצן דעם געפיל, אז מיר זענען פרעמדע, ווייל

אונזער גאנצער לעבן איז פארבונדן מיט דער געשיכטע פון דעם דאָזיקן לאנד.

דערדאָזיקער עלעמענטאַרער ווילן אונזערער צו לעבן נויטיקט זיך נישט אין באַגרינדונגען, ער דרינגט אַרויס פון זיך גופא, פונקט ווי ביים קינד, וואָס ווייסט נישט, צוליב וואָס עס עקזיסטירט, נאָר עס וויל לעבן — ווייל אַזאַ איז דער באַפעל פון לעבן. אונזער לעבנס-ווילן האָט איינגעפונען, אז א"י וועט דערמעגלעכן אונזער קיום אדאנק איר אָביעקטיווער פּאָטענץ צו מפרנס זיין נייע מיליאָנען, וואָס וועלן דאָ שאפן נייע קוואַלן פון אַרבעט און חיונה, און אדאַנק דעם, וואָס דאָ ווערן מיר היסטאָריש פאַרוואָרצלט און ס'ווערט פון אונז אַראָפּגענומען די קללה פון פרעמדקייט, וואָס יאָגט אונז נאָך אין די גלות-לענדער. און מיר קענען דאָ עקזיסטירן אויף איינעם פון די פאָלגנדע צוויי אופנים: אויף פרעמדער אַרבעט אָדער אויף אונזער אַרבעט. ס'זענען געווען און ס'זענען פאַראַן ציוניסטן, וואָס האָבן דעם באַוווסטזיין, די דערציונג און טראַדיציע פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג; זיי מיינען, אַז מיר קענען דאָ בויען אונזער לעבן אויף דער עקספּלאָאַטאַציע פון אַנדערע. נישט דוקא די ערגסטע פון צווישן זיי האָבן אַזוי געטראַכט, נאָר פילמאָל גוטע, געטרייע ציוניסטן, ווי אחד־העם, למשל, וואָס האָט געוואָלט זען אין א"י א יידישע מוסטער-געזעלשאַפט, א ביישפּיל פאַרן גאַנצן פאָלק, און דאָך האָט ער געגלויבט, אַז מיר וועלן דאָ לעבן אויף פרעמדער אַרבעט.

די א"י-דיקע אַרבעטער-באַוועגונג זינט איר אָנהויב האָט עס געמאַכט די רעוואָלוציע אין דער ציוניסטישער קאָנצעפּציע און אין אונזער לעבן דאָ, פעסטשטעלנדיק, אַז אונזער קיום וועט זיך באַזירן אויף א ו נ ז ע ר אַרבעט און נישט אויף פרעמדער אַרבעט. אונזער רעכט אויף אַרבעט דרינגט אַרויס פון אונזער ביאָלאָגישן קיום, פון אונזער ווילן צו לעבן, פון דעם, וואָס מיר ווילן נישט און קענען נישט לעבן אויף פרעמדער אַרבעט. אויב עס שטייט פאַר אונז דאָס פּראָבלעם פון אונזערע באַציונגען מיטן אַראַבישן אַרבעטער, מיטן אַראַבישן

פֿאָלק, איז עס נישט אַ פּראָבלעם, וואָס באַדינגט אונזער רעכט און ווילן; דאָס איז אַ פּראָבלעם, וואָס דרינגט אַרויס פֿון אָביעקטיווער ווירקלעכקייט, וועלכע געפֿינט זיך אויסער אונז. דאָס לאַנד איז נישט ליידיק, זי האט א ישוב און, קומענדיק אהער מיט אונזער ווילן צו לעבן און רעכט אויף לעבן, טרעפֿן מיר זיך אָן אויפֿן פּראָבלעם: ווי אזוי איינצו־אָרדנען אונזערע באַציונגען מיטן אַראַבישן ישוב, וואָס געפֿינט זיך אין לאַנד?

דידאזיקע פֿראגע שטייט פֿאַר אונז אונטער איין באַדינג: אויב מיר זעען זיך אַליין ווי אַ ציל פֿאַר זיך גופא, ווי אַ זעלבסטשטענדיקן פֿאַקטאָר, וואָס וויל דאָ איינאָרדנען זיין נאַציאָנאַלע צוקונפֿט. אויב מיר זענען נישט קיין זעלבסט.צוועק, איז בכלל נישטאָ קיין שום פֿראַגע. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם שטייט פֿאַר די, וועלכע זענען אַ טייל פֿון יענעם פֿאָלק, וואָס דער באַפֿעל פֿון זיין קיום און די ברירה פֿון זיין לעבן האַבן אים געבראַכט אהער און אים באפֿוילן צו אַרבעטן. דער, וואָס דערמאָנט זיך זיין עליה, קען א טעות האָבן און מיינען, אַז ער איז געקומען אַהער פֿון אייגענעם ווילן. סוביעקטיוו איז אַזאַ געפֿיל אמתדיק, אָביעקטיוו אַבער נישט ריכטיק, ווייל יע־דערער טרעפֿט זיך דאָ מיט צענדליקער טויזנטער חברים, וואָס זענען געקומען פֿון פֿאַרשידענע לענדער אין פֿאַרשידענע צייטן: און ס׳קען נישט זיין, אַז דערדאָזיקער גאַנצער שטראָם איז אַ צופֿעליקייט, מען מוז דאָ דערזען די ווירקונג פֿון כחות, וואָס שטייען אויסער דעם אינדיווידועלן ווילן פֿון יעדן פּרט. דאָס איז נישט קיין קאַפּריז, נישט קיין אינדיווידועלער ווילן פֿון יחידים, נאָר אַן אַלגעמיינע דערשיינונג, וואָס היפּט נישט אַרי־בער קיין שום אָרט, קיין שום לאַנד, ווו יידן וואוינען. היינטער דעמדאָזיקן שטראָם שטייען כחות, וואָס שטופּן די יידן קיין א״י. - אַלץ גרעסערע טיילן פֿון יידנטום שטרעבן צו עולה זיין קיין א״י. דערדאָזיקער כח איז דער בעסטער באַווייז, אַז די, וואָס זענען אהער געקומען, זענען בלויז אַ טייל פֿון יענע מאַסן, וואָס ווילן און דאַרפֿן קומען אַהער. פֿאַר דעם

דאָזיקן „מיר", וואָס איז נאָר אַ טייל פון גרעסערן „מיר", וועלכער דארף אַהער קומען, שטייט דאָס פּראָבלעם פון אַראַבישן ישוב אין לאַנד

וואָלט דער יידישער ציבור, וואָס געפינט זיך שוין אין לאַנד, נישט געווען אַ טייל פון א גרעסערן קאָלעקטיוו און וואָלט דער כח, וואָס האָט אים געבראַכט אהער, געווען נאָר א צייטווייליקער און טיילווייזער פּראָצעס, ווייס איך נישט, צי ס'וואָלט בכלל געשטאנען פאר דעם דאָזיקן ציבור דאָס אַראַבישע פּראָבלעם און צי ס'וואָלט געשאפן געוואָרן דאָ אַ יידישע אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס נעמט אויף זיך די אחריות און האָט דעם כח צו ענטשיידן וועגן גורל פון לאַנד און די פעלקער-באַציונגען אין אים. כ'ווייס נישט, צי וואָלטן 10, 20, 30 טויזנט יידישע יחידים געשאַפן אַנ'אַרבעטער-ציבור, ווייל די גאַנצע א"ידיקע ווירקלעכקייט שטעלט זיך דעם אַנטקעגן. אין דער ווירטשאַפט, וואָס איז פאראן אין אראבישן רמלה, עזה צי שכם איז נישטאָ קיין אָרט פארן יידישן ארבעטער. די יידן זענען דאָ געוואָרן אַרבעטער, ווייל דער כח, וואָס שטופּט זיי, האָט געשאַפן דאָ נייע אַרבעטס-מעגלעכקייטן, אדאנק וועלכע זיי קענען עקזיסטירן. דערדאָזיקער כח האָט דאָ געשאַפן די נייע קאָלאָניזאציע, ד. ה. נייע אַרבעטס-קוואַלן. די אַלע דערשיינונגען דאָ אין לאַנד זענען ענטפלעקונגען פון איין היסטאָרישן כח, וואָס איז טעטיק אין יידישן פאָלק, וואָס שטראָמט ארויס פון ווילן פון אָט דעם קאָלעקטיוו צו עקזיסטירן און פון זיין פעיקייט צו שאפן די עקזיסטענץ-מעגלעכקייט. דער יסוד, דער וואָרצל, דער הויפּט-אָנלען פון אָט דעם כח, וואָס ווירקט אין יידישן פאָלק איז — יידישע אַרבעט, זיין היסטאָרישער ציל איז — דאָס שאפן יידישע ארבעט אין א"י. דער יידישער קאפּיטאל איז בלויז איינער פון די אינסטרומענטן פון דעם דאָזיקן פּראָצעס צו שאפן אַ יידישן ארבעטנדיקן ישוב אין א"י. אונזער היסטאָרישע רעכט אין א"י באַזירט זיך אויף אונזער ווילן און פעיקייט צו אַרבעטן׳ יעדער מענטש האָט אַ רעכט אויף אַרבעט׳ ער דארף

אויף דעם נישט האָבן נאָך באַגרינדונגען. די ווירטשאַפט, וואָס עקזיסטירט אין לודי עזה און שכם, דערמעגלעכט נישט אונזער קיום אין לאַנד. דערפאַר האָט דאָס יידישע פאָלק אַרויסגעבראַכט אַ הילפס־כח – דעם יידישן קאַפּיטאַל — כדי צו שאַפן אַ נייע ווירטשאַפט, וואָס נעמט אויף יידישע אַרבעט. אונזער אַרבעט באַרעכטיקט די ווירטשאַפט. יידן האָבן אַ רעכט צו קויפן באָדן און קאָלאָניזירן זיך אין א"י – צוליב דער יידישער אַרבעט.

פאַר די טערקישע צייטן איז געווען אין א"י אַ געזעץ, וואָס האָט פאַרווערט יידן קומען אַהער, קויפן באָדן, בויען. וואָס האָט בטל געמאַכט דעם דאָזיקן געזעץ, אַז אַ דער פאַקט: דער ווילן פון יידישן פאָלק צו לעבן און די אוממעגלעכקייט צו לעבן אויסער דעם דאָזיקן לאַנד.

אונזער רעכט אויף אַרבעט אין דעם האָזיקן לאַנד איז נישט דאָס רעכט פון דעם אָדער יענעם יחיד, נאָר דאָס רעכט פון אַ נאַציאָנאַלן, היסטאָרישן קאָלעקטיוו. דער יידישער באַלעבאָס האָט נישט דאָס רעכט צו אַרויסשטויסן דעם יידישן אַרבעטער פון די ערטער, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן כדי צו געבן אַרבעט דעמדאָזיקן אַרבעטער, נישטאָ אין א"י אַנ'אָרט פון יידישער אַרבעט, וואָס, איז צוגענומען געוואָרן פון אַראַבישן אַרבעטער; די אַלע ערטער זענען ניי־געשאַפענע און אונזער רעכט צו אַרבעטן אין זיי ווערט נישט בטל צוליב דעם, וואָס דער באַלעבאָס וויל דוקא אַ ביליקן אַרבעטער, וועלכן ס'איז לייכטער צו עקספּלאָאַטירן.

אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט קען דער באַלעבאָס באַשעפטיקן וועמען ער וויל, אָבער די אַרבעטער־באַוועגונג – און צוזאַמען מיט איר די ציוניסטישע באַוועגונג — קען ניט אָנערקענען אָט די קאַפּיטאַליסטישע פּריווילעגיע, וואָס רירט אָן דעם עיקר, דעם יסוד פון אונזער רעכט, פון רעכט פון גאַנצן פאָלק, זיין רעכט אויף אַרבעט.

דער באַלעבאָס, וואָס מיינט נאָר ריווח, וועט נישט זיין דער היסטאָרישער שופט איבער דעם רעכט פון יידישן פאָלק

אויף אַרבעט, זיין תאווה צו פּראָפיט און פאַרקנעכטונג וועט נישט באַשטימען אונזער גורל. דער באַלעבאָס קען אַרויס-שטויסן דעם יידישן אַרבעטער, אָבער ער קען נישט בטל מאַכן זיין רעכט. וויפל ער זאָל נישט אַריינברענגען נישט-יידישע ביליקע אַרבעטער אין זיין ווירטשאַפט — ער נעמט דערמיט נאָך נישט צו דאָס רעכט אויף יידישער אַרבעט אין דערדאָזיקער ווירטשאַפט. פאַרשטענדלעך, אַז די אַראַבער דאַרפן נישט ליידן צוליב אונזער קומען אין לאַנד. אויב ס'ווערט געשאַפן אין לאַנד דורך דער יידישער עליה אַ נייע ווירטשאַפט, האָט דער יידישער אַרבעטער דאָס רעכט צו אַרבעטן אין איר. די אַראַבישע אַרבעטער, וואָס אַרבעטן 20·10 יאָר אין דער יידישער ווירטשאַפט, דאַרפן מיר דערמעגלעכן קאָלאָניזאַציע אין זייער דאָרף.

ס'קענען נישט באַצווייפלט ווערן די מאָראַלישע, סאָציאַ-ליסטישע יסודות פון אונזער אַרבעט אין לאַנד. פאַר אונז איז דער סאָציאַליזם דער וועג צו אונזער רעטונג. דער סאָציאַליזם איז פאַר די פעלקער און נישט די פעלקער פאַרן סאָציאַליזם. דאָ אין לאַנד ווערן מיר דער טרעגער און פאַקטאָר פון דער סאָציאַלער איבערקערעניש, נישט אירע אַגיטאַטאָרן.

די אָביעקטיווע באַדינגונגען פון לאַנד זענען אַזעלכע, אַז מיר נעמען נישט צו די ווירטשאַפט פון די הענט פון אַראַבישן אַרבעטער און די אויסלייזונג פון יידישן פאָלק אין א"י קומט נישט פאַר אויפן חשבון פון אַראַבישן פאָלק.

י. טאַבענקין

כיבוש עבודה

שוין ביים אָנהויב פון דער צווייטער עליה האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אין א״י מיט יידישע ישובים, דעם פּראָדוקט פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, און ס׳איז אויפגעשווומען די פראַגע פון קריגן אַרבעט, פון כיבוש־עבודה׳ די שטויס־קרעפטן און אָנשטרענגונגען צו קאָלאָניזירן די ערשטע עליה זענען געווען נאַציאָנאַלע, אָרגאַניזירטע און נישט אָרגאַניזירטע, פון פילאַנטראָפּישן און געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל, וואָס איז געקומען אין לאַנד נישט צוליב פּריוואַטע אינטערעסן און נישט צוליב רוחים׳ אָבער היות ווי דאָס געלט איז געגעבן געוואָרן אַ בירגערלעכער באַוועגונג, האָט זי געשאַפן פאַרן נאַציאָנאַלן און געזעלשאַפטלעכן געלט פּריוואַטן פאַרמעגן. די ערשטע עליה האָט אָנגעהויבן, וואָס אַן אמת, אַלס קאָלאָניזאַציע. באַוועגונג, אָבער די לאָגיק פון פּריוואַטער בויונג ברענגט צו אַזאַ ווירטשאַפטלעכער פאָרם, אין וועלכער דער אַרבעטער און די פּראָדוקציע־מיטלען ווערן פונאַנדערגעטיילט׳ בכלל ברענגט דאָס פּריוואַט־אייגנטום אויף ערד אומעטום צו דעם, אַז דער אַרבעטנדיקער מענטש ווערט אָפּגעטיילט פון די פּראָדוקציע־מיטלען (באָדן) — צו דער שאַפונג פון פּראָלע־טאַריאַט און אקומולאַציע פון קאַפּיטאַל. אָבער די יידישע

קאָלאָניע איז די פאַרדאָרבנסטע פאָרם מיט די שעדלעכסטע פאָלגן פון פריוואַט-אייגנטום אויף באָדן. דעם יידישן קאָלאָניסט האָט געפעלט די טראַדיציע, וואָס ס'האָבן פאַרמאָגט די לאַנד-באַזיצער ביי אַלע פעלקער, ער האָט נאָך כמעט נישט באַוויזן איבערצוגיין צו אַרבעט, און פון די, וואָס זענען יאָ איבערגע-גאַנגען — זענען ווייניק ביי דער אַרבעט פאַרבליבן. דער אונ-טערשייד צווישן דעם פריוואַט-אייגנטום אויף באָדן און פריוואַט-אייגנטום אין דער אינדוסטרי איז דער, וואָס אין דער לאַנד-ווירטשאַפט הויבט זיך דאָס פריוואַט אייגנטום אָן נישט פון אָפּטיילן די פּראָדוקציע-מיטלען, נאָר עס ענטוויקלט זיך פאַמע-לעך פון עודף פון דער פּראָדוקציע, ווען אירע מיטלען זענען נאָך פאַרבונדן מיטן אַרבעטער און אויך פון דעם, וואָס דער אַרבעטער באַקומט גאָר אַ טייל פון דעם, וואָס ער שאַפט.

די יידישע קאָלאָניע (בעיקר אין יהודה און שרון) אַלס קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניע פון ערד־באַזיצער, און נישט פון אַרבעטנדיקע פויערים, האָט געשאַפן אַן עקספּלאָאַטירנדיקע און פאַרקנעכטנדיקע ווירטשאַפט. די יידישע קאָלאָניע איז אָפּהענ-גיק פון מאַרק און זי שטיצט זיך בעיקר אויף מאָנאָפּאָל-פּרוכטן (אַ נאַטירלעכער מאָנאָפּאָל פון לאַנד), אויף פּאָמעראַנצן און גרייפּ. די דאָזיקע פּראָדוקציע קאָן שפּייזן אַ קולטורעלן אַרבעטער מיט אַ הויכן לעבנס־ניוואָ. אָבער אַלס קאַפּיטאַליס-טישע ווירטשאַפט שטרעבט שטענדיק די ווירטשאַפט פון קאָ-לאָניסט צו פאַרקלענערן די אויסגאַבן אויפן אַרבעטס־לוין און דורכדעם צו פאַרגרעסערן די הכנסות, און אַזוי איז דער קאָ-לאָניסט געקומען צו ביליקער אַרבעט.

אין דער יידישער באַלעבאַטישער לאַנדווירטשאַפט איז די ביליקע אַראַבישע אַרבעט אַריינגעדרונגען פון אירע ערשטע טעג אָן, נאָך דאַן ווען זי האָט באַזירט אויף ווייִנטרויבן און מאַנדלען אין יהודה און אויף פלחה אין גליל. די לאַנדווירט-שאַפט האָט דאַן בכלל געגעבן זייער אַ קליינע הכנסה און זי איז געשטאַנען פאַר צוויי ברירות: אָדער זיך אַראָפּלאָזן צום לעבנס-ניוואָ פון די אָרטיקע איינוווינער, אָדער עקספּלאָאַטירן

ביליקע אַרבעט. די ווירטשאַפט איז דאַן געווען באַזירט כמעט אויף קנעכטשאַפט. אונזערע קאָלאָניעס זענען דאַן געווען פעאָ־דאַלע, דער אַראַבישער אַרבעטער איז עקספּלאָאַטירט געוואָרן ווי אַ נישט פרייער אַרבעטער, ווי אַ נעגער. כמעט יעדע לאַנד־ווירטשאַפט שטיצט זיך אין אַ געוויסער פאַזע אויף פאַרקנעכ־טונג אָדער באַטראַק, וועלכער איז על פי רוב האַלב־פּויער און האָט אַ געוויסן פאַרמעגן, פון וועלכן ער קען אָבער נישט אויסקומען. מיטן פּראָצעס פון דער פּראָלעטאַריזאַציע פון דאָרף גייען אַלץ נייע קרייזן אַריבער צום באַטראַק־לעבן.

אויך דער אַראַבישער אַרבעטער, וועלכער אַרבעט אין דער יידישער קאָלאָניע, האָט אַ געוויסן פאַרמעגן. ער פאַרמאָגט אַ שטיק ערד און אַ שטוב און ער נויטיקט זיך נישט אין לוין־אַרבעט במשך פון גאַנצן יאָר. די אַרבעט אין דער יידישער קאָלאָניע איז בײַ אים אַ מקור פון זייטיקער הכנסה. ער איז נאָך נישט קיין פּראָלעטאַריער, ער געפינט זיך אין פּראָצעס פון פּראָלעטאַריזאַציע. די מאַטעריעלע און קולטור־רעלע באַדערפענישן פון אַראַבישן קאָלאָניע־אַרבעטער זענען זייער קליינע. געאָגראַפיש און עטנאָגראַפיש אונטערשיידט זיך זיך נישט א״י פון אַראַביע, סיריע, עבר־הירדן און די איבע־ריקע אַרומיקע לענדער. זי איז אָבער אַ לאַנד, וואָס געפינט זיך אויף אַ העכערער ענטוויקלונגס־שטופע אין ים פון ביליקער אַרבעט פון אַרום.

פאַראַן אַן אייזערנער געזעץ וועגן אַרבעטס־לוין: דער אַרבעטס־לוין קאָן נישט אַראָפּגיין אונטער אַ געוויסן מינימום, ער קאָן אָבער אויך נישט שטייגן איבערן דורכשניט. דעם דאָזיקן אייזערנעם געזעץ קען מען אפשר נישט ברעכן, אָבער ווען דאָס אייזן ווערט אַרויפגעלייגט אויפן פייער פון סאָצי־אַלן קאַמף, קאָן עס זיך פונאַנדערצי־ען. די קאָלאָניע איז גע־גאַנגען מיטן וועג פון פאַרקנעכטונג, מיטן וועג פון ביליקער אַרבעט. די ביליקייט פון דער אַרבעט איז דעם באַלעבאָס נויטיק שטענדיק, אויך דאַן ווען די פּראָדוקציע גיט אַ גרויסע הכנסה. דער יסוד פון פּרייז פון דער סחורה איז די אַרבעט־

אָבער באַשטימענדיק איז די ביליקסטע אַרבעט, וואָס מ׳קאָן געפינען מאַסנוויִיז. די ביליקע אַרבעט באַשטימט דעם ווערט פון דער פּראָדוקציע. ווען ס׳איז דאָ אַ סך ביליקע אַרבעט, ווערן אַלע באַדינגונגען פון דער געגעבענערווירטשאַפט באַשטימט דורך דער קאָנקורענץ פון דער דאָזיקער אַרבעט, און נישט נאָר פון דער ווירטשאַפט, וואָס באַזירט זיך אויף לוין-אַרבעט, נאָר אויך פון דער, וואָס שטיצט זיך אויף זעלבסט-אַרבעט, ווייל די פּראָדוקציעס פון ביידע ווירטשאַפטן טרעפן זיך צונויף אויפן מאַרק.

דער ווערט און דער פּרייז זענען נישט גלייך. מאַרקס האָט עס רעזומירט אויפן פאָלגנדן אופן: דער ווערט פון פּראָדוקט ווערט באַשטימט דורכן סכום אינוועסטירטער אַרבעט. דער פּרייז איז אַ רעזולטאַט פון דער פאַרהעלטעניש צווישן דעם אָנבאָט און נאָכפראַגע. אָבער דער עצם-קאַמף צווישן דעם אָנבאָט און נאָכפראַגע האָט גרענעצן — און דאָס איז דער ווערט. דער ווערט איז אַזוי אַרום די נאָרמע פאַרן פּרייז — אַרום דער דאָזיקער נאָרמע וואַקלט זיך דער פּרייז. דער קאַפּיטאַליסט איז פאַראינטערעסירט אין אַ גרויסן דיסטאַנס צווישן פּרייז און ווערט, ער איז פאַראינטערעסירט, אַז דער פּרייז זאָל איבערשטייגן די נאָרמע. דאָס איז דער יסוד פון גרויסן ריוח. אַזוי געשעט מיט דער פּראָדוקציע פון דער יידישער קאָלאָניע, וואָס באַזירט זיך אויף איינעם אָדער צוויי צווייגן פון ציטרוס-פּרוכט, וואָס זייער פּרייז איז אַ גאַנץ הויכער און מער-ווייניקער סטאַבילער אויפן וועלט-מאַרק. די גרויסע רוחים פון דאָזיקן צווייג ציען צו אויך קאַפּיטאַלן, און דאָס איז גורם אַ קאָנקורענץ, וועלכע וועט ברענגען צו אַ רעלאַטיווער ירידה פון פּרייז.

אַזוי אַרום באַשטימט די ביליקע אַרבעט אין אַ גרויסער מאָס וועגן דעם גורל פון דער ווירטשאַפט. די ביליקע אַרבעט איז אַן אומגליק פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט און פאַרן יידישן אַרבעטער. די קאָלאָניע, ווען זי גיט אַרבעט נישט-יידישע אימיגראַנטן, פאַרקלענערט זי דעם יידישן כח

און פאַרגרעסערט דעם אַראַבישן. דאָס הויבן דעם אַרבעטס־לוין איז פאַרבונדן מיט הויבן דעם לעבנס־ניוואָ פון די אַראַבער. דער אַרבעטס־לוין פון אַראַבישן אַרבעטער איז שוין וואָס אַן אמת אַביסל געשטיגן, אָבער דאָס איז אַ פועל־יוצא פון צופליסן פון יידישן קאַפּיטאַל. באַזונדערס קאָן מען באַמערקן די דאַזיקע דערשיינונג נעבן די יידישע קאָלאָניעס, וואָס באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער. טיילווייז איז עס אויך געשען אַדאַנק דער ענטוויקלונג פון דער אייגענער ווירטשאַפט פון אַראַבישן אַרבעטער, וועלכע מאַכט אים ווייניקער אָפּהענגיק פון דער לוין־אַרבעט און ער קאָן אַזוי אַרום זוכן אַ העכערן אַרבעטס־לוין. אָבער דער דאָזיקער וועג אויסצוגלייכן דעם לוין פון יידישן און אַראַבישן אַרבעטער איז א צו לאנגער. דער עיקר־וועג איז דורך דער יידישער עליה, דורך דער יידישער קאָלאָניזאַציע, — דורך פאַרגרעסערן דעם יידישן סעקטאָר מיטן העכערן ניוואָ, ער זאָל איבערשטייגן דעם אַראַבישן. בכלל קאָן מען קיין אַרבעטס־לוין נישט הויבן נאָר דורך אָרגאַניזירונג, ס'מוזן פריער שטייגן די אומבאַדינגט נויטיקע באַדערפענישן, וועלכע דינען שפּעטער אַלס באַזיס פאַר אָרגאַניזירונג און סאָציאַלן קאַמף. דער ניוואָ אָבער קאָן נישט געענדערט ווערן מיטן וועג פון אָרגאַניזירונג, ספּעציעל ווען אויך אַרום ווינען מיליאָנען מיט אַ נידעריקן ניוואָ. דער עיקר־וועג איז די עליה פון א סך ארבעטנדיקע מענטשן, אויסברייטערן די ווירטשאַפט, פאַרגרעסערן די צאָל קאָנזומענטן, וואָס האָבן קולטורעלע באַדערפענישן.

דאָס אַריינקומען פון יידישן קאַפּיטאַלן און פון יידישער אַרבעט וועט אויך שאַפן און צואיילן די דיפערענציאַציע אין אַראַבישן דאָרף, דאָס ענטשטיין פון רייכע און פון פּראָלעטאַרישע שיכטן. אַזוי געשעט אומעטום, ווען גרויסע קאַפּיטאַלן קומען אַריין אין ערטער מיט אַ סך נאַטירלעכע רייכטימער, אָדער, ווען ס'קומט פאָר אַ ראשער וווּקס פון דער באַפעלקערונג. די אַראַבישע ווירטשאַפט וואָלט זיך צוליבן אַראַבישן נאַטירלעכן צוּוווּקס ענטוויקלט זייער פּאַמעלעך, ווייל א"י פאַרמאָגט

גישט קיין נאַטירלעכע רייכטימער; אין דעם הינזיכט קאָן מען א״י נישט פאַרגלייכן מיט דער שכנותדיקער מצרים, ווייל אין מצרים איז די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע פאַרבונדן מיטן וועלט-מארק. די יידישע עליה, דער יידישער קאַפּיטאַל און די יידישע קאָלאָניזאַציע ברענגען צו אן אינטענסיפיקאַציע פון דער אראבישער ווירטשאַפט און איילן צו דעם פּראָצעס פון קלאַסן-דיפערענציאַציע אין אַראַבישן דאָרף.

די אויפגאַבע פון כיבוש-עבודה עקזיסטירט לגבי דער יידישער ווירטשאַפט אין דער קאָלאָניע, דער רעגירונגס-און אינטערנאַציאָנאַלער ווירטשאַפט. מיט דער דאָזיקער אויפגאַבע האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן גלייך, ווי מיר זענען געקומען אין לאַנד און מיר וועלן זיך מיט איר טרעפן אויך ווייטער. צו-ליב דעם, וואָס אין א״י איז געווען, איז פאַראַן און ענט-וויקלט זיך אַ פּריוואַטער קאַפּיטאַל און ווייל ס׳איז נאָך פאַ' ראַן אין א גאָר גרויסער צאָל ביליקע ארבעט — וועט א טייל פון דער פּריוואַטער אויפבוי-טעטיקייט גיין מיטן וועג פון עקספּלאָאַטירן די ביליקע אַראַבישע אַרבעט און מיר מוזן פאַר זיך שטעלן די אויפגאַבע פון כיבוש עבודה נאָך אויף אַ לאַנ-גער תקופה. במשך פון די יאָרן האָט זיך געענדערט דער כאַ-ראַקטער פון כיבוש עבודה. די קאַמפּס-מיטלען האָבן באַקומען אַ מער מאַסן-כאַראַקטער, אָבער אַלע וועגן, מיט וועלכע מיר זענען געגאַנגען, האָבן זיך באַרעכטיקט.

במשך פון די 30 יאָר האָבן מיר דורכגעמאַכט פאַרשי-דענע תקופות אין כבוש-עבודה און מיר זענען שוין געגאַנגען מיט אַלע וועגן. דער ערשטער וועג איז געווען דאָס אַגיטירן פאַר יידישער אַרבעט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער קריטיק איבער די יסודות פון דער עקספּלאָאַטירנדיקער קאָ-לאָניע — און דאָס איז געווען זייער וויכטיקע קריטיק, אַן ענלעכע צו דער קריטיק פון ו׳ אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטן איבער דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג. דער צווייטער וועג איז געווען דאָס פאַרקלענערן די באַדערפענישן פון יידישן אַרבעטער און הויבן די פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט.

די נאַציאָנאַלע מאָטיוון אַליין האָבן נישט געווירקט אויפן קאָלאָניסט און מ׳האָט געמוזט קאָנקורירן מיטן ביליקן אַרבעטער. די קאָנקורענץ האָט זיך געשטיצט אויפן פאַקט, וואָס די פאַרקנעכטנדיקע אַרבעט קאָסט וואָס אַן אמת ביליקער, אָבער זי איז ווייניקער פּראָדוקטיוו. ווען דעם יידישן אַרבעטער פלעגט ווערן שווער בייצושטיין דער קאָנקורענץ, פלעגט אויפשווימען דער געדאַנק פון אַ קאָ ר ד. צוויי דערשיינונגען באַגלייטן די גאַנצע צייט אונזער באַוועגונג: דער אַקאָרד און דאָס צונויפשליסן זיך פון מענטשן אין דער קבוצה, ביידע האָבן זיי שפּעטער געבראַכט צו דער ענטשטייונג פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע. דער אַרבעטער פלעגט דאַרפן לייזן צוויי פראַגן: פאַרקלענערן זיינע באַדערפעניש און פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיווקייט. דאָס לעבן האָט געשטויסן דעם אַרבעטער צו נעמען אויף זיך אַ טייל פון דער אַחריות — אַ:שטאָט דעם אויפזעער און אונטערנעמער. דער אַקאָרד איז נישט ביי אונז קיין וועג מער צו עקספּלאָאַטירן דעם טאָגאַרבעטער, נאָר פאַרקערט. די טאָג־אַרבעט אונטערן בייטש פון משגיח איז אין אַ׳י דער וועג פון גרעסטער עקספּלאָאַטאַציע. אין דער תקופה פון קנעכטשאַפט גיט דער מענטש אַרויס ווייניקער אַרבעט, און די פּראָדוקציע פון אַ לאַנד, וואָס באַווירט זיך אויף ביליקער אַרבעט, איז אַ סך קלענער, ווי זי וואָלט געקאָנט זיין. ביי אונז איז אַקאָרד דער וועג פון מער קולטורעלן אַרבעטער. ביים אַריינדרינגען אין דער אַרבעט זענען מיר שטענדיק געגאַנגען מיטן דאָזיקן וועג. ווען מיר וואָלטן געווען אין אַ לאַנד מיט אַ סטאַטישער ווירטשאַפט און נישט אין אַ לאַנד, ווו די ווירטשאַפט האַלט זיך אין איין שאַפן און ענטוויקלען — וואָלטן מיר זיכער מבטל געמאַכט דעם אַקאָרד און איבערגעגאַנגען צו טאָג־אַרבעט און דאָס וועט געשען, ווען מ׳וועט קענען אָרגאַניזירן די מערהייט אַרבעטער — אויך די אַראַבישע.

דער אַקאָרד האָט געפאָדערט פון אַרבעטער צו פאַרייניקן זיך אין אַ קבוצה. די קבוצה איז אַ פּראָדוקט פון אַלע

וועגן, מיט וועלכע דער אַרבעטער איז געגאַנגען אין לאַנד, ביי כיבוש עבודה אין דאָרף און שטאָט, ביי דער דעראָבערונג פון באָדן. די קבוצה האָט זיך אָנגעהויבן פון דער בשותפותדיקער קיך און פון דער געמיינזאַמער אחריות פאַרן קראַנקן חבר און האָט דערגרייכט צו דער קאָלעקטיווער זעלבסטשטענדיקער אַרבעטער-ווירטשאַפט. אויך די ציוניסטישע באַוועגונג האָט געזוכט א וועג צו פאַרביליקערן די יידישע אַרבעט און ס'איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון א שטוב און א שטיקל באָדן פאַר די יידישע אַרבעטער פון די קאָלאָניעס, כדי צו שאַפן פאַר זיי גלייכע באַדינגונגען, ווי ס'האָט דער אַראַבישער באַטראַק. די כונה איז בעצם געווען: אַראָפּנעמען דעם לוין-אונטערשייד פון קאָלאָניסט און אים אַרויפלייגן אויפן פאָלק.

אַ מער גרינטלעכער איז דער וועג פון קאַמף פאַר דער טעכנישער פאַרפולקאָמונג פון דער ווירטשאַפט פון יידישן קאָלאָניסט. דער יידישער אַרבעטער איז שטענדיק געווען פאַר אַזאַ אופן פון פלאַנצן, וואָס זאָל דערמעגלעכן צו אַקערן מיט אַ טראַקטאָר, פאַר עפענען די קאַנאַלן טיט אַ בייטן-אַקער, פאַר אַ מאָדערנעם באַאַרבעטן דעם פּרדס א. א. וו. די ביליקע אַרבעט איז שטענדיק פאַרבונדן מיט אַ ווייניקער קולטורעלער באַאַרבעטונג און כיבוש-עבודה איז שטענדיק פאַרבונדן מיט אַ קאַמף פאַר מער פּראָגרעסיווע ווירטשאַפטס-פאָרמען און פאַר אַ געמישטער ווירטשאַפט אָנשטאָט דער ווירטשאַפט, וואָס איז שטענדיק אָפּהענגיק פון אויסערלעכן מאַרק.

כ'מיין, אַז צו דעם אַלעמען וועט מיט דער צייט צוקומען די אַרבעטער-באַוועגונג אומעטום. אויף אַ סך געביטן האָבן מיר אָנגעהויבן מיט אַזעלכע זאַכן, צו וועלכע מ'איז שוין אין דער וועלט געקומען פון לאַנג, אויף געוויסע געביטן ווידער זענען מיר פאָרויסגעגאַנגען אַנדערע. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַרבעטער פאַר דער ווירטשאַפט און זיין פאַראינטערעסירטקייט אין דער טעכניק און אין דער הצלחה פון דער ווירטשאַפט באַצייכנען יעדע אַרבעטער-באַוועגונג, אויף וויפיל זי ווערט אַ ענטשיידנדיקער פאָליטישער און עקאָנאָמישער פאַקטאָר אין דער

מלוכה. אין א״י ווערט דער אויפבוי פון דער ווירטשאַפט באַגלייט פון אָנהויב אָן דורך אַ רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. ביי יעדן אַנדערן פאָלק ענטשטייט די אַרבעטער־באַוועגונג דאַן, ווען די ווירטשאַפט עקזיסטירט שוין.

די יידישע קאָלאָניע מוז מיט אַלע וועגן דעראָבערט ווערן דורכן יידישן אַרבעטער: דורך אַקאָרד, מיט פאַרקלענערן די איבעריקע הוצאות, דורך באַזייטיקן די אויפזעער און אונטערנעמער, דורך העלפן קאָלאָניזירן די אַרבעטער פון די מושבות, דורך העלפן דעם לוין־אַרבעטער. דורך קאַמף מיט דער הילף פון משמרות (פיקעטן), מיט דער הילף פון געזעלשאַפטלעכן דרוק און דורך פאַרגרעסערן די צאָל אַרבעטער אין די קאָלאָניעס. דאָס איז אַ קאַמף פאַר אַ העכערן ניוואָ, ביז דער סאָציאַליזם וועט באַפרייען די אונטערדריקטע פון די אונטערדריקער.

אין קאמף פאר יידישער ארבעט

(פון א ויכוח)

דער פראָנט פון דעם אַרבעטער אין דער מושבה איז דער אָנהויב פון אים האָט אָנגעהויבן נישט נאָר די אָרגאַניזאַציע פון די לאַנד־אַרבעטער (הסתדרות הפועלים החקלאים), נאָר אויך די הסתדרות בכלל. אָבער דערדאָזיקער פראָנט איז ברייט און גרויס—ס׳איז דער פ ר אָ נ ט פ ו ן ד ו ר. אויך אין גלות, אין קלאָסאָוו זאָגט מען דעם יידישן אַרבעטער (ס׳זאָגט דער קאָמוניסט און ס׳זאָגט דער רעגירונגס־אינספעקטאָר): פאַראַן אין פוילן צענדליקער טויזנטער אַרבעטסלאָזע, וואָס די רעגירונג דאַרף זיי שטיצן פון איר הילפס־פאָנד. זיי קומט די אַרבעט און נישט די ציוניסטישע טרוימער, נישט עפּעס אַ קאַפּריז פון די יידישע באַלעבאַטישע קינדער. אין יעדן לאַנד זעען מיר דעם קאַמף פון יידן פאַר פרנסה, דעם דראַנג צו עמיגראַציע. דאָס קלאַפּן

אין די פאַרשלאָסענע טויערן פון אימיגראַציע־לענדער. ס׳איז אומעטום דערזעלבער פראָנט פון כבוש העבודה.

דאָס איז אויך אונזער איינציקע רעכט. קיינער האָט נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, קיין שום סאָציאַליזם, קיין שום אינטער־נאַציאָנאַל אָן אונזער רעכט אויף קיום, אָן רעכט אויף קיום פאַר אַלעמען. דאָס באַרויבן מיין רעכט—נעגירט דאָס עצם רעכט אויף קיום פון אַנדערע, יעדער דערפאָלג פון מענטשלעכן קיום אין דער וועלט אויפן יסוד פון פאַרלייקענען די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון יידישן פאָלק, פון וועמען ס׳זאָל נישט זיין, איז אַן אוטאָפּישער דערפאָלג! דעריבער איז דאָך פאַרמשפּט דער קאַפּיטאַליזם אויף אונטערגאַנג, ווייל ער פאַרלייקנט דאָס רעכט אויף קיום פון מענטשן. אַזוי איז אויך אַ שקר יעדער סאָציאַליזם, וואָס אַנערקענט נישט מיין, אונזער רעכט אויף אַרבעט. אונזער רעכט אויף אַרבעט איז אונזער רעכט אויף לעבן.

כ׳גלויב נישט, אַז דער „השומר־הצעיר" און די לינקע פועלי־ציון קענען זיך ענטזאַגן פון דעם דאָזיקן רעכט. די פּחדנות, זאָל זיין די פּחדנות פון פאָרמולירונגען, קען ענטאַרטן און שלעכט משפּיע זיין אויף דער דערציונג פון דור. מען דאַרף וויסן, אַז די ווירקלעכקייט איז א שווערע, אַז ס׳איז נישטאָ קיין כיבוש העבודה אָן קאַמף. אויך די ווענדונג צום נאַציאָנאַלן געוויסן איז קאַמף. דער קעמפנדיקער סאָציאַליזם ווענדעט זיך אויך צום געוויסן. אַ שטרייק, א משמרת רעדן אויך צום געוויסן. על פי רוב איז דאָך אויסגעבויט געוואָרן די יידישע מושבה אויפן חשבון פון נאַציאָנאַלע געלטער, מיט פאָלקס־קרעדיט, מיט דער הילף פון אונזער שוץ. און אַ יידי־שע ווירטשאַפט אָן יידישער אַרבעט אויפן יסוד פון פאַר־קנעכטן דעם פרעמדן איז קעגן געוויסן. אָבער ווי רעדן מיר וועגן געוויסן? די השפּעה איז אַן ענין פון כח און נישט נאָר פון רייד. דאָס, וואָס מיר וועלן זיין צאָלרייך און שטאַרק אין דער מושבה, מאַכט מעגלעך די אפּעלאַציע. מיר האָבן נישט קיין אויסגעטראָטענע וועגן. די אַרבעטער־באַוועגונג בכלל

האָט נישט קיין אויסגעטראָטענע וועגן. ס'טרעפן זיך ביי אונז
מאָמענטן פון מידקייט אין קאַמף, זוכט מען א רעטונג אין אַ
נייעם וואָרט. דאָס וועט נישט העלפן. מען קען זאָגן יעדן
קעמפער: ווו איז דיין נצחון? ווו איז דיין זיכערקייט? אָבער
דאָס זענען פראגן פון מידע מענטשן, וואָס האָבן מורא פאַרן
קאַמף. ווען אין פּתח-תקוות וועט זיין נאָר יידישע אַרבעט,
וועט אויך דאַן אונז דראָען די סכנה פון ארויסגעשטויסן ווערן,
אויב מיר וועלן נישט פאַרנעמען קיין קעמפנדיקע שטעלונג.
בוסתנאי (קאָלאָניסטן-פאַרבאַנד) וועט פרעגן: אַזוי רעדט מען עס
צום געוויסן — מיט משמרת, מיט שטרייקן? צי קען מען
מיט אזעלכע רייד ווי „תאוה נאָך רוחים" קומען צום תלמיד פון
אחד-העם'ן, צו סמילאַנסקין, וואָס טראָץ זיינע דערציילונגען,
וועלכע טריפן מיט ליבע צום אַראַבער, פּרעדיקט ער וועגן
עקספּלאָאַטאַציע און פאַרקנעכטונג פון אַראַבער? ער רופט עס
אונזער קאַמף: גוואַלט, צוואַנג! פּונקט ווי מען וואָלט געקאָנט
איינהאַלטן די פּאָזיציע אָן אַרבעט און אָן געוואַלט. פּונקט ווי
מען וואָלט געקענט אויפהאַלטן הונדערטער און טויזנטער אַר-
בעטער אָן אַרבעט און זיין זיכער קעגן געוואַלט-מעשים. פּונקט
ווי אַרבעטסלאָזיקייט וואָלט נישט געווען קיין געוואַלט-טאַט
און הונגער וואָלט נישט געווען קיין געוואַלט-טאַט.

דער כבוש העבודה האָט אָרגאַניזירט די יידישע אַרבע-
טער. לאָמיר שטאָלץ טראָגן אָט דעם נאָמען: מיר זענען אַר-
בעטס-דעראָבערער פאַרן יידישן פאָלק. מען דעראָבערט מיט
אַלע מיטלען. מיר זענען געפאַלן אלס יחידים און זיך אומ-
געקערט אין קיבוצים. אנשטאַט קאַמף פאַר כיבוש עבודה זאָגט
מען אונז: לאָמיר קעמפן פאַר סטאַבילער און אָרגאַניזירטער
אַרבעט. צי איז דאָס נישט קיין ווערטער-שפּיל? מען מאַכט אַ
מינע, ווי מיר וואָלטן געווען איינגעזעסענע און דערשינען אלס
„סטאַבילע" און נישט ווי אַרבעטס-דעראָבערער. ס'איז טאַקע
פאַראַן די פראַגע פון אָרגאַניזירן די אַראַבישע אַרבעטער.
אָבער דער דאָזיקער ענין קומט נישט אַ נ ש ט אַ ט דעם
קאַמף פון יידישן ארבעטער פאַר כיבוש העבודה, זיין קלאַסן-

קאַמף אין דער יידישער מושבה. דער, וואָס זאָגט, „אָרגאַני־זירן דעם שכן" דרייט זיך ארויס פון אונזער קלאַסן־קאַמף. אומעטום, ווו דער ייד גייט אָרגאַניזירן דעם שכן, טוט ער עס פון יאוש אין דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג. ווען מען זאָגט אונז: זעט, מיר האָבן נישט געזיגט, אלזאָ, נישט צום קאמף, נישט צום אויפבוי, נאָר צום אָרגאַניזירן דעם שכן — איז דאָס א רעזולטאט פון יאוש אין אונזער סאָציאַלן ווערט און פון גלויבן אין אונזער מיסיאָנערישן כוח.

דאָס אָרגאַניזירן דעם אראבישן ארבעטער וועט זיך אָנהויבן נישט פון אָרט, וואָס איז אזוי פול מיט קעגנזאַצן, ווי די יידישע מושבה, אין וועלכער דער נאַציאָנאַלער קעגנזאץ פארשטעלט דעם קלאַסן־קעגנזאַץ צווישן יידישן פריץ און אראבישן ארבעטער. די, וואָס מיינען באמת צו אָרגאַני־זירן דעם אראבישן ארבעטער, דארפן עס טאָן אין נאַטירלעכן אָרט, דאָרט ווו דער קלאַסן־קעגנזאץ איז שטארק און בולט — אין דער עפענדישער ווירטשאפט און אין שטאָט.

אונזער צאָל אין דער מושבה איז געוואַקסן נישט צוליב דעם, ווייל מיר האָבן געהאט ארבעט, נאָר א דאנק אונזער קאמף. כ'זאָג נישט, אז מיר דארפן פירן בלוטיקע קאמפן, ווייל אויב ס'וועט פארגאָסן ווערן בלוט, וועט עס דאָך זיין אונ־זער בלוט. אָבער מיר דארפן זיין טויזנטער יידישע ארבעטער, פארוואָרצלטע אָרום די פרדסים, א קעמפנדיקע קלאַסן־אָרגאַני־זאציע, וואָס שטיצט זיך אויפן יידישן ארבעטער, אויף זיין געוויסן און כוח. דאָס איז אונזער שטענדיקער פראָגראַם. קיין נייעם פראָגראַם האָבן מיר נישט, דער יידישער ארבעטער וועט זיגן נישט א דאנק דער אָרגאַניזירונג פון אראבישן אר־בעטער, נאָר א דאנק דעם, וואָס מיר וועלן דאָ זיין אין די צענדליקער טויזנטער. דאַן וועט זיך אויך אָרגאניזירן דער אראבישער ארבעטער.

מער געשלאָסנקייט פון אונזער מחנה, מער פעיקייטן אויפצונעמען דעם עולה און זארגן פאר אים. צענדליקער טויזנטער ארבעטער, וואָס ווייסן דאָס, און די יידישע נויט וועלן געבן כוחות פארן ענדגילטיקן זיג.

י. בן־צבי

ארגון משותף

די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע איז די אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע פ ו ן י י ד י ש ן אַ ר ב ע ט ע ר ־ ק ל אַ ס אין ארץ־ישראל, וואָס שטרעבט צו זיין גלייכצייטיק אויך די לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער־קלאַס אין א״י. קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס אונטערשיידן צווישן „קלאַס״ אין אָביעקטיוון זין, „קלאַס אַן זיך״, קלאַס אין פאַרהעלטעניש צו אַנדערע — אַן עקאָנאָמישע שיכט, וואָס איר כאַראַקטער ווערט באַשטימט לויט אירע באַציונגען צו די פּראָדוקציע־מיטלען — און קלאַס אין סוביעקטיוון זין — „קלאַס פאַר זיך״, ד. ה. דער קלאַס, וואָס האָט דערגרייכט צו דער מדרגה פון זעלבסט־דערקענטניש. דער אַרבעטער־קלאַס האָט עקזיסטירט צוערשט אַלס קלאַס כּלפּי חוץ און ערשט נאָכדעם, ווי עס איז אין אים רייף געוואָרן זיין געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישע דערקענטניש, איז ער געוואָרן אויך אַ קלאַס אין סוביעקטיוון זין, „פאַר זיך״. ביי אונז איז דער דאָזיקער פּראָצעס אַ פאַרקערטער: די קלאַסן־דערקענטניש איז געקומען אַ סך פריער פאַר דער שאַפונג פון קלאַס גופא. נאָך מער: די אָרגאַניזירונג פון יידישן אַרבעטנדיקן קלאַס איז געקומען פיל פריער פאַר דער שאַפונג פון קלאַס צווישן די אַראַבישע מאַסן, וואָס זענען די מערהייט אין לאַנד.

אָבער ס'ווייזט אויס, אז אויך אין דער עקאָנאָמישער לערע איז נישטאָ קיין מוקדם ומאוחר. מיט דער ענדערונג פון ענטוויקלונגס-סדר פון די ענינים ווערן נאָך די ענינים גופא נישט געענדערט. מיט דער ענטוויקלונג פון ווירטשאַפטלעכן לעבן איז אויך אויסגעוואַקסן דער אַרבעטער-קלאַס אין לאַנד. אויף איין זייט איז אַנטשטאַנען אַ מאָדערנער ארבעטער-קלאַס, וואָס שטיצט זיך אויף דער גרויסער און זיך אויסברייטערנדיקער אינדוסטרי, וועלכע באַנוצט זיך מיט מאָדערנע מיטלען לויט דעם לעצטן וואָרט פון דער אייראָפּעישער אינדוסטרי. דאָס איז דער יידישער ארבעטער-קלאַס, וואָס שטיצט זיך פון איין זייט אויף דער נייער אינדוסטרי און מאָדערנער בוי-אַרבעט און פון דער צווייטער זייט אויף די נייע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פאָרמען — דער ענטוויקלטער קאָאָפּעראַציע אין לאַנדווירטשאַפט, ווי אין אינדוסטרי. די נייע אינדוסטר. אין א"י איז בעיקר אַ פרוכט פון פּריוואַטן אָדער פילאַנטראָפּישן קאַפּיטאַל, אָבער אין א געוויסער מאָס אויך די פרוכט פון נאַציאָנאלן קאַפּיטאַל — און די קאָאָפּעראַטיווע און קאָלעקטיוויסטישע ווירטשאַפט איז די פרוכט פון נאציאָנאַלער און געזעלשאַפטלעכער ענערגיע און שטיצט זיך אויף דעם נאַציאָנאַלן און געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל. דער שעפער פון די ווערטן און דער טרעגער פון דער ווירטשאַפט, אין דער אינדוסטרי פון די ביידע קאַטעגאָריעס — איז דער יידישער אַרבעטער, וואָס איז געקומען בעיקר מיט די לעצטע עליה-שטראָמען. אזוי איז דער זאַך-צושטאַנד איצט און אזוי וועלן זיך, ווייזט אויס, ענטוויקלען די ענינים אין דער נאָענטער צוקונפט.

אָבער אין דער אינדוסטרי און לאַנדווירטשאפט באַווייזט זיך שוין דער אראבישער אַרבעטער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין לאַנד און מיט אַנ'אויסערגעוויינלעכער פאַמעלעכדיקייט זיך ענטוויקלט ענטשפּרעכנד צום לאַנגזאַמען טעמפּאָ פון דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטרי פון א"י. הונדערטער, טויזנטער יאָרן זענען אריבער, זינט ס'איז אונטערגעגאַנגען

און חרוב געוואָרן דאָס לאנד; די וויסטעניש פון פרימיטיוון לעבן האָט באַזיגט די קולטור. אין דער עקאָנאָמישער געשיכ־טע פון א״י זעען מיר קורצע תקופות פון אויפשטייג, נאָך וועלכע עס קומען לאנגע תקופות פון פארגליווערטקייט און ירידה. ערשט אין 19־טן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן ענטוויקלען א שטאָטישער אַרבעטער־קלאַס אין דער שטיין, האָלץ, מעטאַל, נאָדל־אינדוסטרי, אויסערדעם די סעזאָן־אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט אין דער אייל־און זייף־אינדוסטרי און די פּראָלעטאַריער און האַלב־פּראָלעטאַריער אין דער לאנדווירט־שאַפט. דאָס איז א רויער מאַטעריאַל, וואָס וועט באַקומען מיט דער צייט אַ באַשטימטן עקאָנאָמישן פּרצוף, צי אלס קליינע באַלעבאַטים, צי אלס ארבעטער; לויט דעם וועט זיך אויך געשטאלטן זיין קלאַסן־דערקענטניש.

מיר דארפן אונטערשיידן צווישן די, וואָס אַרבעטן אין דער ווירטשאַפט, וועלכער איז אינגאַנצן אראַביש, און די, וואָס אַרבעטן אין אַרבעטס־צווייגן, וועלכע זענען שוין אַרויס פון דער ראַם פון דער באַזונדערער אַראַבישער ווירטשאַפט און אַריין אין די תחומים פון דער געמישטער שטאָטישער ווירט־שאַפט. די ערשטע געפינען זיך אין די פּרימיטיווע באַדינגונ־גען, זיי האָבן נישט קיין באַשטימטן אַרבעטס־טאָג, קיין באַ־שטימטן לוין, די באַציונגען מיט זיי זענען „פּאַטריאַרכאַלע״: „אם כבנים — או כעבדים״.

אין אַזעלכע באַדינגונגען לעבט די מערהייט פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין א״י; און דעמדאָזיקן ווירטשאַפט־לעכן סעקטאָר קענען מיר באַצייכנען אַלס אַ ריין־אַראַבישן, צו וועלכן דער יידישער אַרבעטער האָט נישט קיין שום צוטריט.

אינמיטן, צווישן ביידע טיפּן, דער יידישער ווירטשאַפט און דער אַראַבישער ווירטשאַפט, געפינט זיך די „געמישטע ווירטשאַפט״. אָבער אויך דאָסדאָזיקע „מיטללאַנד״ קען מען טיילן אין דריי סטרעפּעס. די ערשטע איז לחלוטין, פון איר עצם־נאַטור, א געמישטע: דאָס איז די רעגירונגס־און מוניצי־

פּאַלע ווירטשאַפט. צו אָט דער קאַטעגאָריע געהערן קודם־כּל די באַנען, פּאָסט, טעלעפאָן, באַאַמטנטום און פּאָליצײ. די צווייטע סטרעפּע — דאָס איז די קליין־אינדוסטריע און מלאכה אין די גרעסערע שטעט, אין וועלכע ס'לעבן געבנאײנאַנדער יידן און אַראַבער, ווי אין ירושלים, יפו, חיפה, צפת און טבריה. די דריטע סטרעפּע — דאָס איז די יידישע ווירטשאַפט אין די אַלטע קאָלאָניעס, וואָס שטיצט זיך אויף ביליקער אַרבעט, וועלכע ווערט גענומען פון אויבן־דערמאָנטן פּרימיטיוון אַראַבישן סעקטאָר.

אונזער ציל דאַרף זיין צו שאַפן א רעאַלע ראַם, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער ענטוויקלונג פון יידישן אַרבעטער־קלאַס און דעם אַראַבישן אַרבעטער־קלאַס. דאָס איז אונז מחייב קודם־כּל צו שטאַרקן אונזער הסתדרות און פאַרפעסטיקן איר, זי זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער העכסטער ענטוויקלונגס־שטופע און זי זאָל נישט אַראָפּנידערן צו פאָרמען פון אָפּגעשטאַנענער ווירטשאַפט. מען דאַרף גלייכצייטיק אונטערשטרייכן, אַז די פּראָפּ. פּאָליטיק פון דער הסתדרות איז אונטערגעאָרדנט דער צענט־ראַלער אידיי פון עליה און קאָלאָניזאַציע. מיט אַנדערע ווערטער — מיר דאַרפן אָפּהיטן די פאָרם פון דער יידישער אַר־בעטער־אָרגאַניזאַציע און מיר דאַרפן זוכן א וועג פון אָרגאַ־ניזירן די אַראַבישע אַרבעטער אין דער אַראַבישער ווירטשאַפט נעבן און אין פאַרבינדונג מיט דער יידישער אָרגאַניזאַציע און נישט אין קעגנזאַץ צו איר.

פונדאַנען — די אידײ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער ס'גייט אַריין אונזער הסתדרות אַלס א זעלבסטשטענדיקע איינהייט, פונדאַנען — אונזער אַקטיווע הילף פאַר דער אָרגאַניזירונג פון די אַרבע־טער אין דער אַראַבישער און געמישטער ווירטשאַפט.

די אַרבעטער אין ריין־אַראַבישן שטח דאַרפן אָרגאַני־זירט ווערן אין אַן־אַלגעמיינער אַראַבישער אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציע, וואָס וועט זיין א פּאַראַלעלע אָרגאַניזאַציע צו אונזער הסתדרות און זיין מיט איר פאַרבונדן אין דעם א״י־דיקן אינ־

טערנאציאָנאלן אַרבעטער-פאַרבאַנד (ברית פועלי א"י). די קאָמפּעטענץ פון דער אראבישער ארבעטער-אָרגאַניזאַציע דאַרף נישט זיין באַגרענעצט נאָר צו פּראָפעסיאָנעלע ענינים, פּונקט ווי ס'איז נישט באַגרענעצט די קאָמפּעטענץ פון דער הסתדרות.

ווי אַזוי זאָלן אָרגאַניזירט ווערן די אראבער אין דעם געמישטן סעקטאָר?

אין דער רעגירונגס-ווירטשאַפט אַרבעטן יידן און אראַבער זייט ביי זייט, אָקסל ביי אָקסל אין דיזעלבע אַרבעטס-באַדינגונגען, סאַניטאַרע באַדינגונגען, פאַר דעמזעלבן לוין א.א.וו. און זיי ליידן אין אַ גלייכער מאָס פון דעם זעלבן רעזשים. אין דער פּריוואַטער ווירטשאַפט איז עס אַנדערש, אַפילו ביי דיזעלבע פאַכן. נעמען מיר צום ביישפּיל דעם יידישן זעצער אָדער סטאָליער און דעם אראַבישן. ביידע אַר-בעטן זיי אין דער זעלבער שטאָט און אין זעלבן פאַך. אָבער טראָצדעם זענען פאַראַן עקאָנאָמישע גרענעצן, וואָס שיידן זיי פונאַנדער. די קליין-אינדוסטרי און די קבלנות זענען אין נאַציאָנאַלן זין נישט קיין געמישטע, זיי זענען פּאַראַלעלע. דער יידישער און אראַבישער אונטערנעמער (קבלן) און בעל-מלאכה זענען טעטיק אין באַזונדערע סביבות און באַפרידיקן באַדערפעניש פון גאַנץ פאַרשידענע קאָנסומענטן און קרייזן, וואָס זענען פאַרשיידן איינער פון צווייטן נישט נאָר מיט זייער שפּראַך און מנהגים, נאָר אויך מיט דעם ניוואָ פון זייערע באַדערפעניש, סיי אין צאָל, סיי אין קוואַליטעט. די געמיינ-זאַמקייט פון פאַך פאַרלאַנגט טאַקע אַ געמיינזאַמע פּראָפעסיאָ-נעלע אָרגאַניזירונג, אָבער די אונטערשיידן פון די באַדינגונ-גען פאַרלאַנגען אַ באַזונדערע פאָרם. די פּאַסיקסטע פאָרם פאַר דער שטאָטישער פּאַראַלעלער אינדוסטרי, באַזונדערס פאַר דער קליין-אינדוסטרי — איז די פעדעראַטיווע אָרגאַניזאַציע-פאָרם פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען מיט נאַציאָנאַלע סעקציעס. די נאַציאָנאַלע סעקציעס פון יעדן פאַך זאָלן זיין אייך אַ פעדעראַטיוון אופן אָנגעשלאָסן אין איין אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד. די יידישע נאַציאָנאַלע סעקציע פון דער פּאַראַלע-לער אינדוסטרי וועט געהערן צו דער הסתדרות און די אראַ-בישע סעקציע צו דער אראַבישער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע, אויף

אזא אופן וועלן זיך אָרגאַניזירן די בוי־אַרבעטער, די אַרבע־טער פון האָלץ, שטיין, מעטאַל א.א.וו.

דידאָזיקע פאָרם געניגט אָבער נישט און פּאַסט אַבסאָ־לוט נישט צום סעקטאָר, אין וועלכן די עצם־אַרבעט איז א געמישטע. ווי צום ביישפּיל אין דער אויבנדערמאָנטער רעגי־רונגס־ווירטשאַפט. דאָ קען דער אָרגאַניזאַציע־בוי נישט זיין קיין פעדעראַטיווער, נאָר א פולשטענדיק איינהייטלעכער. יעדע אַנדערע פאָרם שטעלט אין סכנה די גאַנצקייט פון פּראָפע־סיאָנעלן פאַריין אין דער געמישטער ווירטשאַפט.

לאָמיר נעמען, למשל, דעם פאַריין פון די באַן־אַרבעטער, וואָס ער האָט פאָדערונגען צו דער רעגירונג בנוגע צו אַר־בעטס־שעהן, לוין־באַדינגונגען, ענטשעדיקונגען, סאַניטאַר־באַ־דינגונגען א.א.וו. ווען דערדאָזיקער פאַריין זאָל זיין געבויט פעדעראַטיוו, וואָלט אויסגעקומען, אַז די דערמאָנטע פאָדערונגען, אויף וויפל זיי זענען נוגע יידן, וואָס אַרבעטן ביי די באַנען — גייען זיי אַריין אין דעם אויפגאַבן־קרייז פון דער הסתדרות און אויף וויפל זיי זענען נוגע אַראַבער — אין דער קאָמפּעטענץ פון דער באַזונדערער אַראַבישער נאַציאָנאַלער סעקציע. היינט וועט קומען די הסתדרות מיט אירע פאָדערונגען און מאָרגן אַן אַראַבישע באַן־אַרבעטער־סעקציע מיט אירע פאָדערונגען. די עקזיסטענץ פון אַזעלכע צוויי אָרגאַנען פאַר די זעלבע פאָדערונגען וואָלט, פאַרשטייט זיך, אָפּגעשוואַכט דעם גאַנצן פאַריין אין זיינע פאָדערונגען סיי אין די אויגן פון דער רעגירונג און סיי אין די אויגן פון די מיטגלידער גופא און וואָלט געשטערט צו דער פאַרפעסטיקונג פון פאַריין און דער אויסברייטערונג פון זיין טעטיקייט. אויב עס זאָלן עקזיסטירן צוויי אינסטאַנצן, וואָס זייער אינהאַלט איז דערזעלבער און די קאָמפּעטענץ איז דיזעלבע -- קען דאָס נאָר אָפּשוואַכן די קראַפט פון געמיינזאַמען פאַריין פון די באַן־אַרבעטער.

דערפאַר איז קלאָר, אַז פּאַקטיש איז דאָ אַן אָרט נאָר פאַר איין אינסטאַנץ, וואָס וועט זיין טעטיק אין נאָמען פון די באַן־אַרבעטער אין אַלע פּראָפעסיאָנעלע ענינים. אַן איינ־

סטאַנץ, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם גאַנצן געמיינזאַ־
מען פאַריין פון באַן־אַרבעטער. דערין דריקט זיך אויס די
גאַנצקייט פון דעם דאָזיקן פאַריין.

גלייכצייטיק אָבער – און אויף דער דאָזיקער געמיינזאַמער
באַזע — איז אויך דאָ פאַראַן אַן אָרט פאַר נאַציאָנאַלע סעקציעס,
אַלס אַ צווייטער פאַקטאָר ביים דערפילן די אויפגאַבן, וואָס
זענען באַזונדער פאַר יעדע פון די סעקציעס — דאָס זענען
די דערציִערישע, קולטורעלע, קאָלאָניזאַטאָרישע און קאָאָפּעראַ־
טיווע אויפגאַבן. צו דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבן איז פאַראַן
אַ באַזונדער אינסטאַנץ פון דער יידישער סעקציע פון די באַן־
אַרבעטער, וואָס איז אָפּגעטיילט פון דער פאַרוואַלטונג פון דעם
געמיינזאַמען פאַריין — דאָס איז די הסתדרות. פאַר די דאָ־
זיקע אויפגאַבן בילדעט די יידישע סעקציע פון די באַן־אַרבע־
טער אַן אָרגאַניזאַציאָנעל־באַזונדערן הסתדרות־קעמערל. אָבער
פאַר די איבעריקע פּראָפעסיאָנעלע אויפגאַבן איז די יידישע
סעקציע נישט מער ווי אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון אַל־
געמיינעם פאַריין פון די באַן־אַרבעטער.

עס באַשטייט, אמת, אַ שוועריקייט, וואָס דערביי ווערן
לכתחילה פאַנאַנדערגעטיילט די פּראָפעסיאָנעלע אויפגאַבן פון
די קאָלאָניזאַטאָריש־ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע אינערהאלב
דעם פאַריין פון די באַן־אַרבעטער. אָבער דידאָזיקע פאַנאַנדער־
טיילונג איז נויטווענדיק אין דעם סעקטאָר פון געמישטער
ווירטשאַפט, כל־זמן עס באַשטייט דער טיפער אונטערשייד
צווישן די יידישע ארבעטער, די ערדלאָזע, וואָס האָבן נישט
קיין ווירטשאַפטלעכע באַזעס און צווישן די אַראבישע אַרבע־
טער, וואָס זענען מער פאַר די יידן באַהעפטט צו דער ערד
און וואָס זיי אָדער זייער פאַמיליע זענען שטאַרק פאַרבונדן
מיט זייער אַגראַרער ווירטשאַפט. כל־זמן עס איז פאַראַן אַן
אונטערשייד צווישן דעם יידישן אַרבעטער, וואָס האָט קאָנק־
רעטע עליה־און קאָלאָניזאַציע־וועגן און צווישן דעם אַראַבישן
אַרבעטער, וואָס האָט נישט אַזעלכע באַדערפעניש — ביז
וואַנען דאָס וועט זיך נישט ענדערן, וועט מוזן בלייבן דער

באַנד פון די געמיינזאַמע פּראָפעסיאָנעלע באַדערפעניש אַלס איינציקע פאַרבינדונג פון דעם יידישן און אַראַבישן אַרבעטער אין דעם סעקטאָר פון געמישטער ווירטשאַפט.

דער דריטער סעקטאָר איז — דער יידישער דאָרף, וואָס איז געבויט אויף לוין-אַרבעט. דער אָרגאַניזיר-אופן פון דעם אַראַבישן אַרבעטער, וואָס קומט פון דער אַראַב־שער ווירט־שאַפט אין דער יידישער קאָלאָניע איז דאָס שווערסטע פּראָב-לעם. עס איז אוממעגלעך איין-איינציקע סטערעאָטיפּישע לעזונג. אַ ראדיקאלע לעזונג פון דער דאָזיקער פראגע וועט קומען נאָר דעמאָלט, ווען אויך די אַראבישע ווירטשאַפט וועט זיך געפינען אונטער דער השפעה פון דעם פּאַרייניקטן אַרבעטער-קלאַס לכל-הפחות אין דער מאָס, וואָס די יידישע ווירטשאַפט געפינט זיך אונטער דער השפעה פון יידישן ארבעטער. דאַן און נאָר דאַן וועלן מיר האָבן די מעגלעכקייט איינצואָרדנען די יידישע און אַראַבישע אַרבעטסלאַגע אין די יידישע און אַראַבישע ווירטשאַפטן. ביז יענער צייט וועלן מיר, לויט מיין מיינונג, נישט געפינען קיין אידעאַלע לעזונג פאַר דער געמישטער ווירטשאפט פון דעם דערמאָנטן סעקטאָר. מען קען׳ פאַרשטייט זיך לעזן עס אויף אַ טיילווייזן, אינדיווידועלן אופן, אָבער קיין באַזונדער ווערט וועט אַזאַ לעזונג נישט האָבן׳ די ענדגילטיקע לעזונג וועט קומען צוזאַמען מיט דער אָרגאַניזירונג פון דעם אַראַבישן ארבעטער אין דעם דערמאָנטן אַראבישן אַרבעטס־סעקטאָר, וואָס וועט דערגענצן די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון דעם ארבעטער־קלאַס׳

ב ר י ת פ ו ע ל י א " י

די דריטע קאָנפערענץ פון דער הסתדרות (1927) האָט באשלאָסן:

די קאָנפערענץ באטראכט אלס נויטווענדיק די געמיינזאמע טעטיקייט פון די יידישע און אראבישע ארבעטער אין זייערע גע-מיינזאמע לעבנס-וויכטיקע ענינים.

אין יסוד פון דער געמיינזאמער טעטיקייט ליגט דאָס אָנער-קענען דעם פּאָזיציון ווערט און די רעכט פון דער יידישער עליה קיין א"י.

לשם דער געמיינזאמער טעטיקייט ווערט געשאפן דער אינ-טערנאציאָנאַלער פארבאנד פון די א"י-דיקע ארבעטער (ברית פועלי א"י) אויפן יסוד פון אויטאָנאָמע נאציאָנאַלע סעקציעס.

העברעיש און אראביש זענען די אָפיציעלע שפראכן פון פארבאנד.

די יידישע סעקציעס זענען אן אָרגאַנישער באשטאנדטייל פון דער הסתדרות העובדים, וועלכע ענדערט נישט מיטן ענטשטיין פון פארבאנד איר געבוי און סטאטוט.

אויך די אנדערע נאציאָנאַלע סעקציעס האָבן דאָס רעכט צו פארייניקן זיך אין אן אויטאָנאָמער אלגעמיינער לאנדעס-אָרגאניזאציע אין פארבאנד.

אויפֿן יסוד פֿון דידאָזיקע פּרינציפּן האָט דער ועד הפּועל פֿון דער הסתדרות פֿעסטגעלייגט פֿאָלגנדע עיקרים אין יסוד פֿון ברית פּועלי א״י אויפֿן געמישטן סעקטאָר.

דער ציל

ד פֿאַרייניקונג פֿון אַלע א״י־דיקע אַרבעטער, אָן אונטערשיד פֿון רעליגיע, פֿאָלק און ראַסע, אין איין פֿאַרבאַנד, וואָס איז געבויט אויפֿן יסוד פֿון אויטאָנאָמע נאַציאָנאַלע סעקציעס, כּדי צו אָרדנען זייערע געמיינזאַמע ענינים. די הסתדרות העובדים שטעלט מיט זיך פֿאָר די יידישע סעקציע פֿון פֿאַרבאַנד. די אַנדערע נאַציאָנאַלע סעקציעס האָבן אויך דאָס רעכט צו פֿאַרייניקן זיך אין אויטאָנאָמע נאַציאָנאַלע סעקציעס אין פֿאַרבאַנד.

מיטגלידערשאַפֿט

יעדער אַרבעטער—אַרין, פֿון 18 יאָר און העכער, וואָס לעבט פֿון זיין אַרבעט, נישט עקספּלאָאַטירנדיק יענעמס אַרבעט, נעמט אויף זיך די טעטיקייטס־דיסציפּלין פֿון פֿאַרבאַנד און צאָלט די שטייערן פֿון פֿאַרבאַנד, קען זיין אַ מיטגליד אין די פּראָפֿ. פֿאַריינען פֿון פֿאַרבאַנד, וואָס זענען אויפֿגעבויט אויפֿן יסוד פֿון נאַציאָנאַלע קעמערלעך.

קאָמפּעטענץ

די ליטונג פֿון פֿאַרבאַנד האָט דאָס רעכט פֿון אויפֿזיכט און ענטשיידונג אין אַלע פֿאַריינען און אינסטיטוציעס פֿון פֿאַרבאַנר אין די ענינים, וואָס גייען אַריין אין טעטיקייטס־געביט פֿון פֿאַרבאַנד, אָן צו אָנרירן די אויטאָנאָמיע פֿון די נאַציאָנאַלע סעקציעס. די טעטיקייט פֿון די פּראָפֿ פֿאַריינען פֿון פֿאַרבאַנד ווערט געפֿירט אין הסכּם מיטן סטאַטוט פֿון פֿאַרבאַנד און זיינע אָנווייזונגען.

קעגנזייטיקע הילף

די אינסטיטוציעס, וואָס עקזיסטירן ביי דער הסתדרות (קופּת חולים, ליי־קאַסעס או א.), וועלן דערלאַנגען הילף, ווען דאָס וועט

זיין נויטיק, אויך די נישט-יידישע מיטגלידער פון פאַרבאַנד לויט די תקנות פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס, ביז אַזעלכע אינסטיטוציעס וועלן געשאַפן ווערן דורכן פאַרבאַנד גופא.

שפראכן

העברעיש און אראביש זענען די אָפיציעלע שפּראַכן פון פאַרבאַנד

פראפ. פאַריינען

דער פראָפ. פאַריין פאַרייניקט אַלע אַרבעטער אין פאַך כדי צו פאַרבעסערן זייער מאַטעריעלע און גייסטיקע לאַגע, שיצן זייערע אַרבעטס-באַדינגונגען, פעסשטעלן נאָרמאַלע אַרבעטס-שעהן און אַר-בעטס-לוין לויט ענטשפּרעכנדע פאַך-שטופעס און דערציען די חברים צו סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטער אָן אונטערשייד פון פאַך, רע-ליגיע, פאָלק און ראַסע.

דער פאַריין וועט דורכפירן פון צייט צו צייט אַ ציילונג פון די אַרבעטער כדי צו אויספאָרשן די לאַגע פון דער אַרבעט און אירע באַדינגונגען.

דער פאַריין וועט פירן אונטערהאַנדלונגען און שליסן אָפּ-מאַכן מיט די אַרבעטס-געבער.

דער פאַריין פאַרמיטלט צווישן זיינע חברים און די אַרבעטס-געבער אין פאַל פון אַ סכסוך.

דער פאַריין פירט צווישן זיינע חברים פאַך — און אַלגעמיינע קולטור-אַרבעט.

דער פאַריין פירט אַ דערציערישע טעטיקייט אויפן געביט פון ספּאָרט און קונסט.

יעדער פאַריין, וואָס האָט צוויי נאַציאָנאַלע קעמערלעך, ווערט געפירט דורך אַ פאַריטעטער פאַרוואַלטונג; יעדעס קעמערל ווײלט פון צווישן זיינע חברים אַ העלפט פון דער צאָל פאַרוואַלטונג-מיטגלידער. די לייטונג פון פאַרבאַנד שטעלט פעסט דעם מיני-מום חברים, וואָס איז נויטיק כדי צו שאַפן אַ קעמערל.

דאָס גרינדן אַ פאַריין, זיינע סטאַטוטן און פירונג-פאָרמען דאַרפן ווערן באַשטעטיקט דורך דער לייטונג פון פאַרבאַנד.

י. חזן

די שטעלונג פון „השומר הצעיר"

דער יידישער אַרבעטער, דער איינציקער קאָנסעקווענטער פאַרווירקלעכער פון גרויסן ציוניזם, שטייט פאַר אַ טאָפּעלן פיינטלעכן פראָנט, וואָס וויל ברעכן זיין כוח און אָפּהאַלטן זיין ענטוויקלונג: דעם פראָנט פון דער פרעמדער מאַכט און פון דעם יידישן אכר. דער קאַמף דאַרף געפירט ווערן קעגן די פיינטלעכע טענדענצן פון אָט דיביידע כוחות. אָפּשטויסן דעם אָנגריף פון איינעם באַדייט אָפּשוואַכן דעם פאַרמעסט פון צווייטן. דער קאַמף פאַר יידישער ארבעט איז דער קאַמף פאַר דאָס רעכט פון יידישן אַרבעטער צו אַרבעטן, פאַר דאָס רעכט פון יידישן עולה אויף עליה און אַרבעט אין ארץ-ישראל. דאָס מאָביליזירן דעם יידישן אַרבעטער צום דאָזיקן קאַמף באַדייט: שאַפן אַ וואַנט פון אייזערנעם ווילן פון יידישן אַרבעטער קעגן די צעשטערערישע כונות פון זיינע פיינט, קעמפן פאַר אַ גרויסער אַרבעטנדיקער עליה, פאַרן גרויסן ציוניזם.

אָבער צי ליגט דער שווערפונקט פון קאמף קעגן דעם פאַרמעסטן זיך אויף דער יידישער עליה דוקא אין געראַנגל פאַר יידישער אַרבעט? צי איז דאָס דער אויסשליסלעכער, איינציקער וועג, אָדער דער קאַמף און זיין דערפאָלג זענען באַדינגט פון אָנהויבן אַ טעטיקייט אויף אַנדערע געביטן, אָן

וועלכע ס'האָט נישט קיין טעם און קיין אויסזיכט דערדאָזיקער קאַמף ?

מיר האָבן קיינמאָל נישט געגלויבט און גלויבן אויך איצט נישט אין דער מעגלעכקייט פון אריינפירן הונדערט פּראָצענט יידישע אַרבעט אין דער יידישערווידטשאַפט. די אַבּסאָלוטע פונאנדערטיילונג פון דער ארץ־ישראלדיקער ווירטשאַפט אויף אַ יידישער ווירטשאַפט און אראבישער ווירטשאַפט האָבן מיר שטענדיק באַטראכט פאַר אוממעגלעך. דער בּיליקער ארבעטער איז אן עקאָנאָמישער פאַקטאָר, וועלכן מען קען זיך נישט קעגנשטעלן מיטן כוח פון אַפּעלירן צום נאַציאָנאַלן געוויסן פון אַרבעטס־געבּער און ער וועט שטענדיק הענגען ווי אַ בּייטש איבּערן רוקן פון יידישן אָרגאַניזירטן אַרבּעטער, ביז דער קלאַסן־באַוווסטזיין וועט אַריינדרינגען אויך אין זיינע שורות. דידאָזיקע יאָגעניש נאָך העכערע רווחים און צוליב דעם אויך נאָכן בּיליקן אַרבעטער, טרעפט אָבער אָן אויף אַ סך מכשולים : די גרעסערע פעיקייט פון יידישן אַרבּעטער צו אויספירן מער פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבּעטן, זיין שנעלערער אַריינגיין אין פאַך אָדער די קוואַליפיצירטקייט, וואָס ער האָט געבּראַכט מיט זיך פון גלות, צו דעם : די שרעק פאַרן שכנותדיקן פאָלק, פאַרן נייעם געטאָ, וואָס מוז דאָ געשאַפן ווערן, אויב דער אויפבּוי פון דער ווירטשאַפט וועט זיך ענטוויקלען לויט דער ליניע : יידישער קאַפּיטאַל — אַראַבּישע אַרבעט. דער יידישער עולה האָט דאָס זעלבּע רעכט צו פאָדערן דאָ פאַר זיך אַרבעט, ווי דער יידישער אַרבּעטער, אַ רעכט, וואָס ווערט נאָך שטאַרקער צוליב דעם, ווייל די אַראבּישע ווירטשאַפט, אין וועלכער ס'הערשט בּיליקע אַרבעט, איז כמעט אינגאַנצן פאַר אים פאַרשלאָסן און ווייל אַ דאַנק זיינע אָנשטרענגונגען און די אָנשטרענגונגען פון יידישן נאַציאָנאַלן און פּריוואַטן קאַפּיטאַל ווערן דאָ געשאַפן נייע אַרבּעטס־פּלעצער, וואָס פאַרזיכערן אַרבעט דעם יידישן אַרבּעטער אָן צו אָנרירן די רעכט פון סטאַבּילן אראבּישן ארבּעטער. דערדאָזיקער קאַמף פאַר מאַקסימום אַרבּעט פאַרן יידישן אַר־

בעטער, אויף וויפל ער שטויסט נישט ארויס קיין אַנדערן סטאַבילן אַרבעטער, וואָס לעבט נאָר פון זיין לוין-אַרבעט, איז דאָס עלעמענטאַרע רעכט פון יידישן ארבעטער און עולה. מיר האָבן שטענדיק געקעמפט און מיר זענען גרייט שטענדיק צו קעמפן פאַר דאָסדאָזיקע רעכט פון יידישן אַרבעטער און עולה, אין קעגנזאַץ צו דער פּרוכטלאָזער שטעלונג פון די לינקע פועלי-ציון, וואָס לייגן אויך אין דעם הינזיכט זייער האָפנונג אויף דער „סטיכישער ענטוויקלונג" און פּאַקטיש באַנוגענען ויי זיך דערמיט, וואָס אַנדערע פירן דעם קאַמף פון יידישן אַרבעטער און עולה, דערביי לאָזן זיי זיך איבער דאָס רעכט צו געניסן פון דעמדאָזיקן קאַמף. מיר האָבן זיך אָבער נישט געלאָזט פאַרפירן דורך דער לאָזונג פון הונדערט פּראָצענט יידישער אַרבעט, ווייל צוליב איר אַבסאָלוטער פאָרם האָט זי נישט קיין אינערלעכן אמת און טראָגט דאַקעגן אין זיך סתירות, וואָס קענען ברענגען געפערלעכע רעזולטאַטן.

אין קאָמפּלעקס פּראָבלעמען, וואָס וואַרטן אויף זייער ליי-זונג און וואָס האָבן נישט קיין אַנדערן גואל אויסער דעם יידישן אַרבעטער, איז די אַראַבער-פראַגע אפשר די שווערסטע און פון די אממיינסטן ענטשיידנדיקע פאַר דער צוקונפט פון ציוניסטישן אויפטו. דידאָזיקע פראַגע איז אומצערייסבאַר פאַר-בונדן מיט דער פראַגע פון יידישער עליה און יידישער אַרבעט. ווער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פאַרשטייט נישט דעם ווערט פון אָט דעם פּראָבלעם? אָבער נאָר ביים אַרבעטער-קלאַס אידענטיפיצירט זיך דאָ זיין קלאַסן-אינטערעס מיטן אַל-געמיינעם אינטערעס. דאַקעגן טרעטן אַריין פיל טיילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, נאָכדעם ווי זיי הויבן זיך אָן ממשות-דיק צו באַטייליקן אינם אויפבוי פון לאַנד, אין א שווערן אינערלעכן קאָנפליקט צווישן דער תאוה נאָך פּראָפיט, אָט דעם עיקרדיקן מאָטיוו פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, און דעם ציוניסטישן באַוווסטזיין. און ס'זיגט כמעט שטענדיק דער ווילן צו שטאַרקערער עקספּלאָאַטאַציע פונם אַרבעטער. דערדאָזיקער ווערט-ענדערונג פון קאַפּיטאַליסטישן עולה שטעלט זיך אַנטקעגן

דער אָרגאַניזירטער כּוח פון אַרבעטער, וואָס האָמעוועט די ענטוויקלונג פון אָט דעם פּראָצעס׳ וועלכער מוז ברענגען צו דער אַרויסשטויסונג פון אָרגאַניזירטן אַרבעטער דורכן ביליקן אַרבעטער. דער אָרגאַניזירטער ארבעטער מוז זיין דער עיקר־דיקער, אויב נישט איינציקער טרעגער פון קאַמף פאַר פאַר־זיכערן אַרבעט דעם יידישן עולה. אָבער זיין דערפאָלג אין דאָזיקן קאַמף איז אָפּהענגיק פון דעם, אויף וויפל ער בלייבט אויך אין אים געטריי זיין קלאַסן-זעלבסטשטענדיקייט און אויף וויפל ער וועט וויסן צו פאַרבינדן זיין קאַמף מיטן כסדרדיקן שטרעבן צו דערנענטערן זיך צום אראַבישן אַרבעטער, וואָס נישט קענען אים קען געוועדעט ווערן דער קאַמף פון יידישן אַרבעטער פאַר זיין רעכט אויף אַרבעט.

ס׳איז א פאַקט, אַז פאַר דער מערהייט פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג איז די אראבישע פראַגע בלויז אַ דיפּלאָ־מאַטיש־פּאָליטישע. פיל טיילן פון דער ציוניסטישער מחנה זע־נען גאָר נישט מסוגל צוצוטרעטן צו דער לייזונג פון דער אַראַבישער פראגע צוליב זייער עצם-אויפפאַסונג פון ציוניס־טישן ציל — שאַפן די יידישע מדינה. נאָר דער ארבעטער־קלאַס האָט די מעגלעכקייט צונויפצובינדן די לייזונג פון דער אַראַבישער פראַגע מיט זיין ציוניסטישן און סאָציאַליסטישן קאַמף, ווייל נאָר ער איז לעבעדיק פאַראינטערעסירט סיי פון נאַציאָנאַלן, סיי פון סאָציאַלן שטאַנדפּונקט צו לייזן אויף א גרינטלעכן אופן דידאָזיקע פראַגע.

פונדעסטוועגן איז נאָך אויך דער ארבעטער־קלאס אין זיין איבערוועגנדער מערהייט ווייט פון ארויסציען די פּראַק־טישע פּאָליטישע מסקנות פון אָט דער היסטאָרישער אויפגאַבע זיינער.

די צונויפפלעכטונג פון ציוניסטישן אויפטו מיט דער אַראַ־בער-פראַגע ווערט אַלץ שטאַרקער. א שטרויסן-פּאָליטיק וועט ברענגען אַן אומגליק אויף אונזער אויפטו. די שטחים פון צוזאַמענטרעף אָדער צוזאַמענשטויס פאַרמערן זיך. דער קעגנזיי־טיקער איינפלוס (נאָכנישט פון באַוווסטזיניקן צוועקמעסיקן

ווילן, נאָר צוליב דער עצם לעבנס-ענטוויקלונג) ווערט שטאַרקער און ס׳איז נויטיק אַ קלאָרע תשובה. יעדער פּאַרשפּעקטיקטער טאָג פאַרגרעסערט די מעגלעכקייט פון צוזאַמענשטויס און פאַר־קלענערט די מעגלעכקייט פון צוזאַמענטרעף.

דאָס ציוניסטישע ווערק שטייט נישט אין זיין מהות און פאַר ווירקלעכונג אין קיין שום קעגנזאַץ צו די לעבנס-ענינים פון די אַראַבישע מאַסן אין א״י. עס איילט צו דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן אויפשטייג פון דידאָזיקע מאַסן און פאַרשנעלערט דעם אונטערגאַנג פון דער האַלב-פעאָדאַלער רעאַקציע אין אַראַ־בישן פאָלק. עס שאַפט דורך דעם די אָביעקטיווע שותפות־מעגלעכקייטן צווישן יידישן און אַראַבישן אַרבעטער, וואָס ס׳דערוועקט קעגן אים די שנאה פון דער אַראַבישער פעאָדאָ־לער שיכט. די אָביעקטיווע מעגלעכקייטן זענען פאַראַן, די סאָציאַלע כוחות זענען פאַראַן, אַלץ ווענדט זיך איצט פון פירן: צי אַנטקעגן דערנענטערן צווישן זיךביידע פעלקער און ענטוויקלען זייער נאַציאָנאַלן לעבן אין קעגנזייטיקער פאַר־שטענדניש צי צו איבערלאָזן די אַראַבישע מאַסן דער עקספּלאָאַ־טאַציע פון די אַראַבישע שוואַרצע כוחות אין זייער קאַמף קעגן דעם ציוניסטישן ווערק.

די אַרבעטער-באַוועגונג איז כמעט אין קיין שום אַנדער פראַגע נישט אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַזאַ ערנסטן פּרווו, ווי אין דערדאָזיקער פראַגע. אין דער א״י-דיקער אַרבעטער־פּאַרטיי (מפא״י) איז פאַראַן אַ קאָנפליקט צווישן דעם אָנערקע־נען די נויטווענדיקייט פון טעטיקייט אויף אָט דעם געביט און צווישן דער אינערלעכער אָפּהענגיקייט און דעם פחד צו אָנ־צייכענען דעם ציוניסטישן און סאָציאַליסטישן וועג פון אַרבע־טער אין קעגנזאַץ צו דער מיינונג פון ציוניסטישן „כלל״, צו די בירגערלעכע און קליינבירגערלעכע באַגריפן. אין קיין שום פאַל איז אַזוי נישט בולט געוואָרן דאָס פעלן דרייסטקייט ביים אַרבעטער צו אויסנוצן זיין כוח לויט זיין אויפפאַסונג, ווי אין דעמדאָזיקן פאַל. ווייל אָט דאָס פּראָבלעם איז מבליט מער ווי יערע אַנדערע פראַגע דעם טיפן סאָציאַלן קעגנזאַץ, וואָס

טײלט פונאַנדער די פאַרשײדענע שיכטן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אין ישוב.

די דריטע קאָנפערענץ פון דער הסתדרות האָט באַשלאָסן אַ פּלאַן פון באַשטימטער טעטיקײט צווישן די אַראַבישע אַרבעטער כדי צו שאַפן דעם ארגון משותף. אין פּלאַן זענען פאַראַן פעלערן, אָבער ער גיט אַן אויסדרוק דעם איבערגעוויכט פון קלאַסן־באַוווסטזײן איבער קלײנבירגערלעכע אָפּהאַלטן אין צוגאַנג צו דערדאָזיקער פראַגע. די יאָרן זינט דער דריטער ועידה ביז אַהער זענען געווען יאָרן פון כסדרדיקן געדאַנק־לעכן צוריקציִען זיך אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַראַבער־פראַגע. אָנשטאָט דער בפירושער באַשטעטיקונג פון אירגון משותף, זאָל זײן אין נאַציאָנאַלע סעקציעס, דערשײנט ווידער די דערקלערונג, וואָס האָט נישט קײן ממשות, וועגן „חברישע באַציִונגען״, „באַציִונגען פון פרײנטשאַפט און פאַרשטענדניש״, באַגריפן, וואָס געהערן צו דער געדאַנקען־וועלט פון אונטער־געגאַנגענעם בירגערלעכן ליבעראַליזם. פאַר אַזעלכע אַבסטראַק־טע דערקלערונגען איז נישטאָ קײן אָרט אין דער וועלט פון אַרבעטער, וואָס פאָדערט אַ קלאָרע ענטשײדונג. אויפן געביט פון אָרגאַניזירן דעם אַראַבישן אַרבעטער איז דער צוריקטריט פון דער הסתדרות געקומען צום שאַרפסטן אויסדרוק. וואָס פאַראַ מאָטיוון האָבן גורם געווען צו דעם דאָזיקן צוריקטריט? סאיז דאָ אַ טענה, אַז מיר האָבן נישט קײן אינטערעס אין דער צואײלונג פון געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן צווישן די אַראַ־בער. די פאַרפּאַמעלעכונג פון דעם דאָזיקן פּראָצעס איז נוצלעך פאַר אונז, יעדע פאַרשנעלערונג שאַדט אונז. אָבער צי איז דען הײנט נישט קלאָרער מער ווי שטענדיק, אַז דער אַראַבי־שער סעקטאָר איז נישט ווײניקער ווי דער יידישער סעקטאָר אַרײנגעוואָרפן אין פּראָצעס פון אומאויפהערלעכע ענדערונגען, ווײל די ענטוויקלונג פון יידישן ישוב און די אַרײַנשטראָמנ־דיקע אין לאַנד יידישע עליה אײלן צו דעם ענטוויקלונגס־טעמפּאָ פון אַראַבישן ישוב? די יידישע עליה פאַרשנעלערט די פּראָצעסן, וואָס האָבן אַרויסגעפירט דעם אַראַבישן אַרבעטער

אויף דער אַרענע. און ווייל דער אַראַבּישער פּראָלעטאַריאַט איז פאַראַן און ער וואַקסט, וועלן הערשן אין אים די זעלבע אייזערנע געזעצן פון ענטוויקלונג, וואָס האָבן געהערשט אין דער ענטוויקלונג פון פּראָלעטאַריאַט אין דער גאַנצער וועלט. ער וועט געשטויסן ווערן צו אָרגאַניזירונג, סטיכיש צי באַוווסטזיניק, ער וועט ליידן מפלות, אָבער ער וועט פאָרויסגיין, ווי ס'איז פאָרויסגעגאַנגען דער פּראָלעטאַריאַט אין אָנהייב פון זיין קיום אין אַלע פאָרגעשריטענע לענדער.

די, וואָס שטיצן אין האַרצן אָדער עפענטלעך אָט די שטעלונג פון „נישט-אינטערווענץ", פאַרשטייען נישט, ווי געפערלעך ס'איז אַזאַ צוגאַנג. דוקא דאָ, אין א"י, וועט נישט געגעבן ווערן ז'עם אַראַבּישן אַרבעטער צו ענטוויקלען זיך מיט דעם אויסגעטראָטענעם וועג, אויף וועלכן ס'איז געגאַנגען דער אַרבעטער-קלאַס אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די ענטוויקלונג פון אַראַבּישן אַרבעטער באַקומט אַ געוואַלטיקן שטויס פאָרויס פון דעם ציוניסטישן ווערק. אונטער דער ווירקונג פון אָט דעם שטויס האָט ער געמאַכט אַ שפּרונג פון דער וועלט פון האַלב-פעאָדאַלער קנעכטשאַפט אין דער וועלט פון קאַפּיטאַליזם. ער דערשיינט נאָך איידער די אַראַבּישע בורזשואַזיע האָט זיך קריסטאַליזירט און פאַרענדיקט אירע חשבונות מיט דער פעאָדאַלער אָרדנונג, וואָס פאַרלאַנגזאַמט איר ענטוויקלונג. דידאָזיקע פעאָדאַלע כוחות זעען אין פאָרגעשריטענעם ציוניסטישן אויפטו זייער הויפּט-שונא, ווייל ער שטעלט אין סכנה זייער הערשאַפט אין דער אַראַבּישער געזעלשאַפט. זיי וועלן אַלץ טאָן, כדי צו קאָנצענטרירן אַלע כוחות אין קאַמף קעגן דעם ציוניסטישן ווערק. איז דען פאַראַן אַ צווייפל, אַז דער אַראַבּישער אַרבעטער, וואָס געפינט זיך נאָך אינגאַנצן אונטער דער גייסטיקער השפעה פון דער האַלב-פעאָדאַלער און קלערי-קאַלער הערשנדער שיכט, קען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אינסטרומענט אין די הענט פון דער אַראַבּישער רעאַקציע אין איר קאַמף קעגן ציוניזם. און קען דען זיין אַ צווייפל, אַז נאָר די אָרגאַניזירטע הילף פון יידישן אַרבעטער קען ברענגען צו

אַ זעלבסטשטענדיקער ענטוויקלונג פון אַראַבישן אַרבעטער-קלאַס לטובת זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן און קלאַסן-אויפשטייג און דעם באַפרייונגס-אויפטו פון די יידישע מאַסן?

און דאָ דערשיינט דער צווייטער אַרגומענט: נישטאָ קיין בריק צווישן יידישן און אַראַבישן אַרבעטער. ס'ליגט צווישן זיי אַ קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער תהום, איבער וועלכן מען קען נישט איבערבריקן אין דער נאָענטער צוקונפט, בכל אופן, אין די נאָענטע יאָרן.

אַלע פרוון צו אָרגאַניזירן דעם אַראַבישן אַרבעטער מוזן געשטרויכלט ווערן, ביז וואַנען דער אַראַבישער אַרבעטער וועט אין אַ געוויסער מאָס אָניאָגן אין זיין קולטורעלער ענטוויקלונג דעם יידישן אַרבעטער. דידאָזיקע שוועריקייט קען מען נישט נעגירן. אָבער די מסקנה, צו וועלכער ס'קומען די קעגנער פון ארגון משותף, איז אַ מאָדנע. אָנשטאָט העלפן דעם אַראַבישן אַרבעטער אין זיין קאַמף פאַר הויבן זיין לעבנס-שטופע און אויסברייטערן זיין געזעלשאַפטלעכן האָריזאָנט קומט די מסקנה: לאָמיר אים איבערלאָזן, לאָמיר אים לאָזן זיך ענטוויקלען אויף „אַ נאָרמאַלן און פרייען אופן", ביז ער וועט דערגיין צו אַזאַ מדרגה, וואָס וועט אונז, די בעסער אָרגאַניזירטע און ענטוויקלטע, דערלויבן צו פאַרבינדן זיך מיט אים און גיין מיט אים צוזאַמען פאָרויס. וויפל טעמפּקייט איז פאַראַן אין דערדאָזיקער הנחה, וואָס שטעלט פעסט, אַז ס'איז מעגלעך אַ „פרייע און נאַטירלעכע" ענטוויקלונג פון אַראַבישן אַרבעטער. דער אַראַבישער אַרבעטער הויבט אָן קעמפן מיט אַ גרעסערער עקשנות פאַר אַ העכערער לעבנס-שטופע. אויב דער יידישער אַרבעטער וועט אים נישט קומען צו הילף אין דעם קאַמף, וועט דער אַראַבישער אַרבעטער אָן ספק אַוועקגיין אויפן וועג פון לעוואַנטינישן שאָוויניזם. אויב די ענטוויקלונג פון אַראַבישן אַרבעטער וועט נישט ברענגען אונטער דער אָנפירונג פון יידישן אַרבעטער צו דער פאַרטי-פונג פון זיין קלאַסן-באַוווסטזיין און צו דער אויסברייטערונג פון זיינע געזעלשאַפטלעכע האָריזאָנטן — שטייט אונז פאַר צו-

ליב דעם אַ שרעקלעכע סכנה, אַז דערדאָזיקער שטייגנדער כוח אין דער אַראַבישער געזעלשאַפט, וואָס איז אונזער נאַטירלעכער פאַרבינדעטער, זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אינסטרומענט אין די הענט פון דער אַראַבישער רעאַקציע.

אָבער אויב ס׳גענוגן נישט אָט די צוויי אַרגומענטן צו באַווייזן אונז, אויף וויפל ס׳איז נישטאָ קיין אָרט פאַרן קאַמף פאַר ארגון משותף, קומט דער לעצטער אַרגומענט, וואָס וויקלט זיך איין אין אַטלית פון וויסענשאַפטלעכקייט, גערעכטיקייט און מאָראַל גלייכצייטיק, נעמלעך : די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג איז פּראַקטיש נישט פאַראינטערעסירט אין דער אָרגאַניזירונג פון אַראַבישן אַרבעטער. און ווער פון אונז וועט גלויבן, אַז דער אַרבעטער-קלאַס וועט זיך פאַרנעמען מיט אַזאַ האַרבער און געפערלעכער פראַגע נאָר לשם שמים. נאָר צוליב „אידעאָלאָגיע״? ווו איז דער קאָנקרעטער אינטערעס, וואָס זאָל שטויסן דעם יידישן אַרבעטער צו דערדאָזיקער טעטיקייט ? רעדן סתם וועגן דער סאָציאַלער שליחות פון יידישן אַרבעטער כלפּי דעם אַראַבישן אַרבעטער הייסט פאַרלייקענען די וויסנשאַפטלעכע אויפפאַסונג פון די ענטוויקלונגס-וועגן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. און אויב ס׳גענוגט נישט אויך דער ארגומענט, דערשיינט באַלד אַ געהילפס-מאָטיוו, הגם אַ פאַרקערטער : וואָס פאַראַ רעכט האָט עס דער יידישער אַרבעטער צו מישן זיך אין די אינערלעכע ענינים פון צווייטן פאָלק, העלפן אָרגאַניזירן דעם אַראַבישן אַרבעטער און „אויסנוצן״ דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע פון אַראַבישן אַרבעטער אויך לטובת די פרעמדע ענינים פון יידישן אַרבעטער ?

ביידע אַרגומענטן האָבן נישט קיין יסוד. דער צווייטער, כביכול מאָראַלישער אַרגומענט, איז אינגאַנצן גענומען פון קאַפּיטאַליסטישן אוצר. הינטער דער דאָזיקער פאַלשער אויפפאַסונג פון נישט-אינטערווענץ אין לעבן פון אַן אַנדער פאָלק פאַרבאַהאַלט זיך שטענדיק די ממשותדיקע און גראָבע אריינמישונג אין לעבן פון אַנדערע פעלקער. אַנטקעגן דער דאָזיקער שטעלונג האָט דער אַרבעטערקלאַס שטענדיק פּראַק-

לאמירט זיין אינטערנאציאָנאַלע סאָלידאַריטעט און די געמיינ-
זאַמקייט פון אָנשטרענגונגען פון קאמף און שאַפונג צווישן
די ארבעטער פון אַלע פעלקער און לענדער. צי קען מען
צווייפלען, אַז די ענטוויקלונג און דאָס הויבן דעם ניוואָ פון
די אַראַבישע ארבעטנדיקע מאַסן וועט זיין לטובת דעם גאַנצן
אַראַבישן פאָלק? צי מעג דער יידישער ארבעטער-קלאַס פאַר-
פירט ווערן דורך אָט דער פאַלשער אויפפאַסונג פון „נישט-
אַריינמישונג", וואָס איז גוזר אויף אונז נישט צו דערלאַנגען
הילף דעם אַראַבישן ארבעטער אין זיין קאַמף קעגן די אַראַ-
בישע רעאַקציאָנערע כוחות? די דידאָזיקע ארגומענטן קעגן
ארגון משותף האָבן זייער אָרט אין מוזעאום פון געזעלשאַפט-
לעכן לעבן. פאַקטיש מיינען זיי צו אונטערשטרייכן נאָר די
וויכטיקייט פון ערשטן ארגומענט, וואָס זאָגט, אַז ס'פּאַסן די
פּראַקטישע מאָטיוון, וואָס זאָלן באַוועגן דעם יידישן ארבעטער
צו אָט דער טעטיקייט, וועלכע איז צוליב דעם פאַרמשפּט
אויף אַ דורכפאַל. דאָ איז דער שווערפּונקט און דוקא דאָ
ווערט לעצטנס בולט די נויטווענדיקע פאַרבינדונג צווישן דעם
אָרגאַניזירן דעם אַראַבישן ארבעטער און דעם קאַמף פון
יידישן ארבעטער פאַר זיין רעכט אויף עליה.

דער יידישער פריצים-קלאַס מיט סמילאַנסקין בראש באַ-
מיט זיך שוין אַ צייט צו שאַפן זיך אַן'אידעאָלאָגישע באַזע
פאַר דער אריינפירונג פון ביליקער ארבעט אין דער יידישער
ווירטשאַפט און דער אומבאַגרענעצטער עקספּלאָאַטאַציע פון
ביליקן אַרבעטער דורכן יידישן פּרדסן. אין זיין אָפנהאַרצי-
קייט ענטפּלעקט סמילאַנסקי קלאָר די מאָטיוון: אַ. דורך דער
פּערמאַנענטער קאָנקורענץ פון ביליקן ארבעטער וועט שטענ-
דיק מעגלעך זיין צו צווינגען דעם יידישן אַרבעטער צו
העכערער פּראָדוקציע. ב. דורך דער פּערמאַנענטער קאָנקורענץ
פון ביליקן אַרבעטער וועט מען זיך קאָנען מיט דערפאָלג
קעגנשטעלן די פּרווון פון יידישן אָרגאַניזירטן אַרבעטער צו
הויבן זיין לוין. די מסקנות, וואָס דרינגען ארויס פון אָט די

כוונות פון יידישן קאַפּיטאַליסט, גייען אָבער א סך ווייטער פון דער אידעאָלאָגישער פאָרמולע פון סמילאַנסקין.

פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט באַדײַט עס: באַנוצן זיך מיטן ביליקן ארבעטער אלס אַנ׳אינסטרומענט אין קאַמף קעגן אָרגאַניזירטן ארבעטער, די פאַרלאַנגזאַמונג פון ענטוויקלונג פון אָרגאַניזירטן ארבעטער אונטערן דרוק פון דער גרויסער מחנה פון ביליקן, נישט-אָרגאַניזירטן ארבעטער.

פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, פון שטאנדפּונקט פון די באַציונגען צווישן די צוויי פעלקער אין לאַנד, באַדייט עס: אריינפלעכטן די מעגלעכע נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן אין סאָציאַלע קאָנפליקטן דורך אויסנוצן דעם א ר א ב י ש ן ארבעטער צום קאַמף קעגן יי ד י ש ן ארבעטער. פון ציוניסטישן שטאַנדפּונקט באַדייט עס: פאַרלאַנגזאַמען דעם טעמפּאָ פון דער יידישער ארבעטנדיקער עליה, ארויסשטויסן דעם יידישן ארבעטער דורכן ביליקן אראבישן ארבעטער, די געפאַר פון אראָפּזעצן דעם לעבנס-ניוואָ פון יידישן ארבעטער אזוי נידעריק, אז ער זאָל ממש נישט האָבן קיין עקזיסטענץ-מעגלעכקייט אין לאַנד.

נאָר אויף וויפל דער יידישער ארבעטער וועט באַוויזן צו אָרגאַניזירן דעם אראבישן ארבעטער אין ענגער פאַרבינדונג מיט זיין אָרגאַניזאַציע, וועט געשאַפן ווערן אין לאַנד אַ פעסטע באַזע פאַרן סאָציאַליסטישן קאַמף פון ארבעטער, וועט געשאַפן ווערן דער בריק צו אַ שלום צווישן די פעלקער, וועט פאַרשווינדן פון ציוניסטישן האָריזאָנט איינע פון די שווערסטע געפאַרן: דאָס אַרויסשטויסן דעם יידישן אַרבעטער און עולה דורכן ביליקן נישט-אָרגאַניזירטן אַרבעטער.

מען דאַרף נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף די שוועריקייטן, וואָס זענען פאַראַן אויפן וועג פון אָרגאַניזירן דעם אַראַבישן ארבעטער און פון דעם ארגון משותף. דער גרויסער אונטערשייד אין לעבנס-ניוואָ, די קולטור-פרעמדקייט, נישט נאָר די פרעמדקייט פון פאַרשיידענע קולטור-סביבות, נאָר נישט איינמאָל פון פאַרשיידענע היסטאָרישע תקופות, די פאַרפלאָנ-

טערטע נאַציאָנאַלע פראַגע — דאָס זענען אָן שום ספק שווע־
רע פראַגן, וועלכע מיר וועלן קענען לעזן נאָר דורך דער
אָנשטרענגונג פון אַלע אונזערע כוחות. די עיקר־שוועריקייט
דאַרף מען אָבער זוכן נישט אויסער דער יידישער אַרבעטער־
באַוועגונג, נאָר אין איר. דער עיקר איז דאָ די פראַגע פון
טרעגער פון אָט דער טעטיקייט. דער איינציקער טרעגער —
דער יידישער אַרבעטער־קלאַס האָט נאָכנישט אויף דעם שטח
געוויזן ענערגיע און דרייסטקייט, ס'מאַטערן אים ראַנגלענישן
און ספקות. ס'איז געפלעגט און פונאַנדערגעבלאָזן געוואָרן
יעדער אַרגומענט, וואָס האָט געקענט באַווייזן די אוממעגלעכ־
קייט פון ארגון משותף.

יאָרן האָט מען מיט אונז געפירט אַ ויכוח וועגן דעם,
וואָס איז דאָס אַ סטאַבילער אַראַבישער אַרבעטער. יאָרן האָבן
מיר געהערט די פראַגע: „וויפל יאָרן זענען לויט אייער מיי־
נונג נויטיק צו אָנערקענען דעם אַראַבישן אַרבעטער אַלס סטאַ־
בילן?" ביז מיר האָבן זוכה געווען, אַז דער מרכז חקלאי האָט,
נישט באַקומענדיק פון אונז קיין תשובה, פעסטגעשטעלט אין
זיינע סטאַטיסטישע פאָרשונגען, וואָס האָבן אַרומגענומען 30
מושבות און לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן די אָנוועזנהייט פון
813 אַראַבישע סטאַבילע אַרבעטער. דער באַגריף „סטאַביל"
איז אַלזאָ געוואָרן פאַרשטענדלעך, הגם ער האָט נישט געבראַכט
צו אַן ענדערונג אין דער פּראַקטישער שטעלונג פון דער
הסתדרות כלפּי דער אָרגאַניזירונג פון סטאַבילן אַראַבישן אַר־
בעטער אין דער מושבה. מען טענהט נאָך אַזוי צו אונז: ווי
וועט איר אָרגאַניזירן דעם אַראַבישן אַרבעטער, בעת איר ווילט
גלייכצייטיק אַריינפירן די יידישע אַרבעט אין דער יידישער
ווירטשאַפט און איר פאָדערט נאָך אַ טייל פון די רעגירונגס־
און מוניציפּאַליטעטס־אַרבעטן. אַלזאָ, ארגון משותף לטובת דעם
יידישן אַרבעטער און נישט דעם אַראַבישן? ווי וועט איר
עס מאַכן, וועט דען אויף דעם מסכים זיין דער אַראַבישער
אַרבעטער?

מיר האָבן שוין געפרוווט צו באַווייזן די אַבסורדאַליש־

קייט פון אזא פראגע. איינס פון די ביידע: אָדער מיר גלויבן נישט אין ציוניסטישן אויפטו, אין דעם, אז ער שאַפט אין א״י מקורות פון פרנסה און לעבן פאַר די יידישע מאַסן, וואָס זענען עולה און אַז ער איז משפיע אויף דער ענטוויקלונג פון לאנד בכלל — און דאַן האָט ער נישט קיין שום זין און ס׳איז נישטאָ קיין שום האָפנונג, אז ער וועט פאַרווירקלעכט ווערן, ווייל ס׳איז נישטאָ אַזאַ כוח אין דער וועלט, וואָס זאָל פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם אויף עמיצנס חשבון; אָדער מיר גלויבן, אַז דער ציוניזם באדייט דאָס שאַפן מקורות פון לעבן און פרנסה פאַר דער יידישער עליה, און די ווירקונג אויף דער כסדרדיקער ענטוויקלונג פון לאַנד אויך אויפן אַראַבישן סעקטאָר. די גערעכטיקייט פון אָט דער שטעלונג איז ענדגיל־טיק באַוויזן געוואָרן דורך דער ענטוויקלונג פון לאַנד בעת די לעצטע יאָרן. שוין דאָס צווייטע יאָר שטראָמט מאַסנווייז דער ביליקער ארבעטער פון די שכנותדיקע לענדער קיין א״י. מיר שטייען פאַר דער סכנה, אז דער א״י־דיקער אַרבעטס־מארק זאָל פאַרפלייצט ווערן דורך ביליקער אַרבעט, לגבי וועלכער ס׳איז שוין טייער די אַרבעט פון א״י־דיקן אַראבישן אַרבעטער. ס׳איז פאראַן די מעגלעכקייט צו שאַפן א סאָלידאַרן פראָנט פון יידישן און אַראבישן ארבעטער קעגן דער כוואַליע פון ביליקער אַרבעט פון אַרומיקע לענדער. ס׳דאַרף געשאַפן ווערן דער בונד פון די עקספלאָאַטירטע פון ביידע פעלקער, אַ בונד, וואָס וועט פירן אין אמת און קעגנזייטיקן נאַציאָנאַלן כבוד דעם געמיינזאַמען קאַמף, דעם קאַמף פון עקספלאָאַטירטן אַרבעטער קעגן דער וועלט פון עקספלאָאַטאָרן, דעם באַ־פרייונגס־קאמף פון די אַרבעטער פון ביידע פעלקער.

ב. כּצנלסון

אין אינערלעכן וכּוח

ווער עס אַנערקענט נישט דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון קאַמף, וועלכן ס׳פירן די יידישע מאַסן פאַר רעכט אויף אַרבעט, ווער עס איז נישט מודה אין דעם רעכט פון די יידישע מאַסן אויפצובויען פאַר זיך *ווירטשאַפטלעכע* ראמען פון אַן עקאָנאָמיק, אין וועלכע זיי זאָלן קאָנען אַרבעטן, נישט האָבנדיק פאַר זיך די שטענדיקע געפאַר אַרויסגעשטויסן צו ווערן — דער איז קיינמאָל נישט אַריינגעדרונגען אין וועזן פון ציוניזם, דער האָט גאָרנישט געלערנט פון די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָצעסן פון דער נייער יידישער געשיכטע — דער געשיכטע פון אַ *פאָלק אָן אַרבעט*. דער זעלבער יידישער אַרבעטער פון גלות, וועלכער לייקנט טעאָרעטיש אין דער עקזיסטענץ פון אַ באַזונדערער יידישער עקאָנאָמיק, שאַפט זיך באַזונדערע ביוראָען צום „קאמף פאר רעכט אויף אַרבעט”, ווידמעט דעם דאָזיקן קאַמף די בעסטע אָנשטרענגונגען פון דער באַוועגונג, שטויסט זיך צונויף צוליב דעם מיטן ארבעטער פון דער הערשנדיקער נאַציע, וועמענס נאָענטקייט ער זוכט, באַמיט זיך אַריינצודרינגען אין די פאַרנומענע אַרבעטס־ערטער — מיט די נעגל קלאַמערט ער זיך, בכדי צו ראַטעווען פאַר זיך די קלענסטע ארבעטס־מעגלעכקייט. דער חלוץ, וואָס איז עולה קיין א״י, האָט צעשטערט — צוליב דער פאָדערונג פון זיין רעכט אויף אַרבעט — די גאנצע אידיליע פון דער אַמאָליקער חיבת־ציון, וועלכע האָט

געבראַכט אין גלות די בשורה, אַז אין א״י זענען ברוך השם
פאַראַן אַ סך ביליקע אַרבעטער. ער האָט אויך צעשטערט אַלע
חשבונות און ווירטשאַפטלעכע באַגריפן, וואָס האָבן דאַן גע-
הערשט אין ישוב און אין ציוניזם. ער האָט געוואַגט צו
פסלען די מאָראַלישע רעכט פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג,
אויב זי ווערט נישט פאַרווירקלעכט אין אַרבעט ממש דורך
די קינדער פון פאָלק גופא. ער האָט געוואַגט צו באַטראַכטן
די גאַנצע יידישע ווירטשאַפט, אויך די, וואָס ווערט כלומרשט
געבויט דורך פּריוואַט-קאַפּיטאַל און געהערט צו פּריוואַטע אייגנ-
טימער, אַלס פאַרפליכטעטע צו לייזן די אַרבעטס-נויט פון
יידישן פאָלק און אַראָפּנעמען פון אים די שאַנד פון ליידיק-
גייעריי און לופט-פּרנסות. גלייכצייטיק האָט דער יידישער אַר-
בעטער אין א״י קיינעם נישט באַעוולט. ער איז נישט געקומען
אָנבאָטן זיינע הענט דעם אַראַבישן עפענדי. ער איז נישט
געקומען קאָנקורירן מיטן אַראַבישן אַרבעטער, נישט אין זיין
נאַטירלעכן אַרבעטס-אָרט און נישט אין אַרבעטס-לוין. ער איז
געקומען שאַפן מיט זיינע אייגענע הענט אַ נייע ווירטשאַפט,
אַן אַרבעטס-אָרט פאַר זיך. אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן
מיטן כוח פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייונגס-באַוועגונג, אונטער
איר ווירקונג און צוליב איר, זעט דער יידישער אַרבעטער
אַלס זיין אַרבעטס-פּלאַץ.

און אויך איצט, נאָכדעם ווי ס'איז געשאַפן געוואָרן
אַ יידישער אַרבעטער-קלאַס אין א״י, נאָכדעם ווי ער האָט
זיך דערוואָרבן אייניקע פּאָזיציעס אין דער יידישער און
אויך אין דער רעגירונגס-ווירטשאַפט, דאַרפן מיר, באַטראַכטנ-
דיק די אַרומיקע עקאָנאָמישע ווירקלעכקייט, זיך קלאָר זאָגן:
נאָך אויף לאַנגע יאָרן האָט דער יידישער אַרבעטער נישט
קיין שום האָפנונג אַריינצודרינגען אין דער אַראַבישער לאַנד-
ווירטשאַפט און כל זמן די אַראַבישע ווירטשאַפט איז געשלאָסן
פאַרן יידישן אַרבעטער, האָט ער נישט קיין אַנדער וועג צו
פאַרטיידיקן זיין עקזיסטענץ, ווי פאָדערן זיינע פולע רעכט

אויף דער יידישער ווירטשאפט. דער יידישער ארבעטער מוז עס טאָן, אויב ער וויל לעבן.

די, וואָס שפּאָטן פון אונזערע אָריגינעלע פאָרמולירונגען, האָבן ערפונדן אן אָריגינעלע פאָרמול: ר ע כ ט פ א ר ן ס ט אַ ב י ל ן א ר א ב י ש ן א ר ב ע ט ע ר. ווייזט זיך אַרויס, אז פארן רעכט פון יידישן ארבעטער אין דער יידישער ווירטשאפט זענען אָנגעצייכנט געוואָרן גרענעצן; „נישט אָנרירן די רעכט פון סטאבילן אראבישן ארבעטער" און היות ווי דער דאָזיקער סטאַבילער ארבעטער, וואָס זיינע רעכט אויף ארבעט טאָר מען נישט אָנרירן, באַשטימט אונזער גורל, וויל אונזער רעכט אויף ארבעט דארף דאָך חל זיין אויף דעם לייִדיקן אָרט, וואָס ער לאָזט אונז איבער, טאָ זאָל אונז זיין דערלויבט צו שטעלן א פּאָר פראגן.

א. פון ווען אָן הויבט זיך אָן די ס ט אַ ב י ל ק י י ט? צי דארף מען רעכענען אַלס סטאַבילן אַן אַרבעטער, וואָס האָט זיין גאַנצן לעבן געאַרבעט אין געגעבענעם אָרט, אָדער עטלעכע יאָר, אָדער איין יאָר, אָדער א האַלב יאָר, אָדער ער אַרבעט אין געגעבענעם אָרט נאָר אין דער סעזאָן־צייט?

ב. ווער איז באַפולמעכטיקט פעסטשטעלן די מאָס פון סטאַבילקייט? צי נאָר איר, לויט אייער ווילן, צי דער אַראַבישער אַרבעטער מעג אויך זאָגן זיין מיינונג, ווער זאָל אָנגערופן ווערן סטאַבילער אַרבעטער.

ג. צי רעכנט איר שליסן די טויערן פאַרן נישט סטאַבילן אראבישן אַרבעטער?

ד. צי מיינט איר, אַז מ'קען באַשטימען אַ באַזונדער מאָס פון סטאַביליטעט פאַרן אראבישן ארבעטער און א באַזונדער מאָס פארן יידישן? צי קאָן מען באַטראַכטן דעם ארבעטער, וואָס קומט פון עזה קיין נס־ציונה אַלס נישט סטאַבילן און דעם אַרבעטער, וועלכער קומט פון ירושלים אָדער לעמבערג אַלס „סטאַבילן" און אויב נישט אזוי, פאַרוואָס זאָל דער

אַרבעטער, וואָס איז עולה פון אויסלאַנד, האָבן פאָרצוג לגבי דעם „אָרטיקן" אַרבעטער?

האָט נישט קיין פּאַראיבל אויף מיר, וואָס איך פאָדער אַזוי קפּדנותדיק א תשובה אויף די דאָזיקע פראַגן· אויב דאָס פאָרמולירן דעם באַגריף „סטאַבילער אַרבעטער" און דאָס אָנערקענען זיינע ספּעציעלע רעכט אויף אַרבעט זענען נישט נאָר צוליב טעאָרעטישער גימנאַסטיק, נישט נאָר כדי צו באַפרידיקן באַדערפענישן פון „וויסנשאַפטלעכער" טערמינאָלאָגיע, נאָר הלכה למעשה, דאַן איז אייער פליכט צו זאָגן קלאָר הן דעם יידישן, הן דעם אַראַבישן אַרבעטער — וואָס איר מיינט דער־מיט. און אויב איר אַנערקענט פאָרצוג אָדער גלייכע רעכט פון סטאַבילן אַראַבישן אַרבעטער אין דער יידישערווירט־שאַפט, דאַרפט איר אים אויך דערקלערן, פאַרוואָס איר אָנערקענט נישט די גלייכבאַרעכטיקונג פון נישט סטאַבילן אַרבעטער. די געזעצן פון לאָגיק זענען אכזריותדיק, און פאַר־לאָזט זיך נישט אויף דעם, אַז דער אַראַבישער אַרבעטער וועט זיך נישט קאָנען באַנוצן מיט זיי. מ׳וועט מיר פרעגן: און דו צי לייקנסטו דען אין די רעכט פון אַראַבישן אַרבעטער, וואָס האָט אַריינגעלייגט יאָרן פון אַרבעט? ניין, חלילה. איך אַנער־קען די רעכט פון אַראַבישן אַרבעטער, וועלכער האָט יאָרן געאַרבעט אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ, אַזוי ווי איך אַנערקען די רעכט פון פאַכטער, וואָס באַאַרבעט די ערד, אָבער מיר אַלע, וואָס טראָגן די פולע אַחריות פאַר דער דערוואָרבונג פון עמק און פאַרן קאָלאָניזירן אים דורך יידישע אַרבעטער, האָבן אַנערקענט די פולע רעכט פון די פאַכטערס אויף אַנטשעדיקונג און געהעריקער איינאָרדענונג. מיר האָבן אָבער נישט אַנער־קענט זייער רעכט נישט צו לאָזן אונז קאָלאָניזירן דעם עמק. זייער רעכט האָבן מיר נישט באַטראַכט אַלס רעכט צו זיצן דאָרט אייביק. אַזוי זע איך אויך די רעכט פון אַראַבישן אַר־בעטער אין יענער ווירטשאַפט, אין וועלכער ער האָט זיך מיט זיין שוויס און אַרבעט דערוואָרבן רעכט. דאָס איז די רעכט פון אַראַבישן יחיד אויף פאַרגיטיקונג, אַנטשעדיקונג, איינ־

אָרדנונג, אָבער נישט דאָס רעכט פון אַראַבישן פאָלק דוקא אויף דעם ארבעטס-אָרט. אָבער די רעכט פון יידישן ארבעטער אין יידישן פרדס באַטראַכט איך נישט אלס די רעכט פון ראובן אָדער שמעון, נאָר אַלס רעכט פון יידישן פאָלק. מ'טאָר בשום אופן נישט פארלייקענען די רעכט פון פרט, און מיר, די יידישע ארבעטער, ווען אין יעדן פאל, ווען דאָס וועט זיין אָפּהענגיק פון אונז, זיך באַמיען, אַז די רעכט פון אראַבישן ארבעטער, דעם יחיד זאָלן נישט פארלעצט ווערן. מיר ווען אָבער נישט באַטראַכטן דעם יידישן אַרבעטס-אָרט, אין וועלכן ס'איז היינט צו טאָג באַשעפטיקט אַן אראבישער אַרבעטער, אלס אייביקן אייגנטום פון אראבישן פאָלק.

מ'וואַרפט אונז פאָר נישט נאָר „סתירה", נאָר אויך אוטאָפּיזם, מ'קריטיקירט אונז, אַז נאָך 25 יאָר קאַמף פאַר יידישער אַרבעט האָבן מיר נאָך נישט געזיגט. מיט יובל לערנט מען אונז, אַז אויך היינט איז נאָך די יידישע אַרבעט כלל וכלל נישט זיכער, און מ'זאָגט עס מיט אַ נצחונדיקן טאָן פונקט, ווי מיר וואָלטן געטענהט, אַז די יידישע אַרבעט איז שוין אַרויס פון יעדער סכנה, און מיר זענען צופרידן. ניין און ניין. מיר זענען גאָרנישט צופרידן מיט דער לאַגע פון דער יידישער אַרבעט, מיר האַלטן איר גאָרנישט פאַר געזיכערט, כל זמן מיר זענען אַרומגערינגלט מיט צענטליקער און הונדערטער ביליקע אַרבעטער, וואָס פאַרקויפן זיך, זייערע ווייבער און קינדער פאַר חצי חנם. כל זמן ס'וועט זיך נאָך געפינען אַפילו איין ייד, וואָס זוכט אַרבעט אין דער יידישער ווירטשאַפט און געפינט נישט – וועלן מיר נישט זאָגן, אַז מיר האָבן מצליח געווען.

אויף אַלע שטערונגען, וואָס דער יידישער אַרבעטער טרעפט אָן אין דער קאָלאָניע, שלאָגט מען אונז פאָר איין רעצעפּט, אַ צויבער-וואָרט: ארגון-משותף. ס'דערמאָנט זיך מיר דער באַוווסטער משל וועגן די מייז און דער קאַץ. ס'האָט זיך שוין געפונען ביי די מייז דער קלוגער בעל-יועץ, וואָס האָט געוווסט, וואָס מ'דאַרף טאָן מיט דער קאַץ: אָנטאָן אַ

געקל אויפן האלז. איין פראגע איז אָבער נאָך נישט געלייזט געוואָרן: ווער זאָל עס טאָן? איר האָט געלייגט די פראגע. פון אלע, וועלכע קומען אין באטראכט צו זיין די טרעגער פון דער אָרגאניזירונג פון אראבישן ארבעטער (אין דער רעגירונגס־ארבעט, אין דער אראבישער ווירטשאפט, אין דער ווירטשאפט פון אינטערנאציאָנאלן קאפיטאל) האָט איר געפונען דעם ערשטן און עיקרדיקן טרעגער — דעם ארבעטער אין דער קאָלאָניע.

ווען מיר באהאנדלען פראגן פון פראָפעסיאָנעלער אָרגאניזירונג, פון עקאָנאָמישער קלאסן־פּאָליטיק, איז לייכט צו דערקענען, אז נישט קיין דערפארונג פון פאך־ארבעטער רעדט ארויס פון אונז. מ'רעדט ביי אונז וועגן די דאָזיקע פראגן נישט פון דערפארונג, פון קענען די שווערע, די אמתע ווירקלעכקייט, נאָר פון התלהבות און היפּער־אידעאליזאציע. די פּראָפעסיאָנעלע באגריפן ווערן אבסטראהירט פון זייער פּראַקטישן ממשותדיקן אינהאלט און ווערן פארוואנדלט אין מאגישע כל־יכולדיקע ווערטער, מ'דארף נאָר זאָגן דאָס צויבערוואָרט און אלץ וועט ווערן אין אָרדנונג. זאָל נאָר קומען דער אירגון משותף — און דער ארבעטס־לוין וועט שטייגן, דער באלעבאָס וועט נעמען אויף זיך דעם יאָך פון אָרגאניזירטער ארבעט. די קאָנקורענץ פון דער ביליקער ארבעט וועט ווי א רויך פארשווינדן, די העצער וועלן אנטשטומט ווערן א.א.וו.

אָט די שיינע וויזיע ווערט פארוואנדלט אין א באשולדיקונגס־אקט קעגן דער הסתדרות: ווען די הסתדרות וואָלט נאָר געוואָלט, ווען זי וואָלט נאָר געגעבן פאר דעם קרעפטן! וווהין איז אהינגעקומען די גאנצע וויסנשאפטלעכע, מאטעריאליסטישע אויפפאסונג? דאָס אָרגאניזירן דעם אראבישן ארבעטער (און נישט פון אראבישן ארבעטער סתם, נאָר דווקא פון לאנדווירטשאפטלעכן ארבעטער, וואָס איז, ווי באוווסט, אם־שווערסטן צו אָרגאניזירן) איז אָפּהענגיק נישט פון אייזערנע ווירטשאפטס־געזעצן, נאָר אויסשליסלעך פון ווילן פון דער הסתדרות.

צי איז די זאַך אויך אין לעבן אַזוי גלאַטיק ווי אויפֿן פּאַפּיר? דער „ארגון משותף״ שטרעבט דאָך נישט צו דערציען איינצלנע אַראַבישע אַרבעטער צו אויפֿנעמען נייע געדאַנקען. כּדי דער ציל פֿון ארגון משותף — דאָס פֿאַרבעסערן די עקזיסטירנדע אַרבעטס־באַדינגונגען אין דער קאָלאָניע, דאָס העכערן דעם אַרבעטס־לוין פֿון יידישן אַרבעטער — זאָל דער־גרייכט ווערן, מוז ער אַרומנעמען מאַסן אַראַבישע אַרבעטער, דאָרפֿישע און האַלב־פּראָלעטאַרישע. ווער פֿון אייך האָט זיך געפֿרעגט, ווי שנעל ווערן געמאַכט אַזעלכע זאַכן נישט אין די אַראַבישע לענדער, נאָר אַפֿילו אין די אייראָפּעישע? מיט וואָס פֿאַר א טעמפּאָ גייט צו די אָרגאַניזירונג פֿון לאַנדווירטשאַפֿט־לעכן אַרבעטער אין דער גאָרער וועלט, אַפֿילו וווּ ער קען שוין לייענען און שרייבן. און אויך דאָס דאַרף מען וויסן: אַרבעטער אָרגאַניזירן זיך נישט און ווערן נישט אַריינגעצויגן אין עקאָנאָמישע קאַמפֿן נאָר צוליב דעם, וואָס ס׳געפֿינט זיך אַזאַ, וואָס איז גרייט זיי צו אָרגאַניזירן און זיי צו דערקלערן, אַז 25 פּיאַסטער א טאָג איז מער פֿון 12 פּיאַסטער. אַרבעטער הויבן אָן שוועוע קאַמפֿן נאָר אונטערן דרוק פֿון הונגער און נויט. אַן אַרבעטער קעמפֿט נישט פֿאַר ווילטאָג, נאָר בכדי צו קענען באַפֿרידיקן די נויטיקע באַדערפֿעניש. דער אַראַבישער לאַנד־אַרבעטער מיט זיינע באַדערפֿענישן אין זיין דאָרפֿס־ווירטשאַפֿט — צי שטייט דען פֿאַר אים די נויטווענדיקייט צו קעמפֿן פֿאַר אַזאַ הויך פֿון אַרבעטס־לוין, וואָס איז אומבאַ־דינגט נויטיק דעם יידישן אַרבעטער? און צי איז באמת אַזוי שלעכט די לאַגע פֿון אַראַבישן אַרבעטער אין דער יידישער קאָלאָניע — אין פֿאַרגלייך מיט דער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט פֿון אַראַבישן דאָרף, און די לעבנס־באַדינגונגען פֿון פֿעלאַך און פֿאַכטער אין פֿאַרגלייך מיט דעם אַרבעטס־לוין ביי די רעגירונגס־אַרבעטן — אַז דווקא דאָ אין דער קאָלאָניע זאָל ער אָנהויבן דעם קאַמף? צי וועט ער עס טאָן נאָר צוליב אונזערע זיסע רייד? און אויב ער זאָל שוין אַפֿילו מסכּים זיין און אָנהויבן דעם קאַמף, ווי וועט ער זיך אַנטקעגנשטעלן

די מחנות פעלאַכן און בעדואינער, וואָס זענען צו יעדער צייט גרייט צונעמען זיין ארבעטס־אָרט? מיינט איר, אז שטרייק־ברעכער זענען דאָ נאָר אין איראָפּע און אמעריקע, אָבער נישט דאָרט, ווו ס'איז דאָ דאָס צייבער־שטעקעלע „ארגון משותף״?

און דאָ זע איך אויך די פּאָליטישע זייט פון דער פראַ־גע. פאַראַן אזעלכע, וואָס לייגן גרויסע האָפנונגען אויפן „ארגון משותף״: באַפרייונג פון די מאסן פון דער הערשאַפט פון מופטי, געטריישאַפטס-בונד מיטן יידישן אַרבעטער, אונטער־שטיצונג פון דער פאָדערונג אויף עליה א.א.וו. דאָס וועלן מיר איצט נישט באַהאַנדלען. דאָס איז א פרק פאַר זיך. אָבער אויך דער, וואָס לייגט נישט אַזעלכע גרויסע האָפנונגען אויף דער אָרגאַניזירונג פון אַראַבישן ארבעטער, מעג זיך פרעגן; ווי וועט ווירקן דער ארגון משותף אין דער קאָלאָ־ניע אויף די שכנים-באַציונגען? און דאָ דערלויב איך זיך צו זאָגן, אז דער ארגון משותף, וואָס וועט פּראָקלאַמירט ווערן נישט אין דער רעגירונגס-ווירטשאַפט און נישט אין דער ווירט־שאַפט פון אינטערנאַציאָנאַלן קאפּיטאַל, נאָר דוקא אין דער יידישער לאַנדווירטשאַפט, קאָן גורם זיין אסך שווערע פּאָליטישע קאָמפּליקאַציעס. דער מאַסן־ארבעטער גייט אין פּראָפ. פאַריין נישט לשם שמים, נאר שטראָמט צו אים ווען ער באַקומט פון אים מאַטעריעלע נוצן און פאַרלאָזט אים ביי יעדן דורכפאַל. לאָמיר אריינקוקן אין ציפערן פון דער פּראָפ. באַוועגונג און איר וועט זען ווי אַזוי מיליאָנען אָרגאַניזירטע ארבעטער פאַרלאָזן די פּראָפ. אָרגאַניזאַציעס נאָך דורכגעפאַלענע אָנ־שטרענגונגען. אפילו דער פרום־ענטוזיאַסטישער יידישער אַר־בעטער-באַוועגונג איז גוט באַקאַנט די דאָזיקע צרה. צי קענט איר גאַראַנטירן דעם אראַבישן אַרבעטער אין דער קאָלאָניע אַ סך נצחונות אין זיין קאמף? צי איז ביי דער דאָזיקער עקאָ־נאָמישער ווירקלעכקייט פאַראַן כח אויפצוהאַלטן אַ פּראָפ. באַ־וועגונג? אויב אונזער הסתדרות האָט טראָץ דעם אַלעמען אויסגעהאַלטן, איז עס געשען צוליב דעם, וואָס מיר האָבן צו

דער פראָפ. אַרבעט צוגעגעבן ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט, קעגנזייטיקע הילף און אַ גרויסע נאַציאָנאַלע וויזיע. אָן דעם וואָלט אויך די הסתדרות נישט אויסגעהאַלטן, און אויב די פראָפ. באַוועגונג, וואָס וועט ענטשטיין צוליבן ארגון משותף, קען נישט ביי דער געגעבענער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט פירן דעם אַראַבישן אַרבעטער צו עקאָנאָמישע נצחונות, צי וועט ער נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אירן אַ שונא, צי וועט ער נישט ווערן פאַרביטערט קעגן איר, צי וועט דאָס ביסל לערע וועגן אָרגאַניזאַציע. וואָס ער האָט באַקומען, נישט דינען אים צו פונקט פאַרקערטע צילן? ווער ס'פאַרוואַרפט די אַלע גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס זענען פאַראַן פאַר אונז אויפן געביט פון אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער דאָרט, ווו ס'איז פאַראַן מאַקסי-מום באַדינגונגען פאַר הצלחה און מינימום נאַציאָנאַלע קעגנ-זאַצן און סכנות צו ליידן אַ מפּלה (אין ש ט אָ ט — אין די רעגירונגס-אַרבעטן, אין דער אינדוסטרי, ביי אינטערנאַציאָ נאַלע אַרבעטן; און אי ן ד אָ ר ף — אין דער אַראַבישער ווירטשאַפט) און ער קלייבט אויס דוקא דעם פאַרפּלאָנטערטסטן פונקט, וואָס איז פול מיט קעגנזאַצן און מיט ווייניק אויס-זיכטן אויף דערפאָלג, דער נעמט אויף זיך אַ ש וו ע ר ע פ אַ ר אַ נ ט וו אָ ר ט ל ע כ ק יי ט כלפּי אונז, כלפּי דעם יידישן אַרבעטער און זיין רעכט אויף אַרבעט, כלפּי דעם אַראַבישן אַרבעטער און זיין אָרגאַניזאַציע.

די פאַלשע גלייכהייט

איך וויל דאָ נישט ווידעראַמאָל דערקלערן די פראַגע פון יידישער אַרבעט אין איר גאַנצן פאַרנעם. ס'קען זיך אויס-דוכטן, אַז אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן וועגן דער דאָזיקער פראַגע. און דאָך, שיינט מיר, וועלן מיר זיך נאָך נישט איינ-מאָל מוזן צו איר אומקערן, ווייל זי איז אַ עיקר-פראַגע און ווייל זי טרעפט זיך כסדר מיט אַלטע און נייע שטערער, ווייל

זי פאָדערט כאַראַקטער און זעלבסטשטענדיקן דענקען. דאָסמאָל וויל איך מאַכן נאָר אייניקע באַמערקונגען.

אַ גרויסע שטערונג ביים ריכטיק פאַרשטיין די פראַגע פון יידישער אַרבעט (וועלכע מ׳קאָן נישט פאַרשטיין, נישט אַריינדרינגענדיק פריער אין די היסטאָרישע סיבות, וואָס האָבן דערפירט דאָס פאָלק צו זיין הײַנטיקן מצב) איז דער אָנגעווּ־מענער שאַבלאָן, וואָס מ׳טרעפט ביי דער יוגנט, דער שאַבלאָן פון טערמינאָלאָגיע און „קאָסמאָפּאָליטישער" אויפפאַסונג. די דאָזיקע אויפפאַסונג, וועלכע איז געווען די הערשנדיקע אין דער השכלה־תקופה און אין די קינדער־יאָרן פון סאָציאַליזם צייכנט זיך אויס מיט איר איבערגעטריבענער פשטות: די עק־זיסטענץ פון פעלקער, דער גורל פון פעלקער, זייערע באַזונ־דערע היסטאָרישע אַנגעלעגנהייטן, זייערע ספּעציפישע ליידן און פּ־אַגן, — עקזיסטירן נישט פאַר דער דאָזיקער וועלט־אויפפאַסונג. פאַר איר איז דאָ נאָר איין מענטשלעכער מין. דער זעלבער געזעץ פאַר אַלע מענטשן — און אַלע פראַגן ווערן במילא געלייזט. און ביז די גאַנצע וועלט וועט פאַר־ווירקלעכן אין לעבן די גלייכהייט פון אַלע מענטשן, פאַר־ווירקלעכן דערווייל די אָנהענגער פון דער קאָסמאָפּאָליטישער שיטה די גלייכהייט אין זייער געדאַנק: זיי זענען מטשטש יעדע אייגנאַרטיקייט, פּאַרווישן אַלע אונטערשיידן, היפּן איבער די שווערסטע פּלאָנטערס, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, אַזוי ווי זיי וואָלטן נישט עקזיסטירט פאַר אַ געוויסן עלטער איז דאָ פיל צויבער אין דער דאָזיקער פּשטנותדיקער אויפפאַסונג, וואָס מאַכט יעדע קרומקייט גלייך און וואָס שפּרינגט אַזוי גראַציעז אַריבער איבער די שווערסטע פּלאָגן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. די דאָזיקע אויפ־פאַסונג איז באַזונדערס באַקוועם פאַר די יעניקע מיטגלידער פון אונטערדריקטע פעלקער, וואָס זוכן אַ וועג זיך צו באַפרייען פון זייער מינדערווערטיקייט און אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון ספּעציפישקייט, וואָס ווילן אַליין זיך אויסלייזן דורך אַנטלויפן פון אייגענעם

פאָלק. פון דער צווייטער זייט איז די דאָזיקע קאָסמאָפּאָליטישע גרינגשעצונג פון נאַציאָנאַלן קיום און נאַציאָנאַלן פאַקטאָר פון אַן אנדער שטאַנדפּונקט באַקוועם אויך פאַר די אַרבעטער־פּאַרטייען פון די הערשנדיקע פעלקער: אנשטאָט צו אנערקענען די גערעכטע פאָדערונגען פון די באַעוולטע פעלקער, אנשטאָט זיך אָפּצוזאָגן פון פּאָרצוג, פון וועלכן ס'געניסט אויך דער אַרבעטער פון הערשנדיקן פאָלק, קאָנען זיי — אין נאָמען פון דערהאַבענעם קאָסמאָפּאָליטיזם — פּריידיקן צו אונטערדריקטע פעלקער, זיי זאָלן מותר זיין אויף זייערע פאָדערונגען, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייער נאַציאָנאַליטעט, זיי זאָלן איבערנעמען די „העכערע" שפּראַך און קולטור. אזוי האָבן במשך פון יאָרן די דייטשע אַרבעטער מסביר געווען די סלאַווישע אַרבעטער, אזוי האָבן זיינער צייט אויפגעקלערט די רוסישע ס״ד., פּלעכאַנאָוו און לענין — די פּוילישע און אוקראַינישע אַרבעטער. אזוי האָבן די סאָציאַליסטן פון אַלע הערשנדיקע פעלקער — דייטשן, רוסן און פּאָליאַקן — געפּרעדיקט צום יידישן אַרבעטער. ערשט נאָך לאַנגע קאַמפן פון די אונטערדריקטע פעלקער און זייערע אַרבעטער־באַוועגונגען האָט זיך דער סאָציאַליסטישער געדאַנק באַפרייט פון קאָסמאָפּאָליטיזם און איז דערגאַנגען צו דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער אויפפאַסונג: נישט פאַרווישן די עקזיסטענץ פון פעלקער, נישט מאַכן זיך נישט זעענדיק די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, נאָר אָנערקענען די גלייכהייט פון אַלע פעלקער און זייער סאָלידאַריטעט און אָננעמען אַלע מסקנות, וואָס דרינגען פון דאַנען אַרויס. דער קאָסמאָפּאָליטיזם האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז דער פּרט קאָן נישט לעבן און טעטיק זיין אויסער זיין פאָלק. דעריבער האָט ער נישט פאַרשטאַנען, אַז גלייכהייט פון מענטשן וועט בלייבן אַ פּוסטע פראַזע כל זמן ס'וועט נישט דערגרייכט ווערן די גלייכהייט פון די פעלקער. קיין שום אָרדנונג קאָן נישט זיין קיין גערעכטע לגבי דעם יחיד, אויב זי איז נישט קיין גערעכטע פאַרן פאָלק, צו וועלכן דער יחיד געהערט. דער

דאָזיקער געדאַנק איז אַ נייער שטאַפּל אין די באַגריפן פון מענטשלעכער גערעכטיקייט און גלייכהייט. די וועלט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג בראש זענען פיל געשטראָפט געוואָרן דערפאַר, וואָס זיי זענען צו שפּעט געקומען צום דאָזיקן באַוווסטזיין און דערפאַר, וואָס זיי איילן זיך נישט צו פאַר־ווירקלעכן דעם דאָזיקן אמת, נאָכדעם ווי זיי זענען שוין צו אים דערגאַנגען.

וואָס איז ווערט די גלייכהייט, אויב די קאָנסט פון איר נישט געניסן? פון דאַנען קומען מיר צום אונטערשייד צווישן פאָרמעלער און רעאַלער גלייכהייט. הונדערט פופציק יאָר יידישע עמאַנציפּאַציע האָבן אונז געלערנט מיט אותות ומופתים, דורך יסורים און דערנידעריקונגען, אַז די געזעצלעכע גלייכ־באַרעכטיקונג האָט אונז נישט געבראַכט קיין גלייכבאַרעכטי־קונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און באַוווסטזיין און האָט נישט מבטל נעמאַכט די עקזיסטירנדיקע סיגים און באַגרענעצונגען אין עקאָנאָמישן לעבן און אין די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען. אויך די אַרבעטער פילן אויף זייער הויט דעם אונטערשייד צווישן פאָרמעלער און פאַקטישער גלייכבאַרעכטיקונג. אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג זענען פאַרן געזעץ אַלע בירגער גלייך. די דאָזיקע גלייכהייט איז זיכער פּראָגרעסיוו לגבי דער פעאָדאַלער אָדער היטלעריסטישער אָרדנונג. און דאָך, וואָס פאַר אַ ווערט האָט די גלייכהייט פון אַרבעטער און באַנקיר? אַנאַטאָל פראַנס האָט עס טרעפלעך אויסגעדריקט: דער געזעץ איז דער זעלבער פאַר אַלעמען, פאַר ראָטשילדן און פאַרן קבצן.ביידן איז פאַרבאָטן צו נעכטיקן אונטערן בריק...

דער דאָזיקער שאַרפער אַנעקדאָט טרעפט אין פּינטל פון דער פראַגע, און טאַקע, וואָס אָנבאַלאַנגט סאָציאַלע פראַגן אַנערקענען שוין איצט א סך — און דאָס ליגט דאָך אין יסוד פון סאָציאַליזם — אַז די אַבסטראַקטע, פאָרמעלע גלייכהייט קאָן נישט שטענדיק ברענגען צו גערעכטיקייט, על כל פנים קאָן עס נישט אויסראָטן די אָרעמקייט, הונגער און מענטש־לעכן אומרעכט. און אין יעדן פאַל, ווען ס'ווייזט זיך אַרויס,

אַז די גלייכהייט פאַרן געזעץ איז נישט בכח צו באַשיצן דעם שוואַכן, אונטערדריקטן און באַעוולטן, מעגן מיר און מיר זענען מחויב צו פאַרלעצן די פאָרמעלע גלייכהייט צוליב דער אמתער גלייכהייט. אַזוי איז עס ביי סאָציאַלע פראַגן. ווען ס'קומט אָבער צו אונזערע ספּעציפישע פראַגן, צו אונזערע פּורעניותן און ווייטיקן, דאַן ווערט אויך אונזער יוגנט נכשל מיטן פאָרמאַליסטישן דענקען. אין אונזער צייט וויל דער מענטש זיין דענקען אַריינפּאַסן אין אַן אָנגענומענער ראַם, אויך דער ייד כאַפּט זיך אָן מיטביידע הענט אָן דער דאָזיקער ראַם — צו וואָס זאָל ער זיך מטריח זיין און זיך פּלאָגן צוליב עפּעס „אַ קלייניקייט", צוליב דעם, וואָס דאָס דאָזיקע רעמל שעפּט נישט אויס זיין אייגענעם לעבן?

דער רוסישער צאַרישער געזעץ האָט זיך באַנוצט מיט אַ בפירושער באַגרענעצונג: „אויסער די יידן". אָבער נישט שטענדיק דאַרף מען, בכדי מיר זאָלן זיין באַעוולט, מאַכן ספּעציעלע געזעצן קעגן אונז. מ'קאָן אויך נאָר דורך שטרענג אָפּהיטן די פאָרמעלע גלייכהייט מאַכן, אַז מיר זאָלן זיין די באַעוולטע. פאַראַן פאַלן, ווען צוליב אונזערע ספּעציפישע לעבנס-אומשטענדן קענען מיר נישט געניסן פון דער גלייכהייט, אָדער די גלייכהייט ווערט פאַר אונז א פּלאָג. אויב, למשל, די פּוילישע רעגירונג וועט באַשליסן וועגן געוויסע ספּעציעלע קאָנצעסיעס פאַר קינדער פון אָפּיצירן אָדער פאַר פּויערים, הייסט עס נישט, אַז זי האָט דערמיט אָנגערירט אונזערע רעכט; אין אַזאַ געזעץ וואָלט דאָך קיין זאַך נישט געווען געזאָגט ספּעציעל קעגן אונז. און דאָך וועלן פון אַזעלכע קאָנצעסיעס יידן נישט געניסן. די א"י-רעגירונג גיט חלילה נישט אַרויס קיין געזעצן קעגן באַשעפטיקן יידישע ארבעטער אין עפנטלעכע אַרבעטן. זי איז אומבאַדינגט טריי דעם פּרינציפּ פון פאָרמעלער גלייכהייט. זי באַשטימט אָבער אַזאַ אַרבעטסלוין, וואָס איז נישט אָננעמבאַר פאַרן יידישן אַרבעטער. און דעריבער בלייבן די רעגירונגס-אַרבעטן פאַרן פעלאַך, פאַר

חורנים און פאַר אַראַבער פון עבר-הירדן. מיר קאָנען אָבער נישט זאָגן, אַז מ׳מאכט פאַר אונז אונטערשיידן. אַזוי קאָן מען אין א״י אויך דורכפירן אַן אַגראַר-רעפאָרם, וואָס זאָל מיט קיין האָר נישט אָנרירן דעם פרינציפּ פון גלייכבאַרעכטיקונג און וואָס זאָל מיט דער פולער לאָיאַליטעט אָפּהיטן די יידישע גלייכהייט, און דאָך זאָל קיין איין ייד נישט קאָנען געניסן פון איר. מ׳קען, למשל, באַשטימען, אַז נאָר די משפחה, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט לאַנדווירטשאַפט זינט דריי דורות, קאָן געניסן פון דער רעפאָרם און באַקומען ערד. דער דאָזיקער וועג איז אָנגעווענדעט געוואָרן אין עטאַטיסטישע רעפאָרמען אין מזרח-אייראָפּע. נישט נאָר דורך מאַכן אונטערשיידן און גזרות קאָן מען שלאָגן דעם שוואַכן, אויך מיט גלייכהייט קאָן מען אים שמייסן.

מיטן בייטש פון „גלייכהייט״ וויל מען שלאָגן אויך די יידישע אַרבעט. און נישט נאָר פיינט, וואָס האָבן אַ ספּעציעלע כונה אונז צו שלאָגן, נאָר אויך אונזערע מענטשן, וואָס זייער כונה איז נאָר גלייכהייט, גערעכטיקייט און אַרבעטער-פּאַרברידערונג, הויבן אויף אויף אונז א בייטש. מ׳פרעגט אונז: ווי איז עס געמאָלט, אַז איר, סאָציאַליסטן, דערלויבט זיך צו אונטערשיידן אַרבעטער לויט זייער אָפּשטאַמונג און אייערע אינסטיטוציעס פּאַרטיילן אַרבעט נאָר צווישן יידישע אַרבעטער און ענטזאָגן זיך צו באַשעפטיקן אויך אַראַבישע אַרבעטער? צי וועט איר קאָנען מיט אַזאַ אויפפירונג דערשיינען פאַר א סאָציאַליסטישן בית-דין? און ווען מיר פרווון „אויפשפּאַלטן״ די דאָזיקע פּשטותדיקע פאָרמול און אויפדעקן איר אמתן אינהאַלט — וויל זיך דער מוח נישט באַפרייען פון זיין געוווינשאַפט אויפצונעמען גערן פשטותדיקע פאָרמולן. און מיר קלערן ווידער אויף: נישט מיר האָבן אויסגעטראַכט דעם אונטערשייד צווישן אַרבעטער לויט זייער אָפּשטאַם. מיר זענען געקומען קיין א״י נאָכדעם, ווי די ווירטשאַפט אין אונזערע וווינערטער האָט אונז אויסגעשפּייט. מיר זענען געקומען אַהער און דאָ האָט אונז די ווירטשאַפט נישט אויפגענומען. מיר האָבן

זיך איבערצייגט, אז דיווירקלעכקייט פון דער ווירטשאַפט אויף דער וועלט איז נישט קיין קאָסמאָפּאָליטישע. ווי מיר זאָלן נישט פאָרמולירן די געזעצן פון דער דאָזיקער ווירקלעכקייט, איז אַ פאַקט, אַז זי אונטערשיידט עס צווישן אונז און די איבעריקע און איז גוזר אויף אונז אונטערגאַנג; און אויב מיר וועלן זיך איר נישט קעגנשטעלן און זיך נישט פאַרטייר דיקן — זענען מיר פאַרלוירן. און ווייטער זאָגן מיר: אין זעט, די גאַנצע גרויסע אַראַבישע ווירטשאַפט איז גרייט אָפּ. פאַרן אראבישן ארבעטער און לחלוטין פאַרשלאָסן פאַר אונז ווי איז אָפּגעשלאָסן מיטן כוח פון אָביעקטיווע פאַקטאָרן, וואָס וועלן על כל פנים נאָך זייער אַ לאַנגע צייט נישט בטל ווערן. און אויך די רעגירונגס-ווירטשאַפט איז אין גרויסע גון ענטשיידנדע טיילן אָפּגעשלאָסן פאַר אונז און אפילו אַז ראַנץ קענטיקער טייל פון דער יידישער ווירטשאַפט איז אויך אָפּגעגעבן געוואָרן פאָרן אַראַבישן אַרבעטער. שוין דאָס אַלץ קירט נישט אָן נישט די „גלייכהייט” און נישט די גערעכטי-קייט און נישט די פאַרברידערונג פון די אַרבעטנדיקע, ווייל גאָס איז דאָך „אָביעקטיווע ווירקלעכקייט”. איז פאַר אונז געבליבן איין ווינקעלע, וואָס מיר האָבן פאַר זיך אַליין עשאַפן און דעראָבערט נאָך פיל קאַמפן און מיט קרבנות. אָבער אויך פון אים וועט אונז גאָרנישט איבערבלייבן, אויב מיר וועלן גישט אָפּהיטן מיט אַלע כוחות, אַז קיינער זאָל אים נישט אָנרירן און אויב מיר וועלן צו יעדער צייט און אין יעדער אָרט נישט פּראָקלאַמירן: ד אָ ס א י ז א ו נ ז ע ר ס, נאָר דאָס פאַרמאָגן מיר. אויב מיר וועלן זיך נישט פאַר-טיידיקן, וועט די ביליקע ארבעט אונז פאַרפלייצן און אונטער-גראָבן אונזער קיום. אויף די אַקסלען פון ביליקע אַרבעטער פון א"י און פון די אַרומיקע לענדער, מיט זייער שווייס, פאַר זייער אַרבעט, וועט זיך אויפהויבן אַ הייפל פון אונז — אַ הייפל באַלעבאַטים, פלאַנטאַטאָרן, משגיחים, אונטערדריקער, פארמיטלער און אויך אַרבעטער-יחסנים, פאַך-אַריסטאָקראַטיע. אָבער די איבעריקע, ווער עס וועט נישט „זוכה” זיין אין

זיעם דאָזיקן הייפל צו זיין. ווער עס וויל לעבן פון זיין אַר־בעט — האָט איין אויסוועג: זיך וואַרפן אין ים אַריין. אין ים אריין — דאָס וואָלט געווען דער איינצי־קער אויסוועג פאַר אונז און פאַר די מיליאָנען ברי־דער אונזערע, וואָס קוקן אויס זייערע אויגן אויף אַן אַר־בעטס־לעבן צווישן אונז. וועט דאָס זיין די „גלייכהייט״? פאַר דער גלייכהייט זאָלן מיר עס אראָפּבויגן דעם קאָפּ? און מיר האָבן געמיינט, אז אַן אמתע גלייכהייט הייסט אויך גלייכע רעכט פאַרן יידישן פאָלק, זיינע 17 מיליאָן זאָלן אויך קאָנען עסן און ארבעטן, זיי זאָלן אויך נישט האָבן ווייניקער רעכט אויף דעם ווי די אַנדערע פעלקער. און מיר האָבן געזאָגט; כל זמן די גלייכהייט פון מענטשן גיט נישט קיין רעאַלע אַרבעטס־מעגלעכקייטן אויף דעם יידישן אַרבעטס־לאָזן — איז די גלייכהייט נישט קיין פולקאָמע.

ניין, מיר וועלן נישט אָננעמען דעם דין פון דער פאַל־שער גלייכהייט. כל־זמן ס׳איז נאָך נישטאָ אַזאַ געזעץ אין אזא אינטערנאַציאָנאַלע אָרדנונג, וואָס זאָלן פאַרזיכערן פאַק־טישע גלייכהייט דעם פאָלק, ביי וועלכן ס׳איז צוגענומען געוואָרן די מעגלעכקייט צו אַרבעטן — מעגן מיר און מיר זענען מחויב מיט אַלע אונזערע מיטלען, מיטן כוח פון אונזער אָרגאַניזאַציע, מיט אונזער השפעה און דרוק, צו פאַרריכטן די דאָזיקע עוולה, וואָס איז א שווערער פלעק פאַר דער וועלט־געדעכטיקייט, א פלעק, וועגן וועלכן קיינער אויסער אונז קימערט זיך נישט, וועלכער טוט נישט ווי קיינעם אויסער אונז.

וואָס מען פרעגט וועגן יידישער ארבעט

אויך מענטשן, וואָס לעבן צווישן אונז, ווערן אַמאָל גע־שטרויכלט מיט די קלאָרע און גלאַטע פשטנותדיקע פאָרמולן, וואָס נעמען אריין אַלץ אָן אַ יוצא מן הכלל. אויך צווישן אונז זענען דאָ אַזעלכע, וואָס זענען אָנגעלאָדן ווי אַ מילגרוים מיט

פראַגן, נישט חלילה מיט פראַגן פון דער פאַרפלאָנטערטער ווירק־לעכקייט, נאָר מיט קשיות אויף אַ פאָרמול וואָס שיקט זיך נישט. דער, וואָס שטעלט די קשיה, רייסט אַרויס די פראַגע פון איר נאַציאָנאַלן באָדן און גלידערט איר פונאַנדער אויף אינדיווידו־על־מענטשלעכע פאַלן, פאַרוואַנדלט די קיום־פראַגע פון קאָ־לעקטיוו אין אַ פראַגע, ווי אַזוי מ׳דאַרף זיך אויפפירן אין דעם אָדער יענעם אינדיווידועלן פאַל, און ער פרעגט און ער פאַר־ענטפערט: אָבער, וואָס וועסטו טאָן, אויב ס׳וועט קומען צו דיר אַן אַראַבישער אַרבעטער, וואָס וועט גרייט זיין אָפּצוהיטן דעם רעגולאַמין פון אַרבעטס־ביוראָ, צו וועסטו אים נישט אויפ־נעמען? ביסט דאָך מחויב צו געבן אים אַרבעט! דאַן וועל איך אויך ענטפערן מיט אַ פראַגע: אויב ס׳וועט צו דיר קומען אַ יידישער אַרבעטער, וואָס געהערט צו אַן אַרבעטער אָרגאַ־ניזאַציע מחוץ דער הסתדרות, און ער וועט בעטן ביי דיר אַר־בעט, נישט וועלנדיק אָדער נישט קאָנענדיק דערביי מותר צו זיין אויפן רעכט פון זיין אָרגאַניזאַציע צו פאַרטיילן אַרבעט, צי וועסטו דאַן אים נישט אָפּשיקן מיט ליידיקן? צי וועסטו אים נישט זאָגן, אַז דו ביזט גרייט אים צו געבן אַרבעט, אָבער אונטער איין תנאי: אַז אויך די אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער ער געהערט, זאָל די אַרבעט, וואָס זי פאַרמאָגט, אַריינטראָגן אין אַל־געמיינעם חשבון בכדי צו דערגרייכן אַ גערעכטע פאַרטיילונג? צי וועסטו אים נישט זאָגן, אַז ס׳איז נישט יושר און נישט גלייכהייט, אַז זיין אָרגאַניזאַציע זאָל באַקומען אַרבעט וויפיל ס׳גלוסט זיך איר, אָן שום אויפזיכט פון דער הסתדרות אָדער אָן שום רעגולאַציע פון אַ העכערער קערפּערשאַפט, און אירע חברים זאָלן קומען צו דער הסתדרות בעטן אַרבעט, וואָס איז באַשטימט פאַר חברים פון דער הסתדרות? פאַרוואָס זאָלסטו עס נישט זאָגן אָפן, מיט דער גאַנצער איבערצייגונג אַז דו ביזט גע־רעכט, דעם אַראַבישן אַרבעטער: אַ ברייטע ווירטשאַפט איז אָפן פאַר דיר און פאַר אונז, יידישע אַרבעטער, איז די דאָזיקע ווירטשאַפט פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער, און די דאָזיקע וויר־טשאַפט דיינע, כל זמן דו האָסט אין איר נאָך נישט געענדערט

צום בעסערן די ארבעטס-באדינגונגען, דינט פאר אונזערע באַ-
לעבאַטים אַלס אַ בייטש אראפּצודריקן אונזער ארבעט-לוין, און
דאָס באדראָט אונזער גאנצן קיום, טאָ ווי זשע פאָדערסטו פון
אונז נאָך אַ חלק אין דעם שעפּעלע פון ארעמאַן, אין דעם
איינציקן אַרבעטס-ווינקל, וואָס איז פאַר אונז אָפן. אויב מיר
און איר צוזאַמען וואָלטן געקענט קאָנצענטרירן די גאַנצע אַר-
בעט פון לאַנד און איר פאַרטיילן צווישן אַלע אַרבעטנדיקע,
און משתּף זיין ביי דעם אויך אונזערע ברידער, וועלכע זוכן
ארבעט און וואָס וועלן נאָך צו אונז קומען, דאַן וואָלטן מיר
גערן מסכים געווען אייך געבן פון אונזער אַרבעט, אַזוי ווי איר
וועט אונז געבן פון אייער אַרבעט. אָבער אויב איר זענט נישט
בכוח צו טאָן אַזאַ זאַך און טיילן זיך מיט אונז אויף אַ גע-
רעכטן אופן, דאַן לאָזט אונז היטן אונזער איינציקן אַרבעטס-
אָרט, אונזער איינציקן מקור פון פרנסה. און ווידער וועט
מיר זאָגן דער קשיות-פרעגער, וואָס האָט אויף די דאָזיקע
פראַגן אַן אינדיווידועל-קאָסמאָפּאָליטישן קוק: אָבער וואָס פאַר
אַ שייכות האָט די ראיה צום עצם ענין. אַן אָרגאַניזאַציע האָט
דאָך דער יידישער אַרבעטער, דער אַראַבישער אַרבעטער האָט
אָבער נישט קיין אָרגאַניזאַציע, פון וועלכער ער זאָל קאָנען
פאָדערן, ער האָט דאָך נישט קיין שליטה אויף זיין אַרבעטס-
מאַרק, ווי ער וואָלט געקאָנט פאָדערן אַ גערעכטע אַרבעטס-
פאַרטיילונג. אויף דער דאָזיקער פראַגע בלייבט אונז אויסצו-
שרייען פון טיפן האַרצן: צוליב דעם, וואָס דער אַראַבישער
אַרבעטער איז נישט אָרגאַניזירט, דעריבער דאַרף איך נישט
לעבן אויף דער וועלט, דעריבער דאַרף איך מפקיר זיין אונ-
זער איינציקן אַרבעטס-מקור? איך בין מסכים, אַז די ראיה
איז נישט גלייך צו דעם באַהאַנדלטן ענין, צו אונזער אומ-
גליק. דער יידישער ארבעטער פון אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע
איז דאָך נאָר אַ ביישפּיל אָדער אַן איינצלנער פאַל, און די
סכנה פון דער זייט איז נישט גרויס. אָבער דער אַראַבישער
ארבעטער איז נישט קיין משל און אויך נישט קיין איינצל-
פאַל, ביי וועלכן אַ מענטש קאָן זיך נוהג זיין לפנים משורת

הדין פֿון דער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט, דער דאָזיקער אַרבעטער דאָס איז דאָך די גרויסע ברייטע ווירקלעכקייט, וועלכע רינגלט אונז ארום, און צי ער װעט זיך יאָ ווענדן צו דער לשכה אָדער נישט ווענדן, איז ער גרייט איינצושלינגען די גאַנצע אַרבעט פֿון דער יידישער ווירטשאַפֿט, און שוין מער ווי פֿופֿציק יאָר, אַז ער שלינגט איר און ווערט נישט זאַט, ווייל הינטער אים שטייען זיינע ברידער פֿון נגב און פֿון מדבר און אויך זיי זענען גרייט זיך צו טיילן מיט אים מיט זיין אַרבעט.

און מיר דוכט, אַז אויך דערמיט וועט זיך דער קשיות-פֿרעגער נישט באַפֿרידיקן, ווייל אויך אַרבעטער-איינהייט איז געוואָרן ביי אַ סך אַן אַבסטראַקטער באַגריף, אַן אָפּגאָט, און נאָר מיר זענען מחויב אָפּצוהיטן זיינע מצוות און באַפֿעלן — אַנדערע זענען פֿון דעם פּטור.

אויך דאָס איז אַ ביטערע איראָניע: אין אַמעריקע און אין די איבעריקע לענדער, וווהין ס׳איז געגאַנגען די יידישע עמיגראַציע, פֿלעגן די אָרטיקע אָרגאַניזירטע אַרבעטער אונז באַשולדיקן אין דעם, אַז אונז, יידן, איז שווער צו אָרגאַניזירן, אַז מיר זענען נישט דיסציפּלינירט, און אַז צוליב אונזער אָרעמקייט און געוווינהייטן באַדראָען מיר די אַרבעטס-לוינען. דעריבער פֿלעגן זיי איינגעפֿינען, אַז אונזער איינוואַנדערונג איז אומגעווונטשן. אַרויסגייענדיק פֿון די אינטערעסן פֿון די יוניאָנען און פֿון אָפּהיטן דעם לעבנס ניוואָ פֿון די סטאַבילע אַרבעטער, פֿלעגט מען ביי אונז צורויבן אונזער רעכט אויף אַרבעט. און דאָ זאָגט מען אונז איצט: היות ווי די אַנדערע זענען נישט אָרגאַניזירט און זענען נישט בכוח אויפֿצוהויבן די אַרבעטס-באַדינגונגען אין דער ווירטשאַפֿט, וואָס באַשעפֿטיקט זיי, און היות ווי מ׳קאָן אויך נישט האָפֿן, אַז זיי זאָלן פֿאָדערן און איינפֿירן אַ גערעכטע אַרבעטס-פֿאַרטיילונג צווישן אַלע אַרבעטער, דעריבער זייט איר, יידישע אַרבעטער, מחויב ברייט אויפֿצועפֿענען פֿאַר זיי די ווירטשאַפֿט, וווּ איר זייט באַשעפֿטיקט און אָוועקגעבן זיי אייער אַרבעטס-אָרט. אַזאַ

פאָדערונג — וואָס איז באַהאַלטן אין אָט דער באַשיידענער קשיה, וועלכע לייגט זיך כלומרשט אַזוי אויפן שכל — מאָטי־ווירט מיט „אַרבעטער־אײנהייט״ איז נאָך נישט פאַרגעלייגט געוואָרן קיין שום אַרבעטער־געמײנשאַפט אויסער אונז.

שטעלט אײַך פאָר אַ מדינה, וואָס שטייט אויפן שטאַנד־פונקט פון פרייען אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל. די שיטה פון שוץ־צאָלן האַלט זי פאַר אַ שעדלעכע. זי לייגט נישט אַרויף קיין צאָלן אויף אימפּאָרטירטע סחורות. אַלע מדינות אימפּאָר־טירן אַהין גערן זייערע אויסאַרבעטונגען; זיי אַליין אָבער פאַר־באַריקאַדירן זיך מיט שוץ־צאָלן און לאָזן נישט אַריין אירע אויסאַרבעטונגען. וויפיל צייט קען אַזאַ מדינה אויסהאַלטן מיט איר פרייען האַנדל? ס׳איז קלאָר, אַז אויב די דאָזיקע מדינה וועט נישט זײַן בכוח צו צווינגען אַנדערע מדינות, זיי זאָלן איר באַהאַנדלען אַזוי ווי זי באַהאַנדלט זיי, וועט זי מוזן זיי צאָלן מידה כנגד מידה און זיך אויך באַשיצן מיט צאָלן, און מעג עס אפילו זײַן אין קעגנזאַץ צו אירע אויפפאַסונגען וועגן די געוווּנשענע באַציונגען צווישן מלוכות. צו אַזאַ מדינה איז געגליכן דער יידישער אַרבעטער. דער נישט יידישער אַרבעטס־מאַרק איז פאַר אים אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן מויער. און אַ מאָדנע אייגנשאַפט האָט דער דאָזיקער מויער: ער לאָזט נישט דורך דעם יידישן אַרבעטער אויף אינעווייניק, ער פאַר־שטעלט אָבער נישט דעם וועג פאַרן אַראַבישן אַרבעטער, וואָס געפינט זיך אין אים און אויך הינטער אים, אַריבערצוגיין אין דער יידישער ווירטשאַפט. ביי אַזאַ מצב קאָן זיך דער יידישער אַרבעטער נישט שפּילן מיט פראַגן: ווער האָט אויפגעשטעלט דער דאָזיקן מויער, און צי איז דער אַראַבישער אַרבעטער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם א. א. וו. אויב נאָר ער צווייפלט נישט אין זײַן אייגענעם רעכט צו לעבן און אַרבעטן, האָט ער נישט קיין אַנדער אויסוועג, ווי אַרומצוריינגלען זיך אויף ווי ווייט מעגלעך מיט אַ שוץ־וואַנט קעגן דעם דאָזיקן כסדרדיקן אָנגריף.

פאַר דער וועלט־מלחמה, אין די אויפשטייג־יאָרן פון

קאַפּיטאַליזם אין אייראָפּע און אמעריקע, האָבן מענטשן פאַר־געטן דעם גרויל פון די פיל פאַרגאַנגענע קריזיסן און ס׳איז ווי צוגענומען געוואָרן די שאַרפקייט פון דער קלאַסישער נבואה פון סאָציאַליזם וועגן גורל און ראָל פון די אַרבעטס־לאָזע. אין די נאָך־מלחמה־יאָרן איז די ארבעטסלאָזיקייטס־פראַגע ווידער געוואָרן די ברענענדיקסטע פראַגע פון דער וועלט. די געשעענישן פון נאָך דער מלחמה האָבן אַנטפּלעקט פאַר אַלעמען די שרעקלעכע סכנות, וואָס זענען פאַרבאָרגן אין די אַרבעטסלאָזע מאַסן. די פראַגע פון אַרבעט איז איצט די הויפּט־פראַגע פאַרן אַרבעטער אין דער גאַנצער וועלט. די מאַסן־אַרבעטסלאָזיקייט האָט חרוב געמאַכט מעכטיקע אַרבעטער־פּאַרטייען, האָט אונטערראָכט לענדער, האָט חרוב געמאַכט די דעמאָקראַטיע, די פּערזענלעכע פרייהייט, די קולטור. און די באַוואוּסטע פעלקער, די שוואַכע, אינטערדריקטע מינדערהייטן, זיי באַקומען א טאָפּעלע פּאָרציע פון דער דאָזיקער וועלט־פּלאָג. זיי קאָנען זיך נישט שטיצן אויף אַן אַנדערנס חסד. זיי מוזן זיך אַליין פאַרטיידיקן און העלפן מיט אַלע מיטלען, וועלכע זיי האָבן נאָר, אויב זיי ווילן לעבן.

ווען ס׳וואָלט עקזיסטירט אַ סאָציאַליסטישער אינטערנאַ־ציאָנאַל מיט אַ ממשותדיקן כוח, וואָלט דאָס געדאַרפט זיין זיין ערשטע דאגה: אַ גערעכטע אַרבעטס־פאַרטיילונג צווישן אַלע פעלקער. דער סאָציאַליזם ענטהאַלט אין זיך דעם באַגריף: פּלאַן־ווירטשאַפט אין וועלט־פאַרנעם. אַזאַ ווירטשאַפט לאָזט זיך נישט פירן לויט דער פאַראייניפאַכונג פון קאָסמאָפּאָליטיזם, נישט יחידים וועט אָרגאַניזירן די סאָציאַליסטישע וועלט־ווירטשאַפט, נאָר געמיינשאַפטן: פעלקער, מדינות. אויב אויף דער וועלט זענען פאַראַן פעלקער, וואָס פאַרמאָגן צופיל באָדן (ס׳זענען פאַראַן!) און ס׳זענען פאַראַן פעלקער מיט ווייניק באָדן אָדער אָן באָדן — איז קלאָר, אז דאָס דאַרף אויסגעגלייכט ווערן. אויב ס׳איז פאַראַן א פאָלק, ביי וועמען די אַרבעטס־מעגלעכקייטן זענען אוועקגענומען געוואָרן מער

ווי בײַ אנדערע פעלקער, דאַרף מען מיט זיין אײַנאָרדנונג ספּעציעל זיך אָפּגעבן.

נישט קיין סתם־נוסח וועגן גלײַכהייט און רעכט אויף אַרבעט פאַר אַלעמען, נאָר ממשותדיק אַרײַנפירן דעם פאָלק אין פּראָדוקציע־אַפּאַראַט. אָט זענען מיר עדות פון אומגליק פון אַ שכנותדיקן קליינעם פאָלק, פון די אשורים. דער אױ־בערפלעכלעכער קאָסמאָפּאָליטיזם וועט זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס ער וועט באַפעלן די קורדן אויפהערן זיי צו פּאָגראָמירן און דער רעגירונג פון איראַק צו געבן זיי „גלייכע רעכט" און ער וועט באַפעלן די שכנים צו לעבן מיט זיי בשלום. דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם, וואָס באַטראַכט די דאָזיקע פראַגן רעאַל, וועט זיך מיט אַזאַ עצה נישט באַנוגענען, ער וועט זיך באַמיען צו לייזן די אשורים־פּראַגע אײנמאָל פאַר אַלעמאָל, דורך אַ נאַציאָנאַל־טעריטאָריעלער אײַנאָרדענונג. ער וועט געפינען פאַר דעם דעם נויטיקן אָרט און וועט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר די פּרעטענסיעס, פאָדערונגען און דראָונגען פון די „הארן פון דעם אָרט". אויך די קאַפּיטאַליסטישע וועלט איז צײַטנווײַז געצוווּנגען צו גיין מיט ענלעכע וועגן.

מיט אײניקע יאָרן צוריק האָבן מיר געזען אַזאַ זאַך: דער אויסטויש פון בירגער צווישן טערקײַ און גריכנלאַנד. גריכנלאַנד האָט אומגעקערט טערקײַ אירע טערקישע בירגער און טערקײַ האָט איר איבערגעליפערט אירע גריכישע בירגער. ס'איז געווען אַ מאַסן־אויסטויש, וואָס איז געמאַכט געוואָרן ביד חזקה, און דאָך מוז מען אָנערקענען: ס'איז דערמיט גע־מאַכט געוואָרן אַן אויסבעסערונג, ס'איז פאַרלײַכטערט און סאַנירט געוואָרן די לאַגע אין בײדע מלוכות, אין דער צוקונפט וועלן אַזעלכע ענינים צווישן פעלקער זיכער קאָנען דערלײדיקט ווערן מיט מינימום לײַדן. נאָך מיט יאָרן צוריק זענען געווען סאָציאַליסטן, וואָס האָבן נביאות געזאָגט, אַז דער סאָציאַליזם וועט צונויפנעמען די פאַרשטויסענע פון די פעלקער און וועט פאַריכטן די פּגימות פון דער וועלט־מאַפּע, נישט דורך גרינג־שעצן די עקזיסטענץ פון פעלקער, נאָר דורך אינטערנאַציאָ־

נאלער סאָלידאריטעט, אנערקענענדיק די פולע רעכט פון א״ע פעלקער אויף א פרייער ענטוויקלונג.

קעגנזייטיקייט — דאָס איז דער יסוד פון דער סאָציאַליסטישער עטיק אין די באציונגען צווישן מענטשן און פעלקער. קיין איין מענטש און קיין איין פאָלק איז נישט קיין מכשיר אָדער מיטל פאר אנ׳אנדערן, א העכערן און חשובערן. דיין בלוט איז נישט רויטער פון מיין בלוט. דיין בלוט איז רויט, ווייל אויך מיין בלוט איז רויט. אויב איך בין נישטאָ, איז נישטאָ קיינער אויך אויסער מיר. דער באַ ווסטזיין, וואָס האָט באַהערשט אייניקע, אז עמיצנס בלוט — דאָס בלוט פון רוסלאַנד, דאָס אַראַביש בלוט — איז רויטער פון אונזערן, שטייט אומבאַדינגט אין סתירה צו דער סאָציאַ־ליסטישער עטיק. מיר לעבן נישט אין זכות פון אַנדערע און פאר אַנדערע. אונזער רעכט איז אין אונז אַליין.

באַדן

א. גראַנאָווסקי

צי פאַרדרענגט די ייִדישע קאָלאָניזאַציע אַראַבער פון זייער באָדן?

די לעגענדע פון דעם, אַז די יידישע קאָלאָניזאַציע פאַר־דרענגט די אַראַבער איז אָפיציעל דערציילט געוואָרן צום ערשטן מאָל אינם באַריכט פון דער שאו־קאָמיסיע אין יאָר 1929 און אינם ווייסבוך פונם לאָרד פאַספילד. אַמגרעסטן איז זי אויסגעוואַקסן אין דער זיצונג פונם ענגלישן פאַרלאַמענט אין נאָוועמבער 1930, ווען דער דעמאָלטיקער שטאַאַטס־סעקרע־טאַר פאַר די קאָלאָניעס, דר. שילס, האָט געזאָגט, אַז ס'איז נויטיק צו שאַפן אַן הלואה פון צוויי אַ האַלב מיליאָנען פונט, כדי צו קאָלאָניזירן צען טויזנט אַראַבישע משפחות, וואָס זע־נען פאַרדרענגט געוואָרן פון זייער ערד. דאָס כלומרשטע רחמנות אויף די אָרעמע פעלאַכן, וועלכע ווערן דורך די קאַפּיטאַל־רייכע יידן אַרויסגעשטויסן פון זייער בידנעם שטיקל ערד, איז געווען בכוח צו מאַכן אַן איינדרוק. די אַראַבישע פּראָפּאַגאַנדע האָט עס פאַרשטאַנען גוט אויסצונוצן און האָט זיך געהאָלפן דורך פאַלשע צאָלן און דורך א אומריכטיקע אינפאָרמאַציע. די אונטערזוכונג, וועלכע די רעגירונג האָט גע־מאַכט, האָט גלייך דערוויזן, אַז מען האָט די גאַנצע פראַגע שטאַרק מגזם געווען. בעת דער אונטערזוכונג פון סער דזשאָן האָפּ־סימפּסאָן האָבן די יידן געטענהט, אַז די צאָל פון די באַטראָפענע אַראַבישע פאַכטערס איז נישט קיין גרויסע. די

יידן האָבן אָנגעוויזן, אַז אין עמק־יזרעאל, ווו עס האָט זיך דעמאָלט קאָנצענטרירט די ערדקויף־אַקציע פון דער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע, האַנדלט עס זיך נאָר אין 688 פּאַכטער־משפּחות. די דאָזיקע צאָל איז אויך געווען רעגיסטרירט דורך דער רעגירונג אין איר רשימה פון מעשר־צאָלערס. אָבער אַקעגן דעם זענען דעמאָלט אַרויסגעלאָזט געוואָרן פאַרשיידענע אַנדע־רע ציפערן. דער קאָמישאָנער פונם צפון־דיסטריקט האָט גע־רעדט פון 851 משפחות; די אַדמיניסטראַציע פון נצרת און פון חיפה פון 1270; דער אַראַבישער עקספּערט, וואָס האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער שאו־קאָמיסיע, האָט אָנגעגעבן „לערך" 1746; און אין פּאַרלאַמענט האָט מען שוין גערעדט אַזש פון 10.000 משפּחות. די אונטערזוכונג, וועלכע די רע־גירונג האָט דורכגעפירט אין יאָר 1931, האָט די דאָזיקע אַלע צאָלן געמאַכט צו נישט. יעדע טענה איז אויסגעפאָרשט גע־וואָרן פון אַ יוריסטישן עקספּערט און דאָרט, ווו עס איז אַרויס־געקומען נאָר אַ חשד, אַז זי קאָן זיין באַרעכטיקט, האָט דר׳ פרענטש, אַלס דירעקטאָר פון דעוואָלעפּמענט (ענטוויקלונג), דעם פאַל געגנוי אונטערזוכט און באַטראַכט דערביי דאָס גאַנצע מאַטעריאַל. דער רעזולטאַט איז אַרויסגעקומען ביז סוף 1935. לויט אים זענען אָנגענומען געוואָרן 3271 בקשות פון די, וואָס האָבן געוואָלט פאַרצייכנט ווערן אין דער „רשימה פון די ערדלאָזע אַראַבער". פון זיי זענען 2607 אָפּגעזאָגט געוואָרן און 664 משפּחות זענען פאַרשריבן געוואָרן אינם רעגיסטער. אויף אַזא אופן האָט עס זיך אַרויסגעשטעלט, אַז נאָך אַ יאָרן־לאַנ־גער אונטערזוכונג איז מען געקומען צו דערזעלבער צאָל, און אפילו נאָך צו אַ קלענערער, ווי די צאָל פון „פאַרדרענגטע אַראַבער", וואָס די יידן האָבן אָנגעוויזן פונם אָנהויב אָן. אין די רעגירונגס־באַריכטן ווערט דערציילט, אַז עס זענען אַרייגגע־בראַכט געוואָרן אין משך פונם יאָר 1934 נאָר 11 און 1935 נאָר 35 נייע בקשות און דאָס פון אַזעלכע אַראַבער, וואָס זענען שוין צוריק מיט יאָרן פאַרבליבן אָן ערד, זיי האָבן אָבער צו־ליב פאַרשיידענע סיבות נישט געמעלדעט זייערע טענות. אויף

אַזאַ אופן זעט מען, אַז די אמתע צאָל פון די פּאַכטערס איז אין דער צייט פון סער דזשאָן האפּ־סימפּסאָנס אונטערזוכונג געווען נאָך אַ סך קלענער אפילו ווי די, וואָס די יידן האָבן אָנגעוויזן; ווייל אין דער צאָל 664 גייען שוין אריין אויך די טענות, וואָס זענען אַרויסגעקומען ערשט אין די יאָרן פון 1930 ביז 1935 אויפן סמך פון די ערד־קויפן, וואָס די יידן האָבן דורכגעפירט אין די יאָרן. צווישן זיי פאַרנעמען אַ גרויסן פּלאַץ די פּאַכטערס פון וואַדי חאַוואַריט (עמק חפר); אַז די רעגירונג האָט די דאָזיקע בעלי־טענות פאַרגעלייגט צו זייער גוטע באַדינגונגען גוטע ערד אין בית־שאן און זיי געוואָלט איינריכטן הייזער און באַוואַסערונג אויך פאַר די פעלדער, האָבן אינגאַנצן 43 אַראַבער אָנגענומען דעם דאָזיקן גוטן פאָרשלאַג. עס לאָזט זיך מיינען, אַז זייער לאַגע איז דאָך נישט געווען אַזוי שווער, ווען זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט זיך צו באַזעצן צו אַזעלכע גוטע באַדינגונגען אין בית־שאָן. דער דאָזיקער פאַקט, וואָס נאָר אַזוי ווייניק האָבן באַנוצט די דאָזיקע גוטע געלעגנהייט צו ווערן קאָלאָניזירט, ווערט אָפּיציעל דערקלערט דערמיט, וואָס אין די שטעט און אין די נאָענטע פּרדסים איז פאַראַן אַ סך ארבעט.

אין איר דין־וחשבון פאַרן יאָר 1935 דערציילט די רעגירונג, אַז אינם דאָזיקן יאָר זענען נייע פּלענער נישט אויפגעשטעלט געוואָרן, ווייל קיינער פון די אַראַבער, וואָס זענען אַריינגעטראָגן געוואָרן אינם רעגיסטער, האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק איבערצונעמען אַ נחלה פון דער מלוכה־ערד. דער גרעסטער טייל פון די פּאַכטערס פון יענע שטחים, וואָס זענען אַריבער אין יידישן באַזיץ, איז פאַרבליבן אין דער לאַנדווירטשאַפט, ווער אַלס זעלבסטשטענדיקער פויער, ווער אַלס פּאַכטער. פון די 688 פּאַכטערס, וואָס האָבן לויט דער יידישער אינפאָרמאַציע פריער געוווינט אין עמק־יזרעאל, זענען 625, אָדער 76 פּראָצ. פאַרבליבן אין דער לאַנדווירטשאַפט. זענען אויך די נישט פאַראָרעמט געוואָרן דורך דעם ערד־קויפן פון די יידן.

אויף אַזעלכע בשום-אופן נישט-ריכטיקע אינפאָרמאַציעס, וואָס די רעגירונג האָט סוף כּל סוף דערזען זייער אומבאַגרינ-דעטקייט, איז אויסגעבויט געוואָרן די מימרא, אַז די אַראַבער ווערן פאַרטריבן פון זייער ערד.

די יידן האָבן זיך כּסדר באַמיט דאָס קויפן פון ערד דורכצופירן אויף אַזאַ אופן, אַז די אַראַבער, וואָס זיצן אויף דער דאָזיקער ערד, זאָל לויט מעגלעכקייט נישט אָנגעטאָן ווערן קיין שאָדן. די פאַכטערס האָבן באַקומען פון די נייע באַלע-באַטים אַ גרויסע סומע אַלס ענטשעדיקונג, וועלכע האָט גע-מוזט פאַרבעסערן די לאַגע פון אַט די מענטשן, וואָס לעבן אין דער גרעסטער נויט און ווערן פון די ערד-באַזיצערס אַזוי שטאַרק אויסגענוצט. אויך סער דזשאָן האָפּ-סימפּסאָן האָט נישט געקאָנט נאָכזאָגן די יידן קיין שלעכטס בנוגע זייער באַהאַנ-דלונג פון די פאַכטערס בייס איבערנעמען די שטחים פון עמק יזרעאל. „זיי האָבן“, זאָגט ער, „געצאָלט פאַר דער ערד הויכע פּרייזן און חוץ דעם געגעבן די באַוווינער פון די דאָזיקע שטחים גרויסע סומען, צו וואָס זיי האָבן נישט גע-האַט קיין שום געזעצלעכע התחייבות“.

כאָטש די לעגענדע פון די „פאַרדרענגטע אַראַבער“ איז אָפּגעלייקנט געוואָרן, אָבער איר פּועל-יוצא איז פאַרבליבן. אינם קעגנטייל, מען האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די באַגרע-נעצונגען, וואָס האָבן באַדאַרפט באַשיצן די פאַכטערס און מען האָט זיי נאָך שטרענגער געמאַכט: און נאָך מער ווי דאָס: די רעגירונג האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם, אַז ס'איז נויטיק צו באַשיצן די אַראַבישע קליין-פּויערן אַקעגן דער שטייגנדיקער כוואַליע פון די יידישע ערד-קויפן, כאָטש אין עצם איז עס נישט ריכטיק. אויף אַזאַ אופן איז די כלומרשטע שעדיקונג פון דעם אַראַבישן פּויער דורך דעם יידישן באָדן-קויף ווידער געבראַכט געוואָרן אויפן סדר היום. באַטראַכט מען גענויער די צאָלן פון דעם יידישן ערד-קויפן, אַזוי זעט מען, אַז עס ברענגט נישט קיין שום סכנה פאַר דעם אַראַבישן קליין פּויער. עס זענען פאַראַן די צאָלן איבער דער

טעטיקייט פון די צוויי גרעסטע יידישע געזעלשאַפטן, וואָס לויט זייער פּאַרנעם מאַכן זיי דעם רוב פון די יידישע ערד־קניות, דאָס זענען די פּאַלעסטינער יידישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט (פּיק״א) און די געזעלשאַפט „הכשרת הישוב״, וועלכע קויפט די ערד פאַר דעם יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד. די אַנדערע ערד־קניות האָבן אַ קלענערן באַטרעף, ווייל די צאָל פון די טראַנזאַקציעס, וואָס ווערן דורכגעפירט פון יחידים דירעקט מיט אַראַבער איז זייער קליין. דאָס רוב באַנוצט מען די פאַרמיטלונג פון דער געזעלשאַפט „הכשרת הישוב״, וועלכע איז די וויכטיקסטע אַגענטור פאַר דעם קויף פון ערד און דערפאַר נעמען אַרום די צאָלן פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט דעם גרעסטן טייל פון די יידישע פּריוואַטע ערד־קניות. מיר טיילן די ערד־קניות פון די יידן אויף צוויי פּעריאָדן: ביז 1931 און פון 1931 ביז 1935. כדי צו אונטערזוכן, אויף וויפל איז ריכטיק די הנחה, אז דער שוץ פון די קליין־פּויערן איז נויטיק געוואָרן גראָד צוליב דער טעטיקייט פון די יידן אין די לעצטע פינף יאָר, איז באַזונדערס וויכטיק זיך צוצוקוקן צו די צאָלן פון דעם דאָזיקן פּעריאָד.

די ערד־קניות, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן דורך דער געזעלשאַפט „הכשרת הישוב״ פון 1910 ביז 1930 באַטרעפן 431.370 דונאַם. אז מען רעכנט אַראָפּ פונם דאָזיקן סכום 10.110 דונאַם, וועלכע זענען געקויפט געוואָרן אינם באַצירק פון באר־שבע, פאַרבלייבן 420,430 דונאַם. דערפון מאַכט אויס די ערד, וואָס איז געקויפט געוואָרן פון גרויסגרונדבאַזיצערס 391.734 דונאַם, אָדער 93.2 פּראָצ. אין משך פון צוואַנציק יאָר זענען סך־הכל געוואָרן געקויפט 28.696 דונאַם, אָדער 6,8 פּראָצ. פון קליין־פּויערן, וועלכע האָבן פאַרקויפט יענע ערד, און וועלכער זיי האָבן זיך געקאָנט באַגיין. עס האָט שוין דערפאַר נישט געקאָנט זיין קיין רייד פון אַ פאַרדרענגונג פון אַראַבישע פּויערן, ווייל עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן איבעריקער ערד, וועלכע דאָס דאָרף האָט פאַרקויפט — פאַר אַ גוטן פּריין — כדי מיט דעם באַקומענעם געלט צו פאַרבעסערן

די אייגענע ווירטשאפט, אין משך פון די יאָרן 1931 ביז 1935 האָט די געזעלשאפט געקויפט 159.838 דונאם; אז מען רעכנט אראָפּ דעם שטח פון דער חולה,קאָנצעסיע און די 25.351 דונאם פונם באר-שבע-באצירק, פארבלייבן אין גאנץ ארץ-ישראל געקויפטע 92.549 דונאם. דאָס זענען 63.435 דונאם, אָדער 68.5%, וואָס זענען געקויפט געוואָרן פון גרויסגרונדבאזיצערס און 29,214 דונאם, אָדער 31.5 פראָצ. פון קליין-פויערן. די קניות פון אראבישער האנט חוץ דעם נגב מאכן אויס אין די לעצטע פינף אין צוואנציק יאָר סך-הכל 512.979 דונאם; פון זיי ביי גרויסגרונדבאזיצערס 455.169 דונאם, אָדער 88.7 פראָצ. אזוי אז ביי פעלאכן זענען געקויפט געוואָרן 57.810 אָדער 11.3 פראָצ.

די פיק"א איז זינט דעם אָנהויב פון איר טעטיקייט אין ארץ-ישראל ביז צום יאָר 1931 געוואָרן באזיצערין פון א שטח פון 454.907 דונאם; פון זיי האָט זי באקומען דורך א קאָנצעסיע 39.520 דונאם און געקויפט האָט זי 415.387 דונאם. פון 288.445 דונאם ד. ה. 69.4 פראָצ. זענען די פריערדיקע באזיצערס געווען גרויסגרונדבאזיצער, וואָס האָבן אליין אויף דער ערד נישט געארבעט און פון 126.942 דונאם, אָדער 30.6 פראָצ. זענען עס געווען פויערן, וואָס האָבן די ערד אליין באארבעט. אין די יאָרן 1931 ביז 1935 האָט די פיק"א נאָר ווייניק פארגרעסערט איר ערד-באזיץ, מיט 14.500 דונאם, פון וועלכע זי האָט 5.100 דונאם, אָדער 35.2 פראָצ. געקויפט ביי גרויסגרונדבאזיצערס און 9.400 דונאם, אָדער 64.8 פראָצ. ביי קליין-פויערן.

צוזאמען האָבן זיך די ערד-קניות פון די יידן ביי קליין-פויערן און פעלאכן אין משך פון די יאָרן 1931 ביז 1935 פארטיילט אזוי:

„הכשרת הישוב"	29.114 דונאם
פיק"א	9.400 "
צוזאמען	38.514 "

אין די דאָזיקע פינף יאָר האָט דער גאַנצער יידישער ערדקויף אויסגעמאַכט 209.488 דונאַם. דערפון זענען אין נגב געקויפט געוואָרן 33.213 דונאַם, אַזוי אַז אין איצטיקן ארץ־ישראל זענען געקויפט געוואָרן 176,275 דונאַם. דערפון גייען אַראָפּ אויף פּיק״א און „הכשרת הישוב״ 107,049 דונאם (אויסער דער חולה־קאָנצעסיע). אויב מיר וועלן רעכענען, אַז ביי די פּריוואַטע ערד־טראַנזאַקציעס, וועלכע זענען נישט דורכ־געפירט געוואָרן דורך דער געזעלשאַפט „הכשרת הישוב״ און וואָס מאַכן אויס 69.226 דונאַם, איז געקויפט געוואָרן פון פעלאַכן נישט לערך אַ דריטל, אַזוי ווי ביי דער געזעלשאַפט „הכשרת הישוב״, נאָר די גאַנצע העלפט, אַזוי וועט אויסמאַכן די ערד פון די קליין־פּויערן אַ 35.000 דונאַם. די אַלע קניות, וואָס יידן האָבן געקויפט פון קליין־פּויערן אין משך פון די פינף יאָר, באַטרעפן לערך 73.000 דונאַם, ד. ה. בערך 15.000 דונאם אַ יאָר. עס איז קלאָר, אַז ערד־קניות פון אַזאַ פאַרנעם האָבן נישט געקאָנט ווערן אַ סכנה פאַרן קיום פון אַ פּויערן־קלאַס.

אין די פופצן יאָר פון דער אינטענסיווער קאָלאָניזאַטאָרישער אַקטיווקייט פון די יידן האָבן זיי געקויפט נישט מער ווי 683.000 דונאם און ווען מען רעכנט דערפון אָפּ די ערד, וואָס ליגט אין באַצירק באר־שבע, נאָר לערך 650.000 דונאַם, וואָס באַטרעפט ווייניקער ווי 5 פּראָצ. פון דער ערד פון ארץ־ישראל חוץ'ן נגב. אין דער דאָזיקער צאָל זענען שוין ארומגענומען אַלע שטאָטישע שטחים. אז מען קוקט אָן דאָס דאָזיקע טעמפּאָ, אין וועלכן עס ענטוויקלט זיך דער יידישער ערד־באַזיץ, קאָן מען נאָך נישט רעדן פון אַ סכנה פאַרן אַראבישן ערד־באַשטאַנד. מען קאָן אויך נישט זאָגן, אַז די לאגע האָט זיך אין די לעצטע יאָרן געענדערט, אָדער פאַרשאַרפט, אַזוי ווי עס האָט אין אָנהויב 1936 דערקלערט דער הויך־קאָמיסאַר פון ארץ־ישראל, אז נעמענדיק אין באַטראַכט די פאַרמערונג פון די ערד־קניות, איז נויטיק א געוויסער שוץ פאַר די קליין־פּויערן פונקט ווי פאַר די פאַכטערס. די ערד־קניות פון די יידן אין די לעצטע פינף יאָר מאַכן

אויס 209.488 דונאַם ; דערפון אין באַצירק באר-שבע 33.213 דונאַם, אזוי אז די פאַרגרעסערונג פונם יידישן ערד-באַזיץ באַטרעפט 176.275 דונאַם ד. ה. 35.250 דונאַם אַ יאָר.

מען קען אפשר האָבן טענות צו דער דאָזיקער באַרע-כענונג פונם יידישן אָנטייל אין דער ערד פון ארץ-ישראל, אַז עס איז נישט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט די קוואַלי-טעט פון דער יידישער ערד. אפשר האָבן די יידן אָפּגע-קויפט אַ גרויסן טייל פון דער ווערטפולער קולטיווירבארער ערד פון ארץ-ישראל און איבערגעלאָזט די אראבער די מאָ-גערע שטחים, וואָס האָבן אַ קלענערן ווערט ? דער שטח פון לאַנדווירטשאַפטלעכער ערד, וואָס געפינט זיך אין יידישן באַ-זיץ מאַכט אויס (אז מען רעכנט אַראָפּ 55.571 דונאַם שטאָ-טישער ערד פונם גאַנצן באַזיץ פון 1.231.846 דונאַם) סך-הכל 1.176.270 דונאַם. לויט אַן אָפיציעלער שאַצונג זענען 22 פּראָצ. פונם יידישן באַזיץ ד. ה. 258.779 דונאַם אומקולטיוויר-באַר. דער טייל פון דער מלוכה-ערד, וואָס איז געגעבן גע-וואָרן די יידן און וואָס טויג פאַר קולטיווירונג, ווערט גע-שאַצט אָפיציעל אויף 20.000 דונאַם, אַזוי אַז דער קולטיוויר-באַרער שטח פון דער יידישער ערד באַטרעפט צוזאַמען 937.492 דונאַם. די אויסרעכענונג, וואָס פאַרא טייל פונם גאַנצן קולטיווירבאַרן שטח פון ארץ-ישראל עס באַזיצן די יידן, העגנט אָפּ דערפון, ווי הויך מען שאַצט דעם דאָזיקן שטח, ווייל עס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דער שאַ-צונג פון דער רעגירונג און דער שאַצונג פון די עקספּערטן פון דער אגענץ, וועגן וועלכן עס וועט אונז נאָך אויסקומען צו רעדן. לויט דער אָפיציעלער שאַצונג מאַכט דער יידישער אַנטייל אויס 9.9 פּראָצ., לויט דער יידישער — 7,4 פּראָצ. ווען מיר זיך האַלטן אין דער צאָל פון 22 פּ־אָצ. פאַר אומ-קולטיווירבאַרער ערד און זי אָנווענדן אויך אויף יענע שטחים, וואָס די יידן האָבן דערוואָרבן נאָך 1920, אַזוי מוזן מיר אַראָפּרעכענען פונם גאַנצן שטח 150.232 דונאם, אַזוי אַז אין די פופצן יאָר זענען נישט מער ווי 532.636 דונאַם, אָדער

לערך 34.000 דונאם א יאָר פֿין דער קולטיווירבאַרער ערד אריבערגעגאַנגען אין יידישע הענט.

אָבער אויך די דאָזיקע צאָלן גיבן נישט איבער געטרוי דעם אמתן מצב. אין אמתן האָט זיך דער קולטיווירבאַרער שטח, וואָס געפינט זיך אין אראבישן באַזיץ, נאָך ווייניקער פארקלענערט צוליב די יידישע קניות. לויט דער אָפיציעלער דעפיניציע איז יענע ערד קולטיווירבאַר, וואָס אָדער זי ווערט שוין באַארבעט אָדער „וואָס קאָן באַארבעט ווערן דורך דער אָנווענדונג פון ארבעט און געלט־מיטלען פון א דורכשניטלעכן ארץ־ישראלדיקן פויער". צווישן די באָדנס, וואָס ווערן איצט באַארבעט דורך די יידן, געפינען זיך אַזעלכע — און נישט ווייניק — וואָס נישט נאָר זיי זענען געלעגן הפקר איידער זיי זענען איבערגעגאַנגען אין יידישע הענט, נאָר זיי האָבן זיך געפונען אין אזא צושטאַנד, אז זיי וואָלטן בשום־אופן נישט געקענט ווערן קולטיווירבאַר דורך דער אַרבעט און די געלט־מיטלען פון אַ דורכשניטלעכן ארץ־ישראלדיקן פויער; זיי האָבן געקאָנט ווערן קולטיווירבאַר נאָר מיט דער הילף פון טייערע סאַנירונג־אַרבעטן, די אַלע פריערדיקע זומפּ־שטחים, בשעת זיי זענען געקויפט געוואָרן דורך די יידן, האָבן נישט געקאָנט אָנגערופן ווערן נישט קולטיווירט און נישט קולטיווירבאַר. זיי האָבן ערשט פאַרדינט דעם דאָזיקן נאָמען, נאָך די אויסבעסערונג־אַרבעטן, ווי אויסטריקענונג פונם איבעריקן וואַסער, וואָס האָט זיי געמאַכט פאַר נעסטן פון מאַלאַריע און פון געלן קדחת. אַזוי זענען געווען פאַר 1920 אויך דער מזרחדיקער טייל פון עמק־יזרעאל און פון עמק־חפר און אַסך אַנדערע שטחים אומקולטיווירבאַר, ווייל זיי האָבן אין זיך געטראָגן די מאַלאַריע־מגפה. דאָס זעלבע קאָן מען הייַנט זאָגן וועגן די חולה־זומפּן. די יידן האָבן געמוזט אין משך פון די יאָרן מאַכן גרויסע ארבעטן, כדי די דאָזיקע שטחים זאָלן ווערן קולטיווירבאַר. אַזוי האָבן זיי געזונט געמאַכט א שטח פון סך־הכל 452.963 דונאם, וואָס האָט אָפּגעקאָסט א סומע פון 402.977 פונט, וועלכע עס האָבן אינוועסטירט די פיק״א, דער

קרן-קימת, אנדערע געזעלשאַפטן און יחידים-קאָלאָניסטן. עס זענען אויסגעגעבן געוואָרן לערך 16.000 פונט אין דער צייט פאַרן קריג, ארום 310.000 פונט אין די 10 יאָר צווישן 1920 און 1930 און ארום 75.000 פונט אין די פינף יאָר פון 1931 ביז 1935.(*

די יידן האָבן צום גרויסן טייל געקויפט אזא ערד, וועלכע איז פון אירע פריערדיקע באַזיצערס באַטראַכט געוואָרן אַלס אומברויכבאַר אָדער מינדערווערטיק. דאָס זעט מען שוין דערפון, וואָס אויף דער דאָזיקער ערד זענען געווען זייער ווייניק פויערן. פון דעם אַלעמען, וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן, זעט מען, אַז דער שטח, וואָס געפינט זיך אין יידישע הענט, וואָס וואָלט בשעת ער איז געקויפט געוואָרן, געקאָנט לויט די באַגריפן פון די אַראַבער און לויט דער דעפיניציע פון דער רעגירונג אָנגערופן ווערן קולטיווירבאַר, איז אַ סך קלענער איידער אונזער אויסרעכנונג. די שטחים, וואָס בשעת דער קניה זענען זיי כמעט נישט געווען צו באַנוצן פאַר לאַנדווירטשאַפט, באַטרעפן אַ דריטל פון דער ערד, וואָס איז דורך די יידן געקויפט געוואָרן. אין דער זעלבער מאָס פאַר-קלענערט זיך אויך דער פּראָצענט פון דער קולטיווירבארער ערד, וואָס די יידן האָבן דערוואָרבן דורך זייערע קניות.

די אַרבעט פון יידן האָט נישט נאָר פאַרשיידענע געגנטן אין ארץ-ישראל באַפרייט פון דער מאַלאַריע. זי האָט אויך פאַרוואַנדלט וויסטע און אומבאַוווינטע שטחים אין צענטערס פון אינטענסיווער לאַנדווירטשאַפט. דורך דער דאָזיקער פּיאָנער-אַרבעט איז דערגרייכט געוואָרן אַ שטאַרקע פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע און אויך אַ אָנגעזעענע געדיכטקייט פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג.ביים פאַרגלייך פון די באַפעלקערונגס-צאָלן פאַר און נאָך דער יידישער קאָלאָניזאַציע-

---

*) פרטים זעען דעם אין בוך: די באָדן-פראַגע און דער יידישער אויפבוי אין ארץ-ישראל.

אַרבעט זעט מען ווי אויפֿן אָרט פֿון עטלעכע צענטליקער משפחות זענען אויסגעוואַקסן גרויסע ישובים.

אַ צווייטע וויכטיקע דערשיינונג איז דאָס, וואָס נאָכדעם, ווי די ערד ווערט אָפּגעקויפֿט פֿון די ייִדן, פֿאַרקלענערט זיך די גרויס פֿונם דורכשניט־שטח, וואָס יעדעווירטשאַפֿט דאַרף האָבן אַלס עקזיסטענץ־מינימום. אָט למשל אין שומרון, איידער די ערד איז אַריבער אין ייִדישע הענט, זענען אויסגעקומען 72 דונאַם אויף אַ פֿויער; סוף 1929 האָט אין זכרון־יעקב, וואָס איז דאָרט אויסגעוואַקסן, די נחלה פֿונם פֿויער באַטראָפֿן נאָר 11 דונאַם. איידער רחובות איז געגרינדעט געוואָרן, האָט יעדער פֿויער געמוזט האָבן 61 דונאַם, 1929 זענען גענוג געווען 11 דונאַם. אויף דער ערד, ווו איצט געפֿינט זיך נהלל, האָט מען פֿריער בעדאַרפֿט 115 דונאַם פֿאַר יעדן נפֿש, 1930— נאָר 40 און 1935 זענען שוין געווען גענוג 25 דונאַם. אין מזרחדיקן טייל פֿון עמק־יזרעאל, איידער ער איז געקויפֿט געוואָרן דורך די ייִדן, זענען געווען נויטיק פֿאַר יעדן נפֿש 164 דונאַם, 1930 — 29 דונאַם און 1935 נאָר 18 דונאַם. ווען הרצליה איז נאָך געווען אין אַראַבישע הענט, האָט דער מינימום פֿאַר אַ נפֿש אויסגעמאַכט 109 דונאַם. 1930 האָט ער באַטראָפֿן נאָר 28 דונאַם און 1936 איז ער רעדוצירט געוואָרן אויף 3,5 דונאַם. אין עמק־חפֿר (דעם פֿריערדיקן וואַדי־חאַוואַריט) קומען איצט אויס 15 דונאַם אויף אַן איינוווינער; איידער די ערד איז אַריבער אין ייִדישע הענט, זענען אויסגעקומען 36 דונאַם און דערבײַ איז לערך דער צענטער טייל פֿון דער ערד באַאַרבעט געוואָרן. אָבער אויך די צאָל פֿון 2000 איז בלויז אַ טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג, וואָס דאַרף דאָ וווינען און לויטן פּלאַן וועלן דאָ געגרינדעט ווערן 1300 ווירטשאַפֿטן.

די ייִדן האָבן שטאַרק אינטענסיפֿיצירט די ערד־אַרבעט. דורך איינפֿירונג פֿון נײַע ערדבאַאַרבעטונג־מעטאָדן, דורך פֿאַרווענדונג פֿון מאַשינען, דורך אויסקלויבן די זריעה און דורך איינפֿירונג פֿון ראַסן־פֿי האָבן זיי געשאַפֿן אַ ווירטשאַפֿט־טיפּ, וואָס איז גאַנץ נײַ פֿאַר ארץ־ישראל. זיי האָבן דאָ אַנטוויקלט

די מאָדערנע מילך־ווירטשאַפט, זייער קולטיווירט די צוכט פון עופות און האָבן איינגעפירט אין דער לאַנדווירטשאַפט קאָאָפּע־ראַטיווע איינריכטונגען פון יעדן מין. פון אַט די אַלע זאַכן קענען אויך די אַראַבער האָבן א גרויסן נוצן, ווען זיי וועלן אָנווענדן אין זייערע אייגענע ווירטשאַפטן די אַלע פאַרבעסער־טע מעטאָדן, וואָס זיי זעען ביי זייערע יידישע שכנים. חוץ דעם איז דורך דער גרעסערער עליה פון די יידן דער אינע־ווייניקסטער מאַרק אַ סך גרעסער געוואָרן, אזוי, אַז די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן פון די אַראַבער קענען גוט און מיט ריוח פאַרקויפט ווערן.

ד. הורוויץ

דאָס אגראַר־פּראָבלעם פון פּעלאַר

אין דער א״י־דיקער אַראַבישער באַפעלקערונג בילדן די פעלאַכן ביז 60 פּראָצענט. די פראַגע פון זייער עקאָנאָמישער לאַגע איז איינע פון די צענטראַלסטע פראַגן אין לאַנד. די ווירקונג פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אויף דער ענטוויק־לונג פון די פעלאַכן איז אַ פּרוביר־שטיין פון איר השפּעה אויפן עקאָנאָמישן לעבן פון א״י בכלל.

די פאָרשער פון אַגראַר־פּראָבלעם אין א״י אין נאָמען פון דער רעגירונג (שאו־קאָמיסיע, סימפּסאָן) האָבן געפּרובירט שילדערן די נויט פון פעלאַך און דערקלערן אירע סיבות. זייערע מסקנות זענען געווען בערך פאָלגנדע:

אין לאַנד ענטשטייט אַ גרויסער קלאַס פון באָדנלאָזע. ס׳דראָט די סכנה פון אַ ברייטער פּראָלעטאַריזאַציע אין אַראַ־בישן דאָרפישן ישוב. די ווירטשאַפטלעכע איינהייטן זענען קליינע. דאָס פאַרקויפן באָדן די יידן האָט פאַרגרעסערט די באָדן־נויט. קומט ביי אָט די פאָרשער אַרויס, אַז די נויט פון פעלאַך און דאָס ענטשטיין פון א באָדנלאָזן קלאַס אין אַראַבישן דאָרף — שטאַמען פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

וואָס זענען אָבער די אמתע סיבות. וואָס האָבן גורם געווען צו דער שלעכטער לאַגע פון פעלאַך? קומט דען אין זיי צום אויסדרוק אַ ספּעציפישע א״י־דיקע דערשיינונג? גענוג

צו פארגלייכן דעם מצב אין א״י מיטן מצב אין די ארומיקע לענדער, באזונדערס סיריע און מצרים, כדי צו דערזען די אמתע זאכלאגע. מצרים איז אריין די ערשטע אויפן מזרח אין קרייז פון דער מאָדערנער קאפּיטאליסטישער עקאָנאָמיק; אין דעם זין דערמאָנט זי די ענטוויקלונג פון א״י נאָך דער מלחמה. די ענלעכקייט צווישן א״י און סיריע דריקט זיך אויס אין דער ענלעכקייט פון די נאטירלעכע און אגראַרע באַדינגונגען.

דער באַריכט פון דער קאָמיסיע דזשאָנסאָן-קראָסבי פון יאָר 1930 לערנט אונז, אז אין 104 דערפער פון א״י, אין וועלכע ס׳זענען געווען 6940 באַדנ־אָזע לאַנד-אַרבעטער, זענען געבליבן אומבאארבעט נישט ווייניקער פון 78255 דונאַם באארבעטונגס-פעיקער באָדן. נאָכמער: 245275 דונאם אויפן שטח פון די דאָזיקע דערפער געהערן צו גרויסע באָדן-אייגנטימער, וואָס זיצן נישט דאָרטן; 126.522 דונאם האָבן די איינוווינער פון דידאָזיקע דערפער אַרענדירט פון אַנדערע דערפער. 3873 פעלאכן האָבן צו 240 דונאם יעדער איינער, 1604 פעלאַכן צו 120–240 דונאם יעדער איינער.

אָט אָ די קאָנצענטראציע פון באָדנס אין די הענט פון יחידים איז מחייב אַ קענטיקע צאָל פון באָדנלאָזע ארבעטער. וואָס גרעסער ס׳איז די ווירטשאפט-איינהייט, אַלץ גרעסער איז די צאָל לוין-ארבעטער, וואָס ארבעטן אין איר. ס׳איז אוממעגלעך צו פארשטיין, ווי אזוי וועלן די רייכע באָדן-אייגנטימער באארבעטן זייערע באָדנס אָן לוין-אַרבעטער. וועלן די לאַנדלאָזע אַרבעטער קאָלאָניזירט ווערן און דער באָדן וועט נישט אויפסניי פארטיילט ווערן — וועלן די רייכע באָדן-אייגנטימער אַריינפירן נייע ארבעטער אויף זייער אָרט.

פון אָט דעם באריכט איז צו זען, אז אין אראבישן דאָרף גייט א פּראָצעס פון סאָציאלער דיפערענציאציע. דער דאָזיקער פּראָצעס איז פארבונדן מיט דער ענטוויקלונג פון באָדן-אייגנטום און פון די הכנסות פון די ווירטשאפטן, ער ברענגט מיט זיך פּראָלעטאַריזאציע פון אַ סך און קאָנצענטראציע פון באָדן-פארמעגן אין די הענט פון ווייניקע, דער

אָנהויב פון אַט דעם פּראָצעס שטעקט אין פאַרגאַנגענע צייטן. די יידישע באָדן־קניות האָבן נישט געקאָנט דינען ווי אַן ענטשיידנדיקער פאַקטאָר אין פּראָצעס פון דיפערענציאַציע און פּראָלעטאַריזאַציע. דער יידישער באָדן איז אין 88.5 פּראָצענט איינגעקויפט געוואָרן פון די גרויסע גוט־באַזיצער, צווישן די באָדנס איז דאָס רוב געווען אומבאַאַרבעט, פאַרזומפּט. די צאָל פאַכטערס אויף זיי איז געווען קליין.

די פעלאכן זענען ארויסגעשטויסן געוואָרן פון זייער באָדן צוליב די גרויסע חובות, ליציטאַציעס א.א.וו. דער פּראָצענטניק און דער עפענדי האָבן אויסגענוצט און נוצן נאָך איצט אויס די נויט פון פעלאַך און פאַרגרעסערן זייער באָדן־פאַרמעגן. די לאַגע פון פעלאַך איז אַ רעזולטאַט פון אַ פּערמאַנענטער ווירקונג פון סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַקטאָרן במשך אַ לאַנגער תקופה, אומאָפּהענגיק פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

ענלעך איז די לאַגע אין סיריע, ריכטיקער געזאָגט אסך ערגער: אַ באַווייז — דער אונטערשייד אין דעם עמיגראַציע־טעמפּאָ פון ביידע לענדער. די עמיגראַציע פון סיריע האַלט אין איין וואקסן, בעת די עמיגראַציע פון א״י פאַלט כסדר. דערדאָזיקער אונטערשייד ווערט נאָך בולטער, ווען מיר נעמען אין אכט דעם וווּקס פון נישט־יידישן ישוב אין א״י. אין משך פון די יאָרן 1922—1928 האָט דער מוסלעמענישער און קריסטלעכער ישוב פון א״י געוואַקסן פון 565.258 נפשות ביז 661.734 נפשות. אַלזאָ אויף 17 פּראָצ. מיר האָבן נישט קיין גענויע ציפערן וועגן וווּקס פון ישוב אין סיריע, אָבער אין מצרים האָט דער ישוב געוואַקסן נאָר אויף 1,13 פּראָצ. אַ יאָר.

סימפּסאָן שטיצט זיך אויף צוויי מאָסן פון באַרעכענען די מיטעלע גרויס פון אַ ווירטשאַפטס־איינהייט אין א״י. לויט דער ערשטער מאָס באַטרעפט די ווירטשאַפטס־איינהייט אין אַראַבישן דאָרף דורכשניטלעך 91.9 דונאַם. לויט דער צווייטער, וואָס באַזירט זיך אויף דער פאָרשונג פון דזשאָנסאָן־קראָסבי — 75 דונאַם אויף אַ משפחה. לויט סימפּסאָנען איז נויטיק אַ שטח פון 160—340 דונאַם. כדי אָבער צו באַאַרבעטן אַ שטח פון

160—340 דונאַם, דאַרף מען באַשעפטיקן באָדנלאָזע לוין-אַרבעטער. די פאָדערונג צו פאַרגרעסערן דעם שטח פון דער ווירטשאַפטס-אייגנהייט און די קעגנערשאַפט צום לאָזן באַשטיין אַ קלאַס פון באָדנלאָזע — זענען זיך קעגנזייטיק סותר. די פאַרגרעסערונג פון דער ווירטשאַפטס-אייגנהייט און איר באַאַרבעטונג מיט דער הילף פון לוין-אַרבעט וועט פאַרמערן די צאָל באָדנלאָזע לוין-אַרבעטער. אין די באַדינגונגען פון דער א״י-דיקער לאַנדווירטשאַפט, אויב די לאַנדווירטשאַפט דאַרף געבן רוחים די אייגנטימער און אַרבעטס-לוין די אַרבעטער, מוזן די אַרבעטס-באַדינגונגען זיין זייער שלעכטע, דער אַרבעטס-לוין אַ זייער קליינער, דער קלאַס פון באָדנלאָזע אַ נויטווענדיקייט.

אַ ווירטשאַפטס-אייגנהייט, וואָס איז קלענער פון דער נויטווענדיקער נאָרם, צווינגט דעם פעלאַך צו זוכן זיך אַ צוגאָבהכנסה אויסערן דאָרף; אַ ווירטשאַפטס-אייגנהייט, וואָס איז גרעסער פון דער נאָרם, מאַכט נויטיק דאָס באַשעפטיקן אַ לוין-אַרבעטער, לכל-הפחות ביי סעזאָן-אַרבעטן. סיי דער פאַכטער, סיי דער פעלאַך קענען נישט אויסבאַלאַנסירן זייער בודזשעט, אויב זיי דאַרפן שפייזן פון זייער קאַרג גערעטעניש זייערע משפחות און אויך צאָלן אַרבעטס-לוין. די מיטעלע ווירטשאַפטן פאַרשווינדן, זייער אָרט פאַרנעמט דער גרויסער באָדן-פאַרמעגן. קליינע ווירטשאַפטן, וואָס באַזירן זיך אויף אייגענער אַרבעט און זעלבסט-אויסקום פון דער אייגענער פּראָדוקציע, האַלטן זיך לענגער, אָבער מיט דער צייט פאַרקלענערן זיך אויך זיי און פאַלן זיך פאַנאַנדער. דער וועג צו פּראָלעטאַריזאַציע איז אויסגעטראָטן און די מיטעלע ווירטשאַפטן זענען די ערשטע קרבנות פון דער ענטוויקלונג.

דערדאָזיקער פּראָצעס קומט פאָר אין אַלע אַגראַרלענדער אויפן נאָענטן מזרח. ער האָט געבראַכט מיט זיך די צעשטערונג פון דער מיטעלער ווירטשאַפט, וואָס איז געבויט אויף לוין-אַרבעט און אויף רוחים פארן אייגנטימער פון באָדן דער אייגנטימער פון באָדן קען פאַרדינען נאָר דאַן, ווען ער.

האָט אין זיין רשות גרויסע שטחים און ווען די לאַסט, וואָס ליגט אויף דער ווירטשאַפט, גייט נישט אריבער אַ געוויסן גרענעץ. דערפאר פארנעמען די גרויסע ווירטשאַפטן און די קאַרליק-ווירטשאַפטן דאָס אָרט פון די מיטעלע ווירטשאַפטן.

דערמיט ענדיקט זיך נישט די דיפערענציאַציע אין אַראַבישן דאָרף. די קליינע ווירטשאַפטן קורטשען זיך, ברעקלען זיך און גייען אריבער מיט דער צייט אין די הענט פון די גרויסע באָדן-אייגנטימער. די פּראָלעטאַריזאַציע איז דער נאָענטער שטאַפּל אין דער ענטוויקלונג. דער איבערגאַנג פון אַ קליין-פּויער צו אַ לוין-אַרבעטער איז אַ זייער אָפּטער, ווייל דאָ פעלט אינגאַנצן דער תנאי מוקדם פארן קיום פון דער קליינער ווירטשאַפט, וואָס באַשטייט אין דעם, אַז זי דאַרף אַריינברענגען מער פון דעם ארבעטס-לוין אויפן פרייען מארק.

אין אַלע לענדער פון נאָענטן מזרח פאַלט דער פעלאַך דער ערשטער אַלס קרבן פון די נייע באַדינגונגען, בעיקר צוליב דעם וועלט-קריזיס אין דער לאַנדווירטשאַפט און דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג. צוליב דער שיטה פון אייגנטום אויפן באָדן, צוליב דער לאַסט פון די שטייערן און חובות פארלירט דער קליין-פּויער זיין פאַרמעגן און ס'פאַרמערן זיך די גרויסע לאַטיפונדיעס.

II

וואָס זענען די רעזולטאַטן פון דעם דאָזיקן צוואַנגס פּראָצעס פון מאָדערניזאַציע און קאַפּיטאַליזאַציע פון דער עקאָנאָמיק אויפן נאָענטן מזרח, וואָס דויערט שוין פופציק יאָר?

נאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק איז דער אַראַבישער דאָרף אין א"י אָדער סיריע געווען האַלב-פעאָדאַל און אַליין באַזאָרגט זיך זיינע באַדערפענישן. דער סחורות-אויסטויש איז געווען באַגרענעצט, דאָס גלייכן דאָס באַנוצן זיך מיט געלט. די טראַדיציאָנעלע באַנדן פון דער דאָרפס-עדה זענען געווען

שטאַרק און די פאָרמען פון לעבן און אַ סך זענען אָפּגעהיט געוואָרן אָן שום שינוי אין משך פון לאַנגע דורות. די נייע יסודות פון קאַפּיטאַליזם זענען אָבער צוגעטראָגן געוואָרן אין דער אַלטער פעסטונג און געענדערט אין אַ קורצער צייט איר אויס- זען. דאָס געלט איז געוואָרן די איינציקע מאָס פון עקאָנאָמישע ווערטן, דער עיקרדיקער אויסטויש מיטל. דער לעבנס-ניוואָ איז געשטיגן, ס׳זענען געוואַקסן די באַדערפעניש, שוואַכער זענען געוואָרן די באַנדן פון דער דאָרפס-עדה. די סטרוקטור פון דער טראַדיציאָנעלער ווירטשאַפט ווערט צעשטערט אונטער דער ווירקונג פון די קאַפּיטאַליסטישע כוחות.

דער פעלאַך איז פאַרקנעכטעט צום פּראָצענטניק, וואָס איז זייער אָפט אויך דער תבואה-סוחר און דער גרויסער באָדן-באַ- זיצער. די לאַטיפונדיעס-אייגנטימער ווערן רייך פון דער נויט פון פעלאַך און נעמען צו זיין באָדן. און דער אָרעמער פע- לאַך ציט צו דער שטאָט, ווו ס׳זענען פאַראַן אַרבעטס-מעגלעכ- קייטן און ס׳איז געשטיגן דער לוין. אין חיפהער פּאָרט, אין די שטיינהאַקערייען פון עתלית אַרבעטן גאָר אָפט פעלאַכן, וואָס האָבן איבערגעלאָזן זייערע ווירטשאַפטן אונטער דער השׂ- גחה פון זייערע ווייבער אָדער גאָר מותר געווען אויף דער באַ- אַרבעטונג פון זייער באָדן כדי צו באַקומען לוין-אַרבעט. ס׳זענען באַקאַנט פאַלן, ווען פעלאַכן האָבן געדונגען אַרבעטער צו באַאַר- בעטן זייער באָדן און אַליין זענען זיי אַוועק צו לוין-אַרבעט.

די דאָזיקע פאַקטאָרן, צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער אָפּשוואַכונג פון די באַנדן פון דער דאָרפס-עדה איילן צו די פּראָלעטאַריזאַציע פון פאַכטער און אָרעמען פעלאַך. דאָס איז נישט קיין רעזולטאַט פון מאַנגל פון באָדן, נאָר פון דער מאָדערניזאַציע פון דער עקאָנאָמיק פון לאַנד, וואָס קומט פאָר אין אַן האַרבערער פאָרם צוליב דעם קריזיס אין דער לאַנדווירטשאַפט.

דאָס אַרענדירן באָדנס איז די הערשנדע פאָרם אויפן נאָענטן מזרח. 32 פּראָצ. פון קולטור-פעיקן באָדן, וואָס געפינט זיך אין די הענט פון די אַראַבער אין א״י, איז אַרענדירט.

די ווירטשאַפט דאַרף אַלזאָ געבן רווחים אַ קלאַס, וואָס באַטייליקט זיך נישט אין איר לייטונג און באַאַרבעטונג און גלייכצייטיק מפרנס זיין דעם פּאַכטער און זיין משפּחה. זי האָט נישט די פֿליוסן פֿון דער גרויסער ווירטשאַפט, מען קען זיך נישט אין איר באַנוצן מיט מאַשינען און אויסבעסערונגען און צופּאַסן די צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער צו די באַדערפֿעכישן פֿון יעדן אַרבעטס-סעזאָן, גלייכצייטיק האָט זי די חסרונות פֿון דער גרויסער ווירטשאַפט. דאָס פּאַכט-געלט באַטרעפט זייער אַ סך (30 פּראָצענט פֿון דער הכנסה ברוטאָ, 50 פּראָצענט נעטאָ), די אומזיכערקייט אין די אַרענדע-באַדינגונגען שטערט יעדער פֿאַרבעסערונג פֿון באָדן. די נידעריקע געדעטעניש קען נישט פֿאַרזיכערן די קאַרגע פּרנסה פֿון פּאַכטער.

צווישן די פֿעלדער, וואָס האָבן אייגענע ווירטשאַפטן, איז אָנגענומען דער אָפּגעשטאַנענער סיסטעם פֿון האַלטן געמיינזאַם דעם באָדן: „מושעה". דער באַריכט פֿון דזשאָנסאָן-קראָסבי דערציילט אַזוי וועגן דער דאָזיקער פֿאָרם:

„די „מושעה" איז אַן הויפּט-שטער פֿאַר דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן פֿאָרשריט אין א"י. לויט דער שיטה טיילט זיך דאָס באָדן פֿון דאָרף אויף פּאַרצעלן, יעדן שותף טיילט מען צו די פּאַרצעל לויט זיין רעכט. נאָך אַ געוויסער תקופה, געוויינלעך, נאָך צוויי יאָר, טיילט מען אויפסניי דעם באָדן און יעדער שותף גייט אַריבער צו זיין נייער ווירטשאַפט. צוליב דעם איילט זיך נישט קיינער פֿון זיי צו פֿאַרבעסערן זיין באָדן, ווייל פֿון דעם וואָלט געניאָסן דער צווייטער. אין דער דאָזיקער שיטה פֿעלן גלייכצייטיק די מעלות פֿון אינדיווידואַליזם און קאָאָפּעראַציע".

46 פּראָצ. פֿון באָדן פֿון די פֿעלדער איז „מושעה", 54 פּראָצ. — „מפרוז" (אינדיווידועל אייגנטום).

קרעדיט איז איינע פֿון די וויכטיקסטע באַדערפֿענישן פֿון דער לאַנדווירטשאַפט. דער אומזאַץ-קאַפּיטאַל איז אינוועסטירט אין באָדן במשך אַ גרויסן טייל פֿון יאָר. אין א"י איז נישטאָ קיין ביליקער קרעדיט פֿאַר די פֿעלאַכן און זיי מוזן לייען

געלט ביי פּראָצענטניקעס אויף גאָר הויכע פּראָצענטער. 30 פּראָצ. אַ יאָר איז די געוויינלעכע נאָרמע, ס׳טרעפן זיך אָבער פאַלן פון 50 פּראָצ. פאַר דריי חדשים.

III

די מעכטיקע כוואַליע פון ענדערונגען אין דער לאַנדווירטשאַפט פון דער וועלט האָט אַ ענטשיידנדע השפעה אויף דער לאַגע פון א״י־דיקן פּױלער. מיטן „קאַמפּיין" און דער גרעסערער אָנווענדונג פון טראַקטאָר האָט זיך געענדערט די לאַנדווירטשאַפט אויף אַן אופן, וואָס איז ענלעך צום שנוי אין דער אינדוסטרי אין 19־טן יאָרהונדערט.

דער א״י־דיקער פּױער מוז קאָנקורירן מיטן אויסטראַלישן און קאַנאַדישן פּויער, ווי דער האַנט־וועבער האָט בשעתו געמוזט קאָנקורירן מיט די טעקסטיל־פאַבריקן.

די א״י־דיקע ווירטשאַפט איז נאָך דער וועלט־מלחמה אַריינגעצויגן אין קרייז פון דער וועלט־עקאָנאָמיק. די פּויערישע ווירטשאַפט איז אָבער די אָפּגעשטאַנענסטע פאָרם פון לאַנדווירטשאַפט. די אַרבעט, וואָס ווערט געמאַכט אין די ענטוויקלטע לענדער במשך דריי פערטל שעה, פאָדערט דאָ 30–35 שעה און זי דאַרף עס קאָנקורירן מיט דער פּראָדוקציע פון די די ענטוויקלטע לענדער.

נאָר דער נידעריקער לעבנס־ניוואָ גיט דעם פּױער די מעגלעכקייט פון קיום, אָבער ער ראַטעוועט אים נישט פון די נעגל פון פּראָצענטניק. די קאָנקורענץ צווישן אַזיאַטישן פּויער, וואָס האָט פּרימיטיווע מכשירים, אַ קליינע פּראָדוקציע און אַ נידעריקן לעבנס־ניוואָ און דעם פּויער פון די ענטוויקלטע לענדער, וואָס אַרבעט מיט פּאַרפולקאָמטע מאַשינען און ברענגט צונויף גרויסע גערעטעכנישן — ענדיקט זיך מיטן זיג פון רייכן און שטאַרקן, טראָצדעם, וואָס ער האָט אַן אומפאַרגלייכלעך העכערן לעבנס־סטאַנדאַרט.

און נאָך אַ פאַקטאָר פון דער וועלט־ווירטשאַפט האָט

געבראַכט אַן אומגליק אויפן אַראַבישן פעלאַך: די וואָלדיקייט פון די פרייזן, וואָס האָט שוין גישט זינט יאָרן איר גלייכן. די פרייזן פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע זענען נישט אַזוי געפאַלן, ווי די פרייזן פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן.

IV

ווי מיר זעען, האָט סער דזשאָן סימפּסאָן נישט געטראָפן צו די אמתע סבות פון דער לאַגע פון פעלאַך. ס'פרעגט זיך די פראַגע: צי איז די פּאָרגעלייגטע דורך אים פאַרגרעסערונג פון דער ווירטשאַפטס-איינהייט טאַקע אַ תרופה אויף דער לאַגע? דאָס פאַרגרעסערן דעם תבואה-עודף צו פאַרקויף אויפן מאַרק אויפן יסוד פון די עקזיסטירנדיקע פּראָדוקציע-מעטאָדן און פּראָדוקציע-הוצאות פון פעלאַך, דאָס פאַרגרעסערן דעם שטח, וואָס איז דאָך מחייב דאָס באַשעפטיקן לוין-אַרבעטער — מוזן ברענגען צו אַ שרעקלעכער עקספּלאָאַטאַציע פון לאַנד-אַרבעטער און צו ווייטערדיקע שווערקייטן פאַרן פעלאַך. דאָס איז פּונקט אַזוי, ווי מען וואָלט צוגעגעבן צום האַנט-וועבער נאָך שפּינדלען, ער זאָל אַרבעטן מיט לוין-אַרבעטער און מען וואָלט אים גע-הייסן ביישטיין די קאָנקורענץ פון די מאָדערנע מאַשין-פאַבריקן.

נאָר דורך צוויי וועגן קען דער פעלאַך אַרויסגיין פון זיין קלעם: א) דורכן איבערגאַנג צו עקסטענסיווער אַרבעט, מיט דער הילף פון מאַשינען, אויף גרויסע שטחים, אויף איינהייטן פון 500—600 דונאַם ב) דורך אינטענסיפיקאַציע.

די באַדינגונגען פון לאַנד פאַרשליסן פאַרן פעלאַך דעם ערשטען וועג. די מכשירים, מיט וועלכע מען בענוצט זיך אויף די גרויסע פליינען, פאַסן נישט צו די א"י-דיקע בערגלאַך. אין א"י זענען נישטאָ קיין שטחים פאַר עקסטענסיווער לאַנדווירטשאַפט.

די עקסטענסיווע לאַנדווירטשאַפט און קליינע ווירטשאַפטן איז פאַרמשפט אויף אונטערגאַנג דורך די געזעצן פון דער וועלט-עקאָנאָמיק. וואָלט אפילו געווען פּאַסיקער באָדן, וואָלט

דער ערשטער אויסוועג נישט געפירט צום ציל, נאָר געבראַכט צו פונקט פאַרקערטע רעזולטאַטן, ווייל נישט נאָר ס'וואָלט זיך נישט אָפּגעשטעלט די פּראָלעטאַריזאַציע פון די פעלאַכן, נאָר פאַרקערט: דער ערשטער אויסוועג וואָלט אַריינגעפירט די מערהייט פון פעלאַכן אין צושטאַנד פון פּראָלעטאַריער.

ס'איז פאַראַן נאָר דער וועג פון אינטענסיפיקאַציע און פון קאָנצענטראַציע אין דער פּראָדוקציע, וועלכע מען קען נישט האַלטן אַ לענגערע צייט (מילך, גרינסן), און אין מאָנאָפּאָל-פּרוכטן אויסער די תבואות פאַר די אייגענע באַדערפנישן. פאַרשטענדלעך, אַז דער פעלאַך קען זיך נישט פאַרנעמען נאָר מיט אינטענסיווער באַאַרבעטונג און קויפן ווייץ אויפן מאַרק. די פּרימיטיווע סטאַביליטעט פון זיין ווירטשאַפט וואָלט אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן, ווען ער וואָלט געמוזט קויפן פאַר זיך תבואה פאַר מזומן-געלט. די פראַגע איז: וואָס פאַרא פּראָדוקציע זאָל דער פעלאַך פאַרקויפן אויפן מאַרק אַלס דעם עודף, וואָס בלייבט אים נאָכן באַזאָרגן די אייגענע באַדערפענישן? אין די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען קען נישט ווייץ זיין אַזאַ עודף, דער פעלאַך דאַרף באַשטימען צום פאַרקויף אינטענסיווע פ־אָדוקציע.

יעדער שריט אָבער אין אַזאַ ריכטונג קען מצליח זיין נאָר דאַן, ווען ס'וועלן אים באַגלייטן עקאָנאָמיש-סאָציאַלע ענדערונגען, ווי: אַגראַר-רעפאָרם, פאַרטיילונג פון באָדן אויפסניי, גרונד-קאַפּיטאַל פאַרן פעלאַך דורך דער פאַרמיטלונג פון קרעדיט-אינסטיטוציעס.

ב. כצנלסון

שטרויכלונג פאר דער קאלאניזאציע, פארקנעכטונג פארן פעלאר*)

די מאַנדאַטאָר-מאַכט, אויף וועלכער ס'איז אַרויפגעלייגט געוואָרן צווישן אירע גרויסע וועלט-ענינים אויך די קליינע אויפגאַבע: העלפן דעם יידישן פאָלק אין זיין צוריקקער קיין א״י — האַלט זיך נישט אָפּ פון צו לייגן פון צייט צו צייט שטיינער אויף אונזער וועג און פון אַוועקצושטעלן אונז פאַר שווערע און ביטערע נסיונות. אמאָל ווערט דער שטיין געוואָרפן מיט א שווערער האַנט, ווי למשל, לאָרד פאַספילד'ס, אמאָל מיט דער ווייכער האַנט פון סער אַרטור וואָקאָפּ. דער שווערער און ביטערער נסיון ווערט נישט צוליב דעם ווייניקער שווער און ווייניקער ביטער. אַמאָל ווערט דער שטיין באַגלייט מיט רייד פון אָנקלאַגע און דערצערנונג. אמאָל איז ער איינגעוויקלט אין וויקעלעך פון געלאַסענע, באַרויקנדיקע רייד. דער שטעקן, וואָס שלאָגט אונז, הערט אָבער נישט אויף צו צעקלאַפּן אונז, אפילו ווען ער איז באַשמירט מיט בוימל.

פון צווישן די גזירות, וואָס די רעגירונג האָט פאַר אונז אין איר אוצר כדי ארויסצוגעבן זיי פון צייט צו צייט

*) אויפן ראַנד פון דעם נייעם געזעץ-פּראָיעקט וועגן באָדן.

צי ווען אירע ענינים פארפלאָנטערן זיך, צי ווען פאַר איר איז באַזונדערס נויטיק צו האָמעוועז אונזער ענטוויקלונג — איז די באָדן־גזרה איינע פון די אממיינסטן אונז טרעפנדיקע און באַליידיקנדיקע. די באַליידיקונג איז נאָך גרעסער דערמיט, וואָס איר פאָרם איז נעבעך אַזאַ נאאיווע. סער אַרטור וווקאָפּ איז דאָך, כידוע, „א פריינט פון די פעלאַכן"; אין זיין תשובה צו די פירער פון די אַראַבישע פאַרטייען, יענע פירער, וואָס די פירערשאַפט איז זיי צוגעפאַלן צוליב דעם, וואָס דורות אויף דורות האָבן זיי געשינדט אומבּרחמנותדיק די הויט פון פעלאַך און וואָס מיינען דאָך איצט, כידוע, נאָר די טובה פון פע־לאַך — אין זיין תשובה צו זיי האָט סער וווקאָפּ צוגעזאָגט צו אַרויסגעבן נייע געזעצן „צום שוץ פון די קליינע באָדן־אייגנ־טימער".

שיצן דעם פעלאַך — קעגן וועמען? אפשר קעגן די עפענדיס? אפשר קעגן די פּראָצענטניקעס, וואָס זויגן אויס דעם מארך פון זיינע ביינער? אפשר קעגן די גייסטלעכע און די פלאמיקע פּאַטריאָטן, וואָס גייען איבער די דערפער און העצן צו אומרועז און צו פאַרגעטערן די בלוט־פאַרגיסער, אפשר קעגן אָט דער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ברענגט נאָר א רעה דעם פעלאַך? אפשר קעגן די מומחים אויף פּראָצעסן, וואָס לאָזן אַרויס דעם פעלאַך אויף די פעלדער פון „יאַהוד" און פאַרזיכערן אים, אז ס'וועט אים גאָרנישט געשען און זיי, די איניציאַטאָרן און אָרגאַניזאַטאָרן, זיצן אין דער באַהעלטניש און וואַרטן אויפן רויב, וויסנדיק, אז וועמען־וועמען, נאָר זיי וועט אוודאי קיין שום בייזס נישט געשען.

ניין, די רעגירונג שיצט נישט דעם פעלאַך קעגן אָט די אַלע, נאָר קעגן אים אַליין. טאָמער וועט ער נישט פאָלגן זיינע „פריינט", די גרויסע און קליינע גייסטלעכע, די כוהנים פון די מעטשעטן און די כהנים פון דער פּ. ק. פּ., וואָס דראָען אים מיט אַלע מיתה־משונהס פון עולם הבא און עולם הזה, אויב ער וועט זינדיקן, פאַרראַטן און פאַרקויפן א שפאַן באָדן די יידן, טאָמער וועט ער, חלילה, איינגעפינען, אז פאַר אים איז בעסער

צו פארקויפן אַ שטיקל באָדן צו די אפּיקורסישע יידן, די גע־פערלעכע ציוניסטן, וואָס זענען משוגע אויף באָדן און גיבן אַ פּרייז, וועלכן ס'גיט נישט קיין שום עפּענדי און קיין שום רעגירונג — איידער צו אונטערגיין אין דלות און נויט, איידער דערשטיקט ווערן אונטערן לאַסט פון פּראָצענט, טאָמער וועט ער איינגעפינען, אַז דאָס איז דער וועג פון הונגער צו זאַט־קייט, פון אַ פּאַרוויסטערווירטשאַפט צו אַ ווירטשאַפט, וואָס גיט פּרנסה.

כּדי צו פאַרטיידיקן דעם פעלאַך קעגן אים גופא, קעגן זיין ווילן צו ענטוויקלען זיך, פאַרפעסטיקן זיך, שטייגן—ווערט געפּלאַנט דער נייער געזעץ. דאָס איז זיין אינהאַלט: פאַרקנעכטן דעם פעלאַך צו זיין שטיקל באָדן, ער זאָל זיך פון אים נישט רירן, ער זאָל נישט מעיז זיין צו ענדערן זיין לאַגע, צו באַ־שטימען זיין גורל. ער טאָר אַליין נישט באַשליסן, וואָס ס'איז פאַר אים גוט, וויפל באָדן ער דאַרף האָבן. ער טאָר נישט פאַרלאָזן זיין דאָרף צו זוכן זיך אַן אַנדער אָרט, אין אַן אַנ־דער דאָרף, אין אַן אַנדערע סטרעפּע. ער טאָר נישט פאַרבייטן זיין לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט אויף אַן אַרבעט, וואָס געפעלט אים, וואָס איז צוגעפּאַסט צו זיינע פעיקייטן, וואָס פאַרזיכערט אים עפּעס, וואָס עפנט אים אַ וועג צו אַן אויפשטייג. ניין, ער מוז זיין צוגעשמידט צום באָדן, נישט פון זיין גוטן ווילן, נאָר מיט צוואַנג, מיטן כּוח פון געזעץ. און אויב ער וועט דאָך ענדערן זיין וועג, ער וועט נישט קענען און נישט וועלן זיין פאַרקנעכטעט צו זיין פעלד, ער וועט האַלטן פאַר נייטווענדיק צו פאַרקויפן אַ שטיקל באָדן — וועט די רעגירונג זען אין דעם אַ „קנוניא", אַ פאַרלעצונג פון געזעץ. די רעגירונג וועט ירשנען דעם פעלאַך, וואָס וועט זינדיקן און אַראָפּגיין פון זיין באָדן. זאָלן די פעלאַכן וויסן און מורא האָבן. זאָל אים, דעם דאָרפס-מענטש, גאָרנישט איינפאַלן צו אַרויסגיין פון תּחום, וואָס די מאַכט האָט אים אָנגעצייכנט. אַזוי באַפעלט די מאַנדאַטאָר־מאַכט: אַן אייביקער קנעכט זאָלסטו זיין צו דיין ירושה. ווילסט נישט — וועט מען דיר צווינגען.

דאָס איז דער סאָציאַלער אינהאַלט פון דער אַגראַר־רע־פאָרם, וואָס ווערט צוגעזאָגט דורך דער מאַנדאַט־רעגירונג. ווע־מען צוגעזאָגט? דעם פעלאַך? ער דאַרף עס גאָרנישט. צוגע־זאָגט דעם עפענדי אויפן רוקן פון פעלאַך.

דער פעלאַך איז אַ קינד, עס ווייס נישט, וואָס איז גוט פאַר אים, מען דאַרף אים שטאַרק היטן, ער דאַרף האָבן אפּוטרופּסים, וואָס ציטערן איבער אים, זאָרגן פאַר אים, קוקן אים נאָך מיט זיבן אויגן. וואָס ציטערט מען עס אַזוי? און ווער שטויסט עס אַרויס דעם אַראַבישן פעלאַך פון זיין באָדן? ווער באַדראָט עס אַזוי שרעקלעך דעם פעלאַך, זיינע קינדער און קינדס־קינדער, אויב נישט דער יידישער קאָלאָניזאַטאָר? קעגן אים דאַרף מען עס שיצן דעם פעלאַך. און דאָ איז דער פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער אינהאַלט פון דער פעאָדאַלער „רעפאָרם", וואָס ווער ווייס, פון וואָס פאַראַ געזעץ־בוך האָט איר איבערגעשריבן דער מאַנדאַטאַרישער געזעצגעבער. ס'איז אַ ספק, צי איז פאַראַן עפּעס ענלעכעס צו איר אין איינער פון די בריטישע מדינות.

ס'איז אונז שוין נמאס געוואָרן דאָס איבערחזרן די פאַר־טיידיקונגס־רייד, וועלכע ס'דאַרפן כסדר באַטאָגנען אונזערע חב־רים, וואָס פירן אונזער קאַמף, נאָכדעם ווי ס'איז שוין אַזוי בולט באַוויזן געוואָרן דער בייזוויליקער שקר פון די בלבול־מאכער. קעגן וועמען דאַרפן מיר עס זיך פאַרטיידיקן? קעגן די, וואָס זייערע עלטערן האָבן דורות־לאַנג אומברחמנותדיק עקספּלואַטירט דעם פעלאַך, צוגענומען ביי אים מיט כוח און מיט שפּיצלעך דעם באָדן, פאַרוויסטעט און פאַרפעסטעט דאָס לאַנד? קעגן יענע וועלט־צדיקים, וואָס די געשיכטע פון זייער קאָלאָניזאַציע און הערשאַפט איז דאָך, כידוע, כולה צדק און חסד און מיט אונז זענען עס, די דאָזיקע צדיקים, מדקדק אויפן האָר, אויב נישט פאַר איצטיקע זינד, טאָ איז פאַר קו־מענדיקע?

אויב מען קען נישט באַווייזן, אַז מיר האָבן איצט גע־בראַכט שאָדן דעם פעלאַך, קען מען דאָך רחמנות קריגן אויף

זיינע קינדס-קינדער און מורא קריגן פאַר די סכנות, וואָס קע־נען זיך נאָך צוליב אונזער קאָלאָניזאַציע איבער זיי צוהוליען. אין דער גאַנצער וועלט זענען דאָך, ווי באַקאַנט, פאַרזאָרגט די פויערן-מאַסן מיט ברויט און א מלבוש אויף איצט און זיי־ערע קינדער, אייניקלעך און אור-אייניקלעך זענען פאַרזאָרגט ביזן סוף פון אַלע דורות. זאָרגט דעריבער אונזער הויך-קאָמי־סאַר, „וואָס די נאַטירלעכע פאַרמערונג פון דער באַפעלקערונג איז אויך א פאַקטאָר, וואָס גיט צו שוועריקייטן צו דער לאַגע, אויב מען וועט באַצייטנס נישט אָננעמען קיין מיטלען".

קוקט זיך נאָר צו: דורות אויף דורות האָבן די פעלאַכן געפלאָגט זיך אונטער דער הערשאַפט פון די טערקן, די עפענ־דיס, זייערע נוגשים, זייערע משרתים. דערפאַר גאַנצע פלעגן ארויסשיקן זייערע זין אין די ווייטע לענדער, ווייל ס'איז נישט געווען וואָס צו עסן, נישט אין דאָרף, נישט אין שטאָט. אַנ־דערע פלעגן גיין דינען אין סולטאַנס מיליטער און פאַלן אין מלחמות, פון הונגער און קראַנקהייטן. דאָס איז געווען נאַטיר־לעך; דעם פעלאַך און זיין צוקונפט האָט נישט געדראָט קיין סכנה. און אָט האָבן אָנגעהויבן קומען יידן; די פעלאַכן דאַרפן שוין נישט עמיגרירן אין צפון- און דרום-אַמעריקא; די דערפער, וואָס ליגן נאָענט צו יידישע פונקטן, בויען זיך פאַ־נאַנדער און זענען פול מיט פלאַנצונגען, מיט א לעבן פון זאַטקייט און פאַרמעגלעכקייט; פון די אַרומיקע לענדער קומען טויזנטער, צענדליקער טויזנטער, צושפרייטן זיך איבערן לאַנד, באַזעצן זיך אין דאָרף און שטאָט; די יידישע שטייערן דער־מעגלעכן דער רעגירונג צו זיין אַ „פריינט פון די פעלאַכן", באַפרייען זיי פון שטייערן, גראָבן זיי ברונימער, געבן זיי זריעה, פלאַנצונגען, הלואות. געפינט נאָך אַלץ נישט קיין רו אָט די גנעדיקע רעגירונג; דער גורל פון דער „נאַטירלעכער פאַרמערונג" נעמט איר צו דעם שלאָף; אונזער רעגירונג זאָרגט פאַר די קומנדיקע דורות.

וואָסזשע פאַרא מיטל געפינט זי? ליגן שטיינער אויפן וועג פון דער אינטענסיווער קאָלאָניזאַציע, וואָס באַפרוכפערט

דאָס לאַנד מיט קאַפּיטאַל, ענערגיע און וויסן. דאָס איז איר באַצאָלונג פאַר די, וואָס האָבן געמאַכט דאָס לאַנד בליען מיט זייער קאַפּיטאַל, ענערגיע און פאָרשונג, געטריקנט בלאָטעס, באַפרוכפּערט זאַמדן, פאַרוואַנדלט זיי מיט זייער מי, געטריי־שאַפט און קרבנות אין אַ מקור פון פּרנסה פאַר גרויסע מאַסן.

די חומרות, וואָס טרעפן סיי דעם פּעלאַך, סיי די יידישע קאָלאָניזאַציע, האָבן נישט קיין שום יסוד, נישט אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פון פּעלאַך, נישט אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פון לאַנד בכלל.

נאָכדעם, ווי מען האָט פאַרגאָסן אונזער בלוט אין 1929, האָט מען פאַרסמט די וועלט קעגן אונז מיט דעם „בלבול פון אַרויסשטויסונג”, אָט דעם בלוט־בלבול פון אונזער צייט. איז געקומען די רעגירונגס־אויספאָרשונג און באַוויזן מיט געגויע ציפערן דעם גאַנצן שקר פון דער לעגענדע וועגן אַרויסגע־שטויסענע. דער פּאָליטישער עפעקט פון בלבול איז אָבער נישט בטל געוואָרן. דער „באַפּעל וועגן שוץ פון די פּאַכטערס”, וואָס גיט אַ „חזקה” יעדן, וואָס רייסט ראַר־שטעקלעך און טרינקט אָן זיין סטאַדע, דער באַפּעל, וואָס באַשווערט אויף אַ האַרבן אופן די קאָ־לאָניזאַציע און מעליאָראַציע־אַרבעטן און איז מפקיר די מי און דעם באָדן פון די קאָלאָניזאַטאָרן — אָט דער באַפּעל איז געוואָרן אַ געזעץ.

מען קען שוין איצט מאַכן דעם חשבון פון אָט דעם באַפּעל און זען, וואָס זענען זיינע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, וואָס ער האָט ממש געגעבן דעם פּאַכטער. מען קען שוין איצט אויפציילן די קנוניות, די מהומות, די פאַלשע תביעות, די רויבערייען און בלוט־פאַרגיסונגען, וועלכע מען האָט צו פאַרדאַנקען דעם דאָזיקן באַפּעל. אָבער צו אונזער אומגליק איז עס דאָך דאָ אַזוי: די אמתע לאַגע איז עפּעס אַנדערש, די געזעצן עפּעס אַנדערש. אין 1930־טן יאָר האָט סער דזשאָן סימפּסאָן דערקלערט, אַז ס'איז נישטאָ קיין ליידיק אָרט אין א״י פאַר קאָלאָניזאַציע. און כאָטש זינט דאַן האָט

נישט אויפגעהערט די יידישע קאָלאָניזאַציע, האָט פונדעסט־וועגן דער נציב געקענט איצט דערקלערן, אַז „נאָך פאַר צוויי יאָרן איז די לאַגע פון קליינעם באָדן־אייגנטימער אינ־גאַנצן נישט געווען קיין שווערע". אַ וויכטיקע באַשטעטיקונג. איז דען אָבער געוואָרן אין משך פון די צוויי יאָר אַזוי שווער די לאַגע פון קליינע באָדן־אייגנטימער און מיר ווייסן גאָרנישט דערפון? ניין און ניין. דער פּלאַן פון דער נייער געזעצגעבונג איז נישט קיין באַדערפעניש פון דער לאַנדווירט־שאַפט, איז נישט קיין עקאָנאָמישע באַדערפעניש. ס'איז אַ פּאָליטישע גזירה.

אמתער שוץ פון פעלאַך איז נישט פאַר אונז קיין גזרה. צי פרייען מיר זיך נישט, ווען מען קומט באמת אַנטקעגן דעם פעלאַך? צי האָבן מיר נישט געשטיצט דאָס בטל מאַכן דעם עושר *)? צי האָבן מיר נישט דערמעגלעכט מיט אונזערע שטייערן דאָס פאַרלייכטערן דעם שטייערן־יאָך פון פעלאַך? צי האָבן מיר נישט געפאָדערט פון דער רעגירונג אַ פּלאַנ־מעסיקן קאַמף קעגן דעם ציגנז, וואָס דערדריקט דעם פע־לאַך? צי פאָדערן מיר נישט שוץ פאַר דער לאַנדווירטשאַפט־לעכער פּראָדוקציע קעגן דער פרעמדער פאַרפלייצונג? צי זענען מיר נישט גרייט צו צאָלן מער פאַר פּוטער, קעז און אייער, כדי צו שטאַרקן די הכנסה־מקורות פון דער א"י־די־קער לאַנדווירטשאַפט? צי האָבן מיר נישט געפאָדערט פון דער רעגירונג פו רעאַליזירן אַן ענטוויקלונגס־פּלאַן, וואָס זאָל זיין געצילט צו באַפרוכפערן די וויסטעניש, עפענען נייע שטחים פאַר אינטענסיווער לאַנדווירטשאַפט און אויסנוצן דאָס רייכטום פון א"י אין זון און וואַסער פאַר די איצטיקע ערד־אַרבעטער און זייערע קינדער?

אָבער די געזעצן, וועלכע מען לייגט פאָר, האָבן נישט אין זיך קיין שום „ענטוויקלונג", וואָס קען „ברענגען אַ ממשותדיקע און דויערהאַפטע ברכה די יידן און אַראַבער

*) שטייער פון געוויקסן

גלייכצייטיק", זיי זענען פונקט דער היפוך פון ענטוויקלונג פון לאנדווירטשאפט. זיי זענען שעדלעך און רעאקציאנער אין זייערע חומרות, געפערלעך אין זייער גייסט. זיי גיבן א הויכע סאנקציאנירונג די אלע ליגנערישע פחדים און פאלשע בלבולים, וועלכע די בלוטיקע העצער פלאנצן איין אין הארצן פון פעלאך. זיי באווייזן, אז די רעגירונג האט נישט קיין פאזיטיוון פלאן פון ענטוויקלען דאס לאנד, א פלאן, וואס איז מעגלעך נאר אין דער דערקענטניש, אז ס'איז נישטא קיין סתירה צווישן אונזער קאלאניזאציע־ארבעט און די ענינים פון די אראבער. זיי באווייזן, אז די רעגירונג ווארפט פון זיך אראפ יעדע פאזיטיווע פליכט כלפי אונז; זיי באווייזן, אז די רעגירונג וויל אונז דערווייטערן פון באדן און לאנד־קאלאניזאציע.

און וואס פארא רפואה לייגט מען פאר אויף אלע פעלערן פון געזעץ? די הערשאפט פון באאמטנטום. דער הויך־קאמיסאר האט דאס רעכט צו באשטעטיקן אין געוויסע פאלן דעם פארקויף פון באדן־מינימום, „אויב ס'וועט באוויזן ווערן", אז דאס איז לטובת הכלל. ס'איז ווייניק, אז די פאראינטערעסירטע צדדים זאלן אין אזא פאל קומען צו אן הסכם. די פלענער דארפן, פארשטענדלעך, זיין פולקאם — אין אלע זייערע פרטים און דאן דארפן זיי דורכגיין דעם גאנצן לייטער פון דער ביוראקראטיע, פון אונטן ביז צום סאמע שפיץ, ס'זאל אין זיי נישט געפונען ווערן קיין שום פגימה און קיין שום אנקלאגע זאל קעגן זיי נישט אויפגעהויבן ווערן. און ערשט דאן איז פאראן די האפנונג, אז דער פלאן זאל באשטעטיקט ווערן און דאס שטיקל באדן, וואס איז נויטיק לטובת הכלל, זאל איבערגעגעבן ווערן די פאראינטערעסירטע, אויב אינצווישן וועט נישט אויסוואקסן א נייער מכשול. דאס דארפן עס זיין באדינגונגען פאר ענטוויקלונג. אונזער דערפארונג אין לאנד לאזט אונז נישט גלויבן אין דער א"י־דיקער אדמיניסטראציע, אז זי וועט וויסן צו אפשאצן די ענטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פון לאנד, אונזערע באדערפענישן, די קרבנות, וועלכע מיר זענען גרייט צו ברענגען כדי צו

אויפדעקן לעבנס-קוואלן אין לאנד. די ראנגלענישן פון דער אינדוסטרי, האנדל און לאנדווירטשאפט אין לאנד קענען נישט שטארקן אין אונז דעם צוטרוי צו דער א״י-אדמיניסטראציע.

דער געזעצגעבער לייגט ארויף אויף דער שטענדיק גערעכטער און כל-יכולדיקער ביוראקראטיע „צו פעסטשטעלן און דעפינירן דעם מהות פון די באדן-מינימום׳ס, רעכנענדיק זיך מיט די באארבעטונגס-באדינגונגען, וועלכע הערשן אין יעדער סטרעפע. די גרויס פון אט די מינימום׳ס וועט דארפן געענדערט ווערן פון צייט צו צייט מיט דער פארבעסערונג פון באדן און דער מעגלעכקייט אים צו באוואסערן״.

אין וואס פארא „פאליטישער״ אטמאספער וועלן עס געמאכט ווערן די פרווון צו „ענ ערן פון צייט צו צייט״ די גרויס פון באדן-מינימום? וואס וועט זיין מיט דער מעליאראציע, באוואסערונג און אנטוויקלונג, ווען יעדער געזעץ און יעדער שינוי הערט אויף צו זיין א ווירטשאפטלעכער און לאנדווירטשאפטלעכער ענין און ווערט א פאליטישער ענין?

דער געזעץ באדייט דעריבער דאס ביוראקראטיזירן און פאליטיזירן די אגרארע אנטוויקלונג פון לאנד.

נישט איינמאל האט מען אויפגעהויבן די האק איבער אונזער אויפטו, נישט איינמאל אבער האבן מיר זיך שוין געראנגלט און געזיגט.

ד. בן־גוריון

אונזער נאָענטסטע אויפגאַבע

אונזער גרויסע אויפגאַבע איז איינוואָרצלען אין א״י שוין אין אונזער דור אַ מיליאָן יידישע משפּחות, אַ מיליאָן ווירטשאַפטס־איינסן פון יידישן פאָלק! ס׳איז נישטאָ קיין לייכטערע זאַך, ווי אויסצודריקן דידאָזיקע גרויסע שטרעבונג. אָבער אויב מיר האָבן נישט די ענערגיע און כוח איבערצוּווינדן די גרויסע שטרויכלונגען און דערגרייכן דעם דאָזיקן טייל־ווייזן, אָבער ענטשיידנדן, ציל פון ציוניזם, זענען די רעדעס נישט מער ווי שיינע ווערטער. ווו זענען די יסודות פאַר אַ מיליאָן יידישע משפּחות אין א״י? ראשית: מיר ווען דאָך נישט ברענגען די יידן, וועלכע מיר ווילן ברענגען קיין א״י, אין אַ פּוסטן חלל. די ערשטע פאָרויסזעצונג איז — און מיר דאַרפן איר גוט געדענקען — אַז דידאָזיקע ריזיקע אויפגאַבע באַדייט נישט, אַז מיר וועלן צונעמען די ערטער פון די, וואָס זיצן שוין אין לאַנד, מיר וועלן נישט צונעמען זייערע ווירטשאַפטן, זייערע מעגלעכקייטן פון אַרבעט, עקזיסטענץ און ענטוויקלונג. מיר דאַרפן שאַפן נייע קאָלאָניזאַציע־פונקטן, נייע מעגלעכקייטן, אַ נייע ווירטשאַפט, נייע אַרבעטן און דאַן וועט קענען דער דור פאַרווירקלעכן דאָס ווערק. נישט נעמען פון אַנדערע, נאָר שאַפן — דאָס איז די ערשטע פאָראויסזע־

צונג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. אַזוי פירן מיר טאַקע אונזער אַרבעט אין א״י.

די צווייטע הנחה: לאָמיר אָננעמען, אַז ס׳איז פאַראַן אַמיליאָן יידישע משפחות, וואָס זענען גרייט תיכף עולה זיין קיין א״י (ס׳איז זייער מעגלעך, אַז היינט זענען אויף דעם גרייט מער ווי אַ מיליאָן). לאָמיר אָננעמען, אַז ס׳האָט געטראָפן דער נס און די טויערן פון לאַנד זענען ברייט געעפנט געוואָרן און מיר האָבן גענוג שיפן אַריבערצופירן דעם מיליאָן משפחות. אָבער מיר האָבן דאָך נישט קיין מיליאָן משפחות, וואָס קענען לעבן און אויסהאַלטן זיך אין א״י. פון וועלכן טייל יידנטום וועלן מיר נעמען דעם מיליאָן, צי פון פוילן, רומעניע, עסטרייך? זיי וועלן נישט קענען אויסהאַלטן זיך אין א״י און א״י וועט נישט קענען קולט זיין אַמיליאָן יידישע סוחרים, לערער, אַדוואָקאַטן, מעדיקער און שרייבער. דער ערשטער תנאי פון אַ מאַסן-עליה קיין א״י איז, אַז אין א״י זאָל נישט געשאַפן ווערן אַ נייער גלות, אַ נייער געטאָ. און דאָס מיינט, אַז די ענטשיידנדיקע מערהייט פון אָט דעם מיליאָן יידן קען נישט באַשטיין פון אַדוואָקאַטן, זשורנאַליסטן, שרייבער און סוחרים, נאָר פון אַרבעטער. מיר דאַרפן אין א״י נישט קיין אַדוואָקאַטן, זשורנאַליסטן, שרייבער און סוחרים, נאָר מאַסן יידישע פויערן, אַרבעטער און בעלי-מלאכה, ערשט דאַן וועלן מיר דערגיין אין א״י צו אַ גרויסן יידישן ישוב. ס׳איז נישט קיין לייכטע אויפגאַבע. איר פאַרווירקלעכונג פאָדערט אַגרונד-ענדערונג אין די עקזיסטענץ-יסודות פון יידישן פאָלק, אַ ווייטגייענדיקע הכשרה און געטרייע דערציונג, זי איז מחייב אַ ריזיקן באַפרייונגס-פראָצעס אין לעבן פון יידישן פאָלק. אויב מיר זעען אין ציוניזם נישט קיין ענין פון סענטימענט, נישט קיין זאַך, וואָס דאַרף זיך געפינען אין מוחי, נאָר אַ ריזיקן אויפטו פון באַפרייען די מאַסן, דאַרפן מיר מיט אַלע כוחות שטרעבן צו דער פאַרווירקלעכונג פון דידאָזיקע אויפגאַבן און צוגרייטן דאָס גאַנצע פאָלק צו זיין באַשטימונג.

אָבער ס׳איז נישט גענוג אַריבערצוגיין צו אַרבעט סתם.

כדי געזונט מאַכן דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן צושטאַנד פון יידישן פאָלק און צוגרייטן אים צו אַ געזונט לעבן אין אַלע אַנדערע הינזיכטן, איז נויטיק, אז לכל־הפחות אַ דריטל פון יידישן פאָלק זאָל אַריבערגיין צו ערד־אַרבעט. דאָס איז אפשר דער ענטשיידנדיקער שווערפונקט אין דער פאַרווירקלעכונג פון דער גרויסער און שווערער אויפגאַבע פון ציוניזם. דער קיום פון יידישן פאָלק און פון ציוניזם איז אָפהענגיק פון באָדן. אָן באָדן וועט פאַלן דער ציוניזם און געשטרויכלט ווערן דאָס יידישע פאָלק. און וועט חלילה פאַלן דער ציוניזם אין אונזער דור׳ טאָ ווער ווייס, וועלכע רעזולטאַטן וועט האָבן דידאָזיקע טראַגישע דערשיינונג פאַר דער פראַגע פון קיום פון יידישן פאָלק אין גלות.

כדי צו דערגיין צו אַ ישוב פון אַ מיליאָן יידישע משפחות אין א״י, פון זיי אַ דריטל אין לאַנדווירטשאַפט, מוזן מיר קאָלאָניזירן אין דעם טייל לאַנד, אין וועלכן מיר פירן איצט אונזער אַרבעט, לכל הפחות פון 300.000 ביז 325.000 משפחות. מיר שטייען פאַר דער גורל־פראַגע: איז עס מעגלעך אָדער נישט? די תשובה אויף דערדאָזיקער פראַגע איז נישט קיין פשוטע. זי וועט זיין אַ נעגאַטיווע, אויב מיר וועלן נעמען אין באַטראַכט ארץ־ישראל, ווי זי איז היינט; זי וועט זיין אַ פּאָזיטיווע. אויב ס׳וועט זיך אונז איינגעבן, אַדאַנק די מאַקסימאַלע אָנשטרענגונגען פון יידישן פאָלק, צו ענדערן און אויפבויען ארץ־ישראל פונדאַסניי.

דער מערבדיקער טייל פון א״י, אין וועלכן מיר ווילן קאָלאָניזירן לכל־הפחות אַ דריטל פון יידישן ישוב, נעמט ארום אַ שטח פון 26 מיליאָן דונאַם. נאָר 25 ביז 28 פּראָצענט פון דעם דאָזיקן שטח ווערן באַארבעט. דעם באָדן קען מען טיילן פון פאַרשיידענע שטאַנדפונקטן אויף דריי טיילן: ראשית, פון שטאַנדפונקט פון אייגנטום אויפן באָדן: א) אויף פּריוואַטן באָדן ב) רעגירונגס־באָדן ג) הפקר־באָדנס. די רעגירונגס־באָדנס זענען נאָר א קליינער טייל פון באָדן אין א״י. אין גרעסטן

טייל זענען זיי צעטיילט געוואָרן, על פּי רוב אויף אַ נישט־גערעכטן און נישט־ווירטשאַפטלעכן אופן. מען קען דעם באָדן אין א״י טיילן אויף דריי טיילן אויף פון אן אנדערן שטאַנד־פונקט: 1) באַארבעטער באָדן 2) נישט־באַארבעטער באָדן, וואָס קען באַארבעט ווערן אין געוויסע באַדינגונגען 3) באָדן, וואָס טויג נישט צום באַארבעטן.

קיינער ווייס נאָך דערווייל נישט גענוי די פּראָפּאָרץ צווישן די דאָזיקע באָדנס. אין אָפיציעלן באַריכט, וועלכן די רעגירונג האָט צוגעשטעלט דער מאַנדאַט־קאָמיסיע, געפינען מיר, אז די רעגירונג האַלט, אז פון די 13 מיליאָן דונאם אין א״י, אויסער דעם שטח פון באר־שבע, ווערן באַארבעט נאָר בערך אַ העלפט און די צווייטע העלפט טויג נישט צום באַארבעטן. אָבער די דאָזיקע אָפיציעלע פאָרמולירונג פון דער רעגירונג דערמאָנט דעם אָפיציעלן נוסח וועגן ארבעטסלאָזיקייט אין א״י. דאָס זענען ספּעציפישע פאָרמולירונגען און נוסחאות. אפשר דערמאָנט איר זיך, אז דאן, ווען אין א״י איז שווער געווען צו קריגן אַ יידישן אָדער אראבישן ארבעטער, האָט די רעגירונג אין איר דין־וחשבון דערציילט וועגן 40,000 ארבעטסלאָזע. זי האָט צוגערעכנט צו די ארבעטסלאָזע אלע פויערים, וועלכע האָבן פארענדיקט זייער ארבעט אין פעלד און אין טויטן סעזאָן זיך פארנומען מיט פּאָליטיק... אויך באַארבעטונגס־פעיקער באָדן האָט ביי דער רעגירונג זוכה געווען צו אַ משונהדיקער דעפי־ניציע. דאָס איז באָדן, וואָס ביי דער איצטיקער פינאנסיעלער לאַגע פון די פעלאַכן און זייערע פרימיטיווע ארבעטס־מעטאָדן, קאָן ער נישט באַארבעט ווערן. ביי אָט די מיטלען און מיט די ארבעטס־מעטאָדן קאָן מען בכלל באַארבעטן בלויז א קליינעם טייל פון א״י־דיקן באָדן. לויט דער דאָזיקער דעפיניציע איז די חולה, למשל, „נישט באַארבעטונגס־פעיקער" באָדן, אינדערצייט, וואָס אין דער אמתן געהערט זי צו די פרוכטבאַרסטע שטחים פון א״י. אין צוזאמענהאַנג מיטן באָדן־פּראָבלעם שטייט פאַר אונז נישט נאָר די אויפגאַבע צו דערווערבן באָדן, נישט נאָר עקאָ־נאָמישע און עקאָנאָמיש־יודישע פּראָבלעמען, נאָר אויך אַ קול־

טור־היסטאָרישע אויפגאַבע: פּ ר ו כ ט ב א ר מאכן דעם פאַר־לאָזענעם באָדן פון א״י. מיר דאַרפן מכשיר זיין פאַר דער מאָדערנער קאָלאָניזאַציע די באָדן־שטחים, וועלכע האָבן זיך במשך פון טויזנטער יאָרן גערעכנט אַלס נישט באַארבעטונגס־פעיקע. דאָס פאַרגרעסערן די פּרוכטבארקייט פון דער לאנד־ווירטשאַפטלעכער ארבעט און די פרוכטבארקייט פון באַארבעטן באָדן — דאָס איז אונזער צווייטע אויפגאַבע. און אויף דעם געביט בעיקר דארף מען דערזען די דערגרייכונגען פון די יידן אין דער לאַנדווירטשאַפט. מיר האָבן אויפגעטאָן גרויסע זאכן נישט נאָר דערמיט, וואָס מיר האָבן געקויפט באָדן פאַרן פולן פרייז, נאָר ב ע י ק ר דערמיט, וואָס מיר האָבן ג ע־ש א פ ן נייעם באָדן, וואָס מיר האָבן אומפרוכטבארן באָדן פארוואַנדלט אין פרוכטבאַרן. דאָס איז געווען דער וועזן פון דער קולטורעלער און ציוניסטישער אויפגאַבע פון אונזער אַרבעט און אין דעם דאַרף מען אויך זען די אויפגאַבע פון אונזער גרויסן ווערק אין דער צוקונפט.

די צופאַסונג פון באָדן און זיין אויסבעסערונג און די אַריינפירונג פון אינטענסיווע אַרבעטס־מעטאָדן אין דער לאַנד־ווירטשאַפט זיינען אָפּהענגיק פון צוויי זאַכן: קודם כל פון וואַסער. כ׳וועל מיט גאָרנישט מגזם זיין, אויב כ׳וועל זאָגן, אַז די גורל־פראַגע פון יידישן פאָלק איז די פראַגע פון וואַסער אין א״י; פון דעם איז אָפּהענגיק דער פאַרנעם פון אונזער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע, וויפל שיטער באַ־פעלקערטע און פרימיטיוו־באַארבעטע באָדנס וועלן מיר קאָנען באַפרייען פאַר אינטענסיווער קאָלאָניזאַציע. פאַראַן מיליאָנען דונאַמען, וואָס זיינען היינט אינגאַנצן וויסט און וואָס אַמאָל האָבן זיי געהאַט אַ גרויסן ווערט. וואָס ס׳באַווייזן די רעשט־לעך פון די שטעט, וועלכע געפינען זיך אויף זיי. דאָרט איז דאָ אָרט פאַר אַ קאָמפּאַקטער יידישער קאָלאָניזאַציע. די צוויי־טע זאַך, מיט וועלכער דאָס איז פאַרבונדן, איז די וויסנשאַפט. בכדי צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם דאַרפן מיר שאַפן אַ נייע „חכמת ישראל״, נישט קיין וויסנשאַפט, וואָס עסקט

זיך מיט דער ליטעראטור פון מיטלאַלטער, נאָר אַ וויסנשאַפט, וואָס דאַרף זאָרגן, אז קיין איין טראָפּן רעגן זאָל נישט גיין לאיבוד, וואָס זאָל פעסטשטעלן אַלע וואסערן, וועלכע זענען פאראַן אין לאַנד. די וויסנשאַפט מוז ארייַנדרינגען אין די טיפעניש פון דער ערד און ענטפּלעקן די אָוצרעס און טייכן, וועלכע געפינען זיך אין אייניקע טיילן פון לאנד און וואָס זענען אויך זיכער בנמצא אויך אין אנדערע טיילן. די דאָזיקע וויסנשאַפט דאַרף דערפירן אונזער לאַנדווירטשאַפט צו דער העכסטער שטופע. מיר וועלן נישט קענען איבערווינדן אַלע שוועריקייטן, אויב מיר וועלן שאַפן, ווי ליליענבלום האָט זיך עס פאָרגעשטעלט, אַ נייעם טיפּ פון אַ רוסישן מו־זשיק, וואָס לייגט תפילין. אַזוי וועלן מיר נישט קאָנען לייזן די גרויסע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. אַפּרימיטיווער לעבנס־ניוואָ און אַ פּרימיטיווע ווירטשאַפט וועלן זייער באַשווערן אונזער קאָנקורענץ מיט די שכנים. מיר קאָנען קאָנקורירן מיט העכסטער קוואַליטעט, בעסטער אָרגאַניזאַציע און בעסטע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן. אַלס ביישפּיל קאָן אונז דינען דענעמאַרק, אַ לאַנד, וואָס זיינע איינוווינער זענען געווען אָרעמע פּויערים און איז אַ דאַנק וויסנשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע און קאָאָפּעראַציע געוואָרן איינס פון די רייכסטע לענדער אויף דער וועלט.

דער ציוניזם דאַרף מאָביליזירן אַלע איינשטיינס, גרויסע און קלענערע, וועלכע האָבן במשך פון אַ סך יאָרן באַפרוכ־פּערט פרעמדע לענדער. זיי אַלע דאַרפן שטיין אין רשות פון ציוניזם ביי זיין פאַרווירקלעכונג, אין רשות פון א״י־אויפבוי.

מיר דאַרפן שאַפן אַ ווייטגייענדיקן אַרבעטס־פּלאַן, אָדער לכל הפּחות אַ פּלאַן פאַר דער נאָנסטער אַרבעטס־תקופה. די אויפגאַבע פון דער איצטיקער שעה איז פאַר אונז — פאַר־דאָפּלען דעם יידישן ישוב אין א״י; דעם יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן ישוב־פאַרדריי־פאַכן!

קאָנטאַקטן

א. ד. גאָרדאָן

צחישן פאָלק און פאָלק

דער אמת איז דער יסוד פון אונזער וועלט. דער אמת, איז באַשיידן, אָבער זיין כוח איז גרעסער פון די לאָזונגען וועלכע מען שרייבט אויס אויף פענער. און נישט נאָר אין די באַציונגען צווישן מענטש און מענטש איז גרויס דער כוח פון אמת, נאָר אויך אין די באַציונגען צווישן פאָלק און פאָלק. מיטן כוח פון אמת וועלן מיר געפינען דעם וועג צום געמיינזאַמען לעבן מיט די אַראַבער און צו אַ געמיינזאַמער אַרבעט, וואָס וועט ברענגען אַ ברכה ביידע צדדים. דער אמת הויזט אָבער נישט צוזאַמען מיט שוואַכקייט, ער איז נישט שרייעריש און באַרימעריש. מיר דאַרפן האָבן גבורה, מענטשלעכע גבורה, וואָס קען זיך אופפירן לויט העכערע מדות אויך דאָרט, ווו די אויפפירונג פון צווייטן צד איז נישט געוווּנטשן. מיר דאַרפן נישט קיין באַציונג פון שוואַכקייט, וואָס האָט אין איר אוצר נאָר קליינע מדות. מיר דאַרפן נישט און ס'פּאַסט אונז נישט אונטערהנפנען זיך די אַראַבער אָדער באַרימען זיך פאַר זיי. צוליב אונז דאַרפן מיר זיין מענטשן פון אמת און גערעכטיקייט, נישט צוליב זיי. יעדע פּראָפּאַגאַנדע פון גוטער באַציונג צו די אַראַבער לשם אַ באַזונדערן ציל — איז נישט אויפן אָרט. אונזערע באַציונגען דאַרפן זיין גוטע און גערעכטע כלפּי יעדן

מענטשן. דאָס דאַרפֿן מיר אָפּהיטן, אין אַלע אונזערע דרכים, אין אַלע אונזערע מעשים. אונזערע אויגן דאַרפֿן זיין געווענ־דעט כּלפּי אונז, נישט קעגן אויסן. לאָמיר טאָן אונזערס — דער אמת וועט ווייזן דעם וועג. אויב זיי וועלן גיין מיט אַנ־דערע וועגן, אויב זיי וועלן זיך באַנוצן מיטן כּוח פֿון פּויסט און שקר, קענען זיי אונז טאַקע טאָן שלעכטס, אָבער אראָפּ־פֿירן אונז פֿון וועג קענען זיי אונז נישט און אויך מיר וועלן נישט אַראָפּ פֿון אונזער וועג, מער פֿון אַלץ שאַדן זיי זיך אַליין.

דאָ ליגט בעצם די גרונט־לייזונג פֿון דער פֿראַגע וועגן די באַציונגען צווישן אונז און די אַראַבער.

די אַראַבער זיצן אויפֿן באָדן און מיר קענען נישט באַעולהן זיי און אַרויסשטויסן זיי. אָבער אויך זיי קענען נישט באַרויבן אונז פֿון רעכט אויפֿן באָדן, אויף וועלכן מיר זיצן און אַרבעטן. די פֿראַגע איז וועגן ווייטערדיקן וווּקס. ווער האָט מער רעכט צו באַזעצן זיך אויפֿן באָדן, וואָס איז נאָך נישט דעראָבערט געוואָרן דורך אַרבעט און שאַפֿונג. דאָ איז נישט וויכטיק די צאָל, נאָר די איכות: דער כּוח פֿון לעבן און וווּקס און דער כּוח פֿון מסירות־נפש. ווער עס וועט מער אַר־בעטן, מער שאַפֿן, מער זיך מוסר־נפש זיין, דער וועט דער־ווערבן מער מאָראַלישע רעכט און מער לעבעדיקן כּוח אויפֿן לאַנד. דאָ איז פֿאַראַן אַ פּאַרוועט אין שלום. און דאָס רעכט אויף פּאַרוועט אין שלום גיט אונז באַזונדערס אונזער היסטאָ־ריש רעכט אויפֿן לאַנד. ביי דעם דאַרף מען צו אונז באמת צורעכנען דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק אין אַלע לענדער פֿון זיין צושפּרייטקייט.

מיר דאַרפֿן אַליין זיין זייער פּאָרזיכטיק אין באַצוג צו די אַראַבער אינם דערוועגב פֿון באָדנס וכדומה, נישט אָנרירן אויף קיין האָר זייער מענטשלעכע רעכט, נישט אַרויסשטויסן די, וואָס באַאַרבעטן דעם באָדן. זאָל אונז דער באָדן קאָסטן צוויי אָדער דריי מאָל מער, וויפֿיל ער איז ווערט, לאָמיר בע־סער מפייס זיין די אמתע באַלעבאַטים, די, וואָס זיצן אויפֿן

באָדן און באַארבעטן אים, מיט כּלערליי הנחות, וואָס קומען אָן מיט גרויסע שוועריקייטן און מי, ווי באַזאָרגן מיט באָדן אויף אַן אַנדער אָרט און כדומה — איידער צו אָנרירן זייער רעכט. פאַר אונז איז נישטאָ קיין נאָרם פאַרן פּרייז פון באָדן וויפל ער קאָסט, איז ער אונז כּדאי.

די מענטשלעכע באַציונג צווישן אונז און די אַראַבער וועט זיך איינשטעלן אין לעבן און מיטן כּוח פון לעבן. די אַגיטאַציע, די אָנפאַלן פון די אַראַבער אויף אונז, זייערע רציחות און חורבנות וועלן נישטביישטיין דעם כּוח פון לעבן, וועלכן מיר שאַפן. דאָס לעבן איז שטאַרקער פון חורבן. אונזער כּוח איז אין שאַפונג.

נ. בנארי

אין טויער פון מזרח

דער ציוניזם וויל פאַרבינדן דעם גורל פון יידישן פאָלק מיט ארץ־ישראל. דאַמאָלסט, ווען ס'האָט זיך נאָך געהאַנדלט נאָר וועגן אַ שטרעבונג אָדער אַן אָנהויב, האָבן מיר זיך געקאָנט שפּילן מיט פאַרנעפּלטע מליצות. איצט זענען מיר געוואָרן אַ גרויסער היסטאָרישער פאַקטאָר אין דער ענטוויקלונג פון א"י און די געשיכטע דולדעט נישט קיין מליצות. וואָס איז דער פּירוש פון ציוניזם אין צווייטן פערטל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט? ווי רעכענען מיר אַריינשפּינען אינזער גורל אין קנויל פון געשעענישן, וועלכע ענטוויקלען זיך אַזוי בליץ־שנעל? דער, וואָס אָנערקענט איצט ציוניזם און האָט אַן אויפמערקזאַם אויג און איז אויפריכטיק צו זיך אַליין, ווייס: אָט די ארץ־ישראל, פאַר וועלכער ס'איז נישט לאַנג אויסגעבויט געוואָרן אַזאַ שיינער פּאָרט אין חיפה — איז שוין היינט נישט קיין שמאָלער פּאַס לאַנד פון ביידע זייטן פון ירדן מיט אַ באַזונדער פּאָליטיק און עקאָנאָמיק, נאָר זי איז אַ טראַנזיט־לאַנד, דער טויער פון מזרח. און ציוניזם הייסט היינט: צוגעבן דעם יידישן פאַקטאָר צו דעם, וואָס קומט פאָר און וואָס וועט פאָרקומען אין דאָזיקן גרויסן טויער.

ענגלאַנד? — איר לאַגע איז אַזוי שטאַרק פאַרפלאָנטערט. זי קאָן נישט עקזיסטירן אָן דער אימפּעריע. און זי איז נישט

זיכער נישט אויף דער יבשה, נישט אויפן ים. ערנסטע פּאָליטישע אײפּטרייסלונגען זענען עלול צו צעברעכן איר גאַנצע שטאַרקייט. זי באַמיט זיך צו קירצן אירע ים־וועגן, צו קריגן מער אחיזה אויף דער יבשה, צו שאַפן אַן אילוזיע פון אַן איינהייטלעכער אימפּעריאַלער ווירטשאַפט, פון געמיינזאַמע פּאָליטישע אינטערעסן. וואָס פאַרא פּעסטונגען האָט זי אויפן אַזיאַטישן קאָנטינענט, אויפן וועג צווישן חיפה און אינדיע אויב נישט די טראַדיציאָנעלע ענגלישע קלוגשאַפט. דער חיפהער פּאָרט אין פּאָליטיש־מיליטערישן זין (און צוליב דעם בעיקר איז ער דאָך געבויט געוואָרן), איז דער אָנטשעפּ־אָרט פאַר די דינע פּעדעם, וואָס ציען זיך פון די בריטישע אינזלען צום האַרצן פון מזרח. וואָס זענען מיר אין דאָזיקן חשבון? ווי גאָרנישט. ס׳איז אונז געגעבן געוואָרן עפּעס אַ דאָקומענט, ווייל אייניקע בריטישע פּאָליטיקער האָט זיך געדוכט, אַז מ׳דאַרף עס האָבן ביים שליסן שלום און ביי דער פאַרטיילונג פון די לענדער. אָבער איצט? „וואָס פאַרדרייען זיי דעם קאָפּ?” — טראַכט זיך ערנסט יעדער פּראַקטישער פּאָליטיקער און יעדער פאַראַנטוואָרטלעכער באַאַמטער אין קאָלאָניען־מיניסטעריום. מיר עקזיסטירן נאָך דערווייל נישט אַלס שטאַרקער פאַקטאָר אין דער פּאָליטיק חיפה־אינדיע. ס׳איז קלאָר: כל זמן ענגלאַנד וועט זיך האַלטן ביים חיפהער פּאָרט — וועט זי זיך אַנטשלאָסן קעגנשטעלן דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם אין זיין ריכטיקן זין.

אייראָפּע? דער פעלקער־בונד? — פאַר זיי עקזיסטירן מיר נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפל מיר שטערן זיי אין זייערע מדינות. די יידן־פראַגע עקזיסטירט אין אַלע אייראָפּעישע לענדער. מאַסן־פאַראָרעמונג ביז צו פאַרקריפּלונג, אָן קיין שום אָנהאַלט אין עקאָנאָמישן לעבן, ראַסן־האַס, מוז עקאָנאָמיש אויסהיילן זיך, דורך אַריינדרינגען אין אַנדערע ווירטשאַפטלעכע צווייגן, נויטווענדיקייט פון מאַסן־איבערוואַנדערונג אין אַנדערע לענדער. דער אַנטיסעמיטיזם פרעסט נישט נאָר אונז, ער פרעסט אויף דאָס בעסטע פון אייראָפּעישן געוויסן. [מיטן

בעסטן ווילן איז צוגעטראָטן צו דער לייזונג פון דער דאָזי־
קער פראַגע ראַטן־רוסלאַנד). דאָס היטלער־דייטשלאַנד טרינקט
זיך אין שמוציקן גיפט פון אַנטיסעמיטיזם. אין פאַרשיידענע
טיילן פון אייראָפּע שעמט מען זיך נאָך מיט דער דאָזיקער
ברוטאַליטעט ביים לעזן די יידן־פראַגע. דאָס געוויסן האָט
נאָך נישט משלים געווען דערמיט. אָבער צי האָט דאָס דאָ־
זיקע נישט משלים זיין עפּעס אַ פּאָליטישן געוויכט? וואָס
פאַרא פּראַקטישן ווערט האָט די סימפּאַטיע, מיט וועלכער
ס'באַציען זיך נאָך צו אונזערע זאַכן אייניקע דינע שיכטן
אין דער דאָזיקער אייראָפּע, וואָס טרינקט זיך אין אירע אי־
נערלעכע סכסוכים, וואָס די אומאויפהערלעכע קריזיסן —
פּאָליטישע און עקאָנאָמישע — זויגן אויס דעם זאַפט אירן,
וואָס אין אירע טויערן קלאַפּט טאָג־איין טאָג־אויס די מלחמה־
געפאַר?

ובכן? ובכן? דער אײנציקער נאַטירלעכער פאַקטאָר ביים
לייזן די יידן־פראַגע, סיי פּאָליטיש, סיי עקאָנאָמיש און סיי
קולטורעל — איז דאָס יידישע פאָלק אליין. די סכנה פון
אונטערגאַנג, וואָס לויערט אויפן פאָלק פון אומעטום, קאָן
פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן ערשטראַנגיקע טרייב־קראַפט, אויב
ס'וועט דעם פאָלק געגעבן ווערן אַן אויסוועג צו אַ לעבנס־
אויפטו. אויב דער ציוניזם וועט זיין מסוגל צו לייזן די יידן־
פראַגע, וועט דאָס פאָלק פ ו ן א י צ ט אָ ן ווערן אַ היס־
טאָריש־פּאָליטישער פאַקטאָר אין אַלע זיינע ווין־לענדער.
אָבער כדי דער ציוניזם זאָל ווערן א ז א — מוז מען אים
געבן אַן אַנדער היסטאָרישע פּערספּעקטיוו, אַן אַנדער ריכטונג
און פאַרנעם. דער ציוניזם מוז נעמען אין אַכט אונזערע פּאָ־
טענציעלע כוחות אין דער צוקונפטיקער היסטאָרישער ענטוויק־
לונג פון די מזרח־לענדער: מ י ר, ע נ ג ל א נ ד, ד י
מ ז ר ח ־ פ ע ל ק ע ר. אויב מיר וועלן זיך ארויסווייזן אַלס
נישט וויכטיקע, וועלן מיר אינגאַנצן צעריבן ווערן צווישן די
היסטאָרישע פאַקטאָרן. וואָס וועלן דאָ נאָך אויפשווימען. זיך
האַלטן פון דער זייט וועלן מיר נישט קאָנען, דער סוד פון

יעדער ווייטזיכטיקער פּאָליטיק ליגט אין געוואַגטקייט און אין פּאָרויסזעען די ענטוויקלונג פון די געשעענישן ביזן סוף. ציוניסטישע פּאָליטיק הייסט: אָפּשאַצן די זיך ראַנגלענדיקע כוחות און אונזער אָרט צווישן זיי — אין די נאָענטסטע הונדערט יאָר.

ווי זעט אויס אונזער פּערספּעקטיוו? ארץ־ישראל וועט נישט קאָנען ווערן קיין איינגאַנצן באַזונדערע ווירטשאַפטלעכע איינהייט. מ׳טאָר נישט בויען אויסשליסלעך אויפן ציטרוס־צווייג, וואָס איז אין א גרויסער מאָס א לוקסוס־ארטיקל און האָט אויסצושטיין די קאָנקורענץ פון מאָנאָפּאָל־פּרייזן לגבי שפּאַניע, איטאַליע און אנדערע לענדער און איז בעיקר אָנגעוויזן אויפן טייערן אייראָפּעישן מאַרק. פאַר דעד א״י־דיקער־אינדוסטריע־לער פּראָדוקציע זענען דאָך די אייראָפּעישע מערק אוודאי געשלאָסן. די איבערפּראָדוקציע איז דאָך גענוג גרויס. דער ציוניזם פּאָדערט: אקטיוו אנטיילנעמען אין ווירטשאַפט־לעכן לעבן פון די לענדער אויפן נאָענטן מזרח. און דאָס הייסט — ענטוויקלונג פון מערק, שאַפן ענטשפּרעכנדע פּראָדוקטן, עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַציע פון די דאָזיקע לענדער. ענגלאַנד וויל אויסנוצן די לענדער פון נאָענטן מזרח, ארויספירן פון זיי די רוי־שטאָפן און פאַרקויפן זיי פאַבריקאַטן; זי וויל ארויסבאַקומען די נאַטירלעכע רייכטימער, וואָס געפינען זיך דאָ אין די פאַרשיידענע בארג־מינים, פעטסן, מינעראַלן און מעטאַלן. די פעלקער, וואָס באַוווינען די דאָזיקע לענדער, מוזן זיך קעגנ־שטעלן דער דאָזיקער פּאָליטיק. אויב מיר וועלן זיך באַטראַכטן אלס דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין לאַנד, וועלן מיר זיך אויך קעגנשטעלן אזא פּאָליטיק. וויפל מי האָבן מיר עס ארייגעלייגט ביז די ים־המלח־קאָנצעסיע איז איבערגעגעבן גע־וואָרן נאָוואָמיעיסקין. אָבער דער, וואָס מיינט, אז די דאָזיקע אונטערנעמונג איז היינט א יידישע, איז זיך טועה. די מער־הייט אקציעס געפינען זיך אין ענגלישע הענט און ענגלאַנד וועט מיט דער דאָזיקער וויכטיקער קאָנצעסיע טאָן, וואָס איר

וועט געפעלן ווערן. צי האָט דאָס באַלעבאַטעווען איבער אַזאַ וויכטיקן ווירטשאַפטלעכן צווייג נישט קיין ערשטראַנגיקע פּאָליטישע באַדייטונג? און ווי איז עס פּלוצלונג געשען, אַז מיר זענען ביסלעכווייז פון אים דערווייטערט געוואָרן. אָבער אָט זענען פאַראַן פּאָספאַר־ און גיפּס־פעלדער אין עבר־הירדן און אנדערע באַרג־מינים אין עמק־הירדן און צי זענען מיר פאַראינטערעסירט, אַז די אייכן פון איראַק זאָלן דורך די חיפה׳ער רערן אַוועקפליסן ווייטער קיין ענגלאַנד? צי וועט דאָס דאָזיקע גרויסע לאַנד צווישן טייך פּרת און מיטללענדישן ים זיך נישט נויטיקן אין טרייבנדיקע כחות? און אָט איז דאָ מעטאַל־רודע אויפן האַלב־אינזל סיני. דערוויילשווייגט מען וועגן דעם, ס׳וועט אָבער קומען דער טאָג און דאָרט וועט זיך אָנהויבן די אַרבעט. צי זענען מיר פאַראינטערעסירט, אַז די ביסל מעטאַלן, וואָס זענען פאַראַן אין די דאָזיקע לענדער, וואָס זענען אַזוי אָרעם אין מעטאַלן, זאָלן פאַרנוצט ווערן פאַר די אימפּעריאַליסטישע צוועקן פון די בריטישע אינזלען? — ניין. אויב מיר האָבן אונזער צוקונפט פאַרבונדן מיטן טויער פון מיטללענדישן ים, האָבן מיר במילא פאַרבונדן אונזער צוקונפט מיט דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון נאָענטן מזרח. צוזאַמען מיט די איינוווינער פון די דאָזיקע לענדער וועלן מיר מוזן שטרעבן צו אַ ווירטשאַפטלעכער (אויב נישט פּאָליטישער) אוניע פון גאַנצן נאָענטן מזרח; שכנותדיקע פאַרייניקטע שטאַטן, וואָס זאָלן קאָנען אַנטוויקלען זייערע נאַטירלעכע רייכטימער, פאַרפולפאַרביקן זייער לאַנדווירטשאַפט, צו דינען אַלס אויפנאַמס־מאַרק פאַר זייערע פּראָדוקטן, צו אַנטוויקלען אין זיי אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און צו פאַרוואַנדלען דעם חיפה׳ר פּאָרט פון אַ מיליטערישער באַזע אין אַ וויכטיקן עקאָנאָמישן פאַקטאָר אין האַנדל צווישן די מזרח־לענדער און אייראָפּע.

מ׳מוז אָבער געדענקען: אַ ווירטשאַפטלעכער פּראָגראַם איז אויך אַ פּאָליטישער פּראָגראַם. די ווירטשאַפטלעכע פאַקטאָרן מוז מען באַטראַכטן אין פּאָליטישן זין — ד. ה.:

אָפּשאַצן זייער כּוח אַלס העלפנדיקע אָדער זיך צוזאַמענשטויסנ־דיקע פאַקטאָרן. אָבער ווען עמיצער וויל נישט זיין קיין פּאַסי־ווער צושויער, נאָר צולייגן זיין וואָג צו די עקזיסטירנדיקע פאַקטאָרן — דאַן מוז ער אָפּשאַצן זיינע אייגענע כּוחות אין פאַרגלייך מיט די דאָזיקע פאַקטאָרן, אַנטקעגן איינעם אָדער דעם צווייטן, אָדער צוזאַמען מיט איינעם פון זיי. דאָס צורע־כענען דעם ציוניזם אַלס פאַקטאָר אין כּוחות־שפּיל אויפן מזרח באַדייט: באַטראַכטן דעם יידישן פאָלק אַלס אַקטיוון פאַקטאָר, וואָס איז עלול אַריבערפירן די פּאָליטישע ליניע מיט אַ פאַר־שנעלערטער היסטאָרישער גיכקייט (צוליב היסטאָרישע סיבות, וואָס געפינען זיך אויסער דער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער סטאַטיק פון מזרח) פון די רעלסן פון דער ענגלי־שער פּאָליטיק אויף די רעלסן פון אַן אַנדער פּאָליטיק, צום גונסטן פון יידישן פאָלק און פון די פעלקער פון מזרח. קלאָרער געזאָגט: שאַפן אויפן נאָענטן מזרח אַן עקאָנאָמיש־פּאָ־ליטישן כּוח, וואָס זאָל האָבן גרויס געוויכט כּלפּי דער ענגלי־שער פּאָליטיק. אַזאַ כּח קען געשאַפן ווערן אין אַ צייט אַרום אָן אונז (וואָס הייסט: קעגן אונז) ער קאָן אָבער באַצייטנס גע־שאַפן ווערן מ י ט א ו נ ז.

נאָר נישט קיין רונדער טיש, נישט קיין באַשלוסן און דעקלאַראַציעס. ווערק! אין דער אַרבעטער־באַוועגונג הייסט עס — אַ ברייטע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט, אויפקלערונג, פּרעסע, פּאָליטישע אַקטיוויזאַציע, קולטור. אָבער פּונקט ווי יעדער געפּלאַנטער ווירטשאַפטלעכער אויפטו הייסט פּאָליטיק, אַזוי הייסט יעדע רעאַלע פּאָליטיק — ווירטשאַפטלעכע טעטי־קייט. דאָס הייסט: קאָאָפּעראַטיווע טעטיקייט, אינסטיטוציעס פאַר סאָציאַלער און קעגנזייטיקער הילף. אָבער נישט נאָר אויפן פלאַך פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. מ׳דאַרף גרינדן קאָאָפּעראַציע־ווערק אין לאַנד־מאַסשטאַב בכדי צו דערגרייכן צו פאַרשיידענע געמיינזאַמע ווירטשאַפטלעכע אויפטוען. איך גלויב נישט, אַז דער פּריוואַט־קאַפּיטאַל זאָל זיין מסוגל עס צו שאַפן. דער יידישער פּריוואַט־קאַפּיטאַל קאָנצענטרירט זיך

אין זיין עיקרדיקן טייל אין תל־אביב און טיילווייז אין די ציטרוסן־פּלאַנטאַציעס אַרום תל־אביב. ער שטרעבט צו קאָאָפּעראַציע מיט דער ביליקער אַראַבישער אַרבעט און פילט נישט, אַז דאָ איז זיין קבורה. מ׳דאַרף וועקן די איניציאַטיוו פון געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל אין דער פאָרם פון נאַציאָנאַלע קאָנצערנען, אַקציען־געזעלשאַפטן, באַנק־געזעלשאַפטן פאַר אינוועסטיציעס און ענלעכע, אין אָנהייבן גרויסע ווערק. מ׳קאָן אַנטוויקלען אין א״י אַ גרויסע טעקסטיל־אינדוסטריע, אַ פאַרשיידענע באַרג־אינדוסטריע, אַ כעמישע און מעכאַנישע פּראָדוקציע, פאַבריקן צום איבעראַרבעטן און קאָנסערווירן פאַרשיידענע פּירות און שפּייז־אַרטיקלען, פעל־און וואָל באַאַרבעטונג, שיף־געזעלשאַפטן, עקספּאָרט — אימפּאָרט געזעלשאַפטן. די דאָזיקע אַלע געזעלשאַפטן דאַרפן פירן אַ טעטיקייט פון גרויסן מאַסשטאַב, זיי זאָלן קאָנען אַרומנעמען דעם מאַרק פון אַלע מזרח־לענדער, און צו דעם איז נויטיק אַ צוזאַמענאַרבעט פון יידישן און אַראַבישן קאַפּיטאַל, אַ געמיינזאַמע טענדענץ אין דער געזעצגעבונג פון די דאָזיקע לענדער, וואָס זאָל פאַרלייכטערן דעם סחורות־אויסטויש, פון אָנפאַנג דורך האַנדלס־טראַקטאַטן און שפּעטער דורך שאַפן אַ ווירטשאַפטלעכע אוניע פון די דאָזיקע לענדער. איך ווייס, אַז נישט אין איין טאָג וועלן די דאָזיקע אַלע זאַכן געמאַכט ווערן, אַז אויפן דאָזיקן וועג לויערן פאַרשיידענע קאָנפליקטן פון ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן כאַראַקטער: דער אומצוטרוי צווישן די פעלקער, דער פאַרשיידענער לעבנס־ניוואָ און די פראַגע פון ביליקער אַרבעט, וואָס איז מיט דעם פאַרבונדן, ע״נסטע שטערונגען אין די האַנדלס־באַציונגען, דאָס פעלן פון יידישער און על אחת כמה וכמה אַראַבישער איניציאַטיוו אין דער ריכטונג. קיין אַנדער וועג איז אָבער נישטאָ, דאָס דאַרף זיין דער אויסגאַנגס־פּונקט.

די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון נאָענטן מזרח פאָדערן עפענען ברייט די טויערן פאַר מענטשן, קאַפּיטאַל און איניציאַטיוו. אין די דאָזיקע לענדער איז נאָך דאָ אָרט פאַר פיל מיל־

יאָנען מענטשן. ס׳איז אָבער אויך פאַרשטענדלעך די עקשנות פון די באַוווינער פון די דאָזיקע לענדער, וועלכע ציטערן פאַר שטורמווינטן, יעדער שטאַרקער ווינט צעשטערט אַ סך פון פאַראַנענעם. דער ווינט אָבער רייסט זיך במילא ביסלעכווייז דורך און טוט דאָס זייניקע. די ענדערונגען וועלן מוזן קומען. דער חיפה׳ר פּאָרט איז אַ פאַקט אויך אָן אונז. אויך די נאַפט-רערן פון מאָסול. די אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסן שטויסן זיך שוין צוזאַמען אַרום די נאַטירלעכע רייכטימער פון די דאָזיקע לענדער. אויך איטאַליע נויטיקט זיך אין לענדער, וואָס זאָלן אויפנעמען איר איבערבאַפעלקערונג. און נישט נאָר איטאַליע, דער אונטערשייד איז נאָר דער, וואָס איטאַליע ווייזט אַרויס אויף זייער אַ קענטיקן אופן, אַז די דאָזיקע לענדער אינטערעסירן איר. מ׳קאָן נישט פאָרויסזאָגן, ווי וועט אויסזען אייראָפּע ביי אַ נייער מלחמה, וואָס קאָן אויסברעכן, ס׳איז אָבער אינגאַנצן קלאָר, אַז די דאָזיקע לענדער וועלן נישט בלייבן וויסט! ס׳זיינען דאָ אויף זיי אַ סך בעלנים פון אויסער אַראַביען. און ס׳איז אויך קיין וואונדער נישט. דער אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז געשלאָסן פאַר איינוואַנדערער, דער באַפעלקערונגס-איבערפלוס פון אייראָפּע און ווייטן מזרח דריקט אומאויפהערלעך. די לענדער פון פאָדער-אַזיע רייצן שוין הונדערטער יאָרן די באַוווינער פון אייראָפּע, דער שליסל צו זיי האָט זיך אבער אין דער לעצטער תקופה געפונען ביי טערקיי, איצט איז ער אַריבער צו ענגלאַנד. צי וועט ענגלאַנד קאָנען איינהאַלטן דעם שליסל אין אירע הענט, אויסנוצן די נאַטירלעכע רייכטימער און פאַראָרימטע איינוווינער פון דער דאָזיקער רייכער ערד און איר נישט באַזעצן, זיך נוהג זיין ווי טערקיי? די צייטן האָבן זיך געביטן.

דאָ טרעט אַרויס דער ציוניזם, דער פאָרשטייער פון יידישן פאָלק. נישט אַלס מיסיאָנער, נאָר אַלס פאַראינטערעסירטער צד טרעט ער אויף. אַ פאָלק מיט איניציאַטיוו און אַמביציע, וואָס שפּרודלט מיט לעבנס-כּוחות, וואָס זענען געשטיקט געוואָרן אין פאַרשלאָסענע געטאָס און פינסטערע

קעלערס, וועלכע האָבן זיך אָבער יעדעס מאָל ארויסגעריסן אין דרויסן און געזוכט אַ פעלד פאַר זיך. און פאַר אונז איז די גאַנצע וועלט געשלאָסן און מיר האָבן נישט קיין אַנדער אויסוועג עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און קולטורעל. ס'איז געווען אַמאָל אַ חלום פון אַסימילאַציע, וואָס איז איצט פאַרברענט געוואָרן מיט אַ גרויסן פלאַם. ס'איז געווען אַ טרוים וועגן עמאַנסיפּאַציע, וואָס איז זיך פונאַנדערגעשוווּמען ווי אַ פרימאָרגן-טוי. צוזאַמען מיטן מלחמה-גאַז, וואָס ווערט פּראָדוצירט אין די פאַרשיידענע פאַבריקן אויף דער וועלט — האָבן זיך פאַרשפּרייט די גיפטיקע גאַזן פון ראַסן-האַס, וואָס איז געצילט בעיקר אין יידישן פאָלק. וואָס זאָל עס זיין? משוגעת? ניין. דאָס איז די צעשטערונג פון דער אייראָפּעישער קולטור, אין וועלכער דאָס יידישע פאָלק האָט אַזאַ גרויסן טייל. דאָס איז אַ שפּיי אין פּנים דער ציוויליזאַציע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ניין. די ציוויליזאַציע האָט נישט געראַטעוועט די אייראָפּעישע פעלקער פון אונטערגאַנג. דאָס איז יאוש, און דאָס איז פּחד פאַר דער נייער וועלט, וואָס שיינט אויף. ס'איז דאָ אַ באַוועגונג און אַ לערע, וואָס רויבט אַוועק די רו ביי אייראָפּע, — דאָס איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג און דאָס איז די לערע פון מאַרקסן. מ'וויל אַרויסרייסן אירע יסודות, איר פאַרשטומען מיטן געקנאַל פון האַרמאַטן, איר דערטרינקען אין בלוט. איר רוף אָבער דערגייט און שטאַרקט זיך פון די טיפענישן.

און דאָ קומט דער ציוניזם, אויך ער שטאַמט פון די טיפענישן, נישט אַלס צופאַל און נישט אַלס זייטיקע דערשיינונג נאָר אַלס נויטווענדיקער סאָציאַלער פאַקטאָר אין דער היסטאָרישער ענטוויקלונג פון היינטיקער צייט. אַ צעשטערטע וועלט, מלחמה-גאַזן, גיפט און ראַסן-האַס, עקאָנאָמישע ענגשאַפט — אָן אַן אויסוועג. דאָס זעכצן-מיליאָניקע יידישע פאָלק איז צערויבט און געפּלאָגט. אַ גזירה הענגט איבער זיין קאָפּ: „פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג" און ער נעמט נישט אָן דעם פּסק-דין און איז מורד אין אַלע מלכויות פון דער

וועלט. פון צייט צו צייט פלעגן זיינע בעסטע קינדער צושטיין צו די באַפרייאונגס־באַוועגונגען פון אַלע פעלקער. היינט שטייען צענדליקער טויזנטער יידישע יוגנטלעכע מחוץ פון אַלע תחומים און זוכן אַ וועג. דאַרפן מיר באַטראַכטן די ציוניסטישע לייזונג, וואָס האָט אויפגעשיינט פאַר דער דאָזיקער יוגנט ווי אַ צופאַל אָדער ווי אַ לאָגישע נאַטירלעכע קאָנסעקווענץ פון דער סכנה אונטערצוגיין, וואָס באַדראָט מיליאָנען? און אויב ד אָ ס איז דער מקור, דאַן וועט די איינציקע ענטשפּרעכנדיקע לייזונג זיין די, וועלכע נעמט אין אַכט דעם גרויסן שוידערלעכן פאַרנעם פון דער „אונטערגאַנגס־סכנה, וואָס דראָט מיליאָנען". נאָר דער דאָזיקער מאַסשטאַב גיט אונז דעם דורכברעכנדיקן כּוח, און ער וועט אויך בייקומען. די טעטיקייטס־באַזע פאַרן דאָזיקן כּוח מוז זיין פון גרויסן פאַרנעם און מיט טיפע יסודות.

די לענדער פון נאָענטן מזרח שטייען אויפן שייד־וועג. זייער נאָענטקייט צו די געדיכט באַפעלקערטע אייראָפּעישע לענדער וועט זיי עפענען פאַרן שטראָם פון נייער ענערגיע און איניציאַטיוו. די פאַרשלאָסענע, דורכגעזשאַווערטע טויערן וועלן זיך איינברעכן אונטערן דרוק פון דאָזיקן גרויסן שטראָם. זיי קאָנען אָבער בלייבן אונטערדריקט. דער קאַפּיטאַל, וואָס וועט קומען פון אייראָפּע, וועט זיי נישט אויפהויבן פון זייער שפלות. ווי יעדער קאָלאָניאַלער קאַפּיטאַל וועט ער נאָר דערגעבן קייטן. ס'זענען אָבער אויך פאַראַן אין די דאָזיקע גרעניצן מעגלעכקייטן פאַר ווירטשאַפטלעכער אויפוואַכונג און באַנייטער קולטור, אויב ס'וועלן זיך געפינען די היסטאָרישע פאַקטאָרן, וואָס זאָלן דערצו באַהילפיק זיין.

וואָס פאַר אַן אָרט וועלן מיר פאַרנעמען אויפן וואַך־פּאָסטן פון מיטללענדישן ים?

ס'איז נויטווענדיק אַ כּוחות־פאַרמעסטונג; וויסטע לענדער, דרעמלענדיקע מזרח־פעלקער, אַן אימפּעריאַליזם, וואָס דעראָבערט און זויגט אויס דעם מאַרך פון דער ערד, אַ צעפוילטע וועלט ביז צום יסוד; אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַ-

ליזם, וואָס רויבט די נאַטירלעכע רייכטימער, וואָס רייצט פינסטערע אינסטינקטן, וואָס מאַכט עלילת־דם און גיפטיקע פּאָליטישע אינטריגעס; אַ דערוואַכנדיקער יידישער פאָלק מיט מוטיקע קינדער, נעלערנטע אין פּיין, וואָס ראַנגלען זיך מיט דער סכנה פון אונטערגאַנג און איצט טראָגן זיי אַ גייעם גלויבן און שטאַרקן ווילן צו שאַפן אַ היימלאַנד פאַר זייער שטרעבנדיקן גייסט.

זאָלן זיך די דאָזיקע כּוחות ראַנגלען, שטאַרק ראַנגלען — נישטאָ קיין ברירה. ווייל מען לעבן — מוז מען זיך פאַר־מעסטן מיט כּוחות.

אונזער ווערק און די אראבער

מ. נעמיראָווסקי

אין ליכט פון דער פאלקס־ציילונג

ווי באַקאַנט, ברענגט די פאַרערגערונג פון די עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין אַ לאַנד צו פיר הויפּט־דערשיינונגען: א. די אי־מיגראַציע אין דעם דאָזיקן לאַנד ווערט קלענער, ב. די עמי־גראַציע פון דעם דאָזיקן לאַנד גרעסער ג. די צאָל געבורטן פאַלט (דער דאָזיקער כּלל ווירקט זיך אויס נישט שטענדיק אויף אַ גלייכן אופן, ווייל ער ווערט מושפּע אויך פון אַנדערע אויסער־עקאָנאָמישע פאַקטאָרן) ד. די שטערבלעכקייט וואַקסט. פונקט דער היפּוך קומט פאָר אין אַ לאַנד, וואָס געפינט זיך אין גוטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען: ס'שטאַרקט זיך דער צו־פלוס פון מענטשן, ס'פאַלט די עמיגראַציע, ס'וואַקסט די צאָל געבורטן (די באַמערקונג צו פּונקט ג' אויבן איז אויך דאָ גילטיק), ס'ווערט קלענער די שטערבלעכקייט. די פאָלקס־ציילונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין א"י אין נאָוועמבער 1931, לערנט אונז, אַז די אַראַבישע באַפעלקערונג מאַכט דורך שינויים, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ לאַנד מיט גוטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען.

דער ערשטער שינוי, וועגן וועלכן ס'לערנט אונז די ציי־לונג, איז דער שנעלער וווקס פון דער באַפעלקערונג, וואָס

פראָצענטועל האָט ער נישט כמעט קיין גלייכן אין קיין שום אַנדער לאַנד. אין משך פון די 9 יאָר — זינט דער ערשטער ציילונג פון 1922 ביז 1931 — האָט זיך אויף אַ מעכטיקן אופן אַנטפּלעקט די פעיקייט פון א״י אויפצונעמען דעם צוזוקס פון באַפעלקערונג. די צאָל איינוווינער פון לאַנד איז געוואַקסן פון 757,182 אין 1922 ביז 1.035.821 אין יאָר 1931. די מוסלעמענער זענען געוואַקסן אויף 28,6 פראָצ., די קריסטן אויף 24,1 פראָצ., די יידן — מער ווי אויף טאָפּל. וואָס באַדייט אַזאַ וווקס, לערנט אונז אַ פאַרגלייך מיט מצרים, אין וועלכער די באַפעל־קערונג איז במשך פון 1917—1927 געוואַקסן נאָר אויף 11,1 פראָצ., מיט איראַק, וואָס איר באַפעלקערונג איז כמעט גאָרנישט גע־וואַקסן און מיטן עבר־הירדן, ווו די צאָל פון דער באַפעלקערונג שטייט שוין זינט יאָרן אויף דערזעלבער הויך.

דער עודף פון דער אַראַבישער עמיגראַציע האָט במשך דעם דאָזיקן פעריאָד באַטראָפן דורכשניטלעך 600 מאָן אַ יאָר; דאָס הייסט, אַז זי האָט זיך פאַרקלענערט פון דריי ביז פיר מאָל לגבי דער עמיגראַציע פון פאַר דער מלחמה. די עמי־גראַציע פון סיריען און לבנון איז אין די יאָרן 1920—1930 געווען טאָפּל מאָל גרעסער, ווי פון א״י.

אין יאָר פון דער ציילונג, אין 1931, זענען אויף יעדע 1000 מוסלעמענער געבוירן געוואָרן 60,3 נפשות און געשטאָרבן 29,6, אַזאַ, אינערלעכער צוזוקס פון 30,7 נפשות אויף יעדע 1000 מוסלעמענער. דאָס איז איינע פון די העכסטע פאַרמע־רונגס־נאָרמען אין דער וועלט. (לויטן יאָר־בוך פון פעלקער־בונד האָט דער באַפעלקערונגס־צוזוקס אויף יעדע 1000 איינ־וווינער אין באַהאַנדלטן יאָר באַטראָפן: אין ענגלאַנד — 4,9; דייטשלאַנד — 6,5; מצרים — 16,4; עבר־הירדן — 16,5; איראַפּעישע רוסלאַנד — 21,9).

די שטערבלעכקייט צווישן די מוסלעמענער אין א״י איז אַ הויכע, אָבער זי איז אַ סך קלענער, ווי אין שכנותדיקע לענדער, למשל אין איראַק. די שטערבלעכקייט פון קינדער פאַלט. ס׳איז כדאי צו פאַרצייכנען, אַז אין די אַראַבישע

מקומות, וואָס ליגן נעענטער צו די יידישע ישובים, אין די שטערבלעכקייט קלענער, ווי אין די ווייטערע מקומות.

א״י ציט צו לסדר שטראָמען פון אראַבישער עמיגראַציע; די רעגירונג אַליין מוז אָנערקענען, אַז צענדליקער טויזנטער אַראַבער זענען אַריינגעקומען אין לאַנד. די דאָזיקע דערשיי־נונג טרעפט זיך בכלל נישט אין די אַרומיקע אַראַבישע לענדער.

כדאי אויך צו באַטאָנען, אַז צווישן אַ ריי אַזיאַטישע און אַראַביש־מוסלעמענישע לענדער, ווי טערקיי, מצרים, אינדיע שטייט א״י אויפן ערשטן אָרט לויטן פּראָצענט מוסלעמענער, וואָס קענען לייענען. (מענער 23,4 פּראָצ. ; פרויען 3,2פּראָצ.).

אָבער די ציילונג לערנט אונז נאָכמער. ס׳דרינגט פון איר אַרויס, אַז פּונקט, ווי אין 1922 אַזוי איז אין 1931 גרופּירט די אַראַבישע באַפעלקערונג אין איין איר פערטל אין די שטעט און אין אירע דריי פערטל אין דאָרף. דער וווּקס פון 28 פּראָצ. האָט זיך אַלזאָ צוטיילט פּראָפּאָרציאָנעל צווישן שטאָט און דאָרף. ס׳איז נישט געשען אַלזאָ קיין שום באַזונ־דערער פּראָצעס פון אורבאַניזאַציע, וואָס וואָלט געדאַרפט פאָר־קומען, ווען ס׳וואָלט אמת געווען די לעגענדע וועגן פאַרדרענ־גונג. די יידישע קאָלאָניזאַציע נישט נאָר, וואָס זי שטויסט נישט אַרויס און פאַרטרייבט נישט, נאָר פאַרקערט: אירע טע־טיקייטס־צענטרען ציען צו צו זיך מיט אַן אויסערגעוויינלעכן כוח די אַראַבער אין שטאָט און אין דאָרף. די אַראַבישע שטאָטישע באַפעלקערונג איז געוואַקסן אין ס׳רוב פאַלן נאָר אין די ערטער, אין וועלכע אָדער נעבן וועלכע ס׳געפינט זיך אַ גרויסער יידישער ישוב. אַזוי איז געוואַקסן פאַר די יאָרן 1922—1931 דער אַראַבישער ישוב אין חיפה אויף 87 פּראָצ., אין יפו — 61 פּראָצ., ירושלים — 37 פּראָצ., טבריה—34 פּראָצ. דאַקעגן איז שכם געוואַקסן נאָר אויף 8 פּראָצ, דאָס זעלבע חברון און די באַפעלקערונג פון עזה און חן יונס, וואָס ליגן ווייט פון יידישן ישוב, האָט נאָך פאַרלוירן פון איר צאָל. אוי־סער אויסנאַמס־פאַלן קען פעסטגעשטעלט ווערן כמעט ווי אַן

„ענטוויקלונגס-געזעץ״ פון לאנד דער כלל: וואָס מער ס׳וואַקסט די יידישע עליה און די יידישע אויפבוי-טעטיקייט, שטייגט און בליט אויף דער אַראַבישער ישוב; און פאַרקערט: אין דער מאָס, אין וועלכער די אַראַבישע ישובים ליגן ווייטער פון דער יידישער אויפבוי־טעטיקייט, פאַלט זייער ענטוויקלונגס־טעמפּאָ, וואַקסט פאַמעלעכער אָדער פאַלט אפילו זייער באַפעלקערונג.

דאָס זעלבע איז גילטיק בנוגע די דערפער. נאָר די אַראַ־בישע דערפער זענען ראַש געוואַקסן, וואָס געפינען זיך אין דער סטרעפע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

וואָס פאַרא פאַקטאָר שיידט עס אונטער א״י פון אַלע אַנדערע אַרומיקע לענדער און מאַכט איר פאַר אַ בליענד לאַנד? די יידישע קאָלאָניזאַציע. זי איז דאָס דער ענטשיידנ־דיקער גורם צו דער שנעלער ענטוויקלונג פון לאַנד; זי פאַר־מערט עס די באַפעלקערונג, ענפּלעקט און ענטוויקלט די עקאָ־נאָמישע קרעפטן פון לאַנד, באַפרוכפּערט זיינע וויסטענישן, טריקנט זיינע בלאָטעס, פּאַרטיליקט זיינע קראַנקהייטן, הויבט אויף זיין אויסגיביקייט, שאַפט זיין אינדוסטרי, ברייטערט אויס זיין האַנדל, הויבט זיין לעבנס־שטופע, באַלעבט אים מיט אַר־בעט, וויסן און קאַפּיטאַל, באַרייכערט די קאַסע פון דער רע־גירונג און דערלויבט פאַרלייכטערן דעם יאָך פון די פעלאַכן; זי שיצט עס דאָס לאַנד פאַרן אָנגריף פון עקאָנאָמישן כאַאָס, וואָס האָט דערגרייכט די וועלט; זי עפנט עס פאַר א״י גלענצנדע פּערספּעקטיוון, וועלכע ס׳האָט נישט קיין שום לאַנד אויפן נאָענטן מזרח.

ה. פרומקין

פאַר דער קעניגלעכער קאָמיסיע

ווען די מיטגלידער פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע האָבן געפרעגט מר׳ מילס, דעם לייטער פון אימיגראַציע-דעפּאַרטאַ־מענט פון דער רעגירונג, וועגן אַרבעטסלאָזיקייט צווישן די

אראַבער, האָט ער געענטפערט אַ קלאָרע און אמתע תשובה:
„כ׳קלער נישט, אז מען קען אָננעמען אפילו אויף אַ מינוט, אַז ס׳קענען דאָ זיין אַרבעטסלאָזע אַראַבער, אויסער די אַראַבער, וואָס קומען פון די שכנותדיקע לענדער, ווייל דאָ איז פאַראַן אַנ׳עקאָנאָמישע צוציונגס-קראַפט״. מר׳ מילס האָט נישט דערציילט, פונוואַנען האָט זיך עס פלוצלונג דערנומען אין דעמדאָזיקן פאַרלאָזענעם און וויסטן לאַנד „די עקאָנאָמישע צוציונגס-קראַפט״, וואָס האָט נישט נאָר ליקווידירט די אַרבעטסלאָזיקייט צווישן די אַראַבער, נאָר אויך אַריינגעבראַכט אַראַבער פון די שכנות׳דיקע לענדער. פאַרוואָס איז דווקא אין א״י דאָ אָט „די עקאָנאָמישע צוציונגס-קראַפט״ און נישט אין עבר-הירדן, אָדער סיריען, אָדער איראַק, וווּ די איינוווינער ליידן עד היום הזה פון אַרבעטסלאָזיקייט? מר׳ מילס וואָלט נישט געזינדיקט כלפי דער ווירקליכקייט און וואָלט גאָרנישט געפעלשט זיין אויפגאַבע, ווען ער וואָלט זיך מטריח געווען צוצוגעבען עטלעכע ווערטער כדי צו דערקלערן די סבות פון אָט „דער צוציונגס-קראַפט״. און דאָ וואָלט ער געמוזט דערקלערן: די יידישע עליה שיידט עס אונטער צום גונסטן א״י פון אַלע אַרומיקע לענדער און זי האָט עס געשאַפן דעם דאָזיקן וווּנדער-כח. זי האָט עס ליקווידירט די אַרבעטסלאָזיקייט צווישן די אַראַבער פון א״י און זי האָט עס אַראָפּגעבראַכט די אַראַבער פון די אַרומיקע לענדער.

און וואָלט מר׳ מילס געהאַלטן פאַר זיין פליכט אויפצוּוויקלען פאַר דער קעניגלעכער קאָמיסיע די גאַנצע פרשה פון אונזער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט אין א״י, וואָלט ער געקענט לייכט באַווייזן, אַז דער דאָזיקער וווּנדערבאַרער פּראָצעס פון פאַרבעסערטער אַרבעטס-לאַגע פון די אַראַבער איז כלל נישט פאַרבינדן מיטן באַשעפטיקן אַראַבער דווקא אין דער יידישערווירטשאַפט. די יידישע עליה פאַרשטאַרקט ממילא, צוליב איר גאַנג און ווירטשאַפטלעכער שאַפונג, די אַראַבישע ווירטשאַפט און ברייטערט אויס איר אויפנאַמס-פעיקייט.

א פּאָר ביישפּילן זענען גענוג צו באַווייזן אונז דעם דאָזיקן באַשיינפּערלעכן אמת.

אין 1931־טן יאָר האָט דער שטח פון די אַראַבישע פּלאַנטאַציעס באַטראָפן 59.000 דונאַם, אין 1935־טן יאָר איז ער געשטיגן ביז 135.000 דונאַם, ד. ה. אַז ס'זענען צוגעקומען אין אַראַבישן פּלאַנטאַציעס־שטח טויזנטער נייע אַרבעטער. אין די טאַבעלן, וועלכע די רעגירונג האָט פאַרעפנטלעכט אויף דער לעצטער אויסשטעלונג, ווערט געזאָגט, אַז דער שטח פון אייל־בירטן (וואָס איז כמעט אינגאַנצן אַן אַראַבישער) האָט אין 1931־טן יאָר באַטראָפן 270.000 דונאַם, אין 1936 טן יאָר איז ער געוואַקסן ביז 510.000 דונאַם. דער שטח פון אבריקאָסן האָט אין 1931־טן יאָר באַטראָפן 5319 דונאַם, אין 1936־טן יער 15951 דונאַם, דער שטח פון פייגנבוימער איז געוואַקסן פון 70347 דונאַם אין 1931 יאָר ביז 109011 דונאַם אין 1936־טן יאָר. מען שאַצט, אַז פאַר די פינף יאָר (1931—1936) זענען צוגעקומען די אַראַבער 50.000 דונאַם ווייגערטנער. ס'איז געוואַקסן די אַראַבישע שטאָט און אויפגענומען נייע אַרבעטער. אין יאָר 1930 האָבן די אַראַבער אינוועסטירט אין בוי — 415.000 פונט, אין יאָר 1935 1.500.000 פונט, פאַר דער מלחמה זענען אין לאַנד בכלל געווען 1235 אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען (בעיקר אַראַבישע), אין יאָר 1933 האָבן די אַראַבער אַליין שוין געהאַט 2290 אַזעלכע אונטערנעמונגען אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 5290. ס'איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז אין די יאָרן 1934—1935 איז פאָרגעקומען אַ ווייטערדיקער וווקס. די אַראַבישע ווירטשאַפט איז אַלזאָ געוואַקסן אין דער תקופה פון יידישער עליה, זייער אויסגעברייטערט אירע תחומים און געשאַפן אַרבעטס־מעגלעכקייטן פאַר פיל טויזנטער אַראַבישע אַרבעטער.

אין ליכט פון די דאָזיקע באַלערנדיקע פאַקטן און פון דער אָפיציעלער דערקלערונג פון מר' מילס וועגן דעם, אַז צווישן די אַראַבער זענען נישטאָ קיין אַרבעטסלאָזע, איז כדאי צו דערמאָנען עטלעכע ווערטער,

וועלפע פ׳האָט אַרויסגעזאָגט אין דעם ענין די שאו-קאָמיסיע. און איר ראַפּאָרט לייענען מיר:

„דערפאַרענע און איינפלוסרייכע אראבער האָבן אזוי גע-טענהט פאַר דער קאָמיסיע: דאָס אריינפירן יידישע עולים לויט די יידישע פאָדערונגען וועט מוזן גורם זיין צו דער אַרויס-שטויסונג פון די אַראַבער און צו אַן אומפאַרמיידלעכער אַר-בעטסלאָזיקייט״. ס׳האָבן זיך געפונען חכמים, וואָס האָבן אָנ-גענומען די רייד פון די „דערפאַרענע״ און איינפלוסרייכע, ווי אַ תורת-אמת, זינט דאַן זענען אַריבער זיבן יאָר, יאָרן פון אַ גרויסער עליה, וואָס האָט איבערגעשטיגן די דאַמאָלסטיקע אויסרעכנונגען. איז מקוים געוואָרן אַ שמץ פון דער שוואַרצער נבואה, זענען נישט אין ליכט פון דער ווירקלעכקייט צונישט געוואָרן יענע אַלע בלבולים און אַרויסגעוויזן זיך ווי פאַלשע פחדים און זינלאָזע דראָונגען?

מ. ביילינסאָן

גערׅאַנקען צו אן אראבער-פראגראם

צו וועמען געהערט דאָס לאַנד? דעם יידישן פאָלק און דער אַראַבישער באַפעלקערונג, וואָס וואוינט אין אים.

אָט די פאָרויסזעצונג מוז זיין דער יסוד פאַר דער ציוניסטישער און ענגלישער פּאָליטיק. דער ערשטער און צווייטער פּאַראַגראַף פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע שטיצן זיך אויף דער דאָזיקער פאָרויסזעצונג. דער מאַנדאַט גיט איבער דער לאַנדעס-רעגירונג די זאָרג פאַרן יידישן פאָלק, וואָס בויט אויף זיין נאַציאָנאַלע היים, און די זאָרג פאַר דער אַראַבישער באַפעלקערונג פון לאַנד, וועמענס רעכט עס טאָרן נישט ווערן באַעוולט און פאַר וועמענס ענטוויקלונג זי דאַרף זאָרגן.

דער ערשטער פועל יוצא פון אָט דער פאָרויסזעצונג איז: אונטערשטיצונג פון דער יידישער עליה, ווייל די נאַציאָנאַלע היים דאַרף נישט ווערן אויפגעבויט פאַר די יידן, וועלכע געפינען זיך שוין אין לאַנד, נאָר פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק; גלייכצייטיק באַשרענקונג פון יעדער אנדערער איינוואַנדערונג, ווייל די אינערליכע לאָגיק זאָגט, אַז די רעגירונג איז מחויב נאָר צו זאָרגן פאַר די אַראַבער אין לאַנד. אַ וואַקסנדע נישט-יידישע איינוואַנדערונג, וואָס גיט די מעגלעכקייט אַריינצוקומען אין לאַנד וואַנדערנדע בעדואינער אָדער אַנדערע ביליקע אַרבעטס-כחות פון מצרים און סיריע און פיליכט פון נאָך

ווייטערע לענדער, מוז מאַכען צו נישט די אָנשטרענגונגען אויפצובויען אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים און איינשטעלן שלום צווישן דער יידישער און אַראַבישער באַפעלקערונג. אָט דער שלום קען ווערן געשלאָסן מיט די הונדערט-טויזענטער אַראַבער, וואָס וווינען אין לאַנד, אָבער נישט מיט די הונדערט-טויזענ־טער, וואָס געפונען זיך אויסער די גרענעצן פון א״י, און זענען יעדער רגע גרייט אַריינצודרינגען אין לאַנד. דער היינ־טיקער צושטאַנד — פרייע נישט יידישע און באַגרענעצטע יידי־שע איינוואַנדערונג — איז אַ חוזק פון מאַנדאַט און זיין גייסט.

דער צווייטער פועל יוצא פון דער פּראָוויסאָציע איז: ווען דאָס לאַנד געהערט ביידע פעלקער, דאַן איז נישט מעג־לעך, אַז צווישן זיי זאָלן זיין אַזעלכע טיפע אונטערשיידן אין זייער לעבנס-ניוואָ.

אינערהאַלב פון דער יידישער באַפעלקערונג; שווערי־קייטן פון לעבן און אַרבעט, אָבער אויך הויכע לעבנס-פאָדע־רונגען, סאַניטאַרע איינריכטונגען, שולן, צייטונגען, ביכער, אָרגאַניזירטע אַרבעט, אייראָפּעאישע סאָציאַלע און מענטשלעכע באַגריפן, גלייכבאַרעכטיקונג פון דער פרוי, מאָדערנע אינדוס־טריעלע טעכניק. אין זעלבן לאַנד, אין דער נאָענסטער שכנות: אַריענטאַלישער לעבנס-שטייגער, עפּענדיס און מופטיס, וואָס הערשן איבער פינסטערע מאַסן, עם-הארצות, שמוץ, קראַנקהייט, אונטערדריקונג פון דער פרוי, שקלאַפעריי אין די באַציונגען צווישן אַרבעטער און אַרבעטס-געבער, עלנד און אָרעמקייט. אויפן דאָזיקן באָדן קען נישט ענטשטיין אַ אמתע שותפות און הירקלעכע פאַרשטענדניש. דערדאָזיקער באָדן מוז שטענדיק ברענען אונטער די פיס, מוז זיין פול מיט האַס, אויב נישט רעליגיעזן, איז סאָציאַלן. אַ געמיינשאַפט, וואָס איז אויפגעבויט אויף אַזעלכע שטאַרקע קאָנטראַסטן און טיפע ווידערשפּרוכן, קען יעדע רגע ווערן אויפגעריסן און איבער נאַכט זיך פאַרוואַנדלען אין צוויי פיינדלעכע, קעגנזייטיק האַסנדע און זיך באַקעמפנדע לאַגערן.

ווי אַזוי איז מעגלעך אויסצוגלייכן, זאָל זיין ביסלעכווייז, די דאָזיקע ביידע באַפעלקערונגס-טיילן, און אויב ס׳איז אַנ־דערש נישט מעגלעך, כאָטש דערפירן צו אַ בערכדיקער אויס־

גלייכונג ? צי דורך דער אָראָפּדריקונג פון אונזער לעבנס־ניוואָ ? פּאַקטיש האָבן מיר אים שוין אַראָפּגעזעצט. דאָס לעבן פון די ארבעטער אין מושב אָדער אין דער קבוצה איז זייער ווייט פון לעבן פון דייטשישן פויער און שטאָטישן אַרבעטער און פון ענגלישן אָדער גאָר אַמעריקאַנער אַרבעטער. מיר האָבן אַראָפּגעדריקט אונזער לעבנס־ניוואָ, אָבער דאָס איז נאָר מעגלעך ביז אַ באַשטימטער גרענעץ. ס'איז שווער צו בויען די יידישע היימאַט אויף אַ ווולקאַן. אָבער ס'איז אוממעגלעך עס צו בויען אויפן יסוד פון אַזאַ אָרעמקייט און עלנד, וואָס הערשט צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג. דער ציוניזם קען נאָר דאַן ווערן אַ מאַסן־דערשיינונג, אַ באַוועגונג פון הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען, ווען ער וועט שאַפן די באַדינגונגען, וואָס זאָלן דערמעגלעכן צו באַפרידיקן די באַדערפעונישן, אויף וועלכע די יידישע מאַסן קענען נישט מותר זיין. דער דאָזיקער ניוואָ איז נידעריקער ווי דער פון דייטשישן און טשעכישן פויער, פון ענגלישן און אַמעריקאַנער אַרבעטער, אָבער ער איז אויך זייער ווייט פון לעבנס־ניוואָ פון די אַראַבישע מאַסן. דער שליסל צום אויסגלייך ליגט נישט אין אונזער ניוואָ, אַראָפּדריקונג. די אויפהויבונג פון לעבנס־ניוואָ פון די אַראַבישע מאַסן — דאָס מוז זיין דער „אַראַבער־פּראָגראַם" פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

איז דאָס מעגלעך ? קען דאָס לאַנד ביי זיינע מעגלעכקייטן און פּערספּעקטיוון טראָגן אַזאַ לאַסט ? דער ביישפּיל פון דער יידישער באַפעלקערונג באַווייזט, אַז דאָס איז יאָ מעגלעך. דער זעלבער באָדן, די זעלבע ערד האַלט אויס אונז און די אַראַבער, און אונז ברענגט זי אַן אַנדערן רעזולטאַט: אונז דערמעגלעכט זי (אָדער וועט דערמעגלעכן — דאָס איז יעדנפאַלס דער יסוד פון אונזער גאַנצער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט און דערפאַר איז עס היינט פאַר אונז אַ אַקסיאָמע) די באַפרידיקונג פון אונזערע מאַטעריעלע און גייסטיקע באַדערפעונישן;

פאַרוואָס זאָל דאָס נישט זיין מעגלעך אויך ביי דער אַראַבישער באַפעלקערונג ?

צוויי סאָציאַל-ווירטשאַפטלעכע פאַרצוגן האָט די יידישע באַפעלקערונג (אויסער פערזענלעכע פאַרצוגן, ווי איניציאַטיוו, בילדונג א. אַ. וו.). זי איז פאַרפונדעוועט אויף אַ ברייטער פאָלקסטימלעכער באַזע. מיר האָבן נישט דערגרייכט צו אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט. אָבער ביי אונז עקזיסטירט אויך נישט אויך פון דער ווייטנס עפעס ענלעכעס צו דער פעאָדאַל-ווירטשאַפט פון די אַראַבער. די דאָזיקע ווירטשאַפט איז אַ ענטשיידנדיקער אבן נגף אויפן ענטוויקלונגס-וועג פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. אונזער צווייטער פאַרצוג איז דאָס פאַראַנען-זיין פון אַ באַטריבס-קאַפּיטאַל, אַ קלייגער צי אַ גרויסער, פון די „חובבי ציון", באַראָן ראָטשילד, פיקאַ, „קרן היסוד", „קרן קימת", שטענדיק אָבער אַ נאַציאָנאַלער אומזאַץ-קאַפּיטאַל, מיט וועמענס הילף די קאָלאָניסטען הויבן אָן זייער אַרבעט און אונזערע אַרבעטער באַקומען, דירעקט אָדער אומדירעקט, אַ העכערן אַרבעטס-לוין ווי דער אַראַבישער אַרבעטער. אַזעלכע פאַרצוגן מוזן אויך געשטעלט ווערן אין רשות פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

אין דער ערשטער ריי: דער אומזאַץ-קאַפּיטאַל, די פינאַנסיעלע מיטלען, וואָס זאָלן דערמעגלעכן די אַראַבער צו באַנייען זייער געזעלשאַפטס-אָרדנונג און שטעלן איר אויף אַ העכערן לעבנס-ניוואָ. ווער זאָל זיי געבן די דאָזיקע מיטלען ? נישט די מאַנדאַט-רעגירונג. וואַרטן דערויף, וואָלט געהייסן נאַרן זיך אַליין. ס'וואָלט געווען אַ ברכה פאַרן לאַנד, ווען זי וואָלט אים אָוועקגעגעבן יענע סומען, וואָס זי ציט אַרויס פון אים. גרויסע סומען וועט מען יעדנפאַלס נישט קענען אַרויסציען פון איר טאַש, פון דער טאַש פון ענגלישן שטייערצאָלער, לטובת די אַראַבישע מאַסן. זאָלן עס די יידן געבן ? דאָס קומט פאַרלויפיק נישט אין באַטראַכט. מיר וואָלטן געווען זייער צופרידן, ווען די סומען, וואָס די יידן קענען און מוזן געבן, וואָלטן געסטייעט פאַר אונזער אייגענעם אויפבוי-ווערק.

בּיזאיצט איז עס נישט געווען געענגנד, אפשר וועט אין דער צוקונפט אַנדערש זיין, אויף מער קען מען דערווייל נישט האָפן. די מיטלען, וואָס זענען נויטיק אויפצוהויבן דעם לעבנס-סטאַנדאַרד פון די אראבישע מאַסן, מוזן קומען פון דער אראַבישער באַפעלקערונג גופא. די אראבישע פריצים מוזן געבן די סומען. דער דאָזיקער נוצן, וואָס ס'וועט באַקומען די אראַבישע באַפעלקערונג, איז פאַרבונדן מיט דעם צווייטן נוצן — די צעבּרעכונג פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג. די דאָזיקע ביידע זאַכן בילדן איין סאָציאַלן פּראָצעס: קאַמף קעגן די אויבערשטע שיכטן פון דער אראבישער באַפעלקערונג, לטובת אירע אונטערשטע שיכטן.

ווער זאָל איבערנעמען די דאָזיקע אויפגאַבּע? זי ליגט אויף צוויי כחות: אויף דער מאַנדאט-רעגירונג און אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג.

די מאַנדאט-רעגירונג מוז באַגרייפן, אז אויפן גרונט פון דער שלעכטער אַדמיניסטראַציע וועט זי — מעג זי אַליין זיין ווי מוסטערהאַפט און אין בעסטן אָרדנונג — נישט קענען דערפילן איר באַזונדערע אויפגאַבּע, וואָס זי האָט איבערגענומען אין דאָזיקן איינציק-אַרטיקן לאַנד. זי מוז פאַרשטיין, אז נישט האָבנדיק פאַרן אויג קיין באַשטימטן ציל, נישט דערפילנדיק טריי איר אייגענעם ציוויליזאַטאָרישן פּלאַן (און דאָס אין פולסטן ערנסט אוןווירקלעכקייט, נישט נאָר אויבערפלעכלעך) וועט זי נישט קענען אויספירן דעם איבערגענומענעם מאַנדאט אין זיינע צוויי גרונט-יסודות — אויפבוי פון דער יידיש-נאַציאָנאַלער היים און אנטוויקלונג פון דער אַראבישער באַפעלקערונג. די ציוניסטישע באַוועגונג מוז פון דער צווייטער זייט פאַרשטיין, אז זי קען נישט פאַרווירקלעכן איר אויפטו אין אַ סביבה פון שקלאַפעריי און שטענדיקע ווירטשאַפטלעך-סאָציאַלע קאָנטראַסטן, און אז די ביידע פּאַראַגראַפן פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע זענען נישט נאָר אויסערלעך, נאָר אויך אינערלעך, כּאָציאַל, ווירטשאַפטלעך און מענטשלעך;

צווישן זיך ענג פאַרבונדן. יעדע פרידנס־באַוועגונג, זאָל זי קומען טיילווייז אָדער אינגאַנצן פון דער מאַנדאַט־רעגירונג, פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אָדער אויך פון דער אראַבישער באַפעלקערונג, וועט שטענדיק הענגען אין דער לופטן, וועט זיין „פאָליטיש" און וועט זיך שטיצן אויף וואַקלענדיקע יסודות, ווי לאַנג ס'וועט נישט ווערן פאַרשאָטן דער סאָציאַלער, ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער תהום צווישן די ביידע באַפעלקערונגס־טיילן. די דאָזיקע ביידע כחות, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין דער אויפהויבונג פון אראַבישן לעבנס־ניוואָ, וועמענס ווערק — די פאַרווירקלעכונג פון מאנדאט און ציוניזם — איז פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער אויפהויבונג, מוזן זיך פאַרייניקן פאַר דער דערפילונג פון דער דאָזיקער אויפגאַבע.

צום אָט דעם צוועק זענען נויטיק ענערגישע און דרייסטע רעפאָרמען אויף אַלע געביטן פון לעבן. באַנייען דעם אַדמיניסטראַטיוון אפאראט און אים צופאסן צו די באזונדערע פראָבלעמען, וואָס רוקן זיך ארויס אין א"י פאר דער מאַנדאַט־רעגירונג. עפנטלעכע ארבעטן אין אַ ברייטער מאָס, שולן און טעכנישע בילדונג (באזונדערע לאנדווירטשאפטלעכע), שפיטעלער און סאניטארע איינריכטונגען, ארבעטס־געזעצגעבונג, אָפשאפן די מוראדיקע עקספּלאָאַטאַציע, פון וואָס עס ליידט דער אראבישער ישוב, וואָס ווערט אין דער פראַקטיק אונטערשעצט פון דער רעגירונג: באזונדערס קינדער־און פרויען־שוץ, ווי אויך די פעסטשטעלונג פון א מינימאַלן ארבעטס־לוין, אַרבעטס־פאַרזיכערונג. סיסטעמאטישע אונטערשטיצונג פון קאָאָפעראציע־וועזן אין אלע זיינע פאָרמען. שטענדיקע אָנשטרענגונגען אויפצוהויבן דעם לעבנס־ניוואָ פון די ברייטע מאַסן, און אויפשטעלן דעם רעגירונגס־בודזשעט, ענטשפּרעכנד צו די דערמאָנטע צילן. סיי זיין הוצאה, ווי דער הכנסה־טייל מוז זיין באזירט אויפן יסוד פון דירעקטע און ירושה־שטייערן, באזונדערס פון אגראר־באַזיץ.

דאָ שטייען מיר ווידער פאַר דער הויפט־אויפגאַבע.

דעם יסוד פון דער פּאַלעסטינישער עקספּלאָאַטאַציע און נידריקן לעבנס-ניוואָ פון די מאסן שטעלט מיט זיך פאָר דער אגראר-פעאָדאַליזם, זיין אָפּשאַפונג איז מעגלעך דורך א לאַנגזאַמען פּראָצעס פון ווירטשאַפטלעך-סאָציאַלער צעבּרעקלונג, אָדער דורך א מאסן-רעוואָלוציע, אָדער דורך דער אגראר-רעפאָרם. דער אינטערעס פון ציוניזם, פון לאַנד און פון דער רעגירונג פאָדערט די לעצטע לעזונג, וואָס ווערט דורכגעפירט דורך רעפאָרמען און נעמלעך (אין אלגעמיינע שטריכן אָנגעמערקט): די פּארצעלאציע פון די שטחים, וואָס זענען נישט באַארבעט דורך זייערע באַלעבאַטים. דער ארענדאטאָר, דער פעלאך, באקומט זיין טייל אויפן יסוד פון אן אינטענסיוון ווירטשאפט-חשבון, און דאָס איבעריקע פאַרבלייבט אלס באָדן-רעזערוו פאר די באַדערפעניש פון דער יידישער איינוואַנדערונג. דער דאָזיקער באָדן (נישט דער רעגירונגס-באָדן, נאָר דער באָדן פון די פּריצים) ווערט די יידישע קאָלאָניסטן ניש איבערגעגעבן אומזיסט, נאָר פאַר א ענטשפּרעכנדן סכום (נישט אויפן גרונט פון ספּעקולאַטיוו-פּאָליטישע פּרייזן, ווי מיר זענען עס איצט געצוואונגען צו צאָלן). דאָס געלט קומט טיילווייז צונויף די פּריצים אַלס ענטשעדיקונג פאַר דער באָדן-עקספּראָפּריאַציע און טיילווייז די אַרענדאַטאָרן אַלס אינטענסיפיקאַציע-פאָנד פאַר דער ווירטשאַפט.

די דאָזיקע אַגראַר-געזעצגעבונג ענטשפּרעכט די אויסגאַבן פון מאַנדאַט אין יעדן הינזיכט. זי וועט באַפרייען די אַראַבישע באַפעלקערונג פון דער הערשאַפט פון די אויסנוצער און צעברעכן די קייטן פון פעאָדאַליזם, וואָס שטערן איצט דער ענטוויקלונג פון אַראַבישן ישוב. זי וועט באַפרייען די אַראַבישע לאַנדאַרבעטער. זי וועט פריי מאַכן די יידישע קאָלאָניזציע-אינסטיטוציעס — באַזונדערס דעם נאַציאָנאַל-פאָנד, — פון א שווערער, פּאָליטיש-פינאַנסיעלער קלעם, און פון די דריקנדע דאגות צו זאָרגן פאַר די אַרענדאַטאָרס, וואָס חעלן איצט שוין זיצן אויף זייער אייגענעם געקויפטן באָדן און ס'וועט ווערן אַזוי אַרום פאַרביליקט די יידישע קאָלאָניזאַציע.

די אַגראַר־רעפאָרם וועט מיט איינמאָל שטעלן אין רשות פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע גרויסע שטחים באָדן און דאָס וועט דערמעגלעכן אָנצוהויבן פירן אַ ברייטע אַרבעט אין אַ גאָר אַנדערן מאסשטאַב, ווי ביז הייגט. דורך דער אינטענסיווירונג פון די אַרענדע־ווירטשאַפטן, און דאָס איז אַ נישט־צעשייד־באַרער באַשטאַנדטייל פון דער אַגראַר־רעפאָרם, וועלן פריי ווערן פאַר אונזערע ווירטשאַפטן גרויסע שטרעקעס באָדן. די עקזיסטענץ פון די פעלאַכן אין א״י איז פאַר אונז אַ פאַקט, וואָס איז נישט צו ענדערן, און מיר האָבן נישט קיין האָפנונג צו באַקומען דעם איבעריקן טייל פון זייער באָדן, אויב זיי וועלן נישט אויפן רעשט פון זייער געבליבענעם באָדן זיך שאַפן בעסערע עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן. דער דאָזי־קער רעשט וועט נאָך אַ סיסטעמאַטישער לאַנד־ווירטשאַפט־לעכער אינטענסיווירונג, געניגן פאַר זיי, פונקט ווי עס געניגן פאַר אונז די באַגרענעצטע באָדן־שטחים, וואָס שטייען אין רשות פון אונזערע קאָלאָניסטן.

וואָס ס׳זאָלן נישט זיין די שוועריקייטן פון דער בייער סאָציאַל־און אַגראַר־פּאָליטיק, וועט די ברכה, וואָס דאָס וועט ברענגען פאַר אונז אַלע, פאַר דעם ציוניסטישן ווערק, פאַר דער אַראַבישער באַפעלקערונג, פאַר דער מאַנדאַט־רעגירונג, זיין אַזוי גרויס, אַז ס׳לוינט זיך יעדער קאַמף, נישט קוקנדיק אויף אַלע מיט אים פאַרבונדענע געפאַרן. די אַטמאָספער פון לאַנד וועט דאַן ווערן אינגאַנצן אַן אַנדערע. די אָביעקטיווע און סוביעקטיווע באַדינגונגען פון דער אַרבעט פון די יידן וועלן ווערן באַדייטנד פאַרלייכטערט, די סכנות, וואָס שטייען פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, אַז זיי זאָלן צוליב דעם עקספּלאָאַטאַציע־סיסטעם, וואָס הערשט היינט אין לאַנד, ווערן אַריינגעצויגן אין דאָזיקן סיסטעם, וועלן דאַן פאַרשווינדן. די אין פלוג אינערלעכע קאָלאָניזאַציע־פראַגן (באַזונדערס די פראַגן פון יידישער און אַראַבישער אַרבעט און זייערע באַ־דינגונגען) וועלן דאַן געפינען זייער לעזונג. פיל ציוויליזאַ־טאָרישע אָנשטרענגונגען, וואָס ווערן יעצט צעשלאָגן אין פעלז

פון פאלעסטינישן פעאָדאַליזם, וועלן געבן זייערע פולע פירות. ס'וועלן זיך ווייזן די אויסזיכטן אויף אמתן שלום, באַזירט אויפן יסוד פון געזונטער און פראָגרעסיווער סאָציאַלער באַציונג צווישן יידישן און אראבישן פאָלק. דער ציוניזם וועט קענען געבן אַ קלאָרע תשובה אויף דער פראגע פון יונגן אַראבישן דור, ווען ער וועט זיך אויפהויבן קעגן די יעצטיקע אראבישע מאכטהאָבער און קומען צו אונז פאָדערן אונזער פארגיטיקונג פאר זיין צושטימונג צום אויפבוי פון דער יידישער היימאט אין לאַנד. „די באַפרייונג פון דיין פאָלק" — דאָס וועט זיין אונזער תשובה אויף דער פראגע פון דער ערלעכער און ריין־דענקנדער אראבישער יוגנט, וואָס וועט זיך זוכן פארבינדעטע אין איר סאָציאַלער און גייסטיקער קלעם. נישט בלויז אויפן יסוד פון בלויזער אויפקלערונג, נאָר מיט דער הילף פון גרויסער, פראָדוקטיווער, באַפרייענדער ארבעט וועט זיך ענדערן די שטעלונג פון ציוניזם צו די פעלקער אין מזרח. אזא יידישע מדינה וועט האָבן דאָס פולסטע רעכט צו טראָגן דעם טיטל: פיאָנער פון אַ נייער וועלט אין מזרח.

ד. בן-גוריון

זעלבסטשטענדיקייט און קאָאָפּעראַציע

דער אַראַבישער שטרייק פֿון זומער 1936 האָט אויסער זײַנע שאָדנס און סכּנות געבראַכט אונדז אויך נוצן: אומדירעקט האָט ער געהאָלפֿן צו פֿאַרשטאַרקן אונדזער עקאָנאָמישע זעלבסטשטענדיקייט און דעראָבערן וויכטיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. פֿון אונדז איז אָפּהענגיק, אַז די דאָזיקע דעראָבערונגען זאָלן זײַן דויערהאַפֿטע. כ׳מיין קודם כּל דאָס פֿאַרשטאַרקן די יידישע אַרבעט, דאָס אויסברייטערן די יידישע פּראָדוקציע און על כּולם — דעם פּאָרט אין תּל-אָביב. די דריי זאַכן האָבן מיר געדאַרפֿט טאָן שטענדיק, אָבער וואָס ס׳האָבן נישט געקענט אויפֿטאָן די לערע און לאָגיק פֿון ציוניזם, האָט אויפֿגעטאָן דאָס „אַראָפּנעמען דעם רינגל״ דורכן מופֿטי. אָן אָנפֿאַלן און געשעענישן האָבן פֿיל יידן נישט פֿאַרשטאַנען, אַז דער צוריקקער קיין א״י איז נישט נאָר אַ געאָגראַפֿישער צוריקקער נאָר אויך אַ צוריקקער צו עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט, אַז מיר וועלן זיך נישט אײַנוואָרצלען אין אונדזער היימלאַנד אויב מיר וועלן נישט בויען אונדזער לעבן אין אונדזער אייגענעם רשות, אויב מיר וועלן נישט זייען און שניידן, פֿלאַנצן און אַראָפּנעמען, בויען און אַרבעטן. דער ציוניזם הייבט זיך אָן פֿון טאָן אונדזער אַרבעט מיט אונדזערע אייגענע הענט. דער אונטערשייד צווישן גלות און היימלאַנד באַשטייט

אין דערווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער זעלבסטשטענדי־
קייט. די ציוניסטישע לאָגיק האָט אָבער נישט באַוויזן אונז
אויסלערנען דעם דאָזיקן אמת, ביז ס׳זענען געקומען די גע־
שעענישן און געגעבן אונז א ביטערע לעקציע און אַ נוצלעכע.
איצט פאַרשטייען אלע, אַז מיר מוזן האָבן אייגענע שטיינהאַ־
קערייען, אין וועלכע יידן זאָלן ארבעטן, אַז מיר מוזן האָבן
יידיש מילך, יידיש גרינס, אַז יידן מוזן ארבעטן אין די פּרדסים,
ווייל אין קעגנפאַל דראָט אונז חורבן און צעשטערונג. צוליב
די געשעענישן האָט דער ישוב געמוזט פירן אַ זעלבסטשטענ־
דיקן לעבן אין משך פון זעקס חדשים; דער מופטי האָט צו
דעם צוגעהאָלפן. איצט האָט דער מופטי איבערגעריסן זיין
„דאָזיקע הילף" און ס׳שטייט פאַר אונז די פראַגע, צי וועלן
מיר אויך מיט אייגענע כחות קאָנען אָפּהיטן יידישע פּראָ־
דוקציע, יידישע ארבעט, אַלע שליסל־פּאָזיציעס, וועלכע מיר
האָבן פאַרפעסטיקט אין די דאָזיקע חדשים און קודם כל — די
פּאָזיציע, וועלכע מיר האָבן דעראָבערט אויפן ים.

מיר זענען געזעסן אין שטעט און מושבות אויפן ברעג
ים און נישט געפילט, אַז מיר האָבן אין אונזער לאַנד אַ
גרויסן און טייערן אוצר, וואָס רופט זיך ים. אונז איז גאָר
נישט איינגעפאַלן, אַז דער ים האָט א מעכטיקע ווירטשאפט־
לעכע, פּאָליטישע און קאָלאָניזאַטאָרישע באַדייטונג. פאַרשטענ־
דלעך, מיר האָבן אריינגעבראַכט דורכן ים אונזערע פּראָדוקטן,
געשיקט דורך אים אונזער פּראָדוקציע — מיר האָבן אָבער
„זוכה געווען", אַז אונזער ארבעט זאָל געטאָן ווערן דורך
אנדערע. מיר זענען געווען די רייזנדע, די אגענטן, די
סוחרים, אָבער די שיפער, קאַפּיטאַנען, סטעוואַדאָרן, טרעגער,
רודערער זענען געווען אנדערע. דער ים איז געווען זייערס —
און זיי האָבן פארמאָסטן זיך צו דערשטיקן אונז דורך דער
דאָזיקער הערשאפט. פּלוצלונג איז פאַרשלאָסן געוואָרן פאַר
אונז דער ים. די באַלעבאַטים פון ים און זיינע ארבעטער
האָבן דערקלערט אונז א קאַמף, די „אַנדערע" האָבן זיך ענט־
זאָגט צו מזכה זיין אונז מיט זייער ים־אַרבעט און מיר האָבן

ערפילט, וואָס איז דער ווערט פון אויסגאַנג צום ים און אויף וויפל איז אונזער גאַנצער קיום אין דעם דאָזיקן לאַנד אָפּהענגיק פון ים. די רעגירונג, וואָס האָט אויך צוגעהאָלפן צו באַזייטיקן אונז פון ים, איז געצוווּנגען געוואָרן צו געבן אונז אַ נייעם אויסגאַנג צום ים — און ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער וועלן־ברעכער אין תל־אביב. כ׳קען נישט אין דער גאַנצער געשיכטע פון אונזער ווערק אין א״י אן אָנהויב פון א גרעסערער היסטאָרישער דעראָבערונג, ווי אָט דערדאָזיקער באַשיידענער אָנהויב. פאַר דער רעגירונג איז עס געווען נאָר אַ צייטווייליקע איינאָרדנונג. כ׳לייג נישט קיין גרויסע האָפנונגען אויף די חסדים פון דער רעגירונג. די רעגירונג האָט אונז נישט געהאָלפן פאר די געשעענישן אריינגיין אין דער ים־ארבעט. פילמאָל האָט זי אונז געשטערט; מען קען נישט האָפן, אַז זי וועט אונז איצט העלפן ענטוויקלען דעם יידישן פּאָרט. פאַרקערט, מען קען אָננעמען, אַז זי וועט דירעקט און אומדירעקט פּרובירן צו ליקווידירן דעם אָנהויב אין תל־אביב, מיר זאָלן דארפן אָנקומען צום פּאָרט אין יפו, ווי פריער. די רעגירונג האָט נישט, פארשטענדלעך, קיין כוח קעגן אונזער ווילן אומצוקערן אונז קיין יפו און זי האָט נישט קיין יסוד און באַרעכטיקונג צו צווינגען אונז אָפּצוזאָגן זיך פון תל־אביב. זי קען אָבער קומען צו אונז מיט טענות; אין יפו׳ער פּאָרט איז אינוועסטירט געוואָרן א גרויסער קאַפּיטאַל (דאָס רוב יידישער קאַפּיטאַל), ס׳זענען געמאַכט געוואָרן טעכנישע איינאָרדנונגען, ס׳איז אַן הכנסה־מקור פון דער רעגירונג. מען דאַרף נישט קיין צווייטן פּאָרט ביי יפו. די רעגירונג האָט אויך מיטלען: בטל מאכן דעם ביליקערן טאַריף פון סחורות־טראַנספּאָרט פון חיפה, אדמיניסטראַטיווע שוועריקייטן און באַגרענעצונגען בנוגע דעם פּאָרט אין תל־אביב א.א.וו. מיר דאַרפן קלאָר און ענטשידן פעסטשטעלן אונזער באַציונג צום פּאָרט אין יפו.

צוויי פּאָרטן האָט אונזער לאַנד — אין יפו און חיפה. ביידע האָט מען געוואָלט פאַרשליסן פאַר אונז. דער פּאָרט אין חיפה האָט נישט פאַרשטרייקט — ווייל מיר האָבן באַוויזן

צו אַריינבריינגען אין אים דעם יידישן אַרבעטער און צו שאַפן חברישע באַציונגען צווישן די יידישע און אַראַבישע פּאָרט-אַרבעטער. דער פּאָרט אין חיפה געניגט אָבער נישט פאַר די באַדערפענישן פון לאַנד. אונזער ישוב אויפן דרום פון לאַנד דאַרף נאָך אַ פּאָרט. יאָרן-לאַנג זענען מיר אָפּהענגיק געווען פון פּאָרט אין יפו. אונזער עליה און מסחר האָבן אויסגעהאַלטן אַט דעם פּאָרט און די הונדערטער אַראַבישע אַרבעטער זיינע. אין דערדאָזיקער פּאָרט-שטאָט איז צוויי מאָל איינגעאָרדנט געוואָרן אַ ווילדער און אכזריותדיקער פּאָגראָם אויף אונז: אין מאַי 1921 און אין אַפּריל 1936. דאַן און איצט האָט די רעגירונג נישט פאַרמיטן די שחיטה. איצט האָט מען זיך נישט באַנוגנט מיטן פּאָגראָם, נאָר פאַרשלאָסן פאַר אונז דעם ים אין יפו, שטיל-געמאַכט דעם פּאָרט. ווייל צום דאָזיקן פּאָרט האָט דער יידישער אַרבעטער נישט געהאַט קיין צוטריט, דער פּאָרט, וואָס איז געבויט און נתעשר געוואָרן פון דער יידישער עליה, איז פאַרשלאָסן געוואָרן כדי צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ דערדאָזיקער עליה.

אָבער נישט דאַן און נישט איצט איז נישט מקוים געוואָרן די בלוטיקע אינטריגע. מיר האָבן זיך נישט מטמא געווען מיט די העסלעכקייטן פון פּאָגראָם-לייט, מיר האָבן נישט געענטפערט אויף בלוט-פאַרגיסונגען מיט בלוט-פאַרגיסונגען. דאַן און איצט האָבן מיר געטאָן דאָס איינציקע, וואָס פּאַסט פאַר אונזער נאַציאָנאַלן כבוד און באַדערפניש: נאָך דער שחיטה אין מאַי 1921 האָבן מיר געשאַפן ביי יפו די יידישע שטאָט — תל-אביב; נאָך דער שחיטה אין אַפּריל 1936 האָבן מיר געשאַפן ביים פּאָרט אין יפו דעם יידישן פּאָרט; מיר האָבן זיך באַפרייט פון דער באַשעמנדיקער און געפערלעכער קנעכטשאַפט צו אַ רוצחים-נעסט און צו דעם דאָזיקן נעסט וועלן מיר זיך בשום אופן נישט אומקערן. אונזער אויסגאַנג צום ים וועט נישט זיין אָפּהענגיק פון די חסדים פון שונאים פון דער יידישער עליה; קיין שום רעגירונג וועט אונז נישט

צווינגען אומקערן זיך צו דער שטאָט, אין וועלבער אונזער לעבן איז אין שטענדיקער סכנה.

דאָס איז אַ לעבנס־פראַגע, אַ פראַגע פון גורל פון גאַנצן יידישן פאָלק. איינע פון די צענטראַלע פּאָליטישע און קאָלאָניזאַטאָרישע פּראָבלעמען פון ציוניזם, וואָס באַשטימען אונזער צוקונפט, די צוקונפט פון דער יידישער ארץ־ישראל. נישטאָ קיין ארץ־ישראל אָן יידישן ים. אַנדערע פעלקער גיבן אויס אוצרות און ברענגען די גרעסטע קרבנות, כדי צו קריגן אַן אויסוועג צום ים. דער ארץ־ישראלדיקער ים — איינער פון די גרעסטע און טייערסטע אוצרות פון דעם דאָזיקן קליינעם לאַנד — געהערט צו אַלע איינוווינער פון לאַנד, די עפּאָרטן פון לאַנד זענען די פּאָרטן פון זיין גאַנצער באַפעל־קערונג. נישט מיר, נאָר די אַראַבער האָבן פּראָקלאַמירט דעם יפו׳ער פּאָרט אַלס אַראַבישן פּאָרט און פאַרוואַנדלט אים אין אַ פאַרסמטן און געפערלעכן געווער אין זייער ווילדן קאַמף קעגן אונז. מיר האָבן נישט אָנערקענט און מיר אָנערקענען נישט אָט דעם מאָנאָפּאָל. מיר האָבן אַ רעכט אין יעדן פּונקט פון לאַנד, אויף דער יבשה און ים; עפנענדיק דעם פּאָרט אין תל־אביב, האָבן מיר נישט מותר געווען אויף אונזער רעכט אין קיין שום אַנדער פּאָרט. די אַראַבער קענען נישט האַלטן די שטריק פאַר אירע ביידע עקן: אויב אין יפו איז אין גע־פאַר דאָס לעבן פון יידן און דער פּאָרט אין יפו ווערט גע־ליימט, כדי צו איבעררייסן די יידישע עליה, זענען מיר מודיע, אַז מיר דאַרפן נישט אַ זאַ פּאָרט.

אָן אַן אייגענעם פּאָרט איז נישטאָ קיין זיכערקייט פאַר דער יידישער עליה. פּונקט ווי מיר ווילן זיך נישט אָפּזאָגן פון באָדן, פון עליה, פון יידישער אַרבעט, פון דער העברע־אישער שפּראַך, אַזוי ווילן מיר זיך נישט אָפּזאָגן פון יידישן ים און יידישן פּאָרט. קיין שום טעכנישע, עקאָנאָמישע, פּאָ־ליטישע שוועריקייטן ווילן אונז נישט אָפּווענדן פון יידישן אויסגאַנג צום ים.

פאַרזעצנדיק די אַרבעט אין תל־אביבער פּאָרט, זענען

מיר מודיע דער רעגירונג און די אַראַבער: מיר זענען שטענדיק גרייט אויף קאָאָפּעראַציע — אויך אויפן געביט פון ים. אויב די אַראַבישע יפו וויל א געמיינזאמען פּאָרט און זי וועט אונז פּאָרשלאָגן גענוגנדע באַדינגונגען פון זיכערקייט און כבוד, פולע און גלייכע רעכט אין דעה, אַרבעט, קאַפּיטאַל, באַאמטנטום, ווי פולשטענדיקע שותּפים, אויפן יסוד פון רעכט און נישט פון חסד — וועלן מיר באַהאַנדלען אַזאַ פּאָרשלאַג מיט א גוטן ווילן. וועט קומען די קאָאָפּעראַציע — וועט עס זיין א קאָאָפּעראַציע צווישן פּאָרט אין יפו און פּאָרט אין תּל-אביב. די ענטוויקלונג פון יידישן פּאָרט איז א תּנאי מוקדם הן פון זעלבסטשטענדיקייט הן פון קאָאָפּעראַציע.

מיר האָבן קיינמאָל נישט דערקלערט קיין בּאָיקאָט קעגן די אַראַבער און מיר וועלן אויך ווייטער אַזאַ בּאָיקאָט נישט דערקלערן, פּונקט ווי מיר האָבן נישט געענטפערט אויף אָנפאַלן מיט אַנפאַלן, אַזוי וועלן מיר נישט ענטפערן אויף באַיקאָט מיט בּאָיקאָט. מיר האָבן זיך נישט דערשראָקן פאַרן שטרייק און טעראָר — מיר וועלן זיך נישט דערשרעקן פאַר א בּאָיקאָט קעגן אונז. דער שטרייק האָט מער געשאַדט די שטרייקנדע, ווי אונז. אויך דער בּאָיקאָט וועט זיך מער נוקם זיין אין די אַראַבער, ווי ער וועט זיך לאָזן פילן צווישן אונז. ס'אַרבעטן נישט יידישע אַרבעטער אין דער אַראַבישער ווירטשאַפט, נאָר אַראַבישע אַרבעטער אין דער יידישער ווירטשאַפט. אונזערע פּויערן פאַרקויפן נישט זייער פּראָדוקציע אין דער אַראַבישער שטאָט, נאָר די פעלאַכן ברענגען זייער פּראָדוקציע אויפן יידישן מאַרק. יידישע בעלבאָטים פאַרדינגען נישט זייערע דירות אַראַבישע לאָקאַטאָרן, יידישע שיפער, טרעגער, שאָפערן פירן נישט אַראַבישע סחורות, נאָר פאַרקערט. מיר האָבן זיך דערווייטערט פון דער מדה עין תּחת עין, מיר וועלן זיך דערווייטערן פון צאָלן מיט בּאָיקאָט פאַר בּאָיקאָט. זינט די טעג פון טערקישן רעזשים ביז די לעצטע געשעע-

נישן זענען מיר נישט אָפּגעטראָטן פון אונזער פּאָליטישן און מאָראַלישן באַוווסטזיין. מיר זענען נישט אַרויס פון די תּחוּ־מים פון באַרעכטיקטער און נויטווענדיקער זעלבסט־פאַרטיידי־קונג און לויט דערדאָזיקער ליניע וועלן מיר זיך אויך פירן אין אונזערע ווירטשאַפטלעכע באַציונגען. מיר האָבן נישט גע־פירט און מיר וועלן נישט פירן קיין מלחמה קעגן די אראַ־בער, נישט קיין ווירטשאַפטלעכע, נישט קיין מיליטערישע, נישט קיין פּאָליטישע. דער ציוניזם האָט אָנגעשריבן אויף זיין פאָן די שטרעבונג צו שלום און פריינטשאַפט מיט אונזערע אַראַבישע שכנים אין א״י און איר סביבה. מיר וועלן נישט אָפּטרעטן פון דערדאָזיקער שטרעבונג אויך נאָך די אַלע ביטע־רע נסיונות, וועלכע מיר האָבן שוין אויסגעשטאַנען און וועלן אפשר נאָך אויסשטיין. די שטרעבונג צו שלום און פריינטשאַפט איז נישט נאָר א טיפע מאָראַלישע באַדערפעניש פון ציוניזם — און דער ציוניזם שטיצט זיך קודם כּל אויף טיפע מאָראַלישע יסודות — נאָר אויך אַ וויכטיקע פּאָליטישע און ווירטשאַפט־לעכע באַדערפעניש. די אָנגריפן, דער טעראָר און די מהומות פון די אראַבישע ן פירער קענען נישט אונז רירן אפילו אויף א האָר פון אונזער ענטשלאָסענעם ווילן אומצוקערן זיך צו אונזער היימלאנד, אויפבויען איר און באַנייען אין איר אונזער פולע נאציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט. ס'איז נאָך נישט געווען קיין איין אָנגריף אויף אונז, פון וועלכן מיר זאָלן נישט ארויסגיין שטארקער און פארוואָרצלטער, ווי פאר אים, סיי עקאָנאָמיש, סיי פּאָליטיש. נאָך די פּאָגראָמען אין ירושלים אין יאָר 1920 איז געקומען די דערקלערונג פון סאַן־רעמאָ און דער אָנהויב פון דער נייער עליה. נאָך די פּאָגראָמען פון מאַי 1921 איז געקומען דער אויפבוי פון תּל־אביב. נאָך די געשעענישן אין 1929 איז געקומען דער מאקדאָנאלד־בריוו און די מאסן־עליה. בעת די לעצטע געשעענישן, וואָס האָבן אויפ־געטרייסלט דאָס לאנד, האָבן מיר ממשיך געווען אונזערע ווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַטאָרישע דעראָבערונגען און מיר זע־נען ארויס פון די געשעענישן מיט אַ גרעסערן ישוב און מער פּאַרפעסטיקטער ווירטשאפט, ווי ביז זיי.

פונקט ווי די אָנגריפן האָבן נישט אָפּגעשוואַכט אונזער פּאָליטישן און עקאָנאָמישן כוח, אַזוי האָבן זיי נישט צעטרייסלט אונזער גייסטיקע און מאָראַלישע פּאָזיציע. מיר שטייען אויף אונזער וואַך, די וואַך פון גאולה און זעלבסטשטענדיקייט און וויל פון יידישן פאָלק. נישט ווי צעפּרעסענע פון שנאה און פאַרפלייצטע פון קנאה, נאָר זיכערע אין אונזער גערעכטיקייט, אין אונזער כוח און צוקונפט. מיר זעצן פאָר אונזער שאַפנדיק און באַפרייענד ווערק אין אויפריכטיקן און שטאַרקן ווילן צו אָנהאַלטן באַציונגען פון פריינטשאַפט און שלום מיט אונזערע אַראַבישע שכנים. מיר זעען נישט אין די באַנדעס און אין מופטי דעם איינציקן אויסדרוק פון אַראַבישן פאָלק. מיר האַלטן נישט דעם טעראָר, שטרייק און באָיקאָט אַלס לעצט וואָרט פון דער אַראַבישער געשיכטע. מיר ווייסן, אַז מיר וועלן פאַרווירקלעכן אונזער שליחות נישט מיט קיין באָיקאָטן, נישט מיט קיין בלוט-פאַרגיסונגען, נאָר מיט אויפטוען פון שאַפונג און אויפבוי. אין יסוד פון אונזערע באַציונגען צו אונזערע אַראַבישע שכנים ליגן מיר: זעלבסטשטענדיקייט און קאָאָפּעראַציע. שטענדיק האָבן מיר געשטרעבט צו קעגנזייטיקער באַווירקונג, הילף און פריינטשאַפט — מיר בלייבן ביי אונזערע שטרעבונגען. מיר זענען געווען קעגן און מיר זענען קעגן אָפּשליסונג און אָפּשיידונג; מיר זענען אָבער געווען קעגן און זענען קעגן אָפּהענגיקייט, חסד, שוץ פון יענעם. קאָאָפּעראַציע איז מחייב גלייכע רעכט און קעגנזייטיקן ווילן, נישטאָ קיין איינזייטיקע קאָאָפּעראַציע; נישטאָ קיין קאָאָפּעראַציע, ווען איין צד איז אָפּהענגיק פון חסד פון צווייטן צד. אָן זעלבסטשטענדיקייט איז נישטאָ קיין קאָאָפּעראַציע. צוליב אונזערע צוקונפטיקע באַציונגען מיטן אַראַבישן פאָלק — און דער חשבון אונזערער מיטן אַראַבישן פאָלק איז אַ חשבון אויף דורות — דאַרפן מיר פאַרפעסטיקן אונזער זעלבסטשטענדיקייט, איר שטאַרק מאַכן אין איכות און כמות, מיט דער גאַנצער מעגלעכער שנעלקייט און אויף אַלע לעבנס-געביטן.

שמירה און הגנה

י. ח. ברענער

תל-חי

ס׳איז געווען אַ קלאָרער חשבון, אַז די צענדליקער אַרבעטער וועלן נישט קענען איינהאַלטן די פּאָזיציע קעגן די טויזנטער אַראַבער פון דער סביבה, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס מיט אייראָפּעאיש געווער; אַז אויך הונדערטער אונזערע וועלן נישט העלפן; אַז ס׳האָבן נישט קיין ממשות די צוזאָגן פון די פירער פון די „אויפשטענדיקע" אַראַבער, אַז זיי וועלן נישט אָנפאַלן אויף די פּונקטן פון „יאהוד", ווייל מ׳טאָר זיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן בלויז אויפן וואָרט פון אַראַבער — דער חשבון איז געווען קלאָר. אָבער דאָס הארץ, דאָס געטרייע הארץ, האָט געגלויבט אין נסים. געגלויבט, אַז ס׳וועלן זיך ענדערן צו אונזער גונסטן סדרי בראשית, אַז די אַלמעכטיקע געטריישאַפט, די ליבע צו יעדן שפּאַן פון אונזער ערד וועט איבעררוקן בערג; און דער ווילן פון גלויבן האָט שוין געמאַכט זיינע חשבונות, חשבונות-טרוימען: דאָ קעמפט מען נישט קעגן רעגולערן מיליטער.. דאָ פאַרטיידיקט מען זיך נאָר קעגן באַנדיטן... קעגן זיי וועלן מיר זיך קענען פאַרטיידיקן, אויב מיר וועלן זיין אַ סך... וואָלטן מיר געווען אַ סך, וואָלט נישט געפאַלן שער *).

יאָ, שער איז אונז צו עפּעס מחייב...

---

*) אהרן שער, געפאַלן י"ז שבט תר"פ אין תל-חי.

און אויסערדעם, אויב פארלאָזן יעדן פונקט, וואָס איז געפערלעך, דאַרפן מיר דאָך אַלץ פאַרלאָזן, אָפּטרעטן פון אַלע פונקטן — וווהין ? „און בכלל – האָט מען צום סוף מודיע געווען — אומאָפּהענגיק פון דעם, צי ס'וועט קומען הילף אָדער נישט קומען, די, וואָס געפינען זיך אין צפון, וועלן שטיין אויף דער וואַך ביזן לעצטן מאָמענט: נישטאָ וואָס צו רעדן וועגן פאַרלאָזן".

און זיי האָבן זיך פאַרטיידיקט. פאַרטיידיקט זיך קעגן אַ שונא, וואָס איז שטאַרקער געווען פאַר זיי צען, צוואַנציק מאָל. אין דעם דאָזיקן ביטערן טאָג האָבן דרייסיק יידישע ארבעטער פארטיידיקט זייער פּאָזיציע די גאנצע צייט קעגן הונדערטער פון אויסן, פון יענער זייט טויער, קעגן די „אָפּיצערן", די פירער פון שונא, וואָס זענען אריינגעדרונגען אינעווייניק, באַוואָפנטע מיט באָמבעס, דורך אַ שפּיצל אריינגעדרונגען, מיט שלום-רייד אויף די ליפּן.

די דאָזיקע דערקענטניש, די דערקענטניש, אז ס'האָט יך נאָכנישט געענדיקט ביי יידן גבורה פון פארצווייפלטע, די דערקענטניש, וואָס תל-חי האָט אונז פון דאָסניי געגעבן, איז אונז אָנגעקומען מיט אבידות, וואָס זענען נישט לויט אונזערע כוחות אין די גרענעצן פון „דן און באר-שבע".

יוסף טרומפּעלדאָר, דער געליבטער, דער מוטיקער, דער. אויסדערוויילטער, דער סימבאָל פון ריינער גבורה, איז געפאלן אין שלאכט איז ער געפאלן. פארברעכערישע הענט האָבן פארגאָסן זיין בלוט. און מיט אים צוזאמען נאָך פינף : בנימים מונטער, שרה טשיזיק, דבורה דראכלער, טאקער, שארף ; ביי לעבן און טויט האָבן זיי זיך נישט געשיידט.

אונזערע בעסטע. פארברעכערישע הענט האָבן פארגאָסן דאָס בלוט פון אונזערע בעסטע.

דאָס, פארוואָס מיר האָבן מורא געהאט און דאָס, אויף וואָס מיר האָבן זיך נישט גערייכט, איז געקומען אויף אונז. מיר זענען שווער געשלאָגן געוואָרן.

און ס'פרעגט זיך די פראַגע: צי זענען מיר, די איבער־געבליבענע, ראוי צו אַזעלכע קרבנות?

און איצט — וואָס ווייטער? ס'דראָט דאָך די סכנה פון יעדן ווינקל! און אַז זי וועט קומען מאָרגן, איבערמאָרגן, אין דער, אָדער אַנדער פאָרם — צי וועלן מיר כאָטש וויסן, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנטלויפן? צי וועט אין אונז זיין דער באַוווסטזיין, דער באַוווסטזיין פון דער נויטווענדיקייט צו גע־פינען זיך אויף דער געפאָדערטער הויך? אַז ס'וועט קומען די שעה פון שווערן פּרווו — אפשר אַ שווערערן, ווי פאַר פינף יאָרן, ווייל דאַן האָבן מיר געהאַט צו טאָן מיט אַ פיינט־לעכע רעגירונג און איצט מיט פיינטלעכע שכנים — צי וועט שטיין יעדער פון אונז — און טרומפּעלדאָרס נאָמען אויף זיינע ליפּן — אויף דעם אָרט, אויף וועלכן דער גורל האָט אים אוועקגעשטעלט?

תל־חי איז פאַרברענט געוואָרן. אָבער דאָס יידישע האַרץ לעבט. אונזערע ברידער און שוועסטער דאָרטן, סיי די, וואָס זענען געפאַלן, סיי די, וואָס זענען פאַרבליבן ביים לעבן, האָבן אונז באַוויזן, אַז דאָס יידישע האַרץ לעבט, אַז ס'איז געלייטערט געוואָרן אין פייער — זיי האָבן אויך באַוויזן, ווו איז דאָס דאָזיקע האַרץ. און מיר, די צעשפּרייטע, די שוואַ־כע — צי וועט פון איצט אָן זאָגן יעדער שוואַכער צווישן אונז: כ'בין אַ גבור! און ער וועט ווערן אַ גבור?

תל־חי. דאָס יידישע האַרץ לעבט. אָבער די איבעריקע אברים? צי וועלן זיי אויפלעבן? צי זענען מיר אַלע גרייט צו לעבן מיטן קלאַפּ פון דעם דאָזיקן האַרצן ביזן לעצטן אָטעם?

צי האָבן מיר זיך פאַרטיפט אין אונזער האַרצן אין אָט די טעג פון צאָרן, וואָס וועלן אַזוי גיך נישט פאַראיבערגיין? צי האָבן מיר דאָרט אַלע געהערט דעם עכאָ פון דעם געהויבן־שטילן רוף פון דעם איינאָרעמדיקן גבור:

„ס'איז גוט צו שטאַרבן פאַר אונזער לאַנד"!

ס'איז גוט! ווייל איז דעם, וואָס איז געשטאָרבן מיט דעם דאָזיקן באַוווסטזיין — און תל־חי איז אים צוקאָפּנס.

נחמן סירקין

די פארטיידיקונג פון לעבן

נאָר אין נאָמען פון לעבן גייען די קינדער פון דער אַר־בעט צום טויט. רופן זיי צום שוץ קעגן דעם אויסערלעכן שונא און זאַמלען זיך צו מלחמה קעגן דעם פיינד, וואָס לויערט פון אינעווייניק. די פאַרפאָלקאָמונג פון לעבן, די דערהויבונג פון דער צוקונפט, די הייליקייט פון דער געשיכטע, נאָר זיי זע־נען מחייב דעם טויט. זיי, און נאָר זיי נעמען אַראָפּ דעם טויט־פלעק פון דעם אויסגעשטרעקטן קריגס־אָרעם און די ווילדקייט און די טומאה פון הארצן, וואָס דערשמעקט מלחמה. גישט דער נצחון, נאָר די זעלבסטשוץ איז מכפּר אויף דער מלחמה און כשר איז דער קאַמפּס־געשריי נאָר דאַן, ווען ער ווערט מגולגל אין גע־זאַנג פון לעבן.

אויף די בערג פון גליל זענען נעפאַלן אונזערע זין און אונזערע טעכטער, געפאַלן על קידוש השם. און דאָרט אין מיטן וועג זידט דאָס בלוט פון גבור, וויל זיך נישט באַרואיקן און שעמט זיך שטיל צו ווערן, ביז דאָס פאָלק וועט זיך אויפהויבן אין זיין גאַנצער הויך און דורכן פאַרגאָסענעם בלוט אויפשטיין צום לעבן. עס וועלן נאָך פאַלן קרבנות און מיר וועלן נאָך פלעכטן בלומען, בלומען פון אומשטערבלעכקייט און בלומען פון איי־

ביקן פרילינג פאר די, וואס זענען זיך מוסר נפש פאר דער הייליקייט פון לעבן.

אבער אזוי ווי די זין פון ארבעט רופן איצטער צונויף דאס פאלק צום שוץ כלפי חוץ, אזוי מוזן זיי אויך באשיצן דאס פאלק און לאנד קעגן דעם נישט-פארשטיין, דער טעמפּקייט, דער שנאה, דער גלייכגילטיקייט פון אינעווייניק, כדי דאס פאלק זאל ארויסגיין פון דעם לייטערונגס-פייער פון דער שעה מיט א נייעם רצון, א פארטאפלטן כוח, געלייטערטער דערקענטניש און מיט א שטרעבונג, וועלכע זאל זיין הארט ווי א פעלז. די דאזיקע פאלקס-אויסדערוויילטע, וועלכע גייען צום טויט מיט דער ריינקייט פון דער ליבנדער טויב, וועלכע שוועבט איבער איר נעסט, מוזן איצט ארויפנעמען די שטערונג פון אונזער אויפלעבונגס-וועג מיט דער העזה פון הייליקייט און דעם צארן פון אמת, ווייל נאר ווען ס'איז פאראן א זין אין לעבן, איז אויך פאראן א זין אין טויט.

אויף די בערג פון גליל טראגט זיך דער שמייכל פון שטילער גבורה, וועלכע פליסט ווי לעבעדיקס וואסער פון הארץ פון פאלק, וועלכער צאפלט זיך אין זיין בלוט און אין זיין בלוט שטייט ער אויף צום לעבן. ווארום תל-חי איז נישט אן איינצלנע פלוצלונדיקע דערשיינונג, נאר א סימבאל, דער טיפסטער אויסדרוק פון גבורה, וואס שטרעבט צו דער-הויבונג פון לעבן, וועלכע האט אנגעכאפט אין דער לעצטער תקופה די בעסטע פון אונזער פאלק: די יידישע רעוואלוציאנערן פון דער וועלט, די קעמפער פון זעלבסטשוץ, די חברים פון יידישן גדוד און רויטן לעגיאן, די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער יונגעלייט, וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פאר דער קדושה און ריינקייט פון לעבן אומעטום. פון תל-חי וועט אונז לייכטן א ניי ליכט אין אונזער פינסטערניש, פון תל-חי וועלן מיר שעפן קראפט און שטארקייט נישט נאר כדי זיך צו פארטיידיקן, נאר כדי אויסצוטרעטן א נייעם וועג, א גאנצן און גלייכן, פאר דער קאלאניזאציע און אויפלעבונגס-ארבעט אין א"י.

חברים ארבעטער, פאלט ביי זיך נישט אראפ! אויף די בערג פון גליל שטייגט אויף די זון, אונזער זון, און גבורה טראגט זי אין זיך. איר האט באשיצט דאס לאנד קעגן אני־פאלער פון אויסן, איר וועט נאך באשיצן מיט אייער ארבעט און אייער גייסט די שאפונג פון לעבן קעגן די שטערונגען פון אינעווייניק.

געשריבן אדר תר״פ נאך תל־חי.

מ. קושניר

אין טעג פון דוף

> ווער עס וויל, אז א״י זאָל באַזעצט ווערן, דאַרף זיין ווי א פריוויליקער, וואס גייט צום קאמף פאר זיין פאטערלאנד. ער דאַרף וויסן, אז ס׳שטייט פאר אים א געפאר צו פארוואונדעט ווערן, א קאליקע ווערן, אָדער זיך איינגאנצן נישט צוריקקערן. פונדעסטוועגן זאָל ער גיין, ווייל ער קעמפט פאר זיין פאטערלאנד. אויב ער וועט זוכה זיין — וועט ער עסן די פרוכט פון זיינע נצחונות, — אויב נישט — איז גענוג פאר אים, אז זיינע חברים און די איבעריקע קינדער פון פאָלק וועלן זיי עסן.
>
> (פון די רייד פון י. מ. פינעס)

> געדענקען זאָלסטו, אז דו גייסט קיין א״י נישט לשם העלדן־טאטן, נישט לשם קרבנות ברענגען — נאָר לשם ארבעט.
>
> (פון יוסף טרומפעלדארס רייד)

ס׳זענען נישט נויטיק קיין סך באווייזן, אז נישט י. מ. פינעס איז געווען להוט דווקא נאָך מלחמה און נישט יוסף טרומפעלדאָר האָט זיך פאר איר געשראָקן. ביידע געטרייע קינדער פון פאָלק, פאר ביידן איז די אויפבוי־ארבעט געווען

דער עיקר. לויט זייער גאַנצן מהות און כאַראַקטער זענען זיי געווען מענטשן פון שלום און אויפבוי. אָבער אין אַ פאַל פון נויט, ווען מען צווינגט אונז צו מלחמה — דאַרפן מיר זיין גרייט — האָט געזאָגט י. מ. פינעס. ער האָט פאַרויסגעזען דעם מאָרגן אין טרומפּעלדאָר מיט זיינע חברים זענען געווען גרייט און מקבל געווען אויף זיך דעם אויסגאַנג פון קאַמף.

ווען דעם זעלבן ענין האָט ביי אַן אַנדער געלעגנהייט י. מ. פינעס געזאָגט גאַר קלאָרע רייד. ווען ס'האָט זיך געווענדעט צו אים אַ גרופּע סטודענטן מיט דער פראַגע, צי זיי זאָלן ענדיקן זייער שטודיום אָדער בעסער עולה זיין תיכף קיין א"י, האָט ער זיי דאַמאָלסט געענטפערט: ס'ערוואַרטעט אונז אַ שווערע מלחמה, ס'פאָדערן זיך טאַקע גוטע זעלנער, וואָס זאָלן ביישטיין דעם קאַמף, זאָלן קענען האַלטן שווערד און ביקס. מיט תורה, אַרבעט און חכמה וועלן מיר דעראָבערן דאָס לאַנד. דעריבער שטאַרקט זיך און ברענגט אייער וויסן און אַרבעט פאַרן פאָלק און פאַרן לאַנד.

ווייל לויט מיין מיינונג קען מען מיט יעדער חכמה און וויסן עפּעס העלפן דעם גאַנצן פאָלק". (המליץ, תרמ"ד, נר' 20).

אויב אַזוי, איז די „פאַרבאָרגענע פראַגע" נישט געווען אַזוי פאַרבאָרגן.

אויב מיר האָבן געגרייזט פון פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן — און נישט איינמאָל געגרייזט. — אויב מיר האָבן געזינדיקט — און געזינדיקט האָבן מיר נישט ווייניק! איז אונזער שולד און טעות נישט באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיר האָבן ווייניק געפאָרשט דאָס פּראָבלעם אַן און פאַר זיך, נאָר ווייל אונזער אויפבוי־אַרבעט איז נישט געמאַכט געוואָרן פון אָנהויב־אָן אין דעם טעמפּאָ און אין דער מאָס, וואָס זאָל ענטשפּרעכן דער נויט פון אונזער פאָלק און דעם ציל, צו וועלכן מיר שטרעבן.

כל זמן דאָס לאַנד איז געווען פאַרזונקען אין וויסטעניש — איז געווען רויק. אָבער אַז מיר זענען געקומען און פאַר־

טריבן די וויסטעניש, האָבן מיר געדאַרפט זען, אַז פיל שלאַנגען נעסטן אין מדבר און אַז זיי וועלן אַרויסקריכן פון זייערע נאָרעס, ווען דאָס לאַנד וועט פאַרענדערן זיין אויסזען. האָבן מיר געדאַרפט בויען מיט אַ גרויסן פאַרנעם און צו דער ריכטיקער צייט — און אויך איצט איז די אויפגאַבע פאַר אונז.

און שוין דאַמאָלסט זענען געגעבן געוואָרן קלוגע עצות, וועלכע זענען נאָך גילטיק ביז היינט.

אין יענע טעג האָט מען זיך נוהג געווען ווענדן זיך נאָך מיינונגען צו באַוווּסטע פערזענלעכקייטן: צי א״י איז צוגעפּאַסט פאַר קאָלאָניזאַציע? וואָסערע זענען די אויסזיכטן אין דער צוקונפט? ס׳איז נאָך ביז היינט באַקאַנט דער ענט־פער פונם געאָגראַף רעקלי: א״י טויג נישט, ווייל זי האָט נישט קיין וואַסער. נישט איינמאָל האָבן מיר געהערט מיינונ־גען פון באַרימטע זאַכקענער וועגן אונזער קאָלאָניזאַציע און אירע פאָרמען. און מיר האָבן שוין זוכה געווען צו זען, ווי זייערע נבואות זענען נישט מקוים געוואָרן.

ס׳געדענקט זיך נאָך די מיינונג פון איינעם פון די חסידי אומות העולם — ד״ר קאַרל פאַרער. ווען אַ גרופּע סטודענטן אין ציריך האָט אים געפרעגט אין יאָר 1892, צי איז א״י צוגעפּאַסט פאַר קאָלאָניזאַציע, האָט ער זיי צווישן אַנדערעס געזאָגט: די קאָלאָניסטן דאַרפן געדענקען, לטובת דעם ישוב צו שאַפן פרידלעכע באַציונגען מיט די אַראַבישע שכנים. — אָבער צוגלייך מיט דער קראַפט פון אַ גרויסער צאָל קאָלאָניסטן, דורך איינהייטלעכע איינריכטונגען און גערעכטער אויפפירונג אָנוואַרפן אַ שרעק אויף די „שבאב״ (שקצים). ס׳איז נישטאָ וואָס צושרעקן זיך פאַר אַראַבישען רויב־אָנפאַלן — ווייל יעדע גרויסע קאָלאָניע וועט בכח זיי זיך צו פערטיידיקן. (אין „פרי הארץ״ פון זאב יעבץ).

די אויבנדערמאָנטע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן אַ סך צייט פאַרן דערשיינען פון דער „מגלת ערב״ פון ר׳ בנימין, וועלכער האָט אויך באַרירט דיזעלבע פראַגן און בא־

גרינדעט זיין אייגנאַרטיקע מיינונג, די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן קורץ און קלאָר. און זיי אַנטהאַלטן אין זיך דעם גרויסן תנאי פאַר דער לייזונג פון דער פראַגע: אַ קראַפט פון אַ גרויסער צאָל קיבוצישע זידלערס, און אַ גרויסער פאַרטיידיקונגס-כּח.

ס'האָבן נאָך געוווסט גאָר די ערשטע, און אויך די, וואָס זענען געקומען נאָך זיי, אַז ביז וואַנען ס'וועט נישט פאַרענדיקט ווערן די אַרבעט — וועט נישט זיין קיין רו.

די ערשטע, ווען זיי זענען געקומען אין לאַנד, האָבן מקבל געווען די יסורים מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, געגעבן שוחד, געזוכט שוץ ביים „שוואַרצן רב", געצאָלט אים שטייערן און אָפּצאָלן. פאַר דעם האָט ער געצווימט די אינסטינקטן פון דעם אַראַבישן המון, געזיכערט זייער פרידן אין שלום-צייט. און אין שלעכטע טעג האָט ער אָפּגעלאָזן די צוים, האָט מען געמאַכט פּאָגראָמען אין די הייליקע שטעט, געראַבעוועט און נישט איינמאָל אויך דערמאָרדעט. יעדער פונקט פון ישוב ווייסט צו דערציילן פון יענע טעג, וועגן פרוון פון פּלוצים-דיקע אָנפאַלן פון באַהעלטעניש אויף יידישע דורכגייער, וועגן רויב-אָנפאַלן און בלוט-דורשט, אויך וועגן פרוון פון מאַסן-אָנפאַלן פון אַ גאַנצן שכנותדיקן דאָרף אויף דער ערשטער יידישער קאָלאָניע, כּדי איר פאַרניכטן אינגאַנצן. דער אָנפאַל פון דעם אַראַבישן דאָרף יהודיה אויף פּתח-תקוה אין יאָר 1884 – דאָס איז געווען דער ערשטער אָרגאַניזירטער אָנפאַל אויפן נייעם יידישן ישוב.

זיי ווייסן אויך צו דערציילן וועגן אַראַבישע פּאַסטוכער, וועלכע פלעגן פאַרניכטן מיט זייערע טשערעדעס די יידישע פעלדער אין די נעכט, וועגן רויבער, נאָך וועלכע ס'פלעגן נאָכגיין די ווייבער און קעמלען און מיטן געשריי „עליהום" פלעגן זיי אָנפאַלן אויף די קאָלאָניעס צו רויבן און מאָרדן.

פון דעם יידן פון פּתח-תקוה, וואָס איז געגאַנגען אין דעם שכנותדיקן אַראַבישן דאָרף קויפן מיסט און נישט צוריק-געקערט, און זיין נאָמען איז אומבאַוווסט, ביז דעם שמיד

יאַלאָווסקי, וואָס איז געהרגעט געוואָרן אין זיין שטיב אין נס-ציונה אין יאָר 1888) און ביז דעם ארבעטער-שומר, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן אויף דער וואַך אין גדרה אין זעלבן יאָר — דאָס זענען די ערשטע קרבנות פון דעם נייעם ישוב.

יעדער אָרט ווייס צו דערציילן וועגן העלדישע זין, וועלכע האָבן בייגעשטאַנען אין קאַמף. מ׳געדענקט נאָך די העלדישקייט פון לאָלעק פיינבערג מיט זיינע חברים, אין די ערשטע טעג פון ראשון לציון, ווען זיי האָבן איר פאַרטיידיקט קעגן די אָנפאַלער פון דאָרף סאַראָפענד. און די מעשים פון „סענדער חדאד" און זיינע חברים, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט פתח-תקוה קעגן שייך אבו-ראַבאַך און זיין קאָמפּאַניע פון דאָרף אונא און יהוריה. אין טעג פון רוף האָט יעדער ישוב געוווּסט צו שיקן אויף דער פּאָזיציע זיינע זין, וועלכע האָבן זיך מוסר-נפש געווען אין אלע געפאַרן און מיט זייערע קערפּערס אָפּגעשטויסן דעם בלוטדורשטיקן פיינט (חנא וועלוול אָרלאָוו — א קוזין פון דעם יונגן דוד נשרי, וועלכער איז געפאַלן ביים פאַרטיידיקן מוצא אין די געשעענישן 1936, אשלום גיסין און חיים הירש גרינשטיין, זיינע חברים — אין קאַמף ביי פתח-תקוה אין יאָר 1921.

אין „רויקע צייטן" אין ישוב האָט זיך פאַרשפּרייט נעבן דער פרעמדער ארבעט אויך די פרעמדע שמירה. ס׳איז ממש אומגלויבלעך, אַז שוין פון די ערשטע טעג אין ישוב איז די זיכערקייט פון זיין לעבן און פאַרמעגן איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט צון די באַנדיטן פון דער שכנותדיקער געגנט. יעדע מושבה האָט אויסגעזוכט פאַר זיך דעם באַרימטסטן רויבער פון דער געגנט, און ער פלעגט זיך צוקלויבן אַ גרופּע „היטערס". ווו נישט ווו פלעגן זיך אויך אַ פּאָר מענטשן פון דער מושבה באַטייליקן אין אויפזיכט איבער דער שמירה. און אזוי זענען געהיט געוואָרן די יידישע קאָלאָניעס פון פתח-תקוה, דער מאמע ביז דעם קלענסטן ישוב אין יענער צייט — ביז ס׳איז אַנטשטאַנען דער „השומר".

מיטן אָנקומען פון דער צווייטער עליה, מענטשן פון

דער זעלבסטשוץ אין חאָמעל פון יענע צייטן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו איינעמען די שמירה. אָנהויבס אין גליל און דערנאָך אויך אין יהודה. זיי האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן, אויסגעשמידט מידות פון העלדישקייט און מסירות־נפש און געראַטעוועט דעם יידישן כבוד. אַ קאַפּיטל פון פּראַכט, דורכפאַלן און קרבנות פון די בעסטע חברים, וואָס זענען געפאַלן אויף זייער וואַך — און ער איז פאַרשריבן אין דעם ספר „יזכור" און דעם ספר „השומר", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך די ביים לעבן פאַרבליבענע חברים פון „השומר".

און איינעם פון די ערשטע נומערן פון „הפועל הצעיר" פון יאָר 1909 לייענען מיר: „אויפן וועג קיין ראשון לציון זענען באַפאַלן אַראַבער דעם אַלטן אַרבעטער א. ד. גאָרדאָן און אים שטאַרק פאַרוואונדעט, צוליב וואָס האָט געראנען דאָס בלוט פון דעם טייערן יידן ז"ל די וואונדן זענען געווען געפערלעכע און דורך א נס איז ער לעבן געבליבן. אין משך פון זיינע אַרבעטס־יאָרן אין לאַנד איז גאָרדאָנס נשמה נישט איינמאָל פאַרוואונדעט געוואָרן שטאַרקער, ווען ס'זענען געפאַלן יונגע בחורים פון דעם פייגטס קוילן און זיין גרויס הארץ האָט נישט איינמאָל אין דער שטיל געבלוטיקט.

גאָרדאָן איז ווייטער געגאַנגען אויף די וועגן צופוס. און ווען ער איז צום צווייטן מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן (ווען ער האָט געאַרבעט אין דער פערמע מגדל אין יאָר 1912, אַרויפגייענדיק אויפן נאָנטן באַרג), האָט ער נישט געוואָלט דערציילן אפילו די פרטים און רעדן וועגן דעם. נאָך דעם פאַל איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ תהומותדיקן אומעט. די אַראַבישע פאַסטוכער האָבן אים געפונען זיצנדיק אויפן שפּיץ באַרג פאַרזונקען אין זיך און אים בלוטיק פאַרוואונדעט.

אויך נאָכדעם האָט ער, נישט שרעקנדיק זיך פאַר סכנות, ווייטער געשפּרייזט איבער די וועגן. אין זיין טאָגבוך פון יאָר 1913 לייענען מיר: „אינדערפרי. אויפן ניכטערן האַרצן א שפּאַציר אין די בערג. א שטימונג פון רו־זוכעניש אָן אָן אויסוועג. פון באַרג אין טאָל, פון טאָל אויפן באַרג —

ביזן באַרג תבור. מחשבות וועגן א מעגלעכקייט פון אן אַנ־פאַל, אַ באַשלוס — גאָרנישט נישט געבן מיטן גוטן ווילן. עפּעס אַ גלייכגילטיקייט צום טויט, כמעט אַ ווילן צו געהרגעט ווערן, אַ שרעק פאַר רויב און קלעפּ מער ווי פאַרן טויט אַליין. אַ בושה־געפיל פאַר זיך אַליין, צוליב די יידן פאַר די אַראַבער״.

און תשעה־באב 1914 פאַרצייכנט ער אין זיין טאָג־בוך: רחובות. „אויף די קברים פון די געפאַלענע — צוויי רעדעס״ און מער קיין וואָרט.

גאָרדאָן פלעגט שווייגן אין זיין טרויער און אים קיינ־מאָל נישט אַרויסווייזן פאַר מענטשן. אויך, ווען ער האָט באַ־קומען די ידיעה וועגן טויט פון זיין איינציקן זון, האָט ער טיף־באַהאַלטן דעם טרויער פון זיין אומגליק. אָבער די, וועל־כע זענען געווען מיט אים, ווען ס׳איז דערמאָרדעט געוואָרן יוסף זאַלצמאַן, געדענקען די אויפטרייסלונג זיינע און ס׳איז פאַרבליבן איינגעקריצט דאָס בילד: איין אַקסל העכער, דער צווייטער געבויגן אונטער דער משא פונם אָרון אויפן וועג צום בית־הקברות אין כנרת און זיין קדיש־זאָגן נאָך יוסף׳ן, דעם יונגן בוים פון כנרת, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן אַ פּאָר טאָג נאָך דער דערמאָרדונג פון באַרסקי פון דגניה. און גאָרדאָן האָט דאַמאָלסט געאַרבעט אין דער קבוצה כנרת.

אין זיינע לעצטע יאָרן האָט ער באַקומען איינס נאָכן אַנדערן שווערע וווּנדן. די טעג פון אוקראַינע, די טעג פון תל־חי. און ס׳איז געקומען יענער ערשטער מאַי און ס׳איז אַוועק־געריסן געוואָרן פון אונז צוזאַמען מיט אַלע אומשולדיקע און ריינע אויך יוסף חיים ברענער.

אין די סאַמע שוידערלעכסטע טעג האָט גאָרדאָן פונ־דעסטוועגן נישט געענדערט זיין איידעלע באַציונג צום אַראַ־בישן שכן אין לאַנד. געטראָגן האָט ער אויך דאַמאָלסט זיין וויזיע „פאָלק־מענטש״ (עם־אדם) און געהאָפט, אַז מיט דער אויפלע־בונג פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנד — וועלן געשאַפן ווערן דערהויבענע שכנים־באַציונגען.

אויך יוסף חיים ברענער האָט געוווסט, אויף וואָס פאַרא ערד מיר לעבן דאָ. ער, וואָס האָט טיף און אינטענסיוו גע־טראָגן אין זיך דעם גורל פון פאָלק, ער, וואָס האָט זיך אַליין גערופן „קינד פון פאָגראָמען״ האָט נישט געגרייזט אין דער אָפּשאַצונג פון אונזערע שכנים און פון דער פינסטערניש, וועלכע נעסטיקט אין זייער נשמה. האָט ער דאָך אַזוי געשריבן אין זיינע לעצטער שריפט, אויפן סמך פון פרישן איינדרוק פון באַגעגעניש מיט די אַראַבער, איידער ס'האָט אים און זיי־נע חברים דערמאָרדעט די טמא'דיקע האַנט: „בעסער זיך טרעפן מיט די גרויס־רוסן פון טאַמבאָוו, און אודאי מיט ליטווינער פון די געגענטן פון קאָוונע איידער מיט די שכנים...״

שוין ביי זיין קומען קיין א״י האָט ער געפילט, וואָס דראָט אונז דאָ אין לאַנד. ס'באַווייזן דאָס זיינע ווערטער אין די ביכער „בין מים למים״ און „מכאן ומכאן״. דאָך איז ער געגאַנגען זיין וועג און, געטריי צו זיין מהות, האָט ער גע־האָפט אויפן בונד צווישן אונז און דעם אַראַבישן אַרבעטער אין לאַנד.

און אַז ברענער איז אויך אין דעם נישט סתם באַהערשט געוואָרן פון אַ סאָציאַליסטישן שאַבלאָן, און אַז אויפריכטיק איז דאָס בילד פון זיין באַגעגעניש מיטן אַראַבישן יינגל, אַז ס'זענען אויפריכטיק זיינע רייד און די וויזיע, זאָגן עדות זיינע ווערטער אין אַן אַנדער אָרט פון זיינע שריפטן. ווען ברענער האָט געוואָלט אויסדריקן דעם גאַנצן שוידער פון אונזער לעבן צווישן די פעלקער, וועגן דער עלילת הדם, האָט ער געזאָגט: „דאָס שרעקלעכסטע אין דער עלילת הדם איז, וואָס זי דערמעגלעכט נישט אונז צו פאָלגן די עלעמענ־טאַרסטע געפילן פון הארץ — אַ גלעט טאָן אַ קריסטלעך קינד, ווען עס גייט פאַרביי אונז, טאָמער וועט מען אונז חושד זיין״.

דאָס איז די שרעק, דער שוידער און דאָס זענען די פעדעם פון הארץ, וואָס ציטערן פון רחמים אויף אַ פאַרוואָר־

לאָזטן אַראַבישן אַרבעטער־ייִנגל, וואָס ווערט עקספּלאָאַטירט אין יענעם פּרדס. דאָס איז די גרויסע מידה פון רחמים און פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר יעדער באַשעפעניש אויפן יסוד פון ריינעם אמת אָן צודעקן און מאַסקעס.

די עפּענדיס, די שונאים און זייערע זין — פון איין זייט, און דער פּאַרוואָרלאָזטער אַראַבישער ייִנגל אַ זון פון דעם פינסטערן אויפגעהעצטן המון פון דער צווייטער זייט, ווייל בר ענער האָט דערקענט דעם מענטשלעכן אָפּגרונט און זיין שרעקלע־כע שפלות. און פונדעסטוועגן האָט ער נישט אויפגעהערט צו האָפן אויפן אויפשטייג פון מענטש און הייליקונג פון זיין לעבן. ער האָט אויך געהאָפט אויף בעסערע באַציונגען צווישן אונז און דעם שכנותדיקן פאָלק. האָט ער דאָך נישט אויסגע־באַרגט ביי עמיצן די ווערטער זיינע וועגן די „ייִדישע אַרבעטער־מאַסן און די וואָס ווילן אַרבעטן און וואָס זוכן אַרבעט און ברויט און וואָס טראָגן אין זייער האַרץ דעם טרוים פון דער וועלט־אויסלייזונג“ ער האָט דערקענט אונזער גרויזאַמעווירקלעכקייט, אַז דאָס איז דאָס לאַנד, און אַזאַ איז דער שכן, וואָס וווינט אין אים און דאָס איז אונזער גורל, ווייל מיר האָבן נישט קיין סך ברירות, ווייל מיר האָבן נישט קיין ברירה, ווייל דאָס איז די לעצטע ברירה, און פון איר קיין טראָט.

ער האָט אויך געוווסט — און פון דעם געשעפּט כחות — די ריינקייט פון אונזער ווערק אין א״י, די ערלעכקייט פון אונזערע כוונות און די גערעכטיקייט פון אונזערע מעשים.

אין די טעג פון תל־חי האָט ער געפרעגט: „אַז ס׳וועט קומען די שעה פון שווערן נסיון — צי וועט זיך שטעלן יעדער איינציקער פון אונז מיט יוסף טרומפּעלדאָר׳ס און זיינע חברים׳ס נאָמען אויף די ליפּן — אויף דער פּאָזיציע, וואָס דער גורל האָט פאַר אים באַשטימט?“

און ער איז געשטאַנען!

זיך אַליין האָט ער נישט געראַטעוועט. פאַר יעדן

פ ר י י ז אָפּהיטן זיין לעבן — האָט ער נישט אָנגענומען. זיין אָרט האָט ער נישט געאײלט צו פאַרלאָזן.

און מיט זיין טויט האָט ברענער אָנגעזאָגט דאָס לעבן נאָך אים. דאָ, אין א״י, לעבט איבער דער מענטש דאָס לעבן פון אַ גאַנצן דור מיט זיין אומגליק און טיפקייט. לעבן און טויט גייען דאָ באַנאַנד אויף יעדן טריט. און דער יידישער מענטש שטייט דאָ אין טאָג פון רוף ביי דער וואַנט. און אַז ער וועט אַדורכברעכן מיט זיין קאָפּ די וואַנט, וועט ער עפע־נען פאַר זיך און פאַר די, וואָס וועלן קומען נאָך אים, ביז׳ן לעצטן דור, דעם טויער פון לעבן. און ס׳קען אויך זיין, אַז — ער זאָל דעם טויט געפינען ביי דער וואַנט, נישטאָ קיין צו־ריקוועג.

הײליק איז טרומפּעלדאָר׳ס און זיינע חברים׳ס צוואה: „דעם אָרט פאַרלאָזט מען נישט, אויף דאָס אויפגעבויטע איז מען נישט מותר״. דעם אויפבוי רייסט מען אויף אַ מינוט נישט איבער — „איין האַנט האַלט דאָס שווערד און די צוויי־טע טוט די אַרבעט״ אין איין טאַקט, אין איין ברען און אין איין אָטעם.

נישט נאָר בויען און פלאַנצן דאַרפן די בויער, נאָר אויך באַשיצן דאָס פאַרפלאַנצטע, עס זאָל נישט אויסגעריסן ווערן. און אַז די תבואה זאָל נישט פאַרברענט ווערן, און דער בנין זאָל נישט צעשטערט ווערן.

ווי צו אונז, אַז די אומשולדיקע קרבנות זענען שטיי־נער צום בנין, און זייער פאַרגאָסענער בלוט — צעמענט.

די טעג פון תל־חי האָבן אָנגעזאָגט אונז: באַשיצן יעדן אָרט און נישט אָפּטרעטן.

די געשעענישן פון 1929 האָבן דערוויזן, אַז נישט אומ־זיסט זענען אַריבער אויף אונז די תל־חי טעג. דער גאַנצער ישוב איז געשטאַנען פעלזן־פעסט פון תל־חי ביז באר־טוביה. נישט אומזיסט איז געפאַלן אפרים טשיזיק ביים פאַרטיידיקן חולדה.

און די טעג פון אַפּריל ביז סעפּטעמבער 1936 לערנען

אונז: אונזער הגנה דארפן מיר אַרויספירן אויסער די פּלויטן און טויערן פון דעם הויף אין די פעלדער אַריין. אַז מ׳דאַרף פאַרכאַפּן דאָס שלעכטס און זיך באַגעגענען מיטן פיינט פּנים צו פּנים און אים אַרויסציען פון זיין לויער אַצייט פריער.

אין די צייטן פון „השומר״ האָבן די וועכטער געוווסט צו שטיין אויף זייער וואַך און גרייט זיין אויף אַלעם, אויך אויפן טויט. און אָפטמאָל האָבן זיי זייער לעבן אַוועק־געגעבן פאַר אָפּהיטן אַ פרעמדן הענגל ווייַנטרויבן און אַ זעקל מאַנדלען.

פון דעם לעצטן פייער־פּרווו דאַרפן מיר אַרויסגיין מיט צווייפאַכן נסיון אין די וועגן פון אונזער באַשיצונג. די טאַטן פון יחידים אויף דער לענג פון גאַנצן פראָנט און זייער פאַר דער צייט פאַרשניטענער לעבן וועלן זיין ברען־פּונקטן, וועלכע וועלן אין אונז ברענען מיט אַ אייביקן פייער, ביז זיי וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין נייע מידות און ווערן נייע רינגען אין דער קייט פון אויפבוי. דאָס איז דער פּקדון, וואָס איז אונז אָנגעטרויט — פון זיי. אין דעם פלאַם, אין וועלכן זיי זענען פאַרברענט געוואָרן — דאַרפן מיר לייטערן אונזער קומענדיק לעבן.

ס׳לעבט אין פאָלק די מסורה פון עקדת יצחק, און אַט לעבט אויף ווידער פאַר אונז יענע עקדה.

פון צייט צו צייט ענטפּלעקן זיך שפּראָצן פון נייער באַציִונג צום טויט און צום ווערט פון לעבן ביי די זין פון אונזער דור. אָט איז דער בריוו, וואָס האָט געשריבן דער פאָ־טער פון דערמאָרדעטן משה באַרסקי, אין וועלכן ער האָט פון גלות געשטאַרקט די הענט פון די דגניה׳ער חברים, און געשיקט זיין יונגערן זון צו זיי אויפן פראָנט.

מיר האָבן געהערט משה גיסינס ווערטער אויפן קבר פון זיין זון אבשלום, וואָס איז געפאַלן ביים פאַרטיידיקן די מושבה פּתח־תקוה.

ערשט נישט לאַנג האָבן מיר געהערט די רייד פון משה

ראָזענפעלד'ס פאָטער אין דגניה וועגן דעם מאָרד פון משה באַרסקי. און אין אַ פּאָר טעג אַרום — איז ער אויך געגאַנגען שטאָלץ נאָכן אָרון פון זיין זון, וועלכער איז דערהרגעט געוואָרן אין עמק יזרעאל אויפן באַרג גלבוע (דער ערשטער קרבן פון קאַסאַם עזיז אַ־דין'ס באַנדע) און צבי נשרי — איז געגאַנגען נאָכן אָרון פון זיין זון דוד, שטיל, מיטן געפיל פון ווערט פון דעם טייערן לעבן, וואָס איז אַוועק, און האָט אויפגענומען אָט דעם טויט נישט אַרויסזאָגנדיק קיין וואָרט. זאָל דאָס זיך פון הארץ פון די גרויסע יחידים אַריינגיסן אין די הערצער פון די מאַסן.

אין פייער וועלן מיר געלייטערט ווערן.

די טעג זענען טעג פון פּרווו און זייערע פרוכטן זענען פאַר די קומענדיקע טעג. פון דער מאָס פון אונזער פאַרטיידיקונגס־גרייטקייט און פ א ר ט י י ד י ק ו נ ג איז אָפּהענגיק דער שלום אין ישוב און זיין ענטוויקלונג אויף אַ צייט נאָך דעם.

שווערע טעג, — וויפל מ'זאָל זיך נישט גרייטן צו זיי, ראַשן זיי איבער מיט זייערע ענטפּלעקונגען.

יעדערער ווערט ענטפּלעקט פאַר זיך פונסניי. ס'דאַכט זיך, אַז מ'איז שוין געפּרווט געוואָרן נישט איינמאָל. אָבער אַ ל ץ א י ז נ אָ ך פ אַ ר ד י ר.

מיט צעביסענע ליפּן פון ווייטיק וועלן מיר קוקן אויף דער יוגנט־שיין פון די, וואָס זענען געפאַלן אויפן פראָגט און פון לויער. און זייער לעבעדיקער אָנדענק איז מיט אונז — אייביק. אַן אוצר פון נשמות און לעבנס־כחות איז אַוועקגערויבט פון אונז אויף אייביק. „אונזערע שכנים ווייסן נישט, וואָס זיי טוען, וועמען זיי טויטן! דאָס בעסטע פון דער מענטשהייט" — האָט געשריבן ברענער נאָכן מאָרד פון אהרן שער. און ווער ווייסט, וויפל דורות וועלן פאַרביי, ביז זיי וועלן עס וויסן. נישט איינמאָל ברויזט דאָס בלוט אין הארצן, אָבער צו קיין ענטפער דערגייט נישט. ס'איז אַ פאַקט, ס'זענען אויך

געוועז פאַלן, אין די בייזע טעג, פון אַנדערע פרווון. ס׳געדענקט זיך נאָך דער ווייגעשריי פון אחר העם אין אַזאַ פאַל. מיר געדענקען אויך אַזוינס אין די טעג פון אב 1929. דעם זין פון דער זאַך, צי איז דאָס גבורה אָדער שוואַכקייט, וועלן באַלויכטן די קומענדיקע טעג.

בייטאָג צו אַרבעט אין אַלע פונקטן פונם ישוב. נאַכט איין נאַכט אויס אויף דער וואַך. יעדעס מאָל מיטן אָנקומען פון אַ נייער כוואַליע פון צרות אויף אונז ווערט געפּרווט די ליבע צו ציון אין אַלע גלות־לענדער. און פונדאַסניי ווערט געפּרווט אונזער שטרעבונג, ס׳ווערן אויך געפּרווט אונזערע יסודות און פּרינציפּן, אַזוי ווי ס׳ווערט געפּרווט די פּערזענלעכע טרייִשאַפט פון די טרעגער פון אָט די פּרינציפּן.

אַז מיר זענען פאַר שלום, דאַרפן מיר נאָך וועגן דעם שרייען? און אויב מלחמה, וועלן מיר אויך קענען בײַשטיין. לאָמיר אַלע געדענקען דעם געבאָט פון די טעג. און זאָלן אויך וויסן אונזערע שוועסטער און מוטערט פון אונזערע קינדער צו אויסשמידן מידות פון ווילנס־קראַפט און גרייטקייט צו שטעלן זיך אויפן פראָנט. זאָלן זיי קענען נישט נאָר היילן, ווי „באַרעמהערציקע שוועסטער" צווישן ווילדע מענטשן־חיות, נישט נאָר ערפילן זייער נאַטירלעכע אויפגאַבע, נאָר אויך אויפהויבן צוזאַמען די שווערע משא צו אַ העכערער מדרגה, אויף די אַנדערע שטאַפלען.

די שוועסטער פון דבורה דראַכלער און שרה טשיזיק (תל־חי) און חיה׳לה פרוינד פון רמת הכובש דאַרפן קענען נישט נאָר שטיין אויפן טורם, נאָר אויך האַלטן אַ ביקס אין האַנט און צוזאַמענשליסן די רייען.

מיר וועלן נישט פאַרזינקען אין בלוט־כוואַליעס און צערייצטע אינסטינקטן. אויך אין די טעג, ווען דאָס געשפּענסט שפּאַנט איבערן לאַנד און זייט חורבן, שיינט אַ גרויסע זון איבער אונזערע קעפּ, ס׳בלאַנקען די שטערן און עס ברענט אין אונזער בלוט דער טרוים פון מענטש און פאָלק. ס׳באַ־

הערשט אונז דער פאַרלאַנג צו באַפרוכפערן די וויסטעניש פאַר די מאַסן פון אונזער פאָלק, מיר לייגן צו אַן אויער צו דעם, וואָס קומט פאַר אין דער מחנה פון אונזערע שכנים און מיר האָפן צו דערגיין צו נשמה-קאָנטאַקטן און אנדערע באַציונגען מיט אונזערע שכנים.

די חבֵרה אין דער הגָנָה

עווא טאַבענקין

דערציונג צו זעלבסטשוץ

זינט דער צווייטער עליה און נאָך פאַר איר האָט זיך די חבֵרה באַטייליקט אין דער שמירה. אין האָמעל, אין וואַרשע, אין א״י בעת די ערשטע יאָרן פון די כיבושים און אויך אין „השומר״. אמת, איינצלנע טאָקע, אָבער נישט נאָר די, וועלכע ס׳האָט באַזעלט אַ באַזונדערער מוט, נאָר אויך די, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, אַז די פליכט פון הגנה פאַלט אויף יעדן יידן אין זיין היימלאַנד. אין די לעצטע יאָרן איז אָבער די חבֵ־ה אַרויסגעשטויסן געוואָרן צו פאַסיוויטעט. ווי װוויכטיק לעך איז עס, אַז די געזעלשאַפט, ריכטיקער געזאָגט, די חברים (יענע חברים, מיט וועלכע מיר שאַפן צוזאַמען אונזערע קול־טור־געזעלשאַפטלעכע אוןווירטשאַפטלעכע ווערטן) האָבן עס צוגענומען ביי דער חבֵרה דאָס רעכט פון פאַרטיידיקונג פון אונזער לעבן און לעבן פון אונזערע קינדער. אין 1929־טן יאָר האָט מען אונז אָפגעשלאָסן אין אַ „קאָנצענטראַציע־לאַגער״ און אויך איצט האָט מען אַזוי געטאָן. מיר זענען פלוצלונג פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין די יידן פון גלות־שטעטל, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אין די קעלערס און בוידעם־שטיבלעך.

די געפאַר געטראָפן צו חערן פון דער קויל לויערט אויפן חבר, ווי אויף דער חברטע. דער פרוי דראָט דאָ אין לאַנד נאָך אַ באַזונדערע סכנה און דעריבער דאַרף מען איר דערציען צו אַ גרעסערן מוט, זי זאָל זיין גרייט אַליין צו

זעלבסטשוץ. איז די דאָזיקע פאָדערונג עפּעס אַ חידוש? אונזער חברה האָט געוווסט צו ענטפלעקן איר כוח אין זעלבסטשוץ נאָך אין די רייען פון די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין גלות, זי האָט פאַרזוכט דעם טעם פון זיצן אין די תפיסות, פון ווערן פאַרטריבן אויף סיביר, אויף קאַטאָרגע, וואַלגערן זיך אויף די „עטאַפּן". נישט איינמאָל אליין צווישן קרימינעלע צרעסטאַנטן, „געהיט" דורך ווילדע קאָזאַקן. און אין די טעג פון די פּאָגראָמען אויף אוקראַאינע? האָט זיך די חברה דערשראָקן פאר דער סכנה? און וועגן וואָס דערציילן די העלדן-געשטאַלטן פון אזא מאריא ספּירידאָנאָווא, פון אַנדערע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע?

ס'לעבט אין מיר אַ שווער געפיל, ווי מיר וואָלטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קיבוץ אין לויף פון דער צייט אין צוויי געזעלשאַפטן: מענער און פרויען, ריכטיקער געזאָגט אין „אַ מענער-געזעלשאַפט". ס'איז פאַראַן דאָס געפיל, ווי מיר וואָלטן אַראָפּגעשטויסן געוואָרן פון הויפּט-וועג פון דער באַוועגונג, נישט צום „משפּחה-הויז", וואָס איז דערווייל חרוב געוואָרן, נאָר עפּעס אין אַ פינסטער געסל, „אין געסל פון דער פרוי".

ווי משונהדיק דאָס איז! אַין טאָג-טעגלעכן לעבן, אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פאַרנעמט די חברה אַ זייער וויכטיקן אָרט. אַלע ווייסן, אַז איר אַרבעטס-טאָג איז שווערער, איבערפולטער, געטרייער, פּינקטלעכער און פאַראַנטוואָרטלעכער. אָבער די חברה ווערט אין משק אָפּגעשטופּט צו די באַדינונג-אַרבעטן, וואָס דער חבר וויל זיי נישט דעראָבערן; אין פעלד, שטאַל, ביי די פּלאַנטאַציעס פירט אָן און באַשטימט דער חבר. אין נאָך קלאָרער איז די לאַגע אין אַזעלכע געשפּאַנטע טעג. פאַר די בעסטע חברים, מיט וועלכע מיר זענען צוזאַמען אהער געקומען, מיט וועלכע מיר זענען געשטאַנען אין איין ריי אין דער זעלבסטשוץ אין גלות און אין א"י, זענען מיר פּלוצלונג געוואָרן פרעמדע. מען רעכנט זיך נישט מיט אונזער מיינונג אין דעם ערנסטן און שווערן ישוב-הדעת אין מינוטן, וואָס באַשטימען דעם גורל פון אָרט, פון אונזערע קינדער.

און כ׳ווייס, אַז ס׳זענען פאַראַן צווישן אונז חברות, וואָס האָבן דערפאַרונג און זענען מסוגל אין פולן באַוווסטזיין פון אונזער נאַציאָנאַלן, פּראָלעטאַרישן און מענטשלעכן כבוד פאַראַנטוואָרטלעך צו באַטייליקן זיך אין דער ענטשיידונג פון די ענינים.

און מיר זענען דאָך שוין נישט אַליין. אַרום אונז זענען אונזערע קינדער און די יוגנטלעכע פון גלות און א״י, וועלכע דערציען זיך אין אונזערע משקים. צי וועט מיין טאָכטער אויפוואַקסן אין באַוווסטזיין, אַז ס׳זענען פון פאַרויס אָנגעצייכנט גרענעצן פאַר איר גייסטיקער מעגלעכקייט און ענטוויקלונג ? צו וואָס פאַרא געזעלשאַפטלעכער הויך וועט דערגיין אין אַזאַ אַטמאָספער די געזעלשאַפט פון אונזערע קינדער ? מיר האָבן צוזאמען — זין און טעכטער — פאַרלאָזן אינגאַנצן אונזערע הייזער און צוזאַמען אַרויס צום קאַמף פאַר אונזער נייעם וועג און מיר רופן דאָך כסדר צו אונזערע קינדער זיי זאָלן פאַרזעצן אונזער וועג. צי קלערן מיר, אַז ענטשיידן וועט אונזער רוף און נישט דאָס ממשותדיקע לעבן, דער אָרט וועלכן ס׳פאַרנעמט די חברה אין דער געזעלשאַפט, אין אַרבעט און הגנה ? עס קאָן נישט זיין, אַז אונזערע קינדער וואָס וועלן דערציגן צו גלייכער אַרבעט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט, זאָלן מיר פלוצלונג נאָך זייער אויסוואַקסן טיילן אויף צוויי מחנות : פאַרטיידיקער און פאַרטיידיקטע.

כ׳בין זיכער, אַז די חברה וועט קאָנען פאַרטיידיקן דעם ישוב און די קינדער מיטן זעלבן מוט, ווי דער חבר. ס׳דאַרף אונז באַגלייטן דער באַוווסטזיין פון אונזער רעכט און פליכט אויף הגנה אוז מיר וועלן זיך דערגעבערן אָן אָרט אין דער שמירה.

עין־חרוד

אממא לעווין

א נ״ע ר פ ר א נ ט

מיר האָבן פאר זיך א נייעם פראָנט. נאָך א וויכטיקע אַרבעט: שמירה, הגנה.

אויף א ספּאָנטאַנעם און זעלבסטפאַרשטענדלעכן אופן זענען צוגעגנומען געוואָרן ביי די חברות די רעכט, וואָס זענען געגעבן געוואָרן די חברים: דאָס רעכט אויף שמירה, הגנה, אויף קאַמף מיטן פייער. און די דראָזיקע „זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט" האָט ענטפלעקט, ווי מיר זענען נאָך געווינט צו זופן פון „הבדלה"-כוס, פון זיידן, ווי מיר זענען נאָך פאַרקנעכטעט צו דער צוואה פון די באָבעס; די גלות-טראַדיציע באַהערשט אונז נאָך אין דעם היינטיקט.

ס'איז איצט נישט קיין צייט פאַר ויכוחים — ענטפערן חברים אויף אונזערע פאָדערונגען. די לאַגע איז מחייב אומבאַדינגטע דיסציפּלין. מיר עסן איצט טרוקן ברויט, וואָס איז ווי שטיינדלעך פאַר אונזערע ציין, גיט נישט צו קיין ביטערניש...
די חברות האָט מען געהייסן דערשטיקן דעם מוט, וואָס האָט געפאָדערט מעשים. זיי האָבן עס געטאָן און דאָס איז געווען א פעלער. דער וואַלד האָט געברענט, די חברות האָט מען מיט כוח אַראָפּגענומען פון אויטאָ, וואָס האָט געפירט די פייערלעשער (ערשט נאָך א לאַנגן קאַמף איז אָרגאַניזירט

געוואָרן אַ קבוצה פון בחורות־פּייערלעשעריננס אין משמר העמק. טאָג איין־טאָג אויס, נאַכט איין־נאַכט אויס האָבן די פעלדער אין עמק געברענט; ווי אַ נר־תמיד איז דער פלאַם געשטאַנען אין די הימלען פון יזרעאל און נוריס — פאַר־לאָשן האָבן כמעט אויסשליסלעך חברים.

דער ישוב האָט פּאַרפעסטיקט זיינע פאַרטיידיקונגס־פּאָ־זיציעס, אוועקגעשטעלט אין זיי שומרים. אַזוי האָבן מיר אויך געטאָן, אין דער מושבה, מושב, קיבוץ; נאָר שומרים אַוועקגע־שטעלט. און כלערליי אַרגומענטן האָט מען דערביי באַנוצט. זיי ענטפלעקן די זאָרג פון די חברים פאַרן קאָלאָניזאַציע־פונקט און אומצוטרוי צו דער חברה. מ י ר זענען אין דעם שולדיק. מיר האָבן איבערגעלאָזט די שמירה פון משק אין געוויינלעכע צייטן אין די הענט פון די חברים. ס'איז קלאָר: וואָלטן מיר זיך אַלע צוגעוווינט זען די חברטעס מיטן ביקס אויפן פלייצע אויף שמירה, וואָלט היינט נישט געקלונגען אַזוי מאָדנע אונזער פאָדערונג פון שמירה און הגנה. מיר האָבן פאַרנאַכלעסיקט אין ס'רוב ערטער צו דערוווערבן די ידיעות, וואָס יעדער גוטער שומר דאַרף באַזיצן. צי זענען מיר נישט באַרעכטיקט צו שטיין אויף דער וואַך פון פונקט, אין וועלכן מיר לעבן. צי זענען מיר עפּעס אַ טייערער הפקר, אָדער יונגע קינדער, וואָס נויטיקן זיך אין פאַרטיידיקונג.

מיר פאַרוואירקלעכן טאָג־טעגלעך די „אויטאָפּיע" — דעם קיבוץ. אָבער די אויטאָפּיע פון פולשטענדיקער גלייכהייט צווישן חברים און חברות לייגן מיר אָפּ אויפן וויטן מאָרגן. מיר פאָדערן אָבער דעם דאָזיקן מאָרגן שוין ה י נ ט, ווייל ז'ער נישט טאָן היינט וועט גורם זיין דערצו, אַז אויך דער מאָרגן וועט אַנטוישן. זעט: אונזערע קינדער, זיי זעען אַלץ און פרעגן פאַרוואונדערטע, פאַרוואָס גייען ארויס די טאַטעס צו לעשן און די מאַמעס... זענען פחדנותדיקע!? ווי איז דאָס? היינט וואונדערן זיי זיך. פּאַמעלעך וועלן זיי זיך צוגעָ־וווינען, צופּאַסן און ס'וועט זיך אומקערן אין אַלץ דער ווידע־

סטיל. וואָס פאַראַ ווערט האָט אונזער שאַפונג אָן גלייכהייט אין אַרבעט און הגנה?

אונזערע פאָדערונגען זענען:

שוין היינט: מחייב זיין די קאָמיסיעס אין די קיבוצים, זיי זאָלן שטופנווייז משתף זיין די חברות אין שמירה לויט דער ריי, אַלס אַ שטאַפּל צו מער פאַראַנטוואָרטלעכער שמירה. די חברות דאַרפן נעמען אַן אַנטייל אין די פייערלעשער-גרופן. און וואָס ס׳איז באַזונדערס וויכטיק: מיר דאַרפן פאָדערן אויך אין די טעג דאָס לערנען די אַרבעט פון שמירה און הגנה.

אויף דער צוקונפט: א. מיר דאַרפן פאָדערן דעם שטענדיקן אַנטייל פון די ענטשפּרעכנדע חברות אין דער געווינלעכער שמירה אין משק; ב. אַנטייל אין דער הגנה-קאָמיסיע ג. שטענדיקער, ערנסטער און סיסטעמאַטישער לערנען.

ס׳איז אַ נייער פראָנט, אויך דאָ דאַרפן מיר קעמפן מיט דער עפנטלעכער מיינונג, מיט דער טראַדיציע פון גלות און מיט זיך אליין.

משמר העמק

רבקה דניה

אין נאמען פון דער דערפארונג

כ׳האָב געפילט אַ ברענענדיקן ווייטאָק, ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די שיסערייען אויף תל־יוסף און מיר, כמעט אַלע חברות, זענען פאַרבליבן אָן אַ פונקציע. די שיסעריי פאַרשטאַרקט זיך. די חברים, די עלטערע, די יונגע, אַלע זענען אויף דער פּאָזיציע. כ׳בין געבליבן אַליין אין מיין צימער. דער באַפעל איז געווען: ווען מ׳פאַלט אָן אויף דער מחנה, דאַרפן די אַלע, וואָס האָבן נישט קיין פונקציע, פאַרזאַמלען זיך אין חדר האוכל. כ׳האָב ביי זיך באַשלאָסן: כ׳וועל פאַרבלייבן אין מיין צימער, זאָל זיין, וואָס ס׳וועט זיין! כ׳האָב זיך געשעמט אַרויסגיין און קוקן מענטשן אין פנים אַריין. כ׳בין געלעגן אין מיין צימער און געטראַכט. כ׳האָב זיך דערמאָנט די טעג פון תל־חי. אויך דאַן האָבן די חברות געוואָלט גיין קיין תל־חי און ס׳איז געווען אַ ווידערשטאַנד קעגן דעם. נאָר יוסף טרומפעלדאָר איז געווען פאַר דעם און געפאָדערט, אַז אויך די חברות זאָלן קומען צו הילף. צי האָבן נישט געוווסט די חברות דבורה דראַכלער און שרה טשיזשיק צו פאַלן אין פאַרטיידיקונג פון לאַנד, ווי יעדער חבר!

כ׳דערמאָן זיך: ווי נאָר מיר האָבן עולה געווען אויפן באָדן פון עין־חרוד, אין דאָס איז געווען דער ערשטער כיבוש־פונקט אין עמק, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז

מען וויל אויף אונז אָנפאַלן. מען האָט זיך אָנגעהויבן פּיבער-האַפט גרייטן. ס'זענען דאַן נישט געווען גענוג חברים און מען האָט אַריינגעפירט אַ גרויסע צאָל חברות אין דער שמירה אין אַלע וויכטיקע ערטער, אויך אין די אָקאָפּעס. איך האָב געדאַרפט איבערטראָגן די פּראָדוקטן פון מחסן אין דער קיך און אויך צוגרייטן וואַסער, טאָמער וועלן די אָנפאַלער אונז איבעררייסן דאָס וואַסער פון קוואַל. מיטן פאַרענדיקן די איילקע הכנות האָט די ועדת השמירה באַשלאָסן אויספּרובירן די מאָס פון אונזער גרייטקייט. ס'זענען אָפּגעגעבן געוואָרן אַליאַרם-שאָסן, לויט וועלכע יעדערער האָט זיך געדאַרפט שטעלן אויף זיין פּאָזיציע. דער פּרוּוו האָט באַוויזן, אויף וויפל די חברות האָבן פאַראַנטוואָרטלעך אויסגעפירט זייער פונקציע. כ'האָב אָנגעהויבן איבערטראָגן די פּראָדוקטן. שטעלט איך פאַר, אַז כ'האָב גענומען אויפן אַקסל אַ קעסטל ציקער און דערנאָך אַ קעסטל קאָנסערוון. די חברים האָבן זיך געוווּנדערט- ווען ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז געווען נישט מער ווי אַן אַליאַרם-פּרוּוו, האָב איך בשום אופן נישט געקענט אויפהויבן די קעסטלעך. כ'האָב אויך באַוויזן צוגרייטן וואַסער אין אַ מאָס, וואָס וואָלט גענוג געווען אויף צוויי וואָכן. אַזוי האָט יעדע חברה אויסגעפירט איר פונקציע: איבער אירע כוחות. ווען כ'לייען איצט אין צייטונג, אַז די פאַרקנעכטעטע אַראַבערינס העלפן זייערע מענער, דערוועקט זיך אין מיר אַ געפיל פון חרפה. די חברה מוז נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער שמירה און הגנה.

עין-חרוד

אַ כוואַליע פון פאַרזאַמלונגען און פאָדערונגען וועגן רעכט און אָרט פון דער חברה אין שמירה און הגנה איז דורכגעגאַנגען דורך אַלע אַרבעטער-ישובים בעת די געשעענישן פון זומער 1936.

אין רעזולטאַט איז די חברה אַריינגעצויגן געוואָרן מערער אין דער שמירה און הגנה און אויך אין דער פירונג פון די דאָזיקע ענינים.

י. טאַבענקין

דער חעג פון דערציונג צו הגנה

די פינף־יאָריקע מיידעלע האָט מיר געזאָגט, ווען כ׳בין געקומען איר אָפּנעמען פון שטאָל אין קומי, די באַהעלטעניש פון די קינדער אין 1929: „פאַרגעס נישט צו נעמען מיין העפט מיט די צייכנונגען״. די בלעטלעך זענען געווען פול מיט רויטע פאַרב־פלעקן, פייער־צונגען.

— וואָס איז דאָס״?

— „אַ שרפה״.

— „ווו האָסטו געזען די שרפה?״

— „דאָרטן! דאָרט זענען שטענדיק שרפות. די אַראַבער צינדן אונטער שייערן און דאָס ברענט אַגאַנצן טאָג. אָט איז די שרפה!״

באמת, מען האָט נאָך געזען פונדערווייטנס אַ רויך און אַמאָל אויך פלאַמען.

אין יענער צייט האָבן דענקער געשריבן וועגן די גע־פאַרן פאַר דער דערציונג פון די קינדער. זיי האָבן געגעבן עצות, ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען די שרפות אין אַ מקור פון „שלום״־געפילן. אָבער אויך דער אמת מאַכט אַ רושם און דער רושם האָט זיך אויסגעדריקט אין צייכנונג און בילד: דער פלאַם,

וואָס איז דער וועג פון דערציונג? דער אמת און נאָר דער אמת! אָט איז אַ דערציערישע פראַגע, אַמאָל פרעגט מען איר: ווי זאָלן מיר זיך פאַרטיידיקן קעגן אונזער „זעלבסט-פאַרטיידיקונג״? וויאַזוי זאָלן מיר פאַרבאָרגן פאַר אונז אַליין, פאַר אונזערע קינדער, פאַר אונזער דור דעם ברענענדן אמת? צי דאַרף דידאַזיקע זעלבסטפאַרטיידיקונג ווערן דער יסוד פון אונזער דערציונג אָדער פאַרקערט? דעם אמת וועסטו פאַרן קינד נישט פאַרבאָרגן, נישטאָ קיין גרעסערער זינד פון פעלשן דעם אמת און דיווירקלעכקייט. אַזוי איז עס אין דער דערציונג פון קינד, אַזוי איז עס אין דער דערציונג פון דער-וואַקסענעם חבר, אין זיין זעלבסט-דערציונג.

צו וואָס דאַרף דערציען די הגנה? צו דער פעיקייט פון יעדן חבר און חברה צו פאַרטיידיקן זיך זעלבסט, צו דער מאָראַלישער פליכט פון יעדן איינעם צו פאַרטיידיקן זיך אַליין — אַזוי ווי די פליכט פון זעלבסט-אַרבעט. צי דאַרף די דערציונג צו הגנה גיין אויפן וועג פון מיליטערישער דערציונג? פאַראַן אַ טיפער קעגנזאַץ צווישן זיי ביידע. די מיליטערישע דער-ציונג באַדייט דאָס מטשטש זיין דעם יחיד, די טעמפּקייט פון מעכאַנישער דיסציפּלין, זי איז מחייב דעם מענטשן „נישט פרעגן״, נאָר פאָלגן, „ערטיילן כבוד״ און זעלבסט-כבוד. די הגנה-פּאָזיציע פאָדערט עפּעס פאַרקערטעס: צופּאַסן זיך צו די פאָדערונגען פון זעלבסטשוץ אין באַדינגונגען פון שטענדיקער וואַכזאַמקייט פון יעדן איינעם, וואַכזאַמקייט ענטשפּרעכנד צו דער געפאַר און דער קאָלעקטיווער זעלבסטפאַרטיידיקונג, וואָס ענדערט זיך יעדע ווייַלע, טראָץ און אין קעגנזאַץ צו געזעצן פון מיליטערישן קאַמף. דאָס היטן דעם פּונקט, די בהמות, די שייערן, דאָס שיצן דעם ישוב קעגן אָנפאַל, די הילף פאַר אַנדערע פּונקטן פאָדערן וואַכזאַמקייט און פעיקייט פון יעדן יחיד. זעלנער און פאַרטיידיקער — דאָס זענען באַ-זונדערע טיפּן; ס׳פירן צו זיי פאַרשידענע דערציונגס-וועגן.

אויך די צופּאַסונג פון יחיד צו דער קאָלעקטיווער פאַר-טיידיקונג, די וואַכזאַמע חברשאַפט — איז עפּעס אַנדערש, ווי

דאָס וואַרטן פון זעלנער אויפן באַפעל. פאַרשידענע ראַנגן, קאָמאַנדיר און קאָמאַנדירטער, קולטור פון קנעכטשאַפט — זענען די יסודות פון מיליטערישער דערציונג. חברים אויף דער פאָזיציע, ראַנגן פון געמיינזאַמער אַקציע, פרייע דיסציפלין, קולטור פון חברשאַפט — זענען די דערציונגס־יסודות פון אונזער הגנה.

און ווו איז דער וועג צו שלום? צי קומט מען צו שלום־געפילן דורכן פלעגן דעם פחד, דורכן פאַרמאַכן די אויגן אויפן הײַנט, דורך דער זיסער פאַלשקייט פון מענטשן־שנאָה? צי קומט מען צו שלום־געפילן דורך טאָלערירן בלוט־פאַרגיסונגען, רויב פון אַרבעטס־פּרוכט, אונטערצינדונגען? צי וואַקסט דער יסוד פון שלום דורכן משלים זיין מיט דער שנאה צו מענטשן? דער וועג צו מענטשן־ליבע איז דער וועג פון קאַמף קעגן שלעכטס, קעגן דער שנאה צו מענטשן, קעגן רויב, מאָרד און עקספּלאָאַטאַציע, דער וועג פון קאַמף קעגן שלעכטס אין און אויסער דיר. נישט שלום־מאַכן — נאָר ליבן דעם מענטשן, פײַנט האָבן דעם רוצח, רויבער, פײַנט האָבן דעם פאַרקנעכטער, די קנעכטשאַפט, פײַנט האָבן די פירער פון קנעכטשאַפט. פלעגן די גבורה פון בונט — באַדײַט פלעגן די גבורה פון ליבע צום מענטשן.

ס'זענען פאַראַן צוויי וועגן הן אויפן סאָציאַלן שטח, הן אויפן נאַציאָנאַלן שטח: איין וועג: משלים זיין מיט דעם, וואָס עקזיסטירט, שטיצנדיק זיך אויף עקספּלאָאַטאַציע און פאַרקנעכטונג פון פעלקער און קלאַסן — אַזאַ דערציונג באַדײַט פאַר די פאַרקנעכטעטע, די אַרבעטנדיקע דערציונג צו אינערלעכער קנעכטשאַפט, צו באַנוגענען זיך מיט קליינע באַדערפנישן; און ס'איז פאַראַן אַ צווייטער וועג: קאַמף קעגן דאָס עקזיסטירנדיקע, קלאַסן־קאַמף, דערציונג צו גבורה פון בונט, דערציונג צו ליבע פון מענטשן, צו אָנערקענען די גלייכהייט פון מענטשן. און דאָס איז דער אמתער וועג.

די בלוטיקע צייט

1921—1920

נאָך תל־חי איז פאָרגעקומען דער פאָגראָם אין ירושלים. ער איז געווען א רעזולטאט פון א כסדרדיקער העץ־ארבעט, וועלכע איז געפירט געוואָרן אָן שום ווידערשטאַנד מצד דער „פארוואַלטונג פון די דעראָבערטע געביטן פון שונא", ווי ס׳האָט זיך גערופן דאַן די בריטישע אדמיניסטראציע אין לאַנד. דער פאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן דעם 4־טן אפריל 1920 פון אַן עפנטלעכער אראַבישער פארזאמלונג, וואָס איז דערלויבט געוואָרן דורך דער אדמיניסטראציע. אראַבישע פאָליציאַנטן האָבן אקטיוו געהאָלפן די פאָגראָמשטשיקעס ביים מאָרדן און רויבן. די אָנפאַלן האָבן זיך בעיקר קאָנצענטרירט אין דער אלט־שטאָט. דאָס ענגלישע מיליטער האָט אָפּגעשלאָסן די טויערן פון דער אלט־שטאָט פון אויסן און נישט דערלאָזן דער יידישער הגנה אריינצובאַקומען זיך אינעווייניק. במשך די עטלעכע טעג פון די אָנפאַלן האָט די מאַכט בסדר דעמאָנסטרירט איר פיינטלעכע באַציונג צו די יידן און איר אונטערשטיצונג פאר די פאָגראָמשטשיקעס. זי האָט אויך געשלאָסן די טויערן פון לאַנד.

ענדלעך איז באַזייטיקט געוואָרן די „פארוואַלטונג פון די דעראָבערטע געביטן פון שונא" און ס׳איז געקומען דער הויך־קאָמיסאַר הערבערט סעמועל. אָבער

די העצע קענן די יידן איז ווייטער טאָלערירט געוואָרן. די ארעסטירקע פּאָגראָמטשיקעס איז געשענקט געוואָרן די שטראָף; איינער פון צווישן זיי, אַמין אל חוסיין איז טראָץ דעם רעזולטאַט פון די וואַלן באַשטימט געוואָרן אלס דער הויפּט-מופטי. דעם ערשטן מאַי 1921 אין דער צייט פון דער ערשטער-מאַי.דעמאָנסטראַציע פון די יידישע ארבעטער אין תל-אביב, זענען אראַבער באַפאַלן דעם חלוצים-הויז אין יפו און אָנגעהויבן דעם פּאָגראָם. ס'זענען דאָן דערמאָרדעט געוואָרן יוסף חיים ברענער און צבי שאַץ. די אויפפירונג פון דער מאַכט איז ווידער געווען פאַרברעכעריש.

דעם 2-טן נאָוועמבער 1921 זענען ווידער פאָרגעקומען אָנפאַלן אויף יידן אין ירושלים, אין דער אלטשטאָט.

י. ח. ברענער

פון תל-חי ביז ירושלים

נאָך די אָנפאַלן פון די אראַבער און בעדואינער, וואָס זענען געווען באַוואָפנט מיט פיל אייראָפּעיש געווער, אויף אונזערע פונקטן אין גליל, פאַר וועלכע מיר האָבן באַצאָלט מיטן בלוט פון אונזערע בעסטע זין און מיטן חורבן פון יידישע פונקטן (און די פאַרברעכערישע האַנט איז נאָך פאַרמאָסטן! דגניה, מלחמיה א. אַ. זענען אין גרויס געפאַר!), האָבן מיר געטראַכט: סוף כל סוף זענען אונזערע קרבנות געפאַלן נישט אין דעם טייל לאַנד, וואָס איז דעראָבערט געוואָרן דורך די ענגלענדער; ס'איז די שולד פון די פראַנצויזישע מאַכינאַציעס; וואָלט דער פונקט געפונען זיך אין דער ענגלישער סטרעפע, וואָלט אונז דאָס אומגליק נישט געטראָפן. דאַן — אין יענע שווערע פורים-טעג האָט יענער גענעראַל

אויסגעדריקט זיין מיטגעפיל דורך אַ צעטעלע און אַ רמז מיטן פינגער אויף קאַיר.

איצט — אין די טעג פון פסח אין ירושלים (אין ירושלים! אויף געוויס דורך ענגלאַנד אָקופּירטער שטח!) זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן מאַשין-געווערן קעגן אונזערע מענטשן פון דער הגנה, האָט מען אונז נישט דערלויבט צו באַגלייטן אונזערע קרבנות-קדושים, וואָס זענען געפאַלן פון די הענט פון אַראַבישע פּאָליציאַנטן, פּאָליציאַנטן פון זיין מאַיעסטעט און פון די הענט פון עפּעס אויפגעהעצטן ווילדן המון. און יענער גענעראַל? ער, וואָס ווייס, אַז בעת דער טערקישער הערשאַפט איז דעם אַראַבישן המון אפילו אויפן זינען נישט געקומען צו מאַכן אויף אונז פּאָגראָמען, ווייל אויסער די פּראָפעסיאָנעלע רוצחים וויל דאָס דאָזיקע פאָלק אונז נישט אומברענגען, כל זמן ס׳וועט זיך נישט געפינען אַזאַ, וואָס וועט אים באַווייזן, אַז מיר ווילן אים צונעמען זיין פערמעגן און ווייבער;

יענער גענעראַל, וואָס האָט געוויס געלייענט אין דער אַראַבישער פּרעסע מיט צוועלף חדשים צוריק די פריידיקע בשורה וועגן זעקס הונדערט ציוניסטן, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין ירושלים; יענער גענעראַל לאַדעט איין צו זיך די פירער פון די געמיינדעס און דערקלערט פאַר זיי, אַז אויך די יידן זענען שולדיק אין די פּאָגראָמען, וואָס זענען אויף זיי געמאַכט געוואָרן (ס׳האָט נאָך געפעלט, אַז ער זאָל צוגעבן, פּונקט ווי יענע „אַראַבישע נכבדים״, אַז מיר האָבן אַליין זיך געמאָרדעט און פאַרוואונדעט, כדי מאַכן אויף זיי בלבולים.)

אַודאי, אַן אמתע רעגירונג דאַרף נישט מאַכן קיין אונטערשיידן, זי טאָר נישט נוטה זיין צו קיין שום צד, און דעריבער ווען ס׳פאַלן אָן צען גזלנים, אַנגערייצטע ווי הינט, אויף איין דורכגייער, וואָס גייט זיך זיין וועג, און דערמאָרדן אים, און דערנאָך דערציילן זיי, אַז ער איז פריער אויף זיי אָנגעפאַלן — האָט פאַר זיך די רעגירונג צוויי צדדים, כביכול; זענען פאַראַן צוויי צדדים, זענען זיי ביידע גלייך שולדיק

פאַרן אָביעקטיוון שופט, וואָס וויל זיך נישט און קען זיך נישט שטעלן אויף איין זייט. ווייסט, יינגלעך, אַז מען טאָר זיך נישט קריגן, מען טאָר נישט פּאַגראָמירן, מען טאָר אויך נישט פּאָגראָמירט ווערן. דו, וואָס ביזט אַרומגערינגלט פון צען פּאָגראָמשטשיקעס, ס'איז דיר פאַרווערט, מ'זאָל מאַכן אויף דיר פּאָגראָמען. און זענען די פּאָגראָמען געמאַכט, ביזטו שול־דיק, פּונקט ווי די פּאָגראָמשטשיקעס. אַלע זענען גלייך פאַרן משפט!

צו אונזערע עניים

אויב ס'האָט געזינדיקט דער דעקלאַראַציע־ציוניזם מיט זיין זיכערקייט און הבטחות, דאַרפן מיר, די יידן פון ארץ־ישראל, זיין גרייט צו טראָגן די שולד.

און דער ציוניזם האָט געזינדיקט. ער האָט פאַרבאָרגן פאַרן פאָלק דעם אמת פון ארץ־ישראל. ער האָט נישט געשטאַרקט די כוחות פון פאָלק, נישט געקרעפטיקט די אַרבעט פון ישוב. ער האָט זיך אונטערגעגעבן דעם פאַרשליסן די טויערן פון לאַנד. — ער האָט אַפילו נישט באַזאָרגט הונדערט חלוצים, זיי זאָלן קענען אַרבעטן אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע אָדער שטאָ־טישע ווירטשאַפטן, וואָס זענען אויסגעבויט געוואָרן פון נאַציאָ־נאַלע געלטער, און זיין אַן אָנלען און שוץ פאַר אונזערע קינ־דער, ווען אַ פיינט וועט זיך קעגן זיי אויפהויבן. מען האָט צופיל געוואָרפן שטויב אין די אויגן, באַנוגנט זיך מיט קלאַפּן אין די פּושקעס, מיט צייטונגען־דעמאָנסטראַציעס, אַגיטאַציע פאַר געלט־מאַגנאַטן, מיט געהיימע שמועסן מיט פּאָליטיקאַנער, מיטן טרייסלען דעם מאַנדאַט, וועלכן ענגלאַנד דאַרף באַקומען אין אַ טאָג, וואָך, חודש אַרום, און דערווייל איז דער מאַנדאַט ממילא אַוועקגעגעבן געוואָרן ענגלאַנד, דער וועלט־דעראָבערערין — און די סימפּאַטיע פון די אָרענטלעכע ענגלענדער צום געדאַנק פון אומקערן דעם יידישן פאָלק אין זיין היימלאַנד, אויף וויפל

דאָס וועט נישט שאַדן די אַנדערע איינוווינער, איז פאַרבליבן בלויז אַ לאָקאַלע סימפּאַטיע, וועלכע דערוועקט אַ גאַנץ אַנ־דערע באַציונג ביי די ווירקלעכע הערשער, די גראַנד־סוחרים, וואָס קענען מאַכן כלערליי קאָמבינאַציעס. — — —

איצט, ווען אין ירושלים איז געשען דאָס, וואָס ס'איז געשען, און די האַנט איז פאַרמאָסטן און די געפאַר און די מעגלעכקייט פון אָנפאַלן נעמט אַרום דאָס גאַנצע לאַנד; איצט, ווען ס'רינגלט אונז אַרום דערדאָזיקער נאַכט־קאָשמאַר, קענען מיר נאָר זאָגן: וועלכע ס'זאָלן נישט זיין די זינד פון דעקלאַראַציע־ציוניזם, מיר, די יידן פון ארץ־ישראל, זענען גרייט זיי צו טראָגן.

דאָס קענען מיר זאָגן. און טאָן? טאָן ווייסן מיר נישט וואָס. צי ווייסן די יידן פון פויקן, אוקראַינע א. אַ. וו., וואָס צו טאָן? (און ווער ווייס, צי זענען אויך דאָרט ריין די הענט פון די „אויסלייזערס" פון פאַרגאָסענעם בלוט!). איינס ווייסן מיר: באַהאַלטן זיך — דאָס נישט. מיר וועלן אַרויסגיין אין גאַס פאַרטיידיקן זיך, וויפל ס'איז מעגלעך. ס'איז גאָר־נישט, אונז אַלעמען וועט מען נישט פאַרטיליקן. מאָרגן וועט אפשר דערשטאָכן ווערן די יידישע האַנט, וואָס שרייבט אָט די ווערטער, עפּעס אַ „שייך" אָדער „חאַדזש" וועט אין איר אַריינזעצן זיין קינדזשאַל אויף די אויגן פון ענגלישן מושל, ווי אַזוי ס'איז געטאָן געוואָרן מיטן אָרגאַנאַם שמואל הרמתי*). און זי, דידאָזיקע האַנט, וועט גאָרנישט קענען טאָן דעם שייך און חאַדזש, ווייל זי קען נישט האַלטן אַ שווערד. אָבער דאָס יידישע פאָלק וועט נישט אונטערגיין, נישט פאַרטיליקט ווערן ס'וועט דערציילן זיינע קינדער וועגן זיינע שונאים, די איבער־געבליבענע וועט דערציילט ווערן. ס'וועט דערציילט ווערן, אַז מיר זענען קרבנות פון דער רשעות, קרבנות פון דער בייז־ווילקער שטרעבונג צו מאַכט און פאַרמעגן, קרבנות פון אימ־

*) שטערבלעך פאַרוואונדעט אין ירושלים און געשטאָרבן ניסן תר"פ.

פּעריאַליזם. נישט אונזער אימפּעריאַליזם, מיר האָבן נישט קיין אימפּעריאַליסטישע שטרעבונגען, מיר ווילן דאָ נישט מאַכן קיין ממשלות. מיר ווילן קאָלאָניזירן די פאַרוואָרלאָזטע באָדנס מיט יידישע עולים, שאַפן נעבן אַראַבישן ישוב אַ יידישן אַרבעטנדיקן ישוב. דער אַראַבישער אַרבעטנדיקער מענטש איז אונז אַ ברודער.

נישט צוליב ענגהאַרציקייט האָט אונז פאַרדראָסן, וואָס ער פאַרפּלייצט די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּונקטן, גאָר צוליב וויטאָק פאַר אים, וואָס ער מוז זיך פאַרדינגען פאַר אַ בישליק *), און פאַר אונזער ברודער, וואָס דינגט אים, אונזער ברודער, וואָס האַלט זיך נישט אויס אליין, פאַר וועמען עקספּלאָאַטאַציע איז אַ נויטווענדיקער תּנאַי פון זיין קיום. ס׳וועט נאָך קומען דער טאָג, ווען ס׳וועט ענטשטיין אַ פעסטער בונד צווישן אונז, יידישע אַרבעטער און צווישן זיי, די אַראַבישע אַרבעטער.

אָבער יענער טאָג איז נאָך ווייט. און איצט גרייפן אונז אָן אונזערע שונאים. זיי ווייסן נישט, וואָס זיי טוען, זיי פאַרגיסן דאָס בלוט פון דאָס בעסטע פון דער מענטשהייט. זאָלן אָנגענומען ווערן אונזערע קרבנות!

און די מושלים, די נציבים, די פּילאַטוסן — זיי וועלן אונז שטענדיק פרעגן מיט שפּאָט און פאַראַכטונג: וואָס איז דער אמת? און מיר וועלן שטענדיק וויסן דעם אמת און געקרייציקט ווערן. דאָס איז אונזער פּריווילעגיע; וויסן דעם אמת און געקרייציקט ווערן. גאָט פון אמת, זאָל שוין קומען דיין מלוכה!

---

*) אַ קליינע טערקישע מטבע

געשלאסענע טויערן

די עגיפּטישע צייטונגען האָבן געבראַכט די מעלדונג:

„צוליב די געשעענישן אין ירושלים האָט די מיליטערישע מאַכט באַשלאָסן נישט געבן קיין אַריינפאָר־ערלויבנישן פון מצרים קיין א"י אָנהויבנדיק פון 4־טן אַפּריל, נישט דורכן ים און נישט דורך דער יבשה".

יענע, וואָס קומען קיין א"י פון דער זייט פון דמשק, פאַרהאַלט מען נישט. ווייזט אויס, יענע זענען „די געשעענישן אין ירושלים" נישט מחייב. פון דאָרטן דראָט נישט קיין שום סכנה דעם שלום אין לאַנד. די סכנה דראָט נאָר מצד די, וואָס קומען פון מערב.

יאָ, ס'איז אַ סיסטעם אַזאַ.

און אין אַלץ געפינט דער סיסטעם זיין אויסדרוק.

די טויערן פון דער אַלט־שטאָט אין ירושלים זענען אַרומגערינגלט מיט מיליטער מיט אויפגעשטעלטע באַגנעטן. מען טאָר נישט אַריינגיין. דאָס מיליטער היט... די פּאָגראָמשטשי־קעס.

און אויפן וועג פון קאַנטאַרע און אין פּאָרט פון יפו שטייט דער אָרדנונגס־היטער און זיין שווערד איז ענטבלויזט — אָפּצושטויסן דעם יידן, וואָס קומט, ער היט... „די געשעענישן אין ירושלים".

וואָס ברענגט מיט זיך אָט די צייטונגס־מעלדונג, דעם סיום פון אַ שיטה אָדער דעם אָנהויב פון אַן אדריאַנוס־גזירה?

צי זאָגט נישט אָן דידאַזיקע ידיעה, אַז מען שאַרפט, אין איינער פון די פּאָליטישע לאַבאָראַטאָריעס, די שווערד פון אַ נייער דעקלאַראַציע, וואָס זאָל אונז באַרויבן פון אונזערע האָפנונגען?

צי באדייט נישט דידאָזיקע ידיעה, אַז די „געשעענישן אין ירושלים" זענען געקומען נאָר פּדי צוצוגרייטן די בייזווי־ליקע אינטריגע?

זאָלן דעריבער וויסן אונזערע שונאים:

איר וועט אונז נישט דערשרעקן.

נישט אייער חסד האָט אונז געגעבן דאָס לאַנד און נישט אייער בייזוויליקע אָפּנאַרעריי וועט עס אָפּנעמען פון אונז.

איר וועט אונז נישט בייקומען.

מיט אונזערע קעפּ וועלן מיר אויפּברעכן די אייזערנע ריגלען.

די נייע שטרויכלונגען, וועלכע איר האָט אונטערגעלייגט אונטער אונזערע פיס, וועלן אונז נישט מכשיל זיין, די נייע געפאַר וועט אויפוועקן אין אונז די פאַרבאָרגענע כּוחות, אָנ־צינדן דעם פלאַם פון הייליקן פאַנאַטיזם, ארויסשעפּן פון די נשמה־טיפעניש די פולע איבערגעגעבנקייט, שפּאַנען צום גרויסן אויפטו.

ווער אונזערע שונאים זאָלן נישט זיין, צי פּראַים פון רויב און געוואַלט, צי נציבים פון הערשנדער „קולטור" —

איר וועט אונז נישט אונטערטעניק מאַכן.

איר האָט פאַרטוישט די באַלפור־דעקלאַראַציע אויף אַ דעקלאַראַציע פון בלוט און בלבול.

איר האָט זיך דערוואָרבן אַן אייביקן נאָמען אין דער געשיכטע:

דעם זכר פון עמלק'ן,

דעם בייזן ווילן פון אדריאַנוס'ן,

איר האָט אויסגעקריצט אייערע נעמען אין בלוט פון ירושלים —

פאַר אונז זענט איר אַ שטויב, וואָס דער ווינט יאָגט אים פונאַנדער, אַ בייטש, וואָס פאַרגייט.

איבער אונזערע קערפּערס, די קערפּערס פון אונזערע געפאַלענע,

מיטן בלוט פון אונזער האַרצן,

מיט דער ליכט פון אונזער גלויבן,
מיט אונזער לעצטער האָפנונג
וועלן מיר דורכרייסן זיך דורך יעדן טויער,
מיר וועלן זיך דורכרייסן און עולה זיין.

י. טאַבענקין

א פ ר א ג ע

מיסטער ראָלאַנד סטאָרס — דער גובערנאַטאָר פון ירושלים פאַראיאָרן, בעת ס׳זענען דאָרט געווען די פּאָגראָמען און הײַ־יאָר, ווען קיין פּאָגראָמען זענען נישט געווען — האָט דעם 15־טן מאַי געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דאַנטע אַליגיערי, דעם איטאַליענישן דיכטער, וואָס האָט באַשריבן זיינע רייזעס אין גיהינום. ער האָט רעפערירט וועגן לעבן און טויט פון דיכטער צו דעם 600־טן יאָרצייט נאָך זיין טויט. און ס׳מעלדן אונז די צייטונגען, אַז דער הויך־קאָמיסאַר האָט מיט אינטע־רעס אויסגעהערט דעם רעפעראַט. די צייטונגען מעלדן אויך, אַז אין די טעג, טעג פון טרויער פאַר די יידן פון א״י, אָרדנט מען איין אין ירושלים אין פּאַלאַץ פון דער רעגירונג און אַרום אים באַלן, רעפעראַטן, מען פאַרנעמט זיך מיט לי־טעראַטור און מיטן לעבן פון שרייבער.

מאָנטיק, דעם 2־טן מאַי, האָט מען געפונען הרוגים אין יפו, צווישן זיי דעם יידישן שרייבער יוסף חיים ברענער, וואָס האָט אויך געשריבן וועגן גיהינום און געשטאָרבן אין דעם גיהינום, וואָס רופט זיך דאָס לעבן פון יידן. צי וועט זיך פאַראינטע־רעסירן דער הויך־קולטורעלער מושל, דער הויך־קאָמיסאַר, מיטן טויט אויך פון דעם דאָזיקן שרייבער, וואָס איז געפונען גע־וואָרן אַ דערמאָרדעטער אויפן שטח, וואָס איז דעראָבערט גע־וואָרן דורך ענגלאַנד, דעם שטח, פאַר וועלכן ער, דער הויך־קאָמיסאַר, איז פאַראַנטוואָרטלעך? מ׳האָט געפונען די קערפּערס

פון י. ח. ברענער און נאָך פינף חברים, צווישן זיי דער יונ-
גער ארבעטער, צבי שאַץ און מען האָט נישט געפונען דעם
קערפער פון דריטן יונגן שרייבער, יוסף לואידאָר. צי האָבן
די לייט פון דער רעגירונג אויסגעפרעגט די איינוווינער פון
יענעם הויז, דעם איין און איינציקן יידישן הויז אין דער ארא-
בישער פאָרשטאָט, וועגן טויט פון די זעקס מענטשן, וועלכע
מען האָט געפונען אינמיטן גאַס, אינמיטן טאָג?

צי האָט מען אויסגעפרעגט די קינדער אין יענער געגנט,
וווּ איז נעלם געוואָרן דער קערפער פון לואידאָר'ן — דעם
יונגן יידישן שרייבער — וועלכער האָט געשריבן אויף ביב-
לישע טעמעס אין דער שפּראַך און אין לאַנד פון „ביבל",
וואָס איז אַזוי באַליבט ביי די ענגלענדער און אין דער ענג-
לישער ליטעראַטור? אין הונדערטער יאָרן אַרום קען זיך דאָך
געפינען אַ יורש, איינער פון די קינדס-קינדער פון נציב, וואָס
זאָל זיך אינטערעסירן מיט אַ ליטעראַרישן רעפּעראַט וועגן אַ
יידישן שרייבער, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן — און ברע-
נער איז זיין נאָמען — און זאָל פאַרצייכנט ווערן אין דער
געשיכטע, אַז פון דעם צווייטן מאַי ביז דעם 29-טן מאַי איז
קיינער נישט אויסגעפרעגט געוואָרן פון דער געגנט, האָט
קיינער פון דער מאַכט נישט אויסגעפאָרשט וועגן אָרט פון די
קערפּערס, דעם אופן פון מאָרד און די לעצטע מינוטן פון די
זעקס נפשות, צווישן זיי דער גרעסטער שרייבער אין ארץ-
ישראל, י. ח. ברענער.

ווער, ווער איז דער שרייבער, וואָס זאָל דערציילן די
דורות וועגן דעם גיהינום אין „דער נאַציאָנאַלער היים", וועלכן
ס'גרייטן צו די באַאמטע, פּאָליציי-לייט און שופטים פון דעם
הויך-קאָמיסאַר פון ענגלאַנד, הערבערט סאַמועל דעם יידן.

אייר תרפ"א

ד. בן-גוריון

ווען האבן פארגאסן דאס בלוט?

ווען ס'איז צום ערשטן מאָל צייטיק געוואָרן די פרוכט פון דער פאָגראָם-העצע און דאָס יידישע בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן אויף די גאַסן פון ירושלים אויף די אויגן פון די „באַפרייענדיקע" דעראָבערער און די רויב-און געוואַלד-מעשים האָבן געדויערט דריי טעג אָן שום שטערונג מצד דער מאַכט, האָט אויך געשאַלט דאָס געשריי פון די פאָגראָמשטשיקעס: „דולה מענא", „די רעגירונג איז מיט אונז".

אין דעם דאָזיקן געשריי האָט זיך נישט ווילנדיק אנטפּלעקט דער שוידערלעכער אמת וועגן די רשעותדיקע מעשים און די פאַררעטערישע מאַסקע איז אַראָפּגעריסן געוואָרן פון די בייזוויליקע הערשער.

צאָרניק, מוטיק און שטאָלץ האָט דער אומדערשראָקענער יידישער ישוב אויפגעהויבן זיין שטים, נישט קעגן דעם המון, וואָס איז באַשטאַנען פון מענטשלעכן אָפּפאַל, נאָר קעגן די אָפענע און פאַרבאַהאַלטענע העצער, די שפינער פון די רשעותדיקע אינטריגעס און די פאַרברעכערישע הערשער, צו וועמען די אָנפאַלער האָבן מיט רעכט גערופן: זיי זענען אונזערע. פאַר דער גאַנצער וועלט איז אויפגעדעקט געוואָרן די שולד פון די אמתע שולדיקע; זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייער אמט.

ס'איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן די פיינטלעכע צו אונז מאַכט, וואָס איז פאַרפלעקט געוואָרן מ'ט יידיש בלוט — די רעגירונג איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון הויך-קאָמיסאַר, אַ יידן.

מיטן קומען פון „יידישן" נציב האָט מען געקענט האָפן און זיך טרייסטן, אַז דער ערשטער פאָגראָם וועט אויך זיין דער לעצטער. מיר, די דערפאַרענע אין פאָגראָמען, האָבן געוווסט, אַז אָן דעם ווילן פון דער רעגירונג, אָן איר אָפענער

אָדער שטילער, אַקטיווער אָדער פּאַסיווער הילף, איז די פּאָגראָם־אַרבעט נישט מצליח. איז דען מעגלעך, אַז דער ייִדישער הערשער זאָל אויסציִען אַ האַנט צו די, וואָס האָבן פֿאַרגאָסן אונזער בלוט, אַז ער זאָל דערלויבן די מערדער פֿאַרווירקלעכן זייער פּלאַן?

מיר האָבן זינט יאָרן געקענט די אַראַבער, מיר האָבן געקענט זייער כאַראַקטער. מיר האָבן געזען פֿיל פֿאַלן פֿון רויב און מאָרד, מיר זענען עדות געווען פֿון אָנפֿאַלן און צוזאַמענשטויסן — דער אָנפֿאַלער האָט נישט אונטערגעשיידט צווישן אַ פֿרעמדן און אַ פֿרײַנט, ווײַטן און נאָענטן. אויך אונז האָט עס נישט איינמאָל געטראָפֿן. אָבער איינס האָט דאָ קיינמאָל נישט געטראָפֿן — אַ פּאָגראָם איז נישט געווען; נישט געווען, כּל־זמן די טערקישע רעגירונג, די פֿאַרפֿוילטע, די אַרע זיע, די מאַכטלאָזע און אומפֿעיִקע, די, וואָס פֿאַרווערט ייִדישע עליה און קאָלאָניזאַציע, כּל־זמן אָט די אַנטי־ציוניסטישע רעגירונג האָט נישט געוואָלט קיין פּאָגראָמען. ביז ס'איז געקומען די הויך־ציוויליזירטע רעגירונג, די מעכטיקע, די רעגירונג פֿון דער דעקלאַראַציע וועגן דער נאַציאָנאַלער היים, און אירע באַאַמטע אין לאַנד האָבן דערמוטיקט די העצער און שונאים און צוגעגרייט דעם באָדן פֿאַרן ערשטן פּאָגראָם אין ייִדישן לאַנד — און אַז דער ווילדער המון האָט געוווּסט: „דולה מענא" — האָט ער אָנגעהויבן די שחיטה.

אנשטאט דער בײַזוויליקער אַדמיניסטראַציע איז געקומען קיין א"י אַ ייִדישער הויך־קאָמיסאַר און זײַן ערשטער אויפֿטו איז געווען: אַמנעסטיע פֿאַר די פּאָגראָמשטשיקעס. דער ייִדישער ישוב האָט נישט פּראָטעסטירט און נישט געבייזערט זיך, ער האָט נישט געטראָגן אין האַרצן אַ שנאה צו די אויסוואָרפֿן, וואָס זענען דאָך געווען בלויז אַן אינסטרומענט אין די הענט פֿון אַנדערע. איינס האָט געוואָלט און געפֿאָדערט דער ישוב: דערווײַטערן די שולדיקע אַדמיניסטראַציע, דערווײַטערן די באַאַמטע, וואָס זענען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן פֿאַרגאָסענעם בלוט, זיי זאָלן מער נישט העצן און אָרגאַניזירן געהיים און

אָפּן און דער המון זאָל מער נישט גלויבן, אַז „דולה מענא״!

מ׳טן קומען פון יידישן הויך-קאָמיסאַר האָט דער יידי-שער ישוב געמיינט, אַז זיין גערעכטע פאָדערונג איז דער-פילט געוואָרן. געמיינט, אַז דאָס לאַנד איז באַפרייט געוואָרן פון דער הערשאַפט פון באַאַמטע, וואָס זייער דעוויז איז: „טייל און הערש״, וואָס העצן און בלאָזן פונאַנדער אַ שנאה צווישן פאָלק און פאָלק. דער ישוב האָט געמיינט, אַז פון איצט וועלן אַלע פאַרברעכערישע און בלוטדורשטיקע כוחות וויסן, אַז די רעגירונג איז נישט מיט זיי, אַז יידיש בלוט און געלט איז נישט הפקר, געמיינט און אַ טעות געהאַט.

די באַאַמטע פון העצע, קריגעריי און יידן-שנאה זענען נישט דערווייטערט געוואָרן. ס׳איז פאַרבליבן אויף איר אָרט און שטעלע נישט נאָר די נידעריקערע פּאָגראָמשטשיקעס-מאַסע, וואָס האָט געזייט איבערן לאַנד דעם גיפט פון שנאה — דער הויך-קאָמיסאַר האָט געשטיצט איינעם פון די שעפן פון דער פאַרבלוטיקטער אַדמיניסטראַציע, דעם גובערנאַטאָר פון ירושלים, ראָנאַלד סטאָרס, וועלכער איז בעיקר פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן ירושלימער פּאָגראָם. און אַזוי האָט זיך דער הויך-קאָמיסאַר פון ערשטן טאָג פון זיין קומען געשטעלט אויף אַ וועג, וואָס האָט מיט אַן אכזריותדיקן פאַטאַליזם געפירט צו דער שחיטה אין יפו און צום צווייטן פּאָגראָם אין ירושלים.

בעתן ערשטן פּאָגראָם האָט דער המון געשריען: „דולה מענא״. בעתן צווייטן פּאָגראָם האָט דער דעמאָנסטרירנדיקער המון געטראָגן דעם מושל פון ירושלים אויף די הענט... די צייטונגען מעלדן, אַז ראָנאַלד סטאָרס האָט געהאַלטן אַ רעדע פאַר די פאַרזאַמלטע, איידער זיי זענען אַרויס אויף רויב און מאָרד. מסתמא האָט ער צוגערעדט זיי, מ׳זאָל זיין רויק, פירן זיך לייטיש, נישט שטערן די רו. וועט דען רעדן אַנדערש דער מושל פון ירושלים, די רעכטע האַנט פון „יידישן״ הויך-קאָמיסאַר? די פאַרזאַמלטע האָבן זיך געפרייט, צוגעהערט צו די רייד פון גובערנאַטאָר, געטראָגן אים אויף די הענט —

און אריינגעריסן זיך אין די יידישע גאסן צו מאָרדן און פארניכטן...

אמת, זיי זענען אָפּגעשטויסן געוואָרן — אָבער דאָס איז שוין נישט געווען די שולד פון גובערנאַטאָר פון ירושלים...

די פאַגראָמשטשיקעס האָבן געוווסט, וואָס דער גובער־נאַטאָר טראַכט. זייער זכרון האָט זיי נישט פאַרפירט. ווען זיי זיך צוהערן צו פאַלשע רייד? איז עס נישט דיזעלבע „דולה״, וועלכע איז געווען מיט זיי מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק בעת דעם ערשטן פאָגראָם? איז דען אויך דאָן נישט געווען צווישן זיי דערזעלבער מענטש?

ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן יידישן בלוט, וואָס איז ווידער פאַרגאָסן געוואָרן אויף די גאַסן פון ירושלים?

אויך איצט איז דער פּאָגראָם עפנטלעך צוגעגרייט גע־וואָרן.

ס׳האָבן געוווסט די יידן פון ירושלים; ס׳האָט געוווסט די רעגירונג. אויך איצט האָט די רעגירונג באַרויקט די יידן און צוגעזאָגט, אז זי וועט נישט דערלויבן קיין „אומאָרדנונגען״. זי האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט און נישט דערלויבט. זענען די „אומאָרדנונגען״ געמאַכט געוואָרן אָן אַ דערלויבניש... אָן אַ דערלויבניש האָט מען פאַרשלאָסן די קראָמען, האָט געהוליעט דער המון אין די גאַסן, האָט מען געוואָרפן שטיינער אויף די יידן, אָנגעפאַלן אויף קראמען, פאַרזאַמלט זיך אין מעטשעט, דערמאָרדעט פיר יידן און פאַרוואונדעט צענדליקער, אַלץ אָן אַ דערלויבניש.

גאַנצע שעהן זענען עפנטלעך אָפּגעטאָן געוואָרן מעשים פון רויב און מאָרד „אָן אַ דערלויבניש״ און די רעגירונג האָט נישט געשטערט, נישט געמישט זיך, נישט איבערגעריסן.

1929

ב. בצנלסון

נאך דעם געצוווּנגענעם שווייגן

במשך די ניין טעג פון אומגליק איז דער יידישער ישוב, דער געשטאָכענער און בלוטיקנדיקער, געווען אויסגע־שטעלט אויף די ציין פון די גיריקע חיות, אויף דער שנאה פון פּאָגראָמשטשיקעס און בלבולים־מאַכערס, אויפן שפּאָט פון שטאָלצע הערשער און געהאַט אַ פאַרשטאָפּט מויל, נישט גע־קענט ברענגען זיין געשריי צו זיינע ברידער, נישט געקענט רופן צו הילף, צו פאַרקלאָגן זיך אויף זיין ווייטאָק, אָראָפּוואַרפן פון זיך די ווערטער פון שנאה און בלבול. געשלאָסן געוואָרן די צייטונג, איבערגעריסן דער טעלעפאָן, איבערגעהאַקט דער טעלעגראַף, איבערגעריסן געוואָרן דער קאָנטאַקט מיט דער וועלט.

איצט נאָכדעם, ווי דער אויפגעהעצטער גיריקער און בלוטדורשטיקער המון האָט זיך אָנגעטראָפן נישט נאָר אויף שעפסן, וואָס ווערן געפירט צו דער שחיטה, נאָר אויך אויף אַ כוח, וואָס פאַרטיידיקט זיך און ענטפערט מוטיק אויפן אָנ־גריף און שטויסט אָפּ דעם אָנגרייפער, נאָכדעם, ווי אָט דער המון האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף צוריק; נאָכדעם, ווי אונזער פאַרשטאַרקטע שטים האָט דורכגעבראָכן אַלע צוימען

און אונזער געשריי האָט געמאַכט אויפציטערן די גאַנצע וועלט אין אַ־וויסנצוואָרפן דאָס געווער פון די הענט פון די רויבער; ווען די, וואָס שטייען הינטער זייער פּלייצע צו זען, וואָס וועט מען מיט אונז טאָן, זענען געצוווּנגען געוואָרן צו אָפּטרעטן פון זייער באַקוועמער פּאָזיציע — ערשט איצט איז אונז, די חורבה און אָפּגעסמאַליעטע, געגעבן געוואָרן דאָס רעכט צו רעדן, געגעבן געוואָרן אונטער באַדינגונגען, מיט אַ בפירושער באַוואָרעניש וועגן „פולער קאָנטראָל".

און ווען מיר באַנייען דעם „דבר" אין דידאַקטיע באַדינגונגען, דערקלערן מיר אָפן: אויב מען מיינט באמת דעם שלום פון לאַנד, נעמען מיר אָן גערן די באַדינגונגען. אויך אָן באַפעלן זאָרגן מיר וועגן פרידן פון לאַנד, זיין זיכערהייט און דעם שלום פון די אַרומיקע לענדער. ווייל ס'איז אונזער לאַנד, אין אים וועלן מיר לעבן, אין אים וועלן מיר שטאַרבן; זיין פרידן באַדייט אונזער פרידן. אָבער אויב דער באַפעל מיינט אונז איבערצושרעקן, מיר זאָלן פאַרדעקן דעם אמת, מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון שטעמפּלען די פאַרברעכנס און פאַרברעכער, מיר זאָלן אויפהערן צו פאָדערן גערעכטיקייט, מיר זאָלן זיך צוגעוווינען צום מצב פון לית דין ולית דיין, מיר זאָלן גומל בענטשן, וואָס מיר זענען ארויס „בשלום" פון לייבס שלונג, אויב דאָס מיינט דער באַפעל — וועלן מיר אים נישט פאָלגן.

קיין שום דראָונג צו פאַרשליסן די צייטונג וועט אונז נישט אָפּהאַלטן פון שרייען אונזער געשריי, פאָדערן גערעכטיקייט, וואָרנען קעגן דער סכנה, שטעמפּלען ביים נאָמען אונזערע פייניקער און די העצער קעגן אונז, זוכן די אונטערצינדער און פאַרברעכער, וואָס האָבן אָנגעשטעלט קעגן אונז מערדער און רויבער צו דורכפירן אויף אונז די פּלענער פון זייערע באַפולמעכטיקער. קיין שום זאַך וועט אונז נישט אָפּהאַלטן פון שטעמפּלען די בלוטיקע רעגירונג, וואָס צוליב איר גלייכגילטיקייט און נאַכלעסיקייט, איר שווייגן און טאָלערירן, צוליב אירע פּאַלשע און אויפרייצנדיקע מאַכינאַציעס איז פאַרגאָסן געוואָרן אונזער בלוט, דערמאָרדעט געוואָרן טייערע

מענטשן, מענטשן פון העכערער קולטור, פון גייסט און שאַפונג; צוליב דער פּאַסיוויטעט און נאָכלעסיקייט פון דער דאָזיקער רעגירונג איז באַרויבט געוואָרן די פרוכט פון האָרעוואַניע פון דורות און פון אָנשטרענגונגען פון אַ שאַפנדיקן פאָלק.

„די קללה פון אַלע קולטור־פעלקער פאַלט אויף די זיניקער, די מערדער און רויבער" — אַזוי האָט פּראָקלאַמירט דער הויך־קאָמיסאַר פּאַר א"י אין טאָג, ווען ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער באַפעל וועגן דערלויבן די צייטונגען צו דערשיינען ווידער. אַזוי איז געזאָגט געוואָרן וועגן פינסטערע, בלינדע, פאַרבלענדעטע, אומגליקלעכע און אָרעמע מענטשן, וואָס ווייסן נישט, וואָס זיי טוען און פאַרוואָס זיי טוען, מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען טאָן די שליחות פון רויב און די שליחות פון מצוה. צי פאַלט נישט אַ סך מער די קללה אויף די קעפּ פון די שיקער, העצער, אונטערצינדער, צי זיי טראָגן די קליידונג פון מוסלעמענישער גייסטלעכקייט צי די גאַלאַ־אוניפאָרמען פון בריטישן באַאַמטנטום, צי זיי שפּאַרן אָן זייער שטול אויף רעליגיעזן פאַנאַטיזם, צי זיי שפּינען זייערע פּאָליטישע אינטריגעס אַלס פּראָפעסיאָנעלע העצער צווישן פאָלק און פאָלק, געמיינדע און געמיינדע.

ניין טעג איז אונזער מויל פאַרשטאָפּט געווען מיט זאַמד און בלוט. מיר ווייסן נאָכנישט, צי איז עס שוין אַריבער. מיר ווייסן נאָכנישט, צי זענען אונזערע געשאָכטענע און פאַרברענטע ברידער אונזערע לעצטע קרבנות. מיר ווייסן נאָכנישט, צי איז באמת שוין געשאַפן געוואָרן די צוגעזאָגטע אָרדנונג, צי זענען מיר שוין פאַרזיכערט קעגן נייע סיורפּריזן פון שנאה און העצעי שוואַכקייט און נאָכגיביקייט.

ס'איז נאָכנישט די צייט, מיר זאָלן באַוויינען אונזערע געפאַלענע, ווייל דער פראָנט איז נאָך פון פאָרנט און הינטן, ס'הערשן נאָך איבער אונז די מושלים פון ירושלים, חברון און צפת און נישט זיי וועלן אונז אומקערן דעם שלום און די רו. מיר האָבן נאָך דעם פראָנט פון אַלע זייטן, ווייל נישט נאָר אויפן לעבן און פאַרמעגן פון יחידים האָט זיך פאַרמאָסטן

דער פיינט, ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויפן כלל, ער האָט גע-וואָלט פאַרשניידן אונזער האָפנונג, פאַרטיליקן אונז, זאָגן דעם יידישן פאָלק, ווו ער איז: זאָגט זיך אָפּ פון ארץ-ישראל, אייער האָפנונג איז פאַרלוירן, אייער האָרעוואַניע איז געווען אומזיסט. אָבער מיר האָבן זיך באַוועגט קעגן דער טייוולאָני-שער אינטריגע, ווי צאָלרייך אונזערע קרבנות זאָלן נישט זיין, און מיר דאַרפן נאָך איצט, טאָג איין — טאָג אויס, שעה איין — שעה אויס פאַרטיידיקן אונזער האָפנונג. מיר וועלן זיך נישט באַגנוגענען מיט פאַלשע טרייסטונגען און צוזאָגן, מיר וועלן זיך נישט לאָזן פאַרפירן. מיר לעבן אין אונזער בלוט, אין אונזער בלוט וועלן מיר לעבן. אויך ווען מיר זענען פאַרוואונדעט און צעווייטיקט, וועלן מיר זיך נישט אונטערגעבן, נישט בויגן אונזער קאָפּ און בשום אופן וועלן מיר נישט אָנ-נעמען אַ באַוועגונג פון רויב און מאָרד ווי אַ נאַציאָנאַלע באַפרייונגס-באַוועגונג אָדער ווי אַ רעליגיעזן פלאַם. דורך אַלע פאַרשלאָסענע טויערן וועלן מיר ברענגען דער וועלט דעם אמת פון אונזער שאַפונג און פיין. זאָל וויסן די וועלט, אַז מיר זענען אַ האַרטנעקיק פאָלק און אַז מיר האָבן איינס באַשלאָסן: לעבן און נישט שטאַרבן, שאַפן און נישט אונטערגעבן זיך. פאַרוואָרצלען זיך אין היימלאַנד און נישט אַוועקגעריסן ווערן פון איר.

ש. יבניאלי

ווער דאַרף באַשטראָפט ווערן?

די יידישע שונאים פון צווישן די איינוווינער אין לאַנד האָבן געמאַכט אויף אונז פאָגראָמען מיט די הענט פון אַראַבישן המון און יוגנט, וואָס זענען אויפגעהעצט געוואָרן מיט פאַלשע קלאַנגען וועגן געפאַרן פאַר זייער רעליגיע, צערייצט געוואָרן דורך דער תאוה פון רויב און מאָרד, אָפּגענאַרט געוואָרן דורך

פאַלשע צוזאָגן און דערמוטיקט געוואָרן דורך „אלדולא מעאנה" (די רעגירונג איז מיט אונז).

ווער האָט צוגעגעבן פייער צום פלאַם, ווער האָט זיך אַזוי צוגעאײַלט באַלד איבערצורײַסן די פאַרבינדונגען צווישן אונז און צווישן אונז און דער וועלט? אַזוי ווערט דערציילט וועגן אבן פארוק, דעם אַראַבישן דעספּאָט, וואָס האָט געפּײַניקט דעם יידישן ישוב אין ירושלים מיט 300 יאָר צוריק: „זעלנער האָבן געהיט די טויערן פון דער שטאָט, קיינער זאָל פון איר נישט אַנטלויפן כדי צו מודיע זײַן וועגן די מעשים פון דעספּאָט אין די הויכע רעגירונגס־קרײַזן". און ווער האָט געוואָלט אַרויסנעמען פון אונזער האַנט דאָס פאַרטיידיקונגס־געווער?

די א"י־רעגירונג פלעגט מודיע זײַן, אַז זי באַהערשט די לאַגע. מיר זענען עס מודה. ריכטיק. די רעגירונג האָט באַהערשט די לאַגע און בעת איר באַהערשן האָט געדויערט אין לאַנד דער צושטאַנד פון אָנפאַלן אויפן יידישן ישוב אין משך פון צוויי וואָכן, אַ צושטאַנד פון אַמלחמה, וואָס איז געפירט געוואָרן דורך אַ באַנדע אָנפירער און אָרגאַניזאַטאָרן. וועלכע האָבן אַרומגעפירט אין אויטאָס די העצער און געווער פון דאָרף צו דאָרף. די רעגירונג האָט באַהערשט די לאַגע און נעבן אירע אַמט־לאָקאַלן, נישט ווײַט פון אירע באַאַמטע און מושלים זענען אײַנגעאָרדנט געוואָרן די שחיטות אין ירושלים, אין קוואַרטאַלן פון די גורדזשעס, און אין חברון. אונטער דער הערשאַפט פון אָט די מושלים איז אָנגעצונדן געוואָרן אַפייער אין לאַנד און פאַרצוקט הונדערטער פון „פּאַלעסטינער פאָלק": יידן און אַראַבער. די פראַגע איז נאָר, צי דאַרפן אַזעלכע מושלים, נאָכן באַווײַזן אַזעלכע פעיקייטן, פאַרבלײַבן אין די ביוראָען פון דער מלוכה אָדער זיי דאַרפן אַוועקגעפירט ווערן, געשמידטע אין קייטן, אין די תפיסות פון דער מלוכה.

ז. רובאשאוו

אונזער אמתע תשובה

דעם יידישן ישוב אין א״י האָט פאַרפלייצט אַ כוואַליע פון בלוט, שנאה, אַפּנאַרעריי, אַטענטאַט. נאָך די יאָרן פון אָנשטרענגונגען פון בוי און האָפנונג, פון לעבן פון רו און שלום, פון אַ מאַכט, וואָס האָט זיך כסדר פאַרפעסטיקט און געווען זיכער, האָט קיינער נישט פאָרגעשטעלט זיך, אַז די האַנט וועט נאָך נעמען די שווערד און אַפּאַרבלוטיקטע לויערן אומעטום, ווי זי האָט געלויערט אין יענע ערשטע ווילדע טעג. דעריבער איז פאַרבליפט געוואָרן דער ישוב אין אָנבליק פון תהום, וואָס האָט פּלוצלונג געעפנט זיין שלונג. אָבער ווען ער, דער דערפאַרענער אין ענטוישונגען, האָט זיך איבערצייגט, אַז ס׳דויערט נאָך דער פריערדיקער אומגליק, האָט ער אים אויפגענומען, ווי ס׳נעמט אויף אַנ׳אוראַלט פאָלק, וואָס האָט אַנ׳אייזערנעם ווילן און פאַר וועמען דאָס דאָזיקע לאַנד, דאָס לאַנד פון זיין האָפנונג, איז דאָס לעצטע.

ווייל אין אונזער זכרון און אין זכרון פון אונזערע שכנים אין לאַנד וועלן אָט די טעג פון צאָרן פאַרבלייבן נישט נאָר ווי בלוטיקע טעג, נאָר קודם כל ווי טעג פון יידישער גבורה, וועלכע ס׳האָבן נישט געזאָגט נישט מיר און נישט אונזערע שונאים. פון זיך האָט אַ שפרונג געטאָן דידאָזיקע יונגע גבורה, געהיט געטריי, געשפּאַנט ווי אַבויגן. אויך די שטאָטישע יוגנט, וועלכע מיר האָבן געהאַלטן פאַר געגאָסן פון פאַלשן מעטאַל, צופרעסן פון לייכטקייט, ווי אַזוי האָט עס זיך אין איין נאַכט פון צאָרן פאַרוואַנדלט אין שטאָל! אין הארץ פון ישוב, אין זיינע פאַרוואָרפענע ווינקלען, אין די איינזאַמע אַרבעטס-פּונקטן, און די פאַרפלאָנטערטע גאַסן פון שטעט — האָט געבלאַנקט די יידישע גבורה, אומדערשראָקן, גרייט אויף יעדן קרבן. ווי אַזוי זענען עס אָפּגעשטויסן געוואָרן אָנפאַלן פון די שונאים, וויאַזוי האָבן ווינציקע בייגעשטאַנען פילע, ווי אַזוי האָט מען זיך מוסר נפש געווען אויף דער וואַך פון

פאָלקס־פאַרמעגן. פון דעראָבערטע פּאָזיציעס — אונזער גאַנצע לאַנד איז איבער איין טאָג געוואָרן תל־חי, אונזער יוגנט־ברידער פון יוסף׳ן.

די כוואַליע האָט געפּלייצט — דער יידישער ישוב האָט איר אויפגענומען ווי אַמעכטיקער פעלז.

אָבער דער פייל איז דאָך געשיקט געוואָרן נישט נאָר קעגן ישוב אין לאַנד. נישט נאָר קעגן די הונדערט און פופציק טויזנט יידישע נפשות, וואָס זענען אין לאַנד, איז געשפּאַנט געוואָרן דער בויגן, זייער זינד באַשטייט דאָך אין דעם, וואָס זיי זענען אַן אָנהויב פון אַ באַוועגונג, וואָס האָט אירע וואָרצלען אין גאָר דער וועלט. דאָרטן, אויף יענער זייט ים, געפינט זיך דאָס פאָלק, וואָס אויף זיין האָפנונג האָט זיך עס פאַרמאָסטן דער שונא. פון די טיפעניש פון אָט דעם פאָלק איז דאָך עס געקומען דער יידי־שער ישוב אין לאַנד, ווי זיין געטרייער שליח, דער טרעגער פון זיין האָפנונג און וויזיע. אָט דאָס וואונדער־פאָלק, וואָס זיין שאָטן וואַרפט פונדערווייטנס אַן אַשרעק, האָט עס דעם ישוב געגעבן די מאַכט פון ווילן, די האַרטנעקיקייט; זיין גבורה האָט עס באַהויכט דעם ישוב, זיין קאַמף האָט עס דער ישוב גע־פירט; אויף אים ליגט עס היינט ווי שטענדיק זיין האָפנונג דער ישוב. ווי וועט דאָס פאָלק אויפנעמען די בשורה פון יענע טעג, ווי וועט עס ענטפערן.

אַז ישראל וועט שרייען, אַז ער וועט קלאַפּן אין די טויערן פון די בריטישע אַמבאַסאַדאָרן אין גאַנצן גלות און פאַרטראָגן זיי זיין צאָרן און פּראָטעסט — דאָס האָבן מיר גע־ווּסט. דאָס האָט געוווּסט דער שונא. דאָס יידישע פאָלק האָט דערפאַרונג אין פּראָטעסטירן. אָבער צי וועט עס נאָך די פּראָ־טעסטן פאַרפעסטיקן זיך אין זיין ווילן, ענטפלעקן — און באַלד, אָן שום שהיות — זיין גבורה, זיין האַרטנעקיקייט? אָפּשטויסן דעם אָנגריף אויף אים, ווי ס׳האָט אָפּגעשטויסן די פאָדערשטע פּאָזיציע? עולה זיין? אויב הונדערט זענען געפאַלן, צי וועלן קומען — און באַלד — טויזנט פאַרפילן זייער אָרט? און אויב אַ שייער איז פאַרברענט געוואָרן, צי וועט באַלד קומען דער

קאָלאָניזאַטאָרישער אויפטו צוגעפּאַסטן ווידעראויפבויען דאָס פאַרבאַרענטע?

די טעג פון פּרווו זענען געקומען אין אַ צייט פון פאַר־שטאַרקונג פון פאָלקס־ווילן. נאָר נעכטן האָבן ווייטע זיך באַ־קענט מיטן פאָלקס־אויפטו און געשווירן אים טרייאַשאַפט. אין גלות זענען ווי צייטיק געוואָרן טעג פון צוגרייטונג, ס׳זענען געהערט געוואָרן צוזאָגן און געמאַכט געוואָרן פּלענער אויף דער פאָלקס טריבונע. אָבער אָט זענען געקומען פּרווו־טעג: און די אויגן זענען איצט אויפגעהויבן צו די טיפעניש פון דער באַוועגונג: צו די סניפים פון החלוץ, צו די הכשרה־קיבו־צים, צו די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, צו די אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען: צי וועט די גבורה זיך דורכרייסן? צי וועט זי ענטפערן?

דעריבער זאָל זיבן מאָל געבענטשט זיין יעדער עכאָ, וואָס קומט פון גלות, יעדער גרוס, וואָס ברענגט מיט זיך טאַט, יעדער פּראָטעסט, וואָס ברענגט מיט זיך די עליה, יעדע אויפטרייסלונג, וואָס איז באַגלייט — שוין — מיט פאַרשטאַר־קונג פון ווילן און פון מעשים.

ווייל קעגן שנאה און צעשטערונג וועלן מיר אויפשטעלן מחנות פון עולים־בויער, קעגן דער פאַררעטערישער אינטריגע־די האַרטנעקיקייט פון חלוצישן טאַט.

זענען אַרויסגעפאַלן ציגל, וועלן מיר אויפבויען אַ פעלזן־בנין.

ד. בן־גוריון

פאקטן און מסקנות

דער בלוטיקער אָנגריף אויפן יידישן ישוב איז אָפּגע־שטויסן געוואָרן קודם כּל מיטן כוח פון אונזער זעלבסטשוץ. ווען נישט די זעלבסטשוץ, וואָס האָט פאַרטיידיקט דעם יידישן ישוב זינט דער ערשטער שעה פון אויסברוך פון די געשעע־

נישן, וואָלט דאָס מיליטער, וואָס איז שפּעטער געקומען, אפשר נישט געקענט ראַטעווען דעם ישוב פון פאַרניכטונג.

אין דעם דאָזיקן שווידערלעכן פּ־ווו האָט זיך פאַר אַלע־מענס אויגען ענטפּלעקט די טרייע גבורה פון דער יידישער זעלבסטשוץ און די טראַגישע אומבאַדינגקייט פון איר עקזיס־טענץ.

אין דעם זעלבסטשוץ האָבן מיר שטענדיק געזען דעם יסוד פון אונזער זיכערהייט און ערע אין לאַנד. אונזער באַ־וועגונג האָט שטענדיק אָנערקענט, אַז כל זמן מיר האָבן נאָך נישט פאַרווירקלעכט אונזער היסטאָרישן ווערק אין לאַנד, זע־נען מיר פאַרפליכטעט צו קאָנען זיך באַנוצן מיטן דאָזיקן נאַטירלעכן און הייליקן רעכט אונזערן. די בלוטיקע געשעע־נישן האָבן עס באַשיינפערלעך באַוויזן פאַר דער גאַנצער וועלט. זעלבסטשוץ איז אונזער רעכט און פליכט, און מיט אונזער גאַנצן ווען ווען מיר זיך ביי איר האַלטן כל זמן ס'וועט זיין נויטיק — מיר וועלן אויך וויסן צו אָפּהיטן איר ריינקייט און גערעכטיקייט. יעדער פאַל פון נישט געהעריקן באַנוצן זיך מיטן דאָזיקן רעכט טרעפט אונזערע הייליקסטע ווערטן און פעלשט דעם ווערט פון זעלבסטשוץ. אונזער כח ליגט אין דער ריינקייט פון אונזערע טאַטן.

די דירעקטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די בלוטיקע אומרוען אין לאַנד פאַלט אינגאַנצן — נישט נאָר אויף די אוממיטל־באַרע אויספירער פון די מאָרד־און רויב־אַקטן, ד. ה. נישט נאָר אויף די פּאָגראָם־באַנדעס און זייערע בלוט־דורשטיקע הע־צער — נאָר אויך אויף דער א״י־דיקער אַדמיניסטראַציע. ס'זענען געווען באַאַמטע, וועלכע האָבן אין די גרויזאַמע טעג געטריי דערפילט זייער שווערע אויפגאַבע, אייניקע הויפּט־באַ־אַמטע פון דער אַדמיניסטראַציע, צווישן זיי אויך דער הויך־קאָמיסאַר, זענען ביים אויסברוך פון די געשעענישן נישט גע־ווען אין לאַנד. זייער אָרט האָבן אָבער דערפילט פאַרטרעטער, וועלכע האָבן געהאַט אין זייער האַנט די גאַנצע מאַכט. און זיי האָבן ביי די געשעענישן, פאַר זיי און נאָך זיי, אַרויסגע־

היזן זייער גאַנצע אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט, צו צוליבן פעלן פון טריישאַפט, צי צוליבן פעלן פון טאַטפעיקייט. די אָנפירער פון דער אַדמיניסטראַציע האָבן די גאַנצע צייט נישט געשטערט דער אָפענער העצע, האָבן פאַרפירט דעם ישוב מיט באַרויקונגען און פאַלשע צוזאָגן, האָבן נישט געזאָרגט פאַרן שלום אין לאַנד, נישט אָנגענומען קיין מיטלען צו פאַרמיידן די שחיטה און דעם חורבן, האָבן נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן די פאַגראָמשטשיקעס און צווישן די, וואָס האָבן זיך געשיצט בלויז, און האָבן מיט זייער גאָרנישט טאָן געשטאַרקט די מערדער.

אין אָטעטאַט אויפן יידישן ישוב, וואָס איז אָרגאַניזירט און צוגעגרייט געוואָרן דורך דער מופטי־גרופע, זענען אריינגעצויגן געוואָרן מאַסן שטאָטישע און דאָרפישע אראַבער, באַזונדערס בעדואינער, געלאָקט דורך דער תאוה פון רויב און מאָרד. יעדע באַגאַטעליזירונג פון דער סכנה, וואָס האָט באַדראָט דעם ישוב, האָט געבראַכט שאָדן, האָט פאַרפירט. מיר זענען געשטעלט געוואָרן פאַר אַן אויסברוך פון די שרעקלעכסטע אינסטינקטן פון א ווילדער מאַסע — אויפגערייצטער רעליגיעזער האַס, בלוטדורשטיקייט און תאוה נאָך רויב; דער ציל איז געווען קלאָר און שוידערלעך: פאַרניכטן דעם גאַנצן יידישן ישוב און זיין ווערק אין לאַנד.

מען מוז אָבער אויך באַצייכענען דעם פאַקט, וואָס א סך אראַבישע ישובים, צווישן זיי די מערהייט פון די ישובים, וואָס געפינען זיך בשכנות מיט די יידישע קאָלאָניעס און ווירטשאַפטן, האָבן זיך נישט באַטייליקט אין די אָנפאַלן. דער גרעסטער טייל פון די אַראַבישע דערפער זענען נישט צוגעשטאַנען צו די רויבער און מערדער, נישט קוקנדיק אויף דער אומאויפהערלעכער העצע און אויפרייצונג און טראָץ די פיל איינלאַדונגען, וואָס זענען דורך די העצער געשיקט געוואָרן צו די אראַבישע דערפער אָנצוגרייפן זייער יידישע שכנים. ס׳האָבן זיך אויך געפונען צווישן די אראַבער אזעלכע, וואָס האָבן טריי און איבערגעגעבן באַשיצט זייערע יידישע שכנים,

כאָטש דאָס איז אָפט געווען פאַרבונדן מיט לעבנס-סכנות פאַר די באַשיצער.

די דירעקטע שולדיקע אין רויב און מאָרד דאַרפן באַשטראָפט ווערן מיט דער גאַנצער האַרבקייט, לויט דער גרויס פון באַגאַנגענעם פאַרברעכן און פאַרניכטונג.

די דירעקטע שולדיקע אין די גרויל-טאַטן זענען נישט נאָר די פּאָגראָם-באַנדעס, וואָס האָבן מיט זייערע אייגענע הענט גערויבט און געמאָרדעט, נאָר אויך — און בעיקר — די העצער, וואָס האָבן גערייצט די מאַסן, פאַרשפּרייט בלבולים אויף די יידן און איינגעפּלאַנצט אין ווילדן המון דעם גלויבן, אַז די בלוט-פאַרגיסונגען, רויב און פאַרוויסטונג וועלן נישט באַשטראָפט ווערן, ווייל „די רעגירונג איז מיט אונז". די שטראָפן דאַרפן חל זיין נישט נאָר אויף די רויבער און מערדער, נאָר קודם-כל אויף די אויפהעצער. בכדי אַזעלכע פאַרברעכנס זאָלן זיך מער נישט איבערחזרן, מוז אַרויסגעריסן ווערן דער גלויבן, אַז יידישער לעבן און פאַרמעגן זענען הפקר.

מיר ווילן נישט פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן פאַר די בלוטיקע געשעענישן דעם גאַנצן אַראַבישן פאָלק. מיר דאַרפן ענטשלאָסן פאָדערן באַשטראָפן די שולדיקע, סיי איינצלנע, סיי געמיינשאַפטן, אָבער בלויז די שולדיקע. אין דער דאָזיקער שווערער צייט, ווען מיר דאַרפן זיך באַשיצן קעגן אויפגעהעצטע בלוט-און רויב-דורשטיקע מאַסן — מוזן מיר מיט אונזער גאַנצן מאָראַלישן און געזעלשאַפטלעכן כוח באַקעמפן יעדן פּרווו פון נאַציאָנאַלער אויפהעצונג צווישן אונז; מיר מוזן זיך ענטקעגנשטעלן יעדן פּרווו צו פאַרטיפן דעם אָפּגרונט צווישן אונז און די אַראַבער.

די זאָרג פאַרן שלום — אומאָפּהענגיק צי ער איז נאָנט אָדער ווייט — צווישן אונז און אונזערע שכנים דאַרף אונז נישט ווייניקער פאַרנעמען, ווי די זאָרג וועגן זיכערהייט און אויסמיידן אומרוען אין דער צוקונפט.

מיר דאַרפן כסדר טאָן אַלץ, וואָס מיר זענען נאָר ביכולת

כּדי צו דערנענטערן די מעגלעכקייט פֿון נאָרמאַלע שכנים־באַציונגען צווישן אונז און די אַראַבער.

מיר וועלן מיט קיין זאַך נישט מותּר זיין פֿון אונזערע ציוניסטישע פֿאָרמעסטונגען; מיר וועלן זיך אַפילו אויף איין ווײַלע נישט אָפּהאַלטן פֿון פֿאַרשטאַרקן אונזער ווערק אין לאַנד. מיט מער עקשנות וועלן מיר איצט פֿאָרזעצן דעם קאַמף צו פֿאַרשטאַרקן דעם יידישן ישוב דורך אַרײַנפֿירן די יידישע אַרבעט אין יעדער יידישער ווירטשאַפֿט אין דאָרף און שטאָט און דורך פֿאַרשטאַרקטער ענטוויקלונג פֿון אונזער זעלבסט־אויסקום. מיר וועלן אָבער נישט צו־שטיין צו קיין שום פּרוּוו פֿון נקמה און נאַ־ציאָנאַלן באָיקאָט. מיר קערן זיך צוריק אין אונזער לאַנד בכדי צו בויען אין אים אונזער צוקונפֿט מיט אייגענע כּוחות — אָבער נישט אויפֿן חשבון פֿון אַנדערע און נישט צו זייער שאָדן. מיר זענען פֿאַראינטערעסירט אין אויפֿבלי פֿון לאַנד, פֿאַר אַלע זײַנע אײַנוווינער. בויענדיק דאָס לאַנד, ווילן מיר אויפֿריכטן אַלע זײַנע אײַנוווינער. אונזער האַנט, וועלכע מיר שטרעקן אויס נאָך שלום, וועט זיך נישט אָפּשרעקן פֿאַרן מערדערישן קינזשאַל. ווי פֿריער וועלן מיר ווײַטער פֿאָר־זעצן אונזער שטרעבונג צו דערהאַלטן שכנישע באַציונגען פֿון קעגנזײַטיקער הילף און פֿאַרשטענדיקונג. ווי ביז איצט וועלן מיר אויך ווײַטער גרייט זיין צו געמיינזאַמער טעטיקייט מיט די אַראַבישע אַרבעטנדיקע צו פֿאַרטיידיקן די רעכט פֿון אַר־בעטער און צו אויפֿהייבן זיין לעבנס־ניוואָ און מיט איבע־געגעבנקייט העלפֿן דעם אַראַבישן אַרבעטער אין יעדן פּרוּוו צו פֿאַרבעסערן זײַנע אַרבעטס־ און אָרגאַניזירונגס־באַדינ־גונגען.

די געשעענישן האָבן מיט דער גאַנצער פֿאַטאַלער פּשוטקייט אויפֿגעדעקט פֿאַר אונז די פֿראַגע: זיין אָדער אויפֿהערן זיין. און נישט אויפֿן פֿראָנט מיט אונזערע שכנים און אויך נישט אויפֿן פֿראָנט מיט דער רעגירונג וועט געגעבן ווערן די תשובה. דער גורל־שליסל צו דער לייזונג געפֿינט זיך און

אַן אַנדער פראָנט, אויפן וויכטיקסטן פראָנט אונזערן, וואָס אויף אים וועט דעצידירט ווערן אונזער קאַמף: אויפן פראָנט פון יידישן פאָלק, דאָס וואָס איז געשען, קאָן אָפּגעמעקט ווערן נאָר דורך אַ נייער קראַפטפולער און פּערמאַנענטער פאָלקס-פאַרמעסטונג, וואָס זאָל פאַרשטאַרקן און פאַרגיכערן אונזער אויפבוי-אַרבעט אין לאַנד.

אינערלעכע פאַרשטאַרקונג פון ישוב, אַ גיכע פאַרשטאַרקונג און אויסברייטערונג פון דער עליה און קאָלאָניזאַציע -- נאָר זיי וועלן דעצידירן.

נישט קיין ישוב פון אַן אָנגעגריפענער מינדערהייט שטייט אויף דער פּאָזיציע, נאָר אַ גאַנץ פאָלק. דער ישוב אין לאַנד איז נישט איינזאַם און פאַרלאָזן. אונזערע פיינט האָבן אַ טעות אין חשבון. נישט הונדערט זעכציק טויזנט — זעכצן מיליאָן וועלן באַשיצן זייער היסטאָרישע האָפנונג. נישט נאָר צו אונז — דעם הייפל א״י-דיקע יידן געהערן די ישובים, וועלכע מ׳האָט געוואָלט פאַרניכטן, זיי געהערן דעם גאַנצן יידישן פאָלק. זיי זענען די גרונד-שטיינער פון זיין נאַציאָנאַלן בנין, און דאָס יידישע פאָלק פאַרמאָגט גענוג כוח זיי אָפּצוהיטן און זיי צו פאַרגרעסערן. מ׳קאָן נישט אָפּשרעקן אַ גאַנצן פאָלק מיט פּאָגראָמען. און דעם ווילן פון אַ פאָלק אויסגעלייזט צו ווערן קאָן מען נישט אויסרייסן דורך מאָרדן קינדער און פרויען. נישט מיטן חסד פון פרעמדע, נאָר לויטן באַפעל פון דער געשיכטע קערט זיך דאָס פאָלק אום אין זיין לאַנד; און פון זיין הייליקן רעכט אויפשטעלן מיט זיין מי און שווייס זיין נאַציאָנאַלע היים אויף די חורבות פון זיין היימלאַנד וועט ער נישט אָפּטרעטן. מיט אַ נישט געבויגענעם ווילן וועט ער צעשטערן יעדע פאַרמעסטונג פון מאָרד, רויב און פאַרניכטונג. דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון זיינע זין וועט ער מכפר זיין דורך פאַרגרעסערן דעם ישוב מיט טויזנטער און צענטליקער טויזנטער נייע בויער און באַשיצער.

און דאָס וועט זיין זיין איינציקע נקמה.

1936

מ. בײלינסאָן

צו דער רעגירונג

פאַרוואָס נעמט נישט קיין סוף צו די פאַרברעכנס?
ווי אַזוי איז עס געשען, אַז די גרויסע און שטאַרקע מאַכט האָט נישט געקאָנט מאַכן קיין סוף צו די בלוטיקע ווילדקייטן?

פינף טעג זענען אַריבער פון יענעם טאָג, זינט עס איז דערהרגעט געוואָרן חזן און פאַרוווּנדעט געוואָרן דאַנענבערג!

און נאָך די פינף טעג זענען מיר עדות פון דעם דאָזיקן שאַנד־בילד: פאַלשע קלאַנגען, בלוטיקע קלאַנגען גייען אַרום צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג — און יעדער קלאַנג קאָסט ריינע אומשולדיקע קרבנות, און די רעגירונג טוט גאָרנישט בכדי אָ פּ צ ו ל ײ ק ע נ ע ן די דאָזיקע בלבולים, אַ ר ו י ס ר ײ ס ן די ל י ג נ ס.

קיינע מעלדונגען אין די צייטונגען, אין די גאַסן! קיין שום מעלדונג אין ראַדיאָ!

צום סוף פון די דאָזיקע פינף טעג וואַגן נאָך אַראַבישע פירער צו גיסן אייל אויפן פייער, און זיי — אין זיי! — פאַרפאַסן פּראָטעסטן, פּראָקלאַמירן אַן אַלגעמיינעם שטרייק, ברויזן אויף די געמיטער — און די מאַכט רופט זיי נישט צו משפט און צו אָרדנונג, וואַרפט נישט אַרויף אויף זיי די פאַראַנט

וואָרטלעכקייט — פּאָליטישע און פּערזענלעכע, פאַרן פאָרזעצן די פאַרברעכנס.

נאָך די דאָזיקע פינף טעג זענען די באַדראָטע ערטער — די ראַנדן פון תל־אביב און די באַרירונגס־פּונקטן צווישן די אויפגעשטורעמטע יידן און אויפגעהעצטע אַראַבער — אָן אַ געהעריקער וואַך, וואָס זאָל זיך געפינען צו דער צייט אויפן אָרט.

נאָך די דאָזיקע פינף טעג קומט די מאַכט אויפן אָרט פון פּאָרפּאַל ערשט נאָכדעם, ווי זיי דערהערן שוין דאָס קרעכצן פון די פאַרוווּנדעטע און דעם געשריי פון די קרובים פון די גע־הרגעטע.

נאָך די פינף טעג האָט נאָך די מאַכט נישט געלאָזט הערן קיין איין שטרענגן וואָרט קעגן די בלוטיקע מעשים, אַ וואָרט, וואָס זאָל ענטשפּרעכן דער ערנסטקייט פון דער לאַגע. ס'איז נאָך נישט געטאָן געוואָרן קיין זאַך, וואָס זאָל צוימען זייער אַפּעטיט. די גאַס איז נאָך נישט באַפרייט געוואָרן פון די מער־דער און העצער.

מיר זענען נישט משלים מיט דער אָפּהענטיקייט פון דער מאַכט.

מיר פאָדערן פון דער מאַכט ענטשלאָסענע אויפקלערונגס־מיטלען, אַ שטרענגע אָפּלייקענונג פון אַלע פאַלשע קלאַנגען און בלוט־בלבולים, מיט אַלע מיטלען, אין גאַנצן לאַנד, איידער זיי וועלן דערברענגען צו צעשטערונגס־מעשים, איידער זיי וועלן פאַרגיפטן די ערטער, וואָס זענען נאָך נישט אָנגערירט געוואָרן.

פון דער רעגירונג פאָדערן מיר שטרענגע מיטלען צו צוימען די פּאָליטיקאַנער, וואָס ווילן אויפגעבויט ווערן פון אונ־זער פאַרגאָסענעם בלוט.

פון דער רעגירונג פאָדערן מיר אַ משפּט איבער די מער־דער, פּאָגראָמשטשיקעס און העצער. זאָלן נישט ווערן פאַרווישט די שריט, זאָל נישט פאַרדעקט ווערן אונזער בלוט!

פון דער רעגירונג פאָדערן מיר ממשותדיקע שוץ פון

לעבן און פאַרמעגן פון די איינוווינער פון לאַנד, שוץ צו דער צייט.

פון דער רעגירונג פאָדערן מיר פלאַנמעסיקע מיטלען צו פאַרמיידן נייע אומגליקן.

פון דער רעגירונג פאָדערן מיר, זי זאָל ענטפלעקן פאַר די איינוווינער פון לאַנד איר פולן כח און ווילן. ענטפלעקונג פון כח און ווילן פאַרמיידן צו באַנוצן זיך מיט כח נאָך דער צייט.

זאָל די רעגירונג נישט בלייבן שטום און פאַרבאַהאַלטן, ווי דאָס איז געווען אין די דאָזיקע טעג.

זי האָט די מעגלעכקייט מאַכן אַ סוף צום אומגליק. זאָל זי תיכף מאַכן אַ סוף!

21 אפריל 1936

מאַרד פון בוימער, פאַרדאַרבונג פון תבואה

די אונטעררייצונגען הערן נישט אויף, בוימער רייסט מען נאָך אַלץ — די דאָזיקע פאַרברעכנס מערן זיך.

ס'מערן זיך די פאַרניכטונגען פון יידישן האָב און גוטס.

וואָס איז פאַר אונז דער דאָזיקער פאַרמעגן?

צי צוליב דעם האָבן מיר ביים פלאַנצן יעדן בוים, יעדן קערנדל, ביים לייגן יעדן בוי-שטיין דורכגעלעבט די פרייד פון גאולה.

צי צוליב דעם האָבן מיר געקרענקט און געפיבערט און איינגעשטעלט אונזער לעבן ביי דער דאָזיקער שווערער אַרבעט.

צי צוליב דעם האָבן מיר אָנגעזעטיקט מיט אומבאַגרע-נעצטער איבערגעגעבנהייט און ליבשאַפט די פעלדער פון דאָ-זיקן וויסטן לאַנד.

צי צוליב דעם זענען מיר צענטליקער יאָרן געגאַנגען פון יידן צו יידן זאַמלען פאָלקס-גראָשנס בכדי צו פלאַנצן

קולטור־בוימער אויף די פעלזן פון דאָזיקן לאַנד,

צי צוליב דעם איז ענטשטאַנען אַ נייער יידישער אָר־בעטנדיקער דור —

בכדי דער דאָזיקער פאַרמעגן — איז דאָס דען פאַר־מעגן נאָר? אונזער נשמה איז עס דאָך — זאָל אַוועקגיין מיטן רויך?

פאַרוואָס שווייגט די מאַכט? פאַרוואָס לאָזט זי פאַר־שוועכן די קולטור־ווערטן, די דערהאַבענע מענטשלעכע ווערטן, וואָס אַזעלכע זענען אין דער גאַנצער וועלט נישטאָ קיין סך — וואָס האָבן זיך פאַרקערפּערט אין דאָזיקן פאַרמעגן?

פאַרוואָס לאָזט די מאַכט פאַרשוועכן דעם גייסט פון יונגן דור, וועלכן מיר דערציען אין גייסט פון דאַנקבאַרקייט צו דער ערד און אירע פּרוכטן, ער זאָל שעצן די פּרוכט פון דער מי, און איצט דאַרף ער זיך צוקוקן, ווי אַזוי פאַרברעכע־רישע הענט פאַרדאַרבן די דאָזיקע פּרוכטן? וואָס וועלן מיר ענטפערן דעם יונגן דור, אויב ער וועט אונז רופן צו אַ משפט? וואָס וועלן מיר ענטפערן. ווען ער וועט אונז זאָגן: איר האָט אונז פאַלש געלערנט, ווען איר האָט גערעדט צו אונז, אַז אונזער שכן איז אַן ערד־און אַרבעטס־מענטש און אַז מיר דאַרפן אים שעצן, און איצט זעט, וואָס ער האָט געטאָן אונז און אונזערע בוימער?

ווי קאָן די מאַכט זיך צוקוקן צום חורבן פון דער נשמה פון דאָזיקן קינד און נישט ראַטעווען?

ווי קאָן די מאַכט זיך מאַכן נישט זעענדיק דעם דאָזיקן אומגליק צווישן מענטש און מענטש?

און מיר האָבן דאָך געמאָנט, געפאָדערט פאַרטיידיקונג, ווייל מיר האָבן פאָרויסגעזען די דאָזיקע מכת־מדינה, דעם דאָזיקן פאַרברעכערישן פּלאַן.

צי קאָן עמיצער וואַגן צו זאָגן; מ׳קאָן נישט ווייסן די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרן פאַרברעכן, מ׳קאָן נישט געפינען די, וואָס פירן אים אויס?

יעדעס קינד ווייס דאָך, ווער זענען עס די פאַראַנטוואָרט־

לעכע. די דאָזיקע נעמען שרייען דאָך אַראָפּ פון אַלע אויס־רופן, פון אַלע צייטונגען. די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די גרוילן גייען אויף באַזוכן צו דער רעגירונג, פירן מיט איר אונטערהאַנדלונגען, זיצן ביי איין טיש, זיי און די רעגירונגס־מענטשן קוקן אָן איינע די אַנדערע, דריקן זיך די הענט, שמייכלען אודאי אויך איינע צו די אַנדערע, ווי ס'פּאַסט פאַר העפלעכע דזשענטעלמענער...

קינדער...

אונזערע קינדער כאַפּן זיך אויף מיט אַ געוויין אין מיטן דער נאַכט — ווייל דער „אַראַבער דער מערדער" האָט זיך זיי באַוויזן אין חלום אויפן שוועל פון שטוב. דאָס איז איינער פון די גרעסטע אומגליקן פון דער דאָזיקער פורעניות: סיי דאָס אויפוועקן זיך מיט שרעק און געוויין און סיי די געשטאַלט פון „אַראַ־בער", וואָס איז אַ „רוצח" און פון „רוצח", וואָס איז אַן „אַראַבער". און ווי אַזוי זאָלן מיר אויסמיידן די דאָזיקע אַסאָציאַציע? יעדע שורה אין צייטונג, יעדעס וואָרט פון דער אָפיציעלער מעלדונג, יעדער געשפּרעך אויפן גאַס, שאַפט עס דאָך. און דאָך איז עס נישט ריכטיק. אָבער דערווייל איז עס פאַר אונזערע קינדער, וואָס כאַפּן זיך אויף ביינאַכט, אַ נשמה־פּאַקט.

און צי נאָר אונזערע קינדער, די יידישע, כאַפּן זיך אויף מיט געוויין אינמיטן דער נאַכט? הערט זיך צו צו דעם, וואָס קומט פאָר אין אַראַבישן לאַגער, נישט אין פעלשונגס־לאַגער פון די אַראַבישע פירער און נישט צווישן די מחנות מטורפע אין די בערג פון שכם, נאָר אין אמתן אַראַבישן לאַ־גער, פון יענע הונדערטער טויזנטער, וועמען די אַלע אָנ־שטרענגונגען פון די עסקנים און קיין שום טעראָר פון די מטורפים האָבן נישט באַוויגן — יעדנפאַלס: ביז־איצט, און איצט איז דאָך שוין די עלפטע וואָך — צו קיינע פאַרברע־

בערישע מעשים. הערט זיך צו אַ ביסל צו דעם, וואָס קומט פאָר אין דאָזיקן אראַבישן לאַגער, אויך דאָרט וועט איר הערן דעם געוויין פון קינדער, וואָס כאַפּן זיך אויף אין מיטן נאַכט, ווייל דער „ייד דער רוצח" האָט זיך זיי באַוויזן אין חלום אויפן שוועל פון זייער הויז.

און אַז די אראַבישע מערדער האָבן דערהרגעט צענדלי־קער יידן און הונדערטער מאָלן געמאַכט אַטענטאַטן אויף יידן און דאַקעגן האָט קיין ייד נישט אָנגערירט צום שלעכטן אַן אראַבער, איז וואָס? די דאָזיקע חשבונות זענען פאַר די גרויסע. לגבי דער שרעק פון אראַבישן קינד פארן „ייד דעם רוצח" איז אָן אַ אונטערשיד, צי דאָס האָט אַ יסוד אָדער נישט. די שרעק בלייבט אַלס פאַקט, אריינגעקריצט אין דער נשמה, און אין דער צוקונפט, אַלס פּאָליטישער, געזעלשאַפטלעכער און נאַציאָנאַלער פאַקט. און אויך הינטער יענע מערדער, וואָס וועגן זייערע מערדערייען זענען מודיע די אָפיציעלע מעל־דונגען, שטייען מוטערס, פרויען — און קינדער.

איצט איז דאָ עמיצער, וואָס וויינט בײנאַכט אויך אין ענגלאַנד. נישט נאָר דער פּאָליטיקער, וואָס מאַכט זיינע חשבונות, נישט נאָר דער געזעלשאַפטס־מענטש — דער פּאַר־לאַמענט־דעפּוטאַט אָדער זשורנאַליסט, וואָס פאַרטיידיקט דאָס, וואָס ס׳ווייזט אים אויס צו זיין גערעכט, אָדער וואָס וואָרנט קעגן דעם, ווייל ס׳ווייזט אים אויס צו זיין נישט גוט, נישט נאָר דער דערצויגענער אין דער שול פון דער קאָלאָניאַלער ביוראָקראַטיע, וואָס גייט עקשנותדיק מיטן טראַדיציאָנעלן וועג, נישט נאָר זיי זענען אריינגעצויגן געוואָרן אין ארץ־ישראלדיקן קרייז. ס׳איז דאָ אַ מוטער אין ענגלאַנד, וואָס באַוויינט איר זון, ס׳איז דאָ אַ פרוי, פאַר וועלכער די וועלט איז פאַרפינס־טערט געוואָרן, ס׳איז דאָ אַ קינד, וואָס כאַפּט זיך אויף אינ־מיטן נאַכט און רופט דעם פאָטער, ווייל עס האָט דערזען אַן אויפרודערונג אין שטוב, עס האָט געפילט, אַז אַ שלעכטע בשורה איז געקומען, עס האָט געזען טרערן אין אויגן פון דער באָבען און מאַמען.

אן אומרעכט געשעט דעם יידישן פאָלק אין זיין לאַנד. אן אומרעכט, וועלכן מיר וועלן קיינמאָל נישט קאָנען פארגעסן און מוחל זיין. מיר האָבן גאָר אויך קיין רעכט נ"שט עס צו פארגעסן אָדער מוחל זיין, ווייל מיר זענען נאָר היטער פון א פקדון. קעגן דאָזיקן אומרעכט וועלן מיר זיך קעגנשטעלן. מיר וועלן קעמפן פאר באדינגונגען, וואס זאָלן אוממעגלעך מאַכן זיין א בערחזורונג. אָבער אויך אין דער איצטיקער טראגישער שעה פון פארטיידיקן דעם לעבן, וועלן מיר נישט זיין גערעכט, אויב מיר וועלן פארגעסן, אז ס'זענען דאָ אנגעלעגנהייטן, צוליב וועלכע דער דאָזיקער אומרעכט ווערט פארוואנדלט אין אן אומגליק — און נישט נאָר פאר אונז אליין.

דאס רעכט אויף זעלבסטשוץ

ווידער שיסט מען פון באהעלטעניש אויפן דורכפאָרער. ווידער ווערט פארגאָסן אומשולדיק בלוט.

ווי לאנג וועט נאָך דויערן דאָס וואקלען זיך פון דער רעגירונג? וויפל בלוט דאַרף נאָך פארגאָסן ווערן, בכדי די רעגירונג זאָל באשליסן אויסנוצן די הילף פון די פארינטערעסירטע אין צוריקשטעלן די אָרדנונג? וואָס דאַרף נאָך געשען אין לאַנד, בכדי די דאָזיקע רעגירונג, וועלכע האָט במשך פון די זעקס גרויל-וואָכן נישט ענטפלעקט קיין מעגלעכקייט אויסצוראָטן די מאָרד-טאַטן און הפקרות פון דאָזיקן לאַנד, זאָל פארשטיין, אז זי האָט מער קיין רעכט נישט אָפּצוּוואַרפן די פאָדערונגען פון די, וואָס געפינען זיך אין א כסדרדיקער סכנה.

דער יידישער ישוב האָט אין דער דאָזיקער תקופה באוויזן כוחות פון זעלבסט-באהערשונג, וועלכע איז אויך געלויבט געוואָרן דורכן הויך-קאָמיסאַר. דער יידישער ישוב פאַראַכטעט נקמה, ער האָט מיט אלע זיינע אָנשטרענגונגען פארמיטן צו צאָלן מיט בלוטפארגיסונג פאר בלוטפארגיסונג. נישט צוליב פחד און נישט צוליב פעלן פון כוח געפינט ער זיך אין דער

לאָגע פון אַן אָנגעגריפענעם. נאָר דער שטאַרקער ווילן נישט צו דערלאָזן צו פאַרגיסונג פון אומשולדיקן בלוט, אָן אונ־טערשייד וועמענס, נאָר דער טיפער באַוווסטזיין, אַז ס'איז אַ הייליקע פליכט וואָס וויניקער צו שטעלן אין געפאַר דאָס לעבן פון דעם מענטשן, וועלכער באַדראָט נישט קיין לעבן פון אַנדערע — נאָר צוליב דעם איז פאַרמיטן געוואָרן יעדער פּרווו פון נקמה. פיל כוחות קאָסט אונז די דאָזיקע זעלבסט־באַהערשונג. די, וואָס האָבן די דאָזיקע כוחות ענטפּלעקט, האָבן דערמיט באַוויזן, אַז זיי פאַרדינען צוטרוי. דאָס רעכט זיך צו פאַרטיידיקן דאַרף זיי געגעבן ווערן. יעדער ייד אין לאַנד געפינט זיך היינט אין דער לאַגע פון אַן אָנגעגריפענעם און יעדער אָנגעגריפענער האָט רעכט זיך צו פאַרטיידיקן. און אַ וודאי האָט ער רעכט אויף דעם, נאָכדעם ווי ער האָט וואָכן נאָך וואָכן באַוויזן, אַז ער קאָן זיך אָפּהיטן נישט אַריבער־צוגיין פון דער לאַגע פון אַן אָנגעגריפענעם צו דער לאַגע פון אַן אָנגרייפער; אַז ער קאָן ביי יעדער לאַגע און אין יעדן פאַל פעסטשטעלן די גרענעצן פון די רעכט אויף זעלבסט־פאַרטיידיקונג.

אין אָנבליק פון די דאָזיקע בלוטיקע וואָכן קאָן שוין די רעגירונג נישט צונעמען ביים יידישן שאָמער און ביים יידן, וואָס גייט אַרויס אין וועג, דאָס רעכט צו זיין באַוואָפנט, בכדי צו קאָנען פאַרטיידיקן זיין לעבן. מ'קאָן מער נישט צו־נעמען ביים יידישן בירגער, ווי ער זאָל נישט זיין, דאָס רעכט צו באַשיצן זיין ישוב, זיינע פעלדער, זיין פאַרמעגן.

דער יידישער ישוב, וועלכער איז פאַרינטערעסירט אין צוריקשטעלן די אָרדנונג, האָט דאָס רעכט, אַז די רעגירונג זאָל זיך באַנוצן מיט זיין הילף און זאָל אים געבן גענוגנדע שוץ־מיטלען. יעדן ייד, וואָס קאָן טראָגן גע־ווער, מוז דאָס געווער געגעבן ווערן, בכדי ער זאָל קאָנען פאַרזיכערן זיין לעבן און פאַרמעגן.

גלייכצייטיק איז די רעגירונג פאַרפליכטעט צו מאַכן אַ

סוף צו דער הערשאַפט פון די שטרייק־קאָמיטעטן און פון אויבערשטן אַראַבישן־ראַט. די אַראַבישע מאַסן האָבן ביז איצט נישט באַוויזן קיין שום גרייטקייט און נייגונג צום בונט. זיי זענען נאָר מיט געוואַלט אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון די טעראָריסטישע באַנדעס און פון די שטרייק־קאָמיטעטן, וועמנס גאַנצער כוח באַשטייט דערין, וואָס ס'איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל ערנסט שטערן דער העצע און די צעשטערערישע טאַטן.

אַלע שריט פון דער רעגירונג צוריקצושטעלן דאָס געזעץ און די אָרדנונג זענען געקומען צו שפּעט און זענען אָפּט באַגלייט געוואָרן מיט פירושים און מצשים, וואָס האָבן אינגאַנצן צוגענומען זייער ווערט. די פאַרינטערעסירטע אין די מהומות ווייסן ווי אויסצונוצן יעדע זאַך, וואָס זעט אויס ווי אַ שחאַכקייט פון דער רעגירונג, בכדי איינצוואָרצלען דעם באַוווסטזיין, אַז די רעגירונג איז נישט גרייט אַרויסצוגיין קעגן זיי מיט אַ שטאַרקער האַנט.

דער יידישער ישוב פאָדערט אַ באַלדיקע, דירעקטע און ענטשלאָסענע טעטיקייט, בכדי צוריקצושטעלן די אָרדנונג. דער יידישער ישוב פאָדערט אָפּצונעמען ביי די פערזאָנען און קערפּערשאַפטן, וואָס צעשטערן דעם שלום אין לאַנד, די מעגלעכקייט צו ברענגען שאָדן דורך העצן און צעשטערן. דער יידישער ישוב פאָדערט זיין פולע רעכט צו פאַרטיידיקן זיין לעבן און פאַרמעגן. דער יידישער ישוב פאָדערט צו מאַכן אַ סוף צו די קווענקלענישן און וואַקלונגען אין דער טעטיקייטס־ליניע פון דער רעגירונג און אויסוואָרצלען יעדן מיין אָדער האָפנונג אָפּצוקויפן כביכול דעם שלום פאַרן פרייז פון שניידן די יידישע האָפנונג.

פאַרשטאַרקט די אַרבעט און די שמירה!

קיינעם פון אונז איז נישט באַוווּסט, ווען וועט די רעגירונג זיך אָנהייבן באַנוצן מיט די פֿילמאַכטן, וואָס זענען איר געגעבן געוואָרן, און ווי אַזוי זי וועט זיך מיט זיי באַנוצן און וויפֿל צייט קאָנען נאָך אין לאַנד הערשן טעראָר און מהומות. דער נסיון פון די לעצטע וואָכן על כל פנים ווייזט אונז, אַז מיר דאַרפן זיין גרייט אפילו אויפן ערגסטן. אויך איצט דאַרפן מיר זיך אַלץ מער און מער גרייטן אָפּצושטויסן אָנגריפן און צעשטערונגס־מעשים, וועלכע האַלטן זיך דערווייל אין איין שטאַרקן. אונזער צוגרייטונג קאָן זיך נישט באַגרענעצן נאָר צו אונזערע גערעכטע פאָדערונגען צו דער רעגירונג. די דאָזיקע פאָדערונגען, אויף וויפֿל זיי ווערן דערפֿילט, ווערן זיי שטענדיק דערפֿילט צו שפּעט און נישט אינגאַנצן. דער יידישער ישוב דאַרף אַליין אימאָפּהענגיק פון וועמען עס איז ענטפֿלעקן אַלע כוחות, וואָס זענען אין אים פאַרבאָרגן. און צו דעם איז נישט גענוג נתפעל ווערן פון מוט פון די שאָמערס און רייזנדער, וואָס שטעלן זיך אויס אויף אָנפאַלן, בלבולים און חרפות פון רעוויזיעס. און ס'איז ווייניק צו באַוווּנדערן די אומגעווייִנלעכע כוחות, וואָס ס'ענטפלעקן די מענטשן פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, וואָס אַרבעטן בייטאָג און היטן ביינאַכט שוין וואָכן־לאַנג. ס'איז אַ פליכט צוצושטיין צו די דאָזיקע כוחות און זיך צו באַטייליקן מיט זיי אין שמירה און הגנה. די יונגע כוחות פון די שטעט מוזן קומען צו הילף די לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים אין דער אַרבעט און שמירה, יעדער לויט זיינע פעיקייטן. די דאָזיקע פאַרשטאַרקונג זאָל זיין דער ערשטער שריט צו פאַרשטאַרקן דעם כוח אויף אָפּצושטויסן די אָנגריפן און צעטנטאַטן פון אונזערע פיינט.

דער יידישער שאפער

דער יידישער שאָפער איז געשטאַנען אין דער ערשטער ריי פון דער פּאָזיציע, ער האָט דערפילט זיין פליכט, זיין גאַנצע פליכט. פון זיינע רייען זענען געפאַלן מער קרבנות, פאַרהעלטניסמעסיק, ווי פון אַנדערע רייען. ער איז געזעסן ביי זיין רודער אונטער אַ האָגל פון שטיינער און שאָסן, און נישט פאַרלאָרן די קאַלטבלוטיקייט זיינע. ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן און פאַרמעגן — און זיך נישט אָפּגעשראָקן. ס׳איז אויף אים נגזר געוואָרן לייגן זיין וועג צווישן טשוועקעס און אייזנס. ס׳איז אויף אים נגזר געוואָרן אויסלייגן וועגן, וואָס זענען דורך דער מאַכט פאַרלאָזן געוואָרן, אַזוי ווי זיי וואָלטן אין מדבר געווען. און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט, און אַפּט איידער ס׳איז נאָך געווען די מעגלעכקייט, איז ער געפאָרן איבער די דאָזיקע פאַרלאָזענע שאָסייען און באַדינט די גע-זעלשאַפט, באַדינט דעם ישוב און באַדינט די רעגירונג — מער ווי אַ סך אירע באַאַמטע — ווייל ער האָט נישט דערלויבט, אַז דער ווילן פון „אויבערשטן ראַט" זאָל ווערן אַ גזרה פאַרן גאַנצן לאַנד.

אויב די יידישע פונקטן זענען נישט אָפּגעשלאָסן יעדע-רער אין זיינע ד׳ אמות, אויב זיי שטייען אין כסדרדיקער פאַרבינדונג צווישן זיך, אויב די שפּייז-פּראָדוקטן דערגרייען פון יידישע פעלדער צו די יידישע שטעט, אויב דער האַנדל איז נישט פאַראַליזירט — אויב יעדער איינער פון אונז פילט זיך נישט אויף זיין אָרט, ווי אין אַ באַלאַגערטער שטאָט — דאַרפן מיר עס פיל פאַרדאַנקען דעם יידישן שאָפער, זיין טרייהייט, זיין מוטיקייט.

דער יום-טוב פון עמק

היינט — אין 130-טן טאָג פון די בלוטיקע טעג — איז געוואָרן פופצן יאָר דעם פּרעכטיקן לעבנס-און שאַפונגס-אויפ-

טו פון אונזער באַוועגונג, דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין עמק נאָך דער מלחמה (אין מרחביה און תל־עדשים זענען ענטשטאַנען, ווי באַקאַנט, יידישע ישובים נאָך פאַר דער מלחמה).

ח׳ אלול תרפ״א איז מען ארויף אויפן באָדן פון נהלל, א קורצע צייט שפּעטער איז מען אַרויף אויפן באָדן פון דעם מזרחדיקן בלאָק פון עמק — עין־חרוד, תל־יוסף, בית אלפא, גבע. איז אָט דער בליענדיקער און געבענטשטער עמק — מיט זיינע באַאַרבעטע פעלדער, מיט זיינע שטאַלן און מעלקערייען, זיינע פּרדסים און וויינגערטנער און גערטנער — נאָר מיט פופצן יאָר צוריק געווען כמעט וויסט און פוסט און דער גייסט פון טויט האָט געשוועבט איבער זיינע שטעכיקע דערנער און מערדערישע זומפּן? איז עס טאַקע נאָר מיט פופצן יאָר צוריק געזעסן א הייפל מוטיקע חברים אויפן ברעג פון זומפּ עין־באדה און ד״ר הלל יפה האָט זיי געוואָרנט; „דער דאָזיקער אָרט איז נישט ערגער פון יסוד־המעלה און נישט בעסער פון חדרה. ס׳דראָט א סכנה די, וואָס וועלן זיך דאָ קאָלאָניזירן״.

און אַן אַראַבער פון א נאָענטן דאָרף, האָט זיי נבואה געזאָגט: „אַז איר וועט קומען, וועט איר האָבן א לאַנגן קאַמף, ס׳וועט עפּעס זיין, וואָס וועט אייך באַקעמפן״ און נאָך אַן אַראַבער האָט געזאָגט: „טרינקט נישט קיין וואַסער פון דעם קוואַל, ווייל ער ברענגט טויט״. און נאָר א פּאָר טעג זענען אריבער און די חברים און חברות זענען ארויף אויפן דאָרניקן און זומפּיקן באָדן און פאַרוואַנדלט אים אין עמק יזרעאל, וואָס איז געוואָרן דער קוואַל פון לעבן און כבוד פאַר אונז אַלעמען.

ס׳איז איצט נישט קיין צייט פון יום־טוב, אָבער א דענקווערטן טאָג האָבן מיר איצט און מיר זענען באַרעכטיקט צו טייטלען אויף אים מיט שטאָלץ און טיפער פרייד אַנטקעגן פאָלק און וועלט: דאָס איז די אַרבעט, וואָס מיר טוען אין לאַנד, דאָס איז די האָפנונג

פון אונזער פאָלק: פלאַנצן און בויען, עפנען קוואַלן פון לעבן, אויף אייביק פאַרטרייבן דעם טויט און די וויסטע־ניש, שאַפן קאָמפּאַקטע ישובים, וואָס לעבן פון זייער מי אין א מדבר, ווי פריער האָט זיך געטראָגן נאָר דער קלאָג פון די שאַקאַלן, זאמלען אונזערע צעשפּרייטע ברידער צו ערלעכער פּראַצע אויפן באָדן, וואָס האָט געענטפערט מיט אונטערגאנג און קללה זיינע פאַרוויסטער און וואָס ענטפערט איצט זיינע באַארבעטער מיט ברכה.

א קאָלאָניזאַטאָרישער אויפטו, ערלעכע אַרבעט, אַן אויפטו פון גערעכטיקייט און ברידערלעכער גלייכהייט, א א ווערק פון לעבן און שאַפונג. מיר שטעלצירן אויף אים אין די איצטיקע טעג פון בלוט, חורבן און פאַרברעכן. אויף אים שטיצן מיר זיך, אויף אים פאַרלאָזן מיר זיך, אים וועלן מיר פאַרזעצן, אָנשטרענגנדיק אַלע פאַרבאָרגענע פאָלקס־כּוחות און גלויבנדיק, אז דער כּוח פון שאַפן וועט קיינמאָל נישט פאַרראַטן.

ח' אלול תרצ"ו

ב. כצנעלסאן

אויף דער פאזיציע

ווילן מיר וויסן דעם כאראקטער פון די געשעענישן, וועלכע האבן זיך צעהוליעט איבער אונז מיט 15 יאר צוריק אין יאר 1921 און איצט אין אפריל 1936 — איז גענוג, מיר זאלן זיך צוקוקן צו עטלעכע ביישפילן. כדי צו פארשטיין 1921, איז גענוג, מיר זאלן זיך דערמאנען י. ח. ברענערן, איינעם פון די גרויסע שעפער, פון דער משפחה פון איוב און ירמיהו, פון די בעסטע דענקער און די עמפפינדלעכסטע רעוואלוציאנערן פון די לעצטע דורות, א מענטש, וואס האט נישט אנגעקלעפט אויף זיך קיין שום צייכן, קיין שום שילד פון א פארטיי און א באוועגונג, וואס האט אבער געטראגן דעם ליידן פון אלע מענטשן און פיינט געהאט ביז די טיפענישן פון זיין נשמה יעדע רשעות, יעדע קנעכטשאפט, יעדע צביעות, יעדע פאלשקייט. אים האט מען דערמארדעט און זיינע מערדער רעדן וועגן באפרייונג פון אראביען.

און פון די לעצטע געשעענישן אויך נאר איין ביישפיל. כ׳וויל נישט דערמאנען אונזערע חברים, די ערלעכע און נאאיווע, וואס האבן געשטרעבט צו שלום און פעלקער-ברידערשאפט. כ׳וויל דערמאנען נאר דעם וויטיק פון פלאנץ,

דעם געשריי פון די אונטערגעצונדענע פעלדער, דעם זיפץ פון די אונטערגעהאַקטע בוימער. ס׳איז כדאי, מיר זאָלן דערקע־נען דעם מענטשלעכן און סאָציאָלאָגישן אינהאַלט פון אַזעלכע „אויפשטאַנד״־מעשים.

אויב ס׳איז פאַראַן אין אונזערע צייטן אַ צבור, וואָס מעג באַהויפּטן, אַז ער טוט באמת עפּעס פאַר דער פ אַ ר־ װ י ר ק ל ע כ ו נ ג פון סאָציאַליזם, אַז ער באַנט װעגן צו סאָציאַליסטישע לעבנס־פאָרמען, אַז ער פאַרנעמט זיך נישט מיט דבורים װעגן סאָציאַליזם, נאָר האָרעװעט צוצוגרייטן דעם „סאָציאַליסטישן שבת״ מיט זיינע אייגענע הענט, איז עס דער צבור פון די אַרבעטער־װירטשאַפטן אין לאַנד, די מענטשן פון די קבוצים און מושבים. זייער האָרעװאַניע איז די רייִנסטע מענטשלעכע האָרעװאַניע, װייל עס דערוױיטערט זיך פון דער מינדעסטער עקספּלאָאַטאַציע פון יענעם, פון דער באַהערשונג פון מענטש דורך מענטש. די דאָזיקע האָרעװאַניע, פון דעם ערשטן שטיין אין בנין פון משק ביז דער פלעגונג פון צאַרטסטן פלאַנץ, איז באַגלייט מיטן געפיל פון גורל־געמיינשאַפט און סאָלידאַריטעט מיט אַלע אַרבעטנדיקע אויף דער װעלט, באַ־גלייט מיט אָנשטרענגונגען פון שאַפונג און קולטור, װאָס װעלן נאָך געבן זייער פּרוכט. און אויף אָט דער האָרעװאַניע, אויף די אַרבעטס־פּונקטן, אויף די סאָציאַליסטישע אינזלען, איז אויפגעהויבן געװאָרן די האַק, אויף אירע פלאַנצונגען, אויף אירע פעלדער. און די, װאָס שיקן די האַקנדיקע און אונטערצינדנדיקע האַנט, רעדן נאָך אין נאָמען פון „מאַסן אַרבעטנדיקע״, אין נאָמען פון „שוץ פון די פעלאַכן״. ס׳איז נישטאָ קיין מער שניידנדיקער באַװייז פאַרן א י נ ה אַ ל ט פון דעם קאַמף קעגן אונז, װי אונזערע פאַרבּרענטע פעלדער.

מיר דאַרפן זען דעם גאַנצן בלוטיקן גאַרטל, װאָס רינגלט אונז אַרום, דעם בונד פון שנאה אין זיין גאַנצער רשעות, מיט אַלע זיינע סכנות. און אָנהויבן דאַרפן מיר נישט פון דעם אונטערגעהעצטן חורנער, װאָס װייס נישט, װעמען ער מאָר־דעט און צוליב װאָס ער טוט עס, און אויך נישט פון זיינע

מנהיגים-שיקער, וואָס ווייסן שוין יאָ, וואָס זיי טוען. מיר דארפן אָנהויבן פון דער רעגירונג פון לאַנד. כ׳געהער נישט צו די, וואָס געפינען א גרויסע טרייסט און באַפרידיקונג אין פראָטעסט-רייד. שוין אין מיין יוגנט איז מיר נמאס געוואָרן דאָס פראָטעסטירן קעגן רעגירונגען, און גייענדיק אהער, האָב איך געטראכט, אז דאָ וועט אונז געגעבן ווערן די מעגלעכקייט פון טאָן אָן דער באדערפעניש צו אָנקומען צו פראָטעסטן. כ׳געהער אויך נישט צו די, וואָס גלויבן, אז אויב זיי וועלן געפינען אין דער רעגירונג דעם שעיר לעזאזל, וועט זיי ווערן לייכטער. און דאָסגלייכן געהער איך נישט צו די, וואָס זענען גרייט צו פארטוישן דעם ענגלישן אימפעריאליזם אויף אן אנדערן, בעסערן אימפעריאליזם, אויפן אראבישן אימפעריאליזם, למשל, אָדער אן אנדערן, וואָס שטשירעט זיינע ציין אויף ארץ-ישראל. מיר זענען ווייט פון יעטוועדע פאָליטישע שפילערייען, אָבער מיר קענען נישט, מיר טאָרן נישט פארשווייגן די שרעקלעכע פאראנטוואָרטלעכקייט, וועלכע ס׳האָט גענומען אויף זיך די רעגירונג פון לאַנד בעת די געשעענישן.

די רעגירונג פון לאַנד ווענדעט אָן אויף אונזער חשבון, אויף אונזער קערפער, אויף אונזער בלוט אן אייגנאַרטיקע ליבעראַלע שיטה. זי באַציט זיך מיט א באַזונדערער דעליקאטקייט צו די, וואָס פארגיסן אונזער בלוט, וואָס מאכן בלבולים, העצן, פארניכטן און צינדן אונטער. ווו, אין וואָסער טייל פון דער בריטישער אימפעריע, וועט איר געפינען אזא באציונג צו בלוט-פארגיסער, העצער פון פאָלק קעגן פאָלק, צעשטערער פון עקאָנאָמישן לעבן, אזא פּאַרזיכטיקייט כלפי זייער כבוד, כדי זיי חלילה מיט עפּעס נישט אָנרירן, אָן א ווארנונג, אָן א משפּט, אָן אן אויספאָרשונג, אָן אן אָפּהאַלט? די רעגירונג פון לאַנד, די פאָרשטייערין פון דער מעכטיקער בריטאניען, האָט נישט באוויזן אפילו צו שיקן אן אעראָפּלאַן קיין יפו, אז מען זאָל כאָטש וויסן, אז ס׳איז פאראן אן אויג, וואָס זעט. צוועלף טעג נאָך דער שחיטה אין יפו האָט מען

געבראַכט צום אויספאָרשונגס־ריכטער נאָר איין באַשולדיקטן, און ער איז איבערגעגעבן געוואָרן צום משפּט אונטער דער באַשולדיקונג פון מאָרד אָן פּרעמעדיטאַציע — ער האָט חלילה זיך נישט מתכוון געווען עמיצן צו מאָרדן, ער האָט זיך אוודאי געגרייט צו א מצוה־זאַך. די מעכטיקע רעגירונג באַווייזט נישט צו באַזייטיקן די טשוועקעס, וואָס „פאַרבאָרגענע" הענט שיטן פונאַנדער אויף די וועגן. אָט די מאַכט, וואָס אין ענג־לאַנד ווייס זי, ווי צו מאַכן אַ סוף צו א שטרייק פון הונדער־טער טויזנטער אַרבעטער, אויב זי זעט אין אים אַ סכנה פאַר זיך, פאַר דער מדינה, אָט די מאַכט איז נישט נאָר, וואָס זי ווייס נישט דאָ אין א"י צו ליקווידירן דעם שטרייק, נאָר זי האָט אפילו נישט די דרייסטקייט צו שיצן דעם, וואָס וויל נישט שטרייקן, ווען מען צווינגט שטרייקן: זי האָט נישט די דרייסטקייט צו שיצן דעם אָרעמען אַראַבישן אייזל־טרייבער, וואָס ברענגט גרינס אויפן מאַרק. אָט די מאַכט, וואָס קען שיקן אין תּפיסה יידישע אַרבעטער, וועלכע שטייען אין רויקע משמרות, ביי די פּרדסים פון יידן, ווייל זי זעט אין די משמרות אַ סכנה פאַרן פרידן פון די פעלקער אין א"י, אָט די מאַכט געפינט נישט איין, אַז ס'איז פאַראַן עפּעס אומגעזעצלעכעס אין אַן „אַלגעמיינעם" שטרייק פון א פאָלק קעגן אַ פאָלק! די רעגירונג באַטייליקט זיך אין אונזער צער. זי פאַרמיידט אים אָבער נישט פון אונז. ווען זי שיקט אונז פּאָליציי און גרענעץ־וואַך, רייסט מען אויס אונזערע ביימער אונטער זייער נאָז. אויפן זעלבן וועג, אויף וועלכן ס'איז דורכגעפאָרן דער הויך־קאָמיסאַר מיט דער גאַנצער וואַך, ווי ס'פּאַסט פאַר אים, איז פאַרברענט געוואָרן אַ יידישער שאָ־פער און די פּאָליציי האָט גאָרנישט וועגן דעם נישט געוווּסט. ס'איז אוממעגלעך נישט צו זען אין אָט דער „שיטה" עפּעס אכזריות־דיקעס, פרעמדעס צו אונזערע יסורים, צו אונזער בלוט.

מיר האָבן מיט דער רעגירונג פון לאַנד ביטערע חשבו־נות אויך אין געוויינלעכע טעג. ס'איז פאַראַן די פראַגע פון גערעכטער באַציונג צו אונז, פון דערפילן פאַרפליכטונגען. אָבער

ס'איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס יעדע רעגירונג, אַפילו אַ פיינדלעך צו אונז געשטימטע רעגירונג, איז פאַרפליכטעט צו טאָן: היטן די זיכערהייט פון לעבן, פון שאַפונג, פון פאַרמעגן און אַט דעם עלעמענטאַרן חוב דערפילט נישט די רעגירונג פון לאַנד.

דאָס, וואָס ס'געשעט איצט אין לאַנד, איז נישט קיין סיורפּריז. אַ רעגירונג, וואָס באַרימט זיך מיט דעם, אַז זי גיט „זיכערהייט" דעם לאַנד, דאַרף נישט פלעגן עלעמענטן, וואָס קענען צושטערן יעדע זיכערהייט. אָט האָבן מיר דערקענט אויף אונזער אייגן לייב, וואָס הייסט דאָס אַריינברענגען דעם מדבר אין א"י. אויף יעדן אָרט, אויך אין די לענדער, וואָס רעדן אַראַביש, איז פאַראַן אַ קאַמף צווישן ציוויליזאַציע און מדבר. מצרים האָט געפירט אַ קאַמף מיטן מדבר, אויך סיריען און איראַק האָבן מורא פאַרן מדבר און קעמפן קעגן אים. מיר האָבן נישט געזען, אַז אַ ציוויליזירטע רעגירונג זאָל ברייט עפענען אירע טויערן פאַרן פונאַנדערשפּרייטן זיך פון מדבר. און אין אונזער לאַנד, ווו ס'איז פאַראַן אַ שטרענגע געזעצגעבונג וועגן דער עליה, אַ קפדנותדיקע רעגולאַציע און די קינדער פון פאָלק, וועמענס רעכט אויף עליה איז אָנערקענט געוואָרן, ווערן פאַרפאָלגט, געוואָרפן אין תפיסה, פאַרמשפט אויף אַרויסטרייבן פאַר זייער „פאַרברעכן" פון עובר זיין אויף אָט די תקנות, אין אָט דעם לאַנד האָט די מאַכט אַריינגעבראַכט טויזנטער — וויפל טויזנטער? — ווער וועט עס דען אָנציילן? — פון זין פון מדבר, אָן סערטיפיקאַטן, אָן אַן אַגענץ, אָן אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ שעדיול, אָן אָפּצאָל פון אַ פונט פאַר אַ קאָפּ, אָן „המלצות" פון קרובים, אָן אַ קאָנטראָל פון צושטאַנד פון פאַרמעגן, אָן אַן אויספאָרשונג וועגן אַרבעטס-מקורות און דער צוקונפט פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד. די רעגירונג נישט נאָר וואָס זי רודפט נישט אָט די אומלעגאַלע, ווי זי רודפט די יידישע אומלעגאַלע עולים, נאָר זי באַשעפטיקט זיי אַפילו אין אירע אייגענע אַרבעטן און זאָרגט אַפילו צו געבן זיי וווינונגען אויפן חשבון פון דעם שטייער-צאָלער. אין

עס נאָר נאַכלעסיקייט? נאָר זאָרגלאָזיקייט, נאָר מאַנגל פון זען דאָס, וואָס ס׳קען געשען? איז עס נאָר גוטהאַרציקייט לגבי די אַראַבער פון עבר-הירדן (וווהין מיר טאָרן נישט אַריינקומען), פון סיריען, די אָרעמע, וואָס האָבן טאַקע פיל לענדער, אָבער האָבן נישט קיין „יהודים״, פון וועלכע מען קען זיך מפרנס זיין, וועלכע מען קען שעלטן און אין וועלכע מען קען זען אַ געשפּענסט, וואָס ס׳איז דערלויבט צו צושפּאַלטן איר קאָפּ אין אַ שעת-הכושר? כ׳בין נישט קיין שונא דעם מדבר, כ׳פאַראַכט אים נישט. אדרבא. ס׳איז פאַראַן אין אים פיל זייטן, וואָס פרייען דעם אויג. אַ סך פון מערב האָבן געוויס אַ שוואַכקייט פאַר פאַרשידענע עקזאָטישע דערשיינונגען. אָבער מיר קענען נישט בויען דאָס לאַנד מיט בעדואינישע ראָמאַנטיק. מיר זענען געקומען אהער נישט כדי צו פאַרזאָרגן מיט פרנסה בעדואינער פון סיריע אָדער פון עבר-הירדן, נאָר כדי צו ראַטעווען אונזערע ברידער פון חורבן און אונטערגאַנג. און צוליב אַט דעם צוועק אינוועסטירן מיר עס דאָ אַלץ, וואָס מיר האָבן, אין גייסט און מאַטעריע. מיר האָבן נישט גענומען אויף זיך צו מאַכן פון ארץ-ישראל אַ מקום-מקלט פאַרן מדבר. ווען סעמועל האָט צוטיילט מיט אַ ברייטער האַנט די באָדנס פון בית-שאן, אָן גערעכטיקייט כלפּי אונזער פאָלק און אָן שום פאַרשטענדניש און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער צוקונפט פון לאַנד און איר לאַנדווירטשאַפטלעכער ענטוויקלונג, האָט מען זיך באַנוצט מיט אַזאַ פּאָליטישן תירוץ: „מיר וועלן קאָלאָניזירן די בעדואינער ביי די גרענעצן, מיר וועלן שאַפן אַ וואַך קעגן דעם מדבר״. די דאָזיקע באָדנס זענען, ברוך השם, אַריבער פון האַנט צו האַנט, טויזנטער דונאַמען פון זיי זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די עפענדיס, די וואַסער-אוצרות, וואָס זענען אין זיי פאַראַן, פליסן טאָג און נאַכט אומזיסט, אַפילו באָדן איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר הויכע פרייזן דעם יידישן עולה. אָבער די דאָזיקע באָדנס זענען נישט קיין וואַך פאַרן מדבר. די פאָרטן אין יפו און חיפה, ירושלים, די יידישע קאָלאָניעס — זיי זענען עס דער מאַגנעט פאַרן מדבר.

ס׳האָט אַ באַזונדערן מזל אָט דער „רעוואָלוציאָנערער״ שטרייק. ער האָט אַ סך פריינד און אונטערשטיצער. פאַראַן שותפים צום כלומרשטן „אויפשטאַנד״. פון וואַנען נעמען זיך עס די סכומים, וואָס דערלויבן אויסצוהאַלטן גאַנצע מחנות פון ליידיקגייער? זענען די אַראַבישע גבירים געוואָרן פלוצלונג גרויסע נדבנים? מיר קענען זיי נישט אַלס אַזעלכע. ס׳וועט נאָך קומען אַ טאָג און ס׳וועלן געעפנט ווערן די אַרכיוון און אַסך זאַכן וועלן זיך פאַר אונז ענטפּלעקן. אָט שמעלצט זיך פון נחת די דייטשישע פרעסע. איטאַליע אינטערעסירט זיך זייער און זייער. און נישט נאָר זיי. אָט איז פאַראַן נאָך אַ כוח, וועמענס פאָרשטייער באַציען זיך צום שטרייק מיט אָפענער אַקטיווער סימפּאַטיע ביז צום דרוקן טאָגטעגלעך אויפרופן וועגן שטיצע און אנשלוס צום שטרייק. אַזוי טוען די פאָרשטייער פון קאָמינטערן אין ארץ-ישראל. האָט איר געזען אַזאַ אויפשטענדערישע באַוועגונג, וואָס זאָל זוכה זיין צו דעם, אַז די רעגירונג פון לאַנד זאָל איר באַהאַנדלען מיט פריינטשאַפט און כבוד און היטלער, מוסאָליני און דער קאָמינטערן זאָלן איר דערלאַנגען אַ האַנט? אַ מזל! יאָ, טאַקע אַ „באַפרייונגס״-באַוועגונג, וואָס אַלע זענען פאַראייניקט אין געבן איר שטיצע: דער בריטישער ביוראָקראַט, דער נאַצישער אַגענט, דער איטאַליענישער אַגיטאַטאָר און דער עמיסאַר פון קאָמינטערן. אָבער דידאָזיקע דערשיינונג, די דערשיינונג פון שטיצע מצד דעם קאָמינטערן, איז פאַר אונז נישט גלייך, נישט מאָראַליש, נישט פּאָליטיש, צו דער שטיצע פון די לייט פון מוסאָליני און היטלער. ווייל דידאָזיקע אונטערשטיצונג פאַרשטעלט זיך אונטער דער מאַסקע פון באַרעמהערציקער אידעאָלאָגיע, וואָס זאָרגט פאַרן אָרעמען פעלאַך און פאַר דער נאַציאָנאַלער פרייהייט פון אַראַביען; און דער עיקר דערפאַר, ווייל זי ווערט געגעבן דורך יידישע קאַנאַלן. פּאַטאָלאָגישע יידן זענען עס, גייסטיק-קראַנקע, קראַנקע אויף שנאה צו זייער פאָלק און צו אַלץ, וואָס געהערט צו זייער פאָלק, קראַנקע אויף מינדערווערטיקייט, וואָס טראָגן אין זיך באַצילן פון „קנעכטשאַפט אין רעוואָלוציע״. אָט די האַנט-פאַטשעריי צו דער בלוט-באָד,

אָט די שמחה, וואָס דער יידישער אַרבעטער ווערט אַרויסגעשטויסן, אָט די שמחה צוליב יידישע אומגליקן קומט איצט פון מענטשן, וואָס זענען געבאָרן געוואָרן אין אונזער פאָלק. פון מענטשן, וואָס זענען אפשר געקומען אין לאַנד, ווער ווייס, צוליב עפּעס נאַציאָנאַלע בענקשאַפטן. צי ווייס עפּעס אַ פאָלק אַזאַ פלאָג ווי אונזער פּלאָג, אַזאַ מכה ווי אונזער מכה?

זינט די טעג פון יציאת מצרים איז פאַרבליבן ביי אונז דער נישט אינגאַנצן אויפגעקלערטער אָנדענק פון עפּעס אַ שבת, וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען „אָפּהאַקן די אָפּגעשוואַכטע צווישן אונז". „עמלק" איז געווען דער נאָמען פון יענעם שבט. מען מיינט, אַז דאָס איז געווען אַ סעמיטישער, צו אונז נאָענטער, שבט. ווייזט אויס, אַז אין יעדער תקופה פון אויסוואַנדערונג און עליה דערשיינט אַ נייער גלגול פון עמלקן. אויף דעם איז געזאָגט געוואָרן: קאַמף קעגן עמלקן אין יעדן דור. אויך די אויפגאַבע פון דער פּ. ק. פּ. איז „אָפּהאַקן די אָפּגעשוואַכטע". זי האָדעוועט פאַרדאָרבענע פלאַנצן, פאַר וועלכע אונזערע יסורים זענען נישט קיין יסורים און אונזער בלוט איז נישט קיין בלוט. יעדער בונד צווישן ייד און ייד איז פאַר זיי פּסול, רעאַקציאָנער, אָבער דער בונד פון אַ פּאָגראָמשטשיק מיט אַ פּאָגראָמשטשיק, דער בונד פון מופטי מיטן עפנדי, דער בונד פון מוסלעמענישן פאַנאַטיזם מיט יונגע פּריצים איז פאַר זיי אַ פּראָגרעסיווער פאָלקס־פראָנט. איז דען פאַראַן נאָך אַזאַ פאָלק, וואָס זיינע זין זאָלן דערגיין צו אַזאַ גייסטיקער און שכלדיקער ענטאַרטונג, אַז אַלץ, וואָס זייער פאָלק טוט, זיין שאַפונג, זיינע יסורים, איז ביי זיי פאַראַכטעט און באַשפּייט און אַלץ, וואָס ס׳טוט דער שונא פון זייער פאָלק, יעדער מאָרד, יעדער געוואַלט, יעדער רויב פּילט אָן זייערע הערצער מיט אַ געפיל פון באַוואונדערונג און געטריישאַפט? יאָ, די יידישע געשיכטע קאָן כלערליי רענעגאַטן און דעגענעראַטן, פאַרשידענע פאָרמען פון „שמד"!

ס׳איז נישטאָ קיין צווייפל, אַז מיר גייען אַריין אין אַ תקופה פון שווערע נסיונות פאַר אונז, פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק

און פאַר די חלוצים, וועלכע וואַרטן ביי די טויערן פון לאַנד. אַט איז געווען אין „דבר" אַ קורצע טעלעגראַמע פון דריי שורות, אַז אין פוילן האָט אַ חלוץ באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צו־ליב די שלעכטע ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען פון ארץ ישראל. מיין האַרץ ווייטיקט אויף דיר, פאַרלוירענער ברודער. דו סימ־באָליזירסט דעם ווייטיק פון פאָלק, וואָס האָט נישט קיין מעג־לעכקייט צו לעבן, ווען מ׳נעמט צו ביי אים די לעצטע האָפנונג. אָבער דו ביסט נישט גערעכט, חבר! נישט איין מאָל זענען מיר געשטאַנען ביים שוועל פון אונטערגאַנג, נישט איינמאָל האָט אונז אויסגעוויזן, אַז אַלץ איז שוין צעטרייסלט געוואָרן, נישט איינמאָל האָט זיך אונז געדאַכט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג פון דעם אומגליק און שאַנד, נאָר זעלבסט־מאָרד. אָבער מיר האָבן זיך געשטאַרקט. דער זעלבסטמאָרד פון יענעם אומגליקלעכן חלוץ באַווייזט נאָכאַמאָל, וואָס איז אונזער ווערק פאַר אַ יידן אין גלות, וויפל יסורים איז גורם יעדער דורכפאַל, יעדער מאָרד דאָ יעדן יידן, וואָס איז פאַרבונדן מיט ארץ ישראל און מיט דער אידיי. אָט דער געוועב, וועל־כער איז דורכגעפלאָכטן מיט פעדעם פון פראַכט און טרויער, טרייסט און פאַרצווייפלונג — וואָס פאַרנאַ באַוועגונג קען זיין גלייכן. פונדעסטוועגן איז נישט געווען גערעכט יענער טייערער חבר, וואָס מיט זיינע אייגענע הענט האָט ער פאַרגרעסערט די צאָל פון אונזערע קרבנות, וויל זיין האַרץ האָט נישט געקענט איבערטראָגן די דערשיטערנדע שטרויכלונגען. אַזוינע קברים זענען צעשפּרייט אויף אונזער וועג פון די קישיניעוו־טעג און דעם קריזיס פון אוגאַנדאַ, קברים פון גוטע חברים, געטרייע, וועלכע האָבן נישט געקענט לעבן זייער געוויינלעכן לעבן אין מינוטן פון אומגליק און פאַרצווייפלונג. אויך זיי זענען נישט גערעכט געווען. ווען זיי וואָלטן געבליבן ביים לעבן און צוזאַמען מיט אונז געווען אין טרויער און פרייד, וואָלטן זיי זיך איצט געפילט גליקלעך, ווען דאָס אוממעגלעכע איז געוואָרן אַווירקלעכקייט. און יעדעס מאָל דאַרפן מיר זאָגן אונזערע ווייטע חברים אין גלות, אונזערע

חברים אין דער צוקונפט: זאָל אייער מוט נישט פאַלן! גלויבט נישט, אַז דער פירפאַכער אָדער פינפאַכער בונד קעגן אונז וועט זיגן. אונזער כח איז גרויס, אַ סך גרעסער, ווי ס'ווייזט זיך אויס.

זעט, וואָס האָבן מיר אויפגעטאָן אין געציילטע יאָרן. דאָס גרויסע ארץ־ישראל־ווערק איז דאָך בעצם אַלט נאָר 15 יאָר. צוריק מיט 15 יאָרן זענען מיר געשטאַנען אויף ברע־נערס קבר, ווי מענטשן, ביי וועמען אַלץ איז אוועקגענומען גע־וואָרן. און אין משך פון די 15 יאָר זענען דאָך געווען נישט נאָר די פּאָגראָמען פון 1921 און 1929, נאָר אויך אָנפאַלן פון באַהעלטעניש, קריזיסן און גזירות פון דער רעגירונג אָן אויפהער. ס'זענען אויך געווען צעשטערער פון אינעווייניק, פון די באַיקאָטירער, די טרעגער פון קאַפּיטאַל און פון פרעמ־דער ארבעט, די פאַרפלאַנצער פון דער חורנישער ארבעט ביז צו צעשטערער — די טרעגער פון דער „ריינער" רעוואָלוציאָ־נערער אידיי, כלומרשט, וואָס העצן אין נאָמען פון אַזאַ סאָ־ציאַלער רעוואָלוציע, וואָס שייך אַל קאַסאַם איז איר אָנזאָגער. און אין משך פון די 15 יאָר האָבן מיר דערגרייכט, צו וואָס מיר האָבן דערגרייכט. מיר האָבן פאַרפינפאַכט אונזער ישוב. געשאַפן ווערק, וואָס זייער גלייכן איז נישטאָ אין קיין שום אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער וועלט. איך מיין נישט נאָר אונזערע סאָציאַליסטישע ווירטשאַפטן, נאָר אויך אַנדערע זאַכן און ראשית כל: די הסתדרות, וואָס ס'איז נישטאָ איר גלייכן אויף דער וועלט לויטן אינהאַלט און וווקס. איך מיין דעם פדיון עבודה, וואָס קיין ארבעטער־באַוועגונג ווייס נישט פון אַזא מין אויפטו. אין משך פון די 15 יאָר האָבן מיר דעראָבערט גאָר אַן אנדער אָרט אין באַוווסטזיין פון דער וועלט. ס'האָבן זיך געענדערט די באַציונגען צו אונז פון די סאָציאַליסטישע קרייזן. אויך אַנדערע קרייזן אין אייראָפּע הויבן אָן צו אָנערקענען אונזער ווערט. און הינטער אונז שטייט אַ באַוועגונג פון הונדערטער טויזנטער, וועלכע ווייסן, אַז זיי האָבן נישט קיין צוקונפט, אויסער דעם וועג צו אונז.

איידער מיר וועלן קענען ענטפערן אויף דער פראַגע:

וואָס זאָלן מיר טאָן? — דארפן מיר זיך באפרייען פון עט־לעכע אילוזיעס. ראשית כל, פאַרלאָזט זיך נישט אויף נציבים! א סך יאָרן האָט אונז דער ציוניזם געלערנט נישט פאַרלאָזן זיך אויף נדיבים, איצט מוזן מיר ווידער לערנען די ביטערע לעקציע: נישט פאַרלאָזן זיך אויף נציבים.

די הארבסטע פראגע איז אָבער נישט, וועלכע קענען זיין די פּאָליטישע פארפלאָנטערונגען דאָ און אין לאָנדאָן, נאָר די פראגע: וואָס וועט זיין אונזער אויפגאבע, וועלכע וועלן זיין אונזערע מעשים מאָרגן, איבערמאָרגן?

אמאָל זענען מיר געווען ווייניקע. אָבער ווען מיר האָבן זיך צוזאמענגעקומען, האָבן מיר געוווּסט, אז מיר זענען נישט קיין צופעליקער ציבור, נאָר אַ מחנה פון ברידער אין שווערן לעבן, אין ארבעט און גורל, אין יסורים און הילף. און דאָס האָט אונז בייגעשטאנען אין די יאָרן פון דער מלחמה, אין די ערשטע יאָרן פון דער דריטער עליה, דאָס האָט אונז געמונטערט און אויפגעהאלטן אין טעג פון באלאגערונג. איצט זענען מיר אַ גרויסע מחנה, ביז 100 טויזנט מיטגלידער אין דער הסתדרות. איבער א סך פון אונז איז נישט אריבער דאָס, וואָס איז אריבערגעגאנגען איבער די ערשטע „דורות" אין אונזער ארבעטער־באַוועגונג. זיי שטייען אפשר איצט דאָס ערשטע מאָל אין גרויסן נסיון, אין פּרווו פון קערפּער און נשמה. צי וועלן זיי קענען לעבן, ווי ס'פּאסט ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער, צי וועלן זיי קענען ענטקעגנקומען די אַלע שווערע פאָדערונגען, וועלכע ס'שטעלט די תקופה פון נסיון — דאָס איז נישט קיין פראַגע לשם רעטאָריק, דאָס איז אַ גורל־פּראַגע גורל פון ווערק, גורל פון פאָלק.

אין פּאָליטישן געראַנגל

י. טאַבענקין

דער יסוד פון אונזערע פּאָליטישע פאָדערונגען

וועלכע זענען אונזערע פאָדערונגען אין באַצוג צו דער אנטוויקלונג פון לאַנד און צו זיין פּאָליטישער אָרדנונג? אין יסוד פון אונזערע פאָדערונגען ליגט דאָס אָנערקענען אונזערע רעכט אויף פרייער עליה, אונזער רעכט אויף די נישט-באַאַרבעטע און נישט-באַוווינטע באָדנס, אויף קאָנצעסיעס אויף דער אנטוויקלונג פון די נאַטור-כוחות פון לאַנד: וואַסער, עלעקטרי, זאַלצן א. א., אונזער רעכט אויף עפנטלעכע אַרבעטן, בקיצור: דאָס רעכט אויף עליה און קאָלאָניזאַציע. מיר האָבן געפאָדערט, אַז אינטערנאַציאָנאַלע פאַקטאָרן זאָלן אָנערקענען דאָס דאָזיקע רעכט. דאָס איז דער יסוד פון אונזער ווענדונג זייערצייט צום צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, צו דער ענגלישער לייבאָר-פּאַרטיי, צו דער ענגלישער רעגירונג. ס׳איז די פּאָן פון פּאָליטישן ציוניזם, די פּאָן, וועלכע הערצל האָט אויפגעהויבן, נאָר אויף אַן אַנדער שטח — די פּאָן פון אינטערנאַציאָנאַלן ווערט פון דער ייִדן-פראַגע, פון ארץ-ישראל אַלס אַ לאַנד פאַר קאָלאָניזאַטאָרישער פּאָליטיק, פון די ייִדישע אַרבעטער-מאַסן אַלס די באַרעכטיקטע צו דער דאָזיקער קאָלאָניזאַציע, פון אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסן, וואָס זענען מחייב הילף פאַר אונזער אויפבוי. דאָס איז די פּאָן, וועלכע ס׳האָט אַראָפּגעלאָזן דער באַלעבאַטישער ציוניזם, ווייל ער האָט נישט קיין אינערלעכן כוח צו לעזן אויפן יסוד פון פּריוואַטער קאָנקו-

רענץ נאַציאָנאַלע פראַגן, שאַפן אַ נאַציאָנאַלן כוח. די דאָזיקע פאָן האָבן אָבער מיר אויפגעהויבן און ס׳הויבן אויף אַלע אמתע ציוניסטן, זאָל עס זיין כלפּי דעם פעלקער־בונד, דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, צי כלפּי דעם קאָמינטערן. דאָס פאַרראטן די דאָזיקע פאָן, דאָס אויספעלן פון מוט צו פאַרטיידיקן איר, ווי זי איז, אָדער דאָס פעלן פון קלאָרקייט אין דער קאָנצעפּציע ברענגט צו מפּלות פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק אויף אַלע שטחים.

מען פרעגט אונז, צי נעמען מיר אָן דעם סטאַטוס־קוואָ פון דער פּאָליטישער אָרדנונג פון לאַנד. מען דאַרף דאָ אָבער אונטערשיידן צוויי פראַגן: ערשטנס, צי נעמען מיר אָן דעם פאַקט פון דער הערשאַפט פון דער ליגע פון קאַפּיטאַליסטישע און אימפּעריאַליסטישע פעלקער און דעם מאַנדאַט, וואָס שטיצט זיך אויף דעם דאָזיקן פעלקער־בונד? צווייטנס, צי נעמען מיר אָן בכלל דעם פאַקט פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַנדאַט מיט קאָלאָניזאַטאָרישע אויפגאַבן? ס׳איז קלאָר, אַז אויך נישט נעמענדיק די אחריות פאַרן „סטאַטוס־קוואָ", וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורכן פעלקער־בונד, קען מען נישט אויסמיידן די פראַגע וועגן רעכט פון קאָלאָניזאַציע אין שיטער־באַוווינטע און נישט ענטוויקלטע לענדער, ווי ארץ־ישראל און מען קען נישט אויסמיידן די פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסן, וואָס זענען מחייב אינטערנאַציאָנאַלע הילף פאַרן יידישן פאָלק און זיין קאָלאָניזאַטאָרישן ווערק, וואָס ענטוויקלט און מאַכט אויפלעבן דאָס לאַנד און דעם יידישן פאָלק. און דאַן איז קלאָר די תשובה אויף דער פראַגע: צי ווילן מיר, אַז די הערשאַפט איבער דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פון לאַנד, איבער דער באַאַרבעטונג פון באָדן, בוי פון וועגן און פאָרטן, קאָנצעסיעס און פאַרגרעסערונג פון דער באַפעלקערונג זאָל זיין אין די הענט פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן כוח, וואָס גיט איבער דעם מאַנדאַט אַ מאַכט אָדער מיר לאָזן אַראָפּ די פאָן און גיבן איבער די הערשאַפט דעם ביסל איינוווינער, וואָס זענען שוין דאָ אין לאַנד.

פאַר אונז איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז מיט זיין גאַנצן גע־שריי וועגן דער באַפרייונג פון די מזרח־פעלקער, וואָלט דער קאָמינטערן אָדער אַ ליגע פון די אַרבעטנדיקע פעלקער, דע־ראָבערנדיק די מאַכט, אויך געשטאַנען פאַר דער פראַגע פון ענטוויקלען שיטער־באַפעלקערטע לענדער, פון באַפרידיקן קאָ־לאָניזאַציע־באַדערפענישן פון פעלקער, פון אָנערקענען דאָס רעכט אויף קאָלאָניזאַציע, פון אינטערנאַציאָנאַלער הערשאַפט. אויך צו אַזאַ מאַכט וועלן מיר קומען מיט אונזער רעכט צו ענטוויקלען א״י דורך קאָלאָניזאַציע, דורך פרייער עליה און איבערגאַנג צו אַ מצב פון אַן אַרבעטנדיקן פאָלק. נאָר דער, וואָס צווייפלט בנוגע דעם ציוניזם, קען באַצווייפלען די קאָנ־צעפציע פון אַזאַ פאַרבינדונג. ווייל אין וואָס באַשטייט צו יע־דער צייט דאָס פראָבלעם פון ציוניזם? אין דער פאָדערונג פון באָדן און פרייער עליה, אין דער פאָדערונג פון פרייהייט און הילף פאַר דער קאָלאָניזאַציע. די דאָזיקע פאָדערונג נע־גירט די הערשאַפט פון ביסל מענטשן, וואָס געפינען זיך איצט אין לאַנד און באַארבעטן נאָר אַ טייל פון זיינע באָדנס איבערן גאַנצן לאַנד, איבער דעם טעמפּאָ פון זיין עקאָנאָמישער ענט־וויקלונג. בכלל איז דאָס באַפרייען די אונטערדריקטע פעלקער פון מזרח נישט פאַרבונדן מיטן אָנערקענען זייער רעכט אויף אַזאַ הערשאַפט, ווייל דער אינהאַלט פון דער דאָזיקער הער־שאַפט איז פעאָדאַליזם, פאַרקנעכטונג פון די אַרבעטנדיקע. דאָס רעכט אויף הערשאַפט איז ביי זיי נאָר פאָרמעל. פראָג־רעסיוו, אין זיין אינהאַלט איז עס תמיד רעאַקציאָנער, ווייל עס באַדייט דאָס איבערגעבן דאָס לאַנד און זיינע מעגלעכקייטן אין די הענט פון פעאָדאַלן מיעוט.

דאָס, וואָס ס׳פּאָרערן די פּאָליטישע פאָרשטייער פון די אַראַבער, באַדייט: הערשאַפט איבער דער ענטוויקלונג פון לאַנד, באַגרענעצונגען פון דער עליה, מאַכט איבערן באָדן, וועלכן זיי קענען נישט באַאַרבעטן, אייגענע באַאַמטנטום, מיט איין וואָרט: מאַכט. מיר דאַקעגן פאָדערן — צונעמען דאָס רעכט פון מענטשן צו הערשן איבערן באָדן, וועלכן זיי באַאַר־

בעטן נישט, צונעמען בײַ זײ דאָס רעכט צו שליסן די טויערן פון א״י פאַר מענטשן, וואָס קומען באַאַרבעטן און ענטוויקלען דאָס לאַנד. דערפאַר וואַרפן מיר אויך אָפּ דעם פאָרשלאַג פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעפאָרם אין איר ביזאיצטיקן געשטאַלט.

בכלל איז יעדע פּאָליטישע פראַגע בעצם נישט קיין פראַגע פון אַ פּראָגראַם, נאָר אַ פראַגע פון כוח, פון כוחות־פאַרמעסטונג. דעריבער איז עס געווען אַן אויסדרוק פון אַ געזונטן פּאָליטישן אינסטינקט פון דער א״י־דיקער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס זי האָט זיך קאָנצענטרירט אין די פראַגן פון עליה, אויפנאַם פון עולים, קאָלאָניזאַציע, אין דער שאַפונג פון אַרבעטס־און קאָלאָניזאַציע־פאָרמען, אין דער אָרגאַניזירונג פון דער ווירטשאַפט און דער הסתדרות — וואָס פאַרפעסטיקן ממשותדיק דעם יידישן כוח אין לאַנד.

אונזערע פּאָליטישע פּראָבלעמען זענען אויף אַ לענגערער היסטאָרישער תקופה בעיקר פּראָבלעמען פון קאָלאָניזאַציע, עליה און דער הסתדרות. אויף וויפל די מאַנדאַטאָר־מאַכט פאַרראַט דעם מאַנדאַט, הערשט מיט דער הילף פון קאָלאָניאַלע אַנטי־ציוניסטישע און גאָר אָפט אויך אַנטי־יידישע באַאַמטע, געזעצן און פּאָליציי, אויף וויפל זי איז שולדיק אין די פּאָגראָמען אין לאַנד, אויף וויפל זי שטערט די מעגלעכקייטן פון אַ פאַרשטענדיקונג צווישן אונז און די אַראַבער, רייסט איבער און פאַרקלענערט די עליה, שטערט דער שאַפונג פון נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיעס אין לאַנד — מוזן מיר זיך אויך באַשעפטיקן מיט דער דירעקטער פּאָליטישער טעטיקייט. אונזערע קאָנקרעטע געזעצגעברישע פאָדערונגען, בנוגע דעם גאַנצן לאַנד, וואָס ענטשפּרעכן די ווירקלעכע באַדערפעניש פון אַלע איינוווינער פון לאַנד, זענען: ענטוויקלונג און דעמאָקראַטיזאַציע פון דער מוניציפּאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, גערעכטער שטײַערן־סיסטעם,

אַגראַר־רעפאָרמען, דעמאָקראַטיזאַציע און
ענטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע אויטאָ־
נאָמיעס. אָט די פּאָליטישע ענינים זענען פאַרבונדן מיט
אַ אינערלעכן קלאַסן־געראַנגל אין די פעלקער, וואָס געפינען
זיך אין לאַנד, אַ געראַנגל צווישן רייכע און אַרבעטנדיקע
שיכטן, לאַנדווירטשאַפטלעכער און שטאָטישער באַפעלקערונג
א. א. וו.

שטענדיק האָט זיך א״י געפונען אונטער דער הערשאַפט
פון אויסערלעכע פּאָליטישע כוחות (למשל, די טערקישע אימ־
פּעריע). נאָך דער וועלט־מלחמה האָט דאָס לאַנד געקענט דע־
ראָבערט ווערן אויך דורך אַן אנדערער זיגערישער מלוכה,
למשל, פראַנקרייך. די וועלט־פּראָבלעמען פון קאָלאָניזאַציע
באַקומען אין דער תקופה פון קאַפּיטאַליזם אַ קאָלאָניאַלן כאַ־
ראַקטער. אַ לאַנד, וואָס איז אין זיין גרעסטן טייל נישט באַ־
ווינט און עס געפינט זיך אויפן האָריזאָנט פון אַגרעסיוון
קאַפּיטאַליזם, האָט נישט גענוג כוחות אויף פולשטענדיקער
פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט ; עס מוז — אונטער וואָסער
ס'איז פאָרם — אַרונטערפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון אײ־
נער פון די גרויס־מאַכטן. וואָלט אין א״י נישט געווען ענג־
לאַנד, וואָלט דאָרט געווען אַן אַנדער גרויס־מאַכט. אויך ווען
דער ציוניזם וואָלט אין א״י נישט געווען, וואָלטן די אײנוווי־
נער פון פּאַלעסטינע נישט באַקומען קיין פולע פּאָליטישע
זעלבסטשטענדיקייט. נאָר אַן אַנדערער אינטערנאַציאָנאַלער סדר
וועט פאַרזיכערן די פולע ענטוויקלונג פון א״י און העלפן סיי
פּאָליטיש סיי עקאָנאָמיש דעם ווערק פון טעריטאָריעלער קאָנ־
צענטראַציע פון יידישן פאָלק אין א״י.

אויף דער 4־טער קאָנפערענץ פון אחדות־העבודה אין עין־חרוד, 1924

ח. ארלאָזאָראָוו

אונזער וועג אין פּאָליטיק

אין יענע טעג, ווען די שאָו־קאָמיסיע האָט געפאָרשט אין לאַנד, האָבן מיר אַלע געפילט, ווי איינזאַם מיר זענען און ווי איינזאַם ס׳קומט אונז אויס צו פירן אונזער קאַמף. דער געפיל פון איינזאַמקייט איז דאַן ביי אונז געווען אַזוי שטאַרק דוקא דערפאַר, וואָס מיר האָבן דאַן געהאַט צו טאָן מיט דער אַרבעטער־רעגירונג אין ענגלאַנד. מיר האָבן געפילט, אַז אפילו פאַר דער אַרבעטער־רעגירונג, וועלכע האָט דאָך אין פלוג גע־דאַרפט פאַרשטיין אונזער גרונט־אויפפאַסונג — האָבן מיר אָנ־געטראָפן אויף שוועריקייטן ביים דערקלערן אונזער ענין. מיר האָבן דאַן זיך געמוזט מתוכח זיין מיט דער אַרבעטער־רעגי־רונג וועגן זאַכן, וואָס פאַר אונז זענען זיי געווען פולשטענ־דיק קלאָר. אין דער זעלבער צייט האָבן מיר געדאַרפט איבער־ווינדן די שווערע אויפטרייסלונגען, וועלכע דער ישוב האָט דורכגעלעבט; און מיר, די אַרבעטער־באַוועגונג און דער גאַנ־צער ישוב, זענען דאַן, טראָץ די געשעענישן פון יענער צייט און טראָץ אַלע געפילן אונזערע, כאילו לייכט אַריבער צום סדר־היום. מיר האָבן פאָר־געזעצט אונזער אַרבעט אין דער דאָזיקער קאַלאַמוטנער אַטמאָספער, בכדי אָפּצוהיטן די יסודות פון אונזער אויפבוי.

ס'איז געווען דאָן אַ גאַנץ באַזונדערע לאַגע. דריי פאַקטאָרן אין לאַנד האָבן אויסגעדריקט זייער שטעלונג: פון איין זייט די ענגלענדער — די הערשער פון אַ גרויסער אימ- פעריע; פון דער צווייטער זייט די אַראַבער — דער רוב מנין און רוב בנין פון דאַמאָלסטיקן ישוב פון לאַנד, וואָס זענען באַקאַנט אַלס פאָלק, וואָס איז איינגעוואָ־צלט אין דער ערד, און אויך אַלס מדבר־ריטער און קעמפער. און נעבן די צוויי פאַקטאָרן — אַ קליינע יידישע מינדערהייט אין לאַנד. די ענגלענדער — די דעראָבערער, די הערשער, די בויער פון אימפעריעס — האָבן געזאָגט, אַז זיי ציטערן פאַר מהומות, פאַר דעם אויפשטאַנד, וואָס באַדראָט, כביכול, א"י און אַז זיי מוזן זייער אַרבעטס־שיטה צופאַסן צו די דאָזיקע סכנות. די אַראַבער האָבן געזאָגט, אַז זיי ציטערן פאַר די יידן, וועלכע קומען מיט אַ גרויסן כח זיי צו באַ- הערשן, דערשטיקן און פאַרטרייבן אין מדבר אָדער אין ים אַריין. און די יידן, וואָס זענען אין דער גאַנצער וועלט באַקאַנט אַלס פחדנותדיק פאָלק, און דאָ איז נאָך דערצו גע- ווען נאָר אַ קליינער מיעוט פון דאָזיקן פחדנותדיקן פאָלק, אָט דער מיעוט איז דאָך נישט נתפעל געוואָרן פון די אַלע „שרעק"־נוסחאות און ער האָט באַשלאָסן — טראָץ אַלע אויפ- רודערונגען, טראָץ אַלע שוועריקייטן און געשעענישן, וועלכע האָבן אַ האָגל געטאָן אויף אים — אַריבערגיין צום סדר־היום און קעמפן דורך אויפקלערונג.

דער ערשטער יסוד פאַר יעדער פּאָליטישער טעטיקייט אונזערער, איז, מ'זאָל אונז פאַרשטיין. מיר דוכט זיך אָפט, אַז מיר יידן רעדן וואָס אַן אמת צווישן זיך נאָך צופיל — אָבער במשך פון די דורות פון אָפגעשלאָסענעם לעבן איז אונזער שפּראַך געוואָרן אַן אינערלעכע, ווי די שפּראַך פון אַן אָפּגעשלאָסענער משפחה, וועלכע איז פאַר קיין זייטיקן נישט פאַרשטענדלעך — ווען מיר רעדן צווישן אונז, פאַרשטייען מיר נישט נאָר דעם פשוטן באַדייט פון די ווערטער, נאָר אויך די אַסאָציאַציעס, וועלכע זיי ברענגען אַרויף. פאַר אַ

פרעמדן איז עס אָבער נישט גענוג פאַרשטענדלעך. מיר האָבן געזאָגט: פונדעסטוועגן גייען מיר אַריבער צו אונזער ווייטער־דיקער אַרבעט און צום אָפּהיטן די יסודות פון אונזער ווערק.

מיר דאַרפן זיך נישט באַנוגענען מיט פעסטשטעלן, אַז אונזער שטעלונג פון יענער צייט איז געווען אַ גערעכטע, אַז אונזער בנין איז געבליבן אומדערשיטערט און אַז מיר שטייען ווידער פאַר אַ עקאָנאָמישן אויפשטייג פון ישוב און פאַר אַ נייער עליה, וועלכע וועט אונז צוגעבן טויזנטער נייע חברים. ס׳איז כדאי, אַז מיר זאָלן פּרוּוון רעזומירן די רע־זולטאַטן פון אונזער פּאָליטישער שיטה און פרעגן זיך אַליין: וואָס איז דער סך־הכל פון אָט דער שיטה? ס׳איז באַוווּסט, וויפל מ׳האָט עס אָפּגעלאַכט פון אונזער פּאָליטיק. מ׳האָט געזאָגט, אַז דאָס איז ליליענבלומס ציג אין אַ צווייטער אויפ־לאַגע. מ׳האָט געזאָגט, אַז ביי אונז הייסט פּאָליטיק די זאָרג פאַר יעדן שאָסיי אין א״י, פאַר יעדער קליינער עפנטלעכער אַרבעט, פאַר אַ וועלכער נישט איז פאַרלייכטערונג פאַר דער יידישער אינדוסטרי און לאַנדווירטשאַפט. מ׳האָט אונז פאָרגע־וואָרפן, אַז מיר פאַרשטייען נישט די גרויסע פּראָקלאַמאַציעס, די ענדע־ציל־פּראָגראַמען. בקיצור: מיר ווייסן נישט, וואָס איז אַזוינס פּאָליטיק און אנשטאָט א פּאָליטישער שיטה קלייבן מיר אויס אַזאַ שיטה, וואָס איז נישט בכוח מקיים צו זיין דאָס, וואָס מיר גייען שאַפן אין א״י.

און וואָס איז אויף אַן אמת אונזער פּאָליטישע שיטה? איך וועל פּרוּוון דערקלערן איר מיט אַ פאַרגלייך צו לאַנד־ווירטשאַפטלעכער אַרבעט. די אויפגאַבע פון אונזער פּאָליטי־שער אַרבעט צו פאַרווירקלעכן דעם געדאַנק פון אַ יידישער א״י איז אין אַ גרויסער מאָס ענלעך צו דער אויפגאַבע פון אַ לאַנדווירט. אַלץ, וואָס ער טוט, איז בעצם אָפּהענגיק פון כוחות, איבער וועלכע ער האָט קיין שליטה נישט, פון נאַטור און לעבנס־כוחות, וואָס פירן זיך לויט זייערע געזעצן. דער עיקר איז אַלץ ביי אים אָפּהענגיק פון באָדן און זיין פרוכט־באַרקייט, פון די זאַלצן, וואָס געפינען זיך אין אים, פון דער

פייכטקייט, זון, רעגן. די גאַנצע אַרבעט פון לאַנדווירט איז נאָר בכדי צו שאַפן באַדינגונגען, בכדי אויסצונוצן די דאָזיקע כוחות מיט אַלע מיטלען, וועלכע ער האָט זיך דערוואָרבן דורך דערפאַרונג, וויסנשאַפט א.א.וו. און דער לאַנדווירט גלויבט דאָך אוודאי נישט אין קפיצת הדרך. ער גלויבט נישט, אַז אויב ער וועט אַרויסגיין אין פעלד און פאַרלייענען רעזאָלו־ציעס — וועט וואַקסן גיכער. ער גלויבט נישט, אַז אויב ער וועט קומען צו זיין תבואה מיט שיינע דעקלאַראַציעס און וועט אפילו מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט דעפינירן דעם ענדע־ציל פון זיין פעלד — וועט ער דערמיט זיך פאַרזיכערן אַ בעסערע גערעטעניש.

די דאָזיקע, אפשר באַשיידענע און באַגרענעצטע, אָבער זייער ערנסטע און פאַראַנטוואָרטלעכע, אויפגאַבע, וועלכע איז זייער קליין און באַשיידן לגבי די נאַטור"כוחות, וואָס איז אָבער אַן ערנסטע און פאַראַנטוואָרטלעכע לגבי די טאַטן פון מענטשן — אָט די אויפגאַבע, וועלכע דער לאַנדווירט דערפילט טאָג־טעגלעך דורך באַאַרבעטן די געוויקסן, דערפילן מיר מיט אונזער פּאָליטישער אַרבעט ביים אויפבוי פון דער יידישער א"י, אַרבעטער־געזעלשאַפט, נאַציאָנאַלער היים — רופט עס אָן ווי איר ווילט.

ווען אין 1917 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די ברי־טישע דעקלאַראַציע וועגן א"י — איז זי אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ דעקלאַראַציע, וואָס איז געהאָנגען אין דער לופטן, אַן אוואַנס אויף צוקונפטיקער אַרבעט און פאַרווירקלעכונג. זי האָט אונז געגעבן אַ ראַם, וועלכע מיר האָבן געדאַרפט אָנ־פילן מיט אינהאַלט. און אין דער ווירקלעכקייט איז געווען דאַן אין א"י אַ ישוב פון פופציק אָדער פינפאונפופציק טויזנט נפשות, איבער וועלכן ס'זענען דורכגעגאַנגען אַלע מלחמה־כוואַליעס, וואָס אַ גרויסער טייל זיינער האָט דורכגעמאַכט (די חלוקה־קריזן) אַ פּראָצעס פון כסדרדיקער ענטאַרטונג. און ווען ס'איז געגעבן געוואָרן די דעקלאַראַציע, ס'הייסט, ווען ס'איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דער נייער פּאָליטישער אָרד־

נוגע אין א״י, איז זי געווען נישט מער ווי אַן אַנאָנימער אַדרעס אויפן נאָמען פון צעשפּרייטן יידישן פאָלק. כ׳מיין, אַז זינט דאַן האָבן מיר שוין פיל אותיות צוגעשריבן צום אַדרעס, ווייל דאָס איז דאָך אַן אַדרעס מיט אַ סך לאַנגע נעמען — אָבער יעדן יאָר גיבן מיר צו אים צו אַ סך אותיות.

איצט האָבן מיר אין א״י צו טאָן מיט אַווירקלעכקייט, מיט וועלכער יעדע פּאָליטיק וועט זיך מוזן רעכענען. דאָס איז שוין נישט מער אַן אַנאָנימער אַדרעס, נאָר ווירקלעכקייט, וועלכע יעדע בריטישע פּאָליטיק — ווען זי וואָלט היינט געדאַרפט איבערראַנייס באַטראַכטן אירע וועגן אין א״י — וואָלט געמוזט אָננעמען אַלס לעבנס-פאַקטן. זאָל דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר זיין וועך עס איז — ער וועט זיך אָבער מוזן רעכענען מיט דעם, אַז אין עמק האַלט דעם אַקער די יידישע האַנט, אַז אין ירושלים, יפו און חיפה איז דער וואַקסנדיקער יידישער אַרבעטער-קלאַס דער מאָדערנער אַרבעטער-קלאַס און אַז אַזוי שטעלט זיך אויך פאָר די לאַגע אין דער אינדוסטריע, ביי די קאָנצעסיעס, אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין דער פּלאַנטאַציע-זאָנע.

דאָס זעלבע איז נוגע אויך דער שטעלונג פון דער אַראַבישער פּאָליטיק אין א״י. די גאַנצע שוועריקייט אין דער איצטיקער איבערגאַנגס-צייט איז אין דעם, וואָס די אָנפירער פון דער אַראַבישער פּאָליטיק ווילן פאַרמאַכן די אויגן אויף די דאָזיקע פאַקטן. זיי ווילן זיך מאַכן נישט זעענדיק, אַז דער יידישער ישוב איז אין א״י אַ לעבנס-פאַקט און פונקט ווי די זון, דער באָדן, דער ואדי, דער ים — איז ער אויך אַ טייל פון דער א״י-נאַטור, וועלכן מ׳קאָן נישט אויסוואָרצלען. דאָס איז דער עקזיסטירנדיקער יידישער ישוב, וואָס אַרבעט, האַלט זיך אויס און וואַקסט מיט די אייגענע כוחות. און דאָס זע איך — סיי פון שטאַנדפּונקט כלפּי ענגלאַנד, סיי פון שטאַנדפּונקט פון די פּאָליטישע באַציונגען אין לאַנד — אַלס די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דער צוקונפט פון אונזער ווערק. און דאָס אַלץ איז דאָך די פרוכט פון דער קליינער טאָג-

טעגלעכער ארבעט במשך פון די יאָרן; אָן אַרבעט, וואָס מ׳האָט גרינגגעשעצט, וועלכער מ׳האָט פאַרשידענע נאַרישקייטן פאָרגעוואָרפן — לסוף איז זי עס די איינציקע גאַראַנטיע פאַר אונזער צוקונפט.

אויסער די, וואָס זאָגן, אַז מיר האָבן נישט קיין געגוגנדן פּראָגראַם און וואָס וואַרפן אונז פאָר סתירות — איז דאָ היינט נאָך אַ צווייטע שול, די אָפּיציעלע, די שול פון דער רעגירונג, כביכול, וואָס רעדט וועגן דער ענטוויקלונג פון לאַנד און וואָס וויל אונז לערנען אַ פּרק אין הלכות ענט-וויקלונג. און ווען כ׳וויל, אויפן סמך פון פאַרעפנטלעכטע און נישט פאַרעפנטלעכטע אָפּיציעלע דאָקומענטן, רעזומירן דעם כאַראַקטער פון דאָזיקן געדאַנקען-גאַנג, קום איך צו דער מסקנה: מיר האָבן צוויי טיילן פון דער דאָזיקער ענטוויקלונגס-תורה. פון איין זייט קאָן מען איר פאַרגלייכן מיט יענע מענטשן, וועלכע האָבן — בעת מ׳האָט דערפונדן די אייזנבאַן — געזאָגט: מיר אַנערקענען דעם ווערט פון דער באַן, ווייל ווער קאָן זיך עס קעגנשטעלן אַזאַ וווּנדערבאַרן מכשיר, וואָס פירט אַריבער אָן פערד און וואָגן מיט אַזאַ געשווינדקייט. אָבער מיט איין תנאי: אַז אלע באַלעגאָלעס זאָלן פאַרזעצן זייער פריערדיקע אַרבעט און קיינער פון זיי זאָל נישט בייטן זיין פאַך און זאָל נישט ווערן קיין קאָנדוקטאָר, מאַשי-ניסט אָדער ארבעטער אויף דער באַן. דאָס איז דאָך אָבער אוממעגלעך. אויב די אייזנבאַן איז טאַקע אַ וויכטיקע טעכ-נישע דערגרייכונג — איז קלאָר, אַז זי מוז ברענגען ענדע-רונגען דאָרט, ווו זי ווערט אַריינגעפירט, און פריערדיקע פורמאַנעס ווערן מאַשיניסטן, קאָנדוקטאָרן, הייצער און פאַרנע-מען אַרבעטן ביי דער באַן.

און פאַראַן נאָך אַ צווייטע זייט. די אָפּיציעלע ענטוויק-לונגס תורה זאָגט בעצם — און מיט דעם שטיצט זי זיך אומ-באַדינגט אויפן תנ״ך — אַז מיר דאַרפן אויפהאַלטן דאָס דרייען זיך פון דער זון, ביז ס׳וועלן זיך ענדיקן די אַדמיניסטראַ-טיווע צוגרייטונגען — שמש בגבעון דום! ביז דער אַדמיניסט-

ראטאָר וועט אָנצייכענען וועגן פאַר דער ענטוויקלונג, ביז ס'וועלן פאַרענדיקט ווערן אַלע אויספאָרשונגען און אויסמעס־טונגען און אַלע פּלענער. די אראבישע לאַנדווירטשאַפט אין א״י מוז בלייבן אין איר פריערדיקן צושטאַנד, ביז זי וועט דערגיין צום רייכטום — ערשט דאַן וועט מען מעגן אַ רוק טאָן פאָרויס אויך דאָס יידישע ווערק.

אין קעגנזאַץ צו די דאָזיקע אַלע טעאָריעס, אנטקעגן די אַלע, וואָס וואַרפן אונז פאָר פּראָגראַם־לאָזיקייט און סתירות, אַנטקעגן די, וואָס לייגן פאָר אַ טעאָריע פון עקאָנאָמישן און סאָציאַלן סטאַטוס־קוואָ אין א״י און וואָס ווילן מבטל מאַכן די טיפע איבערקערעניש, וואָס דאָס יידישע ווערק מאַכט במילא, אָן קיין שום ספּעציעלער כּוונה אין לעבן פון אַלע איינוווינער פון א״י — אַנטקעגן דעם שטעל איך אַוועק דעם לעבעדיקן פּראָצעס פון דער ענטוויקלונג פון ביידע פעלקער אין לאַנד. אונזער ענטוויקלונג און די ענטוויקלונג פון אראבישן פאָלק אַלס אומבאַדינגטער רעזולטאַט פון אונזער אַרבעט אין לאַנד, וואָס האָט שוין ביז היינט דעם אראבישן ישוב אין א״י אויפגעהויבן איבער אַלע אַרומיקע אַראַבישע ישובים. אין א״י, וואָס איז אַן אָרעם לאַנד, איז דער אראבישער אַרבעטער דערגאַנגען צו אַזאַ לעבנס־ניוואָ, צו אַזעלכע לעבנס־באַדערפע־נישן און צו אַזעלכע אַרבעטס־מעטאָדן, צו וועלכער ס'איז נאָך ביז היינט נישט דערגאַנגען דער אַרבעטער אין רייכן מצרים, אין סיריע און איראַק. אונזער אַרבעט לערנט דעם אראַבער אין א״י אַרויסבאַקומען וואַסער פון די טיפענישן, און וואַסער איז אין א״י דער אונטערשייד צווישן אָרעמקייט און פאַרמעגלעכקייט; אונזער אַרבעט לערנט דעם אַראַבישן אַר־בעטער אומעטום — היינט אין נשר, מאָרגן ביים ים און איבער־מאָרגן צווישן שאָפערס; אין דער געגנט פון אונזערע קאָלאָ־ניעס — ווי אַזוי צו פאַרדינען זיין ברויט דורך אַרבעט און נישט צו לעבן קיין הינטישן לעבן, זיך צו ענטוויקלען און שטייגן און נישט ענטאַרטעט צו ווערן, צו שאַפן אַזעלכע אַר־בעטס־וועגן און אַרבעטס פאָרמען, וואָס העלפן זיין ענט־

וויקלונג. דער אַראַבישער אַרבעטער און פּויער האָבן געלערנט עפּעס פון אונזער אַרבעט אין א״י. די דאָזיקע זאַכן דרינגען מיט פאַרשידענע וועגן אַריין צו דער אַראַבישער מאַסע.

און אויך די מאַסע איז שוין היינט אַן אַנדערע ווי מיט פופצן יאָר צוריק. און דורכן דאָזיקן פּראָצעס — דערנענטערן מיר זיך צו אַ צוקונפט, אין וועלכער ס׳וועט מוזן קומען צו שלום און פאַרשטענדיקונג צווישן ביידע אַרבעטנדיקע פעלקער אין לאַנד.

כ׳בין זיכער, אַז אין די נאָענטסטע פופצן יאָר וועלן אויספאַלן דעצידירנדיקע פּאָליטישע טעג פאַר א״י. די וועלט אַרום אונז שטייט נישט אויף אַן אָרט, ס׳קומט פאַר אַ פּראָצעס פון גיכער ענטוויקלונג און יוירונג אין אַלע שכנותדיקע לענדער. יעדער איינער פון אונז מאַכט זיך לעצטנס אַ חשבון, וואָס הויבט זיך אָן מיטן זעלבסטשטענדיק ווערן פון איראַק און צופאַלן זיך פון דעם טיפּ מאַנדאַטן, צו וועלכן ס׳געהערט דער א״י־מאַנדאַט. דער, וואָס מאַכט דעם חשבון, זעט, אַז אויך סיריע וועט דורכמאַכן אַן ענלעכן פּראָצעס. די פּאָליטישע אויפוואַכונג פון אַרום קאָן ערנסט דעצידירן וועגן אונזער ווערק; די ענגלישע פּאָליטיק מאַכט אויף זיכער איר חשבון און אין אַ געוויסער מאָס דאַרף זי אויך מאַכן איר חשבון אין איינקלאַנג מיט דער ענטוויקלונג פון די פאַקטאָרן אַרום א״י. אַנטקעגן די דאָזיקע דעצידירנדיקע טעג דאַרפן מיר גיין מיט פאַרדאָפּלטן כוח און פאַרדאָפּלטער ענערגיע — און אויך מיט פאַרדאָפּלטן גלויבן אין דער שיטה פון אונזער אַרבעט, אין דער שיטה פון טאָגטעגלעכן בויען און זאָרגן פאַר יעדן טראָט פאָרויס, פאַר יעדער פאַרגרעסערונג פון פאַקטישן כוח, פאַר צוגעקומענער אַרבעט און אַרבעטס־מעגלעכקייטן.

ווי ס׳זאָל נישט אויסזען די צוקונפט, וואָס פאַר אַ סכנות ס׳זאָלן נישט לויערן אויף אונז, מיר דאַרפן געדענקען אונזער שטענדיקן נדר: מיר וועלן נישט אויפהערן צו זיין די לעבעדיקע וואַנט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין

א״י. נישט די היטער פון דער וואַנט: דאָס לאָמיר איבער־לאָזן פאַר אַנדערע. נישט די קעמפער פאַר דער וואַנט, ווייל מיר זענען די וואַנט אַליין. יעדער איינער פון אונז איז אַ לעבעדיקער ציגל אין דער וואַנט. און דאָ איז פאַרבאָרגן אונזער כוח.

ב. כצנלסון

צום פּראָבלעם פון דער פּאָליטישער אָרדנונג אין א״י

איך וויל פון פאָרויס זאָגן, אַז די פראַגע פון דער פּאָליטישער אָרדנונג אין א״י איז ביי מיר איין פּרט פון דעם גאַנצן בינטל גרויסע פראַגן, וואָס זענען נוגע די באַציונגען צווישן די צוויי פעלקער, אויף וועלכע די געשיכטע האָט גוזר געווען צו לעבן בשכנות. איך בין נישט פון די, וואָס מאַכן אַן אָפּגאָט פון פּאָליטישע און קאָנסטיטוציאָנעלע באַגריפן און וואָס זעען דעריבער דעם שווערפּונקט אין אויסגעפינען אַ געהעריקע פּאָליטישע פאָ־מול, וואָס זאָל אויסגלייכן די קעגנזאַצן און באַרויקן די געמיטער. די פּאָליטישע אויפטרייסלונגען, וועלכע ס׳מאַכן איצט דורך די מזרח־לענדער, פאַרטושן אַ סך האַרבערע ענינים פון די דאָזיקע לענדער. די דאָזיקע פראַגן, ענינים וועלן זיך זיכער אַרויסרייסן שטורמיש דאַן, ווען ס׳וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די דערוואַרטע פּאָליטישע ענדערונגען מאַכן נישט זאַט די מאַסן, דערליידיקן נישט די באָדן־פראַגע, באַפרייען נישט פון די פראָצענטניקעס, באַשיצן נישט די באַפעלקערונג קעגן דעם רויב פון פרעמדן און אייגע־

נעם קאַפּיטאַליזם, וואָס בירגערט זיך דאָ איין, זענען נישט מבטל דעם אינערלעכן דעספּאָטישן רעזשים, וואָס אונטערדריקט מיטן כוח פֿון דער טראַדיציע און הערשאַפֿט פֿון די מיוחסדיקע משפּחות נאָך מער ווי וועלכע ס׳איז פֿרעמדע הערשאַפֿט. און אויב אין די שכנותדיקע לענדער איז אַזוי, איז עס אין א״י על אחת כמה וכמה. ווייל אויסער די „נאַטירלעכע״ פּלאָגן פֿון דער גאַנצער אומגעבונג: אָרעמקייט, אומוויסן, פּראָצענט, באַקשיש, תקיפֿים־הערשאַפֿט, אויסמאָגערונג פֿון באָדן במשך פֿון דורות — קומען נאָך צו די פֿאַרפּלאָנטערטע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פֿראַגן, וועלכע מיר שאַפֿן פֿאַר אונדז און פֿאַר אונזערע שכנים מיט אונזער עצם קיום. מיר דוכט, אַז מיר זענען די איינציקע אומה, וואָס גייט פֿון מערב אויף מזרח נישט בכדי צו באַהערשן די אָרטיקע באַפֿעלקערונג, נישט בכדי רייך צו ווערן פֿון זייער אומוויסן, אָרעמקייט און פֿאַרקנעכטונג, נאַר בכדי צו אַרבעטן מיט די אייגענע הענט, בכדי צו געפֿינען פֿאַר זיך אַ לעבנס־מעגלעכקייט מיט דער אייגענער מי. און אונזער קיום וועלן מיר דאָ נישט געפֿינען דורך אַרייַנבאַקומען זיך אין די שפּאַלטן פֿון דער עקזיסטירנדיקער עקאָנאָמיק, נאָר דורך דעם, וואָס מיר וועלן זיך פֿלייסן אויפֿצובויען אַן אינטענסיווע לאַנדווירטשאַפֿט און אַ מאָדערנע אינדוסטריע; און די דאָזיקע נייע עקאָנאָמיק, וואָס איז דורכגעפֿלאָכטן מיט קעמערלעך פֿון סאָציאַליסטישער אַרבעטס־ווירטשאַפֿט און אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג, דאַרפֿן מיר בויען אין אַ סביבה, וואָס איז טיילווייז פֿעאָדאַל און טיילווייז — בעדואיניש, נאָמאַדיש, מדבריש. די דאָזיקע ציוויליזאַציע נעמט אַרום אונזער וועלט אין אַלע צייטן פֿון יאָר מיט איר שרעקלעכן עקאָנאָמישן דרוק, דער ביליקייט פֿון איר אַרבעטס־קראַפֿט און מיט איר פֿאַרקנעכטונג. זי האָט זיך אירע אייגענע באַגריפֿן וועגן גוט און שלעכט, וועגן מותּר און אסור, וועגן שטראָף און באַלוינונג, וועגן אייגנטום און רויב, וועגן ווערט פֿון מענטשלעכן לעבן, וועגן ערע און נקמה, וועגן פֿרעמדן מענטש, זיין כוח און זיינע כוונות. מיט אירע

באַגריפן און אינסטינקטן רייסט זי זיך פון צייט צו צייט אַריין אין אונזער לעבן, אַזוי ווי אונזער טעטיקייט רייסט זיך אַריין אַפילו נישט ווילנדיק אין לעבן פון אונזערע שכנים. און אין שלעכטע צייטן — ביי הונגער, טריקעניש, מהומות אָדער ווען זי ווערט אויפגעהעצט — רייסט זיך די דאָזיקע וועלט אַריין צו אונז, געטראָגן דורכן שטורם פון רעליגיעזן האַס, שאָוויניסטישער אויפהעצונג און פחדים פאַר אונזער „באַהערשן". דאָס איז די סביבה, אין וועלכער מיר האָבן אָנ־געהויבן אונזער טעטיקייט מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, איידער ס'זענען נאָך געווען די אַלע היינטיקע פּאָליטישע פראַגן, און אין איר דאַרפן מיר אויסטרעטן פאַר אונז אַ וועג אין דער היינטיקער און צוקונפטיקער פּאָליטישער אָרדנונג אין לאַנד. ס'איז נאַאיוו צו טראַכטן, אַז אַ וועלכע נישט איז פּאָ־ליטישע פאָרם אַן און פאַר זיך — און זאָל עס אפילו זיין אַ גוטע און אזא, צו וועלכער די פאַראינטערעסירטע צדדים האָבן מסכים געווען — קאָן לייזן דעם דאָזיקן לעבנס־קנויל. איך ערלויב זיך צו זאָגן, אַז ערנסטע סאָציאַלע אויסבעסערונגען (דאָס געבן באָדן די אַרבעטנדיקע; ענטדעקן וואַסער־אוצרות אין לאַנד; קאַמף מיט צינזן און באַקשיש; אויסוואָ־צלען די קנעכטשאַפט; שוץ פון דער פרוי און קינד; באַפרייען די מאַסן פון יאָך פון די מיוחסדיקע משפחות; פאַרלייכטערן דעם שטייער־יאָך פון אַרבעטנדיקן לאַנדווירט) זענען ביי מיר אָן אַן ערך וויכטיקער פון כאילו־פּאַרלאַמענטאַריזם און אפילו פון נישט קיין געפעלשטן פּאַרלאַמענטאַריזם. זאָל לכל הפחות ביי אונז די פראַגע פון דער פּאָליטישער אָרדנונג נישט פאַרדונק־לען אַלע איבעריקע פראַגן.

וועגן דער פּאָליטישער אָרדנונג אין א״י זענען מחוץ דער אַרבעטער־באַוועגונג פאַראַן צוויי הויפּט־אָנשויאונגען. ביידע פאַררופן זיך אויף נאַציאָנאַלע טעמים. איינע וואַרפט אָפּ יעדע פּאַרלאַמענטאַרישע קערפּערשאַפט „כל זמן מיר זענען נאָך נישט קיין מערהייט אין לאַנד". די צווייטע איז געגרן מסכים אויפן פּלאַן פון לעגיסלאַטיוון ראַט, וואָס איז זיינער

צייט פאָרגעלייגט געוואָרן דורך סעמו׳ל אין איז באַנייט גע=
וואָרן דורך פּאַספילדן אין ווייס=בוך פון יאָר 1930 און זי איז
גרייט אָנצונעמען יעדן ענלעכן סוראָגאַט פון א פּאַרלאַמענט,
אַבי נאָר מ׳זאָל נישט פּאָרוואַרפן, אַז מיר דערלאָזן נישט צו
אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג פאַר די איינוווינער פון לאַנד.

לאָמיר גענוי זיך אַריינטראַכטן אין די דאָזיקע צוויי
אָנשויאונגען.

וועגן דער ערשטער דאַרף מען גראָד קיין סך נישט
ריידן. איר פּסולקייט רעדט פאַר זיך אַליין: אַ האָטענטאָטישע
נאַציאָנאַלע עטיק, פאַרלייגן אנדערע, וואָס מ׳האלט, אַז פאַר
זיך אליין טויג עס נישט — די הערשאפט פון איין נאַציאָנא=
לער געמיינשאפט איבער דער צווייטער איז פּסול היינט, כל
זמן מיר זענען א מינדערהייט, זי וועט אָבער זיין כשר
מאָרגן „ווען מיר וועלן זיין די מערהייט"; אַ נאַאיוו=קינדערי=
שער גלויבן, וואָס איז נישט גרייט זיך א וואקל צו טאָן
אפילו נאָך אלע ביטערע ענטוישונגען אין דעם, אַז הינטער
די פליגלען פון דער אבסאָלוטיסטיש=אדמיניסטראַטיווער הער=
שאפט וועלן מיר זיין זיכער, קאָנען פריי אָטעמען, וואקסן און
שאפן, ווי ס׳וועט זיך נאָר גלוסטן; און אבסאָלוטע קורצזיכטי=
קייט לגבי די כוחות, וואָס ווירקן ארום אונז, און א פאַר=
גרייזטער באַגריף וועגן מהות פון קראפט פון אונזער פּאָליטישן
„דרוק". זיי מיינען, אז דער דאָזיקער דרוק איז בכח אויך
אויפצוהאלטן די ענטוויקלונג און גרינגשעצן די באַדערפענישן
פון צווייטן, און אַז דער דאָזיקער כוח איז גרויס נישט
דוקא אדאנק אונזער פּאָזיטיווער שאפונג. פון אזא „נאַציאָנאַ=
לער עטיק" און פון אזא פּאָליטישער חכמה דאַרף די ארבע=
טער=באַוועגונג אנטלויפן וואָס ווייטער.

מיט דעם, וואָס מיר האָבן אָנערקענט דעם אינטערנאַצ=
יאָנאַלן פּאָליטישן סטאַטוס פון א״י, וואָס מאַכט איר פאַר אַ
אויפנאַמס=לאַנד פון יידישער עליה און שאַפונג, זענען מיר
נישט פאַרפליכטעט מסכים צו זיין מיט דער היינטיקער ביוראָ=
קראַטישער אָרדנונג פון א״י, וואָס מאַכט אַזוי אָפט צונישט די

באַשטימונגען פון מאַנדאַט. אויף אונזער אייגענער הויט און פליש, אַלס אַרבעטער און יידן, אין אונזער לעבן אַלס בירגער, אין אונזער קלאַסן־קאַמף, אין אונזער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט פילן מיר דעם קאָלאָניאַלן און אַבסאָלוטיסטישן כאַראַקטער פון איצטיקן רעזשים. מיר ווייטיקן די דערנידעריקונגען און באַליידיקונגען, וואָס ער פאַראורזאַכט אונז. ממילא ווערן מיר געשטויסן זוכן וועגן צום אויסבעסערן די דאָזיקע אָרדנונג.

וואָס גיט אונז אָבער אין דער ריכטונג דער „לעגיסלאַטיוו־ראַט” ?

דער פאָרגעלייגטער צוזאַמענשטעל פון דער דאָזיקער קערפּערשאַפט : כך וכך נאָמינירטע דורך דער רעגירונג באַאַמטע און די איבעריקע — פאָרשטייער פון די נאַציאָנאַלע קוריעס, וואָס זייער צאָל ווערט באַשטימט פון פאָרויס : אַזויפיל און אַזויפיל אַראַבער, אַזויפיל און אַזויפיל יידן.

זיינע קאָמפּעטענצן : דער הויך־קאָמיסאַר קאָן מיט איין מעך פסלען יעדן באַשלוס פון לעגיסלאַטיוו־ראַט.

איך האַלט פאַר נישט צוועקמעסיק אַריינצוגיין דאָ אין די איבעריקע פרטים, דער „פּאַרלאַמענטאַרישער” כאַראַקטער פון דער דאָזיקער קערפּערשאַפט איז קלאָר אָן אַ ווייטערדיקער אויפקלערונג.

מיט אַ געוויסער צייט צוריק האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף די רייד פון איינעם פון די הייסע אָנהענגער פון לעגיסלאַטיוו־ראַט. דער דאָזיקער מענטש באַטראַכט דאָס אָננעמען אָדער אָפּוואַרפן דעם פאָרשלאַג וועגן לעגיסלאַטיוו־ראַט אַלס אַ געוויסנס־פראַגע. אַליין דערצויגן אויף מערב־קולטור, אויף דעמאָקראַטיע און פּאַרלאַמענטאַ־ישער אָרדנונג, שרייבט ער, אַז ער שעמט זיך קוקן גלייך אין פּנים אַריין זיין זון, וועלכער וואַקסט דאָ אויף, כל זמן ער לעבט אין אַ נישט קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדנונג. מיר איז דאָן איינגעפאַלן, אַז זיין געוויסנביסן קאָן מען אויסהיילן אָדער אָוועקשטעלן אין פּרווו דורך איבערשיקן דעם דאָזיקן מענטשן — און זאָל עס זיין

אפילו נאָר אויף אַ ווײַל — אויף יענער זײַט ירדן. דאָרט איז דאָ „זעלבסטשטענדיקייט און אויך אַ לעגיסלאַטיוו־ראַט”. דאָרט וועט דער דאָזיקער מענטש נישט רויט ווערן פאַר חרפּה.

כ'בין מודה, אויך איך זע אונזער באַציונג צו דער פראַגע פון דער פּאָליטישער אָרדנונג אַלס אַ געוויסנס־פראַגע. מײַן געוויסן אָבער פּאָדערט נישט קיין קולט פון געהייליקטע קאָנסטיטוציאָנעלע נעמען, אויך דאַן, ווען זיי זענען פּוסט און פאַלש, נאָר געטרײַשאַפט צו זיך אַליין, טרײַהייט צו יענע עיקר־שטרעמונגען, וואָס אין זייער זכות און צוליב זיי האָבן מיר געקעמפט פאַר פּאַרלאַמענטאַרישע אָרדנונגען. און דעריבער טרעט איך נישט צו צו דער פראַגע פון לעגיסלאַטיוו־ראַט פון שטאַנדפּונקט פון דער נאַציאָנאַלער סטראַטעגיע, פון שטאַנדפּונקט פון די האָפענונגען, וועלכע מ'פאַרבינדט מיט איר אַלס אַ וועג גוט צו ווערן מיט די אַראַבישע פירער, נאָר איך פרעג זיך אַליין:

וואָס האָב איך, דער בירגער, יידישער אַרבעטער, וואָס איז נישט צופרידן מיט דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג, צו האָפן פון „לעגיסלאַטיוו־ראַט”?

מיר, וואָס האָבן אין דער יוגנט גענוג געקרעכצט אונטער דער שווערער האַנט פון דעם אַבסאָלוטיסטישן דעספּאָטיזם, ווייסן גוט דעם טעם פון הייליקן קאַמף פאַר אַ דעמאָקראַטישער אָרדנונג. אין פײַער פון דאָזיקן קאַמף האָבן מיר זיך דערצויגן און געשטאַרקט געוואָרן. מיר זענען גרייט געווען צו גיין פאַר דעם אויפן שײַטער. פאַרוואָס? צי נאָר פאַרן אָפּגאָט פון קאָנסטיטוציאָנעלע נעמען? חלילה. אין דער נייער אָרדנונג האָט פאַר אונז געבליאַסקעט די וויזיע פון באַפרײַונג. באַפרײַונג פון אונטער דער טיראַנישער הערשאַפט, פון געוואַלט, פּויסט, קאָרופּציע; פרײַהייט פון וואָרט, שריפט און אָרגאַניזאַציע; משפּט און גערעכטיקייט; ערע פון מענטשן און זײַנע רעכט. ווי אַזוי די אַלע חלומות זענען פאַרווירקלעכט געוואָרן — איז אַן אַנדער פראַגע. אָבער דאָס האָט אונז געצויבערט אין דאָזיקן קאַמף: דער ווערט פון מענטשן און זײַן לעבן. צי איז דאָ אפילו איינער פון די הייסע אָנ־

הענגער פון לעגיסלאַטיוו-ראַט, וואָס לייגט אויף אים אַזעלכע האָפנונגען? וואָס מיינט, אז ער וועט אונז ברענגען א מער מענטשלעכע אָרדנונג? אז ער וועט הויבן דעם ניוואָ פון געזעץ אין לאנד, אז אונזער לעבן וועט איבערגעגעבן ווערן א בעסערער פּאָליציי, אז ער וועט אונז באפרייען פון די רעשטלעך פון דער עבדול-חמידישער אָרדנונג, וועלכע מיר טרעפן אויף טריט און שריט?

און כ׳וועל ווייטער פרעגן: אין דעם יידישן ישוב האָט זיך די פרוי דערוואָרבן עפנטלעכע רעכט. פאַר דעם רעכט פון דער פ־וי אויסגעוויילט צו ווערן אין די אָרגאַנען פון כנסת-ישראל האָט זיך געפירט א פארביסענער קאמף אין ישוב. דאָס אויפשטעלן די נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע איז אויפגעהאַלטן געוואָרן אויף יאָרן דערפאַר, וואָס מיר האָבן נישט מסכים געווען צו באַצאָלן פאַר איר מיט דער באַעולונג פון עמיצנס רעכט. ביז איצט איז נאָ־ אין איין שטאָט פון לאנד, אין תל-אביב, פארזיכערט געוואָ־ן דאָס וואַל-רעכט פאר דער פרוי. מיר האָבן געפירט אַ קאמף פארן רעכט פון דער פרוי אין דער קאָלאָניזאַציע, אז זי זאָל זיין גלייכבא־עכטיקט ווי דער מאן אונטערצושרייבן דעם קאָלאָניזאציאָנס-אָפמאך פון דער משפחה. די יידישע פרוי קעמפט עקשנותדיק פא־ איר רעכט אין דער אַדוואָקאטור. וואָס וועט זיין דער גורל פון דעם וואל-רעכט פון דער פרוי צום לעגיסלאטיוו-ראט? ווי וועלן בכלל אויסזען אירע רעכט אין דער נייער אָ־דנונג, וואָס וועט געשאפן ווערן דורכן לעגיסלאטיוו-ראט, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיינע מיטגלידער האָבן אינגאנצן אַנדערע באגריפן, מנהגים און באַדערפענישן אין דער פראגע?

און כ׳וועל ווייטער פרעגן: אומעטום, ווו דער ארבעטער קעמפט פאר א פארלאמענטארישער אָרדנונג, פארבינדט ער מיטן דאָזיקן קאמף האָפנונגען אויף קלאַסן-פארשטארקונג, אויף פּאָליטישן אויפשטייג, אויף פרייהייט פון פראָפעסיאָנעלער אָרגאניזירונג, צו ארייַנפירן געזעצן וועגן ארבעטס-שוץ. צי וועלן מיר אויך פארבינדן אַזעלכע האָפנונגען מיטן לעגיסלאַטיוו-

ראט? צי האפן מיר, אַז ער וועט באשיצן דאס רעכט צו שטרייקן און וועט אננעמען געזעצן צו שיצן דעם ארבעטס־לוין, צו פארזיכערן די רעכט פון דער ארבעטנדיקער פרוי, צו פארבאטן די ארבעט פון קינדער? צי ווען מיר רויק איבערגעבן אים דעם רעכטלעכן מצב פון דעד קבוצה, פון דער ארבעטנדיקער משפחה, דעם גורל פון דער שול פאר די אר־בעטער־קינדער און פון דער דערציונג בכלל?

און וואָס שייך דעם געוויסן: צי איז דאָס שאַפן דעם דאָזיקן סוראָגאַט פון אַ פּאַרלאַמענט, וואָס פאַרזיכערט בענקלעך פאַר דעם עפענדיס־שטאַנד און די רעגירונגס־באַאַמטע, באמת אַזאַ מצוה, צוליב וועלכער מ'מעג מככן זיין גרונד־רעכט און דעראָבערונגען פון דער פרוי, פון אַרבעטער, פון יעדן ביר־גער אין לאַנד? צי האָט ווער עס איז רעכט צו פאָדערן פון אַרבעטער אין נאָמען פון זיין סאָציאַליסטישן געוויסן, אַז ער זאָל — צוליב זיין נעגאַטיווער באַציונג צו די קאָלאָניאַל־באַאַמטע און צוליב סאָלידאַרישע באַציונגען מיטן אַרבעטנדן אַראַבישן פאָלק — גוטוויליק אָננעמען אַ פּאָליטישע אָרדנונג, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון זיווג פון אָרטיקן פעאָדאַליזם מיט דער קאָלאָניאַלער ביוראָקראַטיע און וואָס איר ביישפּיל קאָן ער זען נישט נאָר אין עבר־הירדן, נאָר אין יעדער א״י־דיקער מוניציפּאַלי־טעט אַרום אונז?

און פון יידישן שטאַנדפּונקט. דער יידי־שער ישוב איז אַ מיעוט אין לאַנד. די שיטה פון נאַציאָנאַלע קוריעס באַשטימט פאַר אים אַלס מיעוט אַ געוויסע צאָל (אַ גערעכטע צי נישט גערעכטע — וועלן מיר איצט נישט באַהאַנדלען): די דאָזיקע צאָל ווערט אַ סטאַבילע. מ'דאַרף עפּעס לערנען פון מצב אין די מוניציפּאַליטעטן. לויט דער קוריעס־שיטה איז אין די שטאָט־ראַטן פון ירושלים און חיפה פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ געוויסע צאָל ערטער פאַר יידן, אַ סך ווייניקער פון דעם, וואָס קומט זיי לויט זייער צאָל צווישן דער באַפעלקערונג פון די דאָזיקע שטעט, און די באַשטימטע צאָל ערטער האָט זיך במשך פון עטלעכע יאָר נישט געענדערט.

כאָטש די יידישע באַפעלקערונג האַלט דאָרט אין איין וואַקסן. די דערפאַרונג לערנט אונז, אַז אומעטום, ווו ס'הערשט דער סיסטעם פון קוריעס, ווערט מיט דער הילף פון דער תקיפדיקער מערהייט און פון דער ביוראָקראַטיע אָפּגעהאַלטן די גערעכטע פאַרטיילונג פון די ערטער. דער טייל פון די נאָמינירטע באַאַמטע אין ראַט פאַרקלענערט רעלאַטיוו נאָכמער דעם יידישן געוויכט אין אים. וואָס האָט אַ ייד צו האָפן פון אַזאַ ראַט? צי קאָן ער פון אים האָפן הילף אין דער ענטוויקלונג פון לאַנד, ביים ענטפל'עקן עקאָנאָמישע איניציאַטיוו, ביים אויפנעמען עליה, ביים קאָלאָניזירן זיך? ס'דוכט, אַז ער קאָן האָפן נאָר אויף דעם, אַז צו די געזעצלעכע שטערונגען, וואָס ליגט אים היינט צו טאָג אויפן וועג די קאָלאָניאַלע ביוראָקראַטיע, וועלן צוקומען די שטיינער, וואָס ס'וועט ליגן דער עפענדיס-שטאַנד. דער שאָוויניסטישער קלאַסן-כאַראַקטער פון דער היינטיקער אַראַבישער פירערשאַפט איז אַ גענוגנדער באַווייז דערצו. ס'איז באַוווּסט איר באַציונג נישט נאָר צו דער יידישער עליה און קאָלאָניזאַציע, צום יידישן אַרבעטער און זיין אָרגאַניזירונג, נאָר אויך צו אַזעלכע עלעמענטאַרע רעכט אונזערע, ווי דאָס רעכט פון דער העברעישער שפּראַך. מ'זאָגט: צו דעם ווערן דאָך געגעבן די גאַראַנטיעס; די אַנערקענונג פון מאַנדאַט, דאָס וועטאָ-רעכט פון נציב, און אפשר אויך דאָס אַרויסנעמען די עליה-ענינים פון די קאָמפּעטענצן פון דעם לעגיסלאַטיוו-ראַט. (ס'האָבן זיך נאָך נישט אויסגענומען די נאַאיווע מענטשן, וואָס זעען אין יעדן צוים און אין יעדער קעלזע נאָר די זאָרג צו פאַרזיכערן אונזער ענין...) דער זין פון די דאָזיקע באַשטימונגען איז, אַז אין דער דאָזיקער פּאַרלאַמענטאַרישער אינסטיטוציע וועט דער נציב שטענדיק זיין דער העכסטער ריכטער צווישן אונז און צווייטן פאָלק. ער וועט שטענדיק דאַרפן אָפּהיטן דעם „גלייכגעוויכט", צו אים וועלן מיר לויפן, ער זאָל אונז שיצן פאַר גזרות. צי איז דער דאָזיקער גלויבן אין דער אָביעקטיוויטעט און העכערקייט פון הויך-קאָמיסאַר, דעם פאָרשטייער פון דער העכערער ראַסע, אין זיין גרייטקייט שטענדיק צו באַשיצן אונ-

זער גערעכטיקייט, נישט אַביסעלע אַנאַכראָניסטיש אין אונזער צייט? און וואָס פֿאַר א קראַפֿט האָבן די פּאַפּירענע גאַראַנטיעס, וואָס פֿאַרפֿליכטן די אַנערקענונג פֿון מאַנדאַט און וואָס נעמען אפשר אפילו אַרויס די עליה־ענינים פֿון דער קאָמפּעטענץ פֿון לעגיסלאַטיוו־ראַט? צו זעען מיר נישט טאָג־טעגלעך, ווי אַזוי מ׳מאַכט צו גאָרנישט דעם מאַנדאַט אויף דאָן, ווען מ׳שטיצט זיך אויף אים? צי איז די עליה־פֿראַגע אָפּהענגיק נאָר פֿון די געזעצן, וואָס באַהאַנדלען די דאָזיקע פֿראַגע און נישט פֿון גאַנצן סיסטעם פֿון געזעצן און באַפֿעלן, לויט וועלכע דאָס לאַנד ווערט רעגירט? צי זענען די געוויינלעכע פֿראַגן, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין יעדער געזעצגעבערישער קערפּערשאַפֿט: צאָל, באָדן, רעכט, פּאָליציי — נישט עלול צו באַשטימען דעם גורל פֿון דער עליה און קאָלאָניזאַציע? צי ווייסן מיר נישט, ווי אַזוי דער עקאָנאָמישער עטאַטיזם פֿון מזרח־אייראָפּע דערשטיקט די יידישע מינדערהייט, ווי אַזוי דער מלוכה׳שער מאָנאָפּאָל איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיטל אין די הענט פֿון דער מערהייט צו גראָבן אונטער דער מינדערהייט, גאָר נישט באַנוצנדיק זיך אפילו דערביי מיט ספּעציעלע גזרות?

פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס זעען די צוקונפֿט אין ראָזע פֿאַרבן: די „ווענטילאַציע"־לערע, דער לעגיסלאַטיוו־ראַט וועט דינען אַלס אַ ווענטילאַטאָר, וואָס וועט אָפּפֿירן די שלעכטע גאַזן, וועלכע ברויזן אויף די געמיטער און רייסן זיך אַרויס אין דער פֿאָרם פֿון גוואַלט־טאַטן. דער לעגיסלאַטיוו־ראַט וועט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ווערקצייג פֿון שלום אין לאַנד. אינטערעסאַנט צו וויסן, ווי זעט אויס די פּאַר־אַמענטאַרישע דערפֿאַרונג, וואָס דערוועקט די ראָזע חלומות? צי האָט די רוסישע דומע מיט איר גלענצנדער ווענטילאַציע אונז אָפּגעהיט פֿון פּאָגראָמען, העצערייען און עלילת־דם? אָדער דער בוקאַרעשטער פּאַרלאַמענט, און אפשר האָט דער דייטשישער רייכסטאַג פֿאַרמיטן די שענדונג פֿון בית־עלמינס און דעם אויפֿבלי פֿון דער היטלעריסטישער העצע? ווער עס קען אַביסל דעם כאַראַקטער פֿון

דער אַראַבישער פּירערשאַפט, דער קאָן זיך דערטראַכטן צו אַן־אַנדער סברה, נישט קיין סברה פון אַ װענטיל, נאָר פון אַ „מעלקנדיקער קו". יענע טראַגי־קאָמישע פּאַטריאָטישע דערשיי־נונג, אַז אַ קלאַס, װאָס לעבט פון פּאַרקויפן באָדן און פון באָדן־מעקלעריי, הערט נישט אויף צו ליאַרמען װעגן דער סכנה, װאָס שטעקט אין אונזערע קניות, װיסנדיק גאַנץ גוט, אַז דאָס ליאַרמען און די גזרות קאָנען נאָר פאַרבעסערן די פאַרקויפס־אויסזיכטן. יענע באַװוסטע דערשיינונג ביי זשורנאַליסטן און פיינטלעכע כלל־טוער, װאָס מאַכן ביידע זאַכן — אי די פיינט־שאַפט אי די פריינטשאַפט פאַר אַ מעלקנדיקער קו — קאָן זיך ענטפּלעקן אין אַ ברייטן פאַרנעם אין צוזאַמענהאַנג מיטן פסעװדאָ־פּאַרלאַמענטאַריזם.

די פראַגע פון לעגיסלאַטיװ־ראַט איז אָבער מער װי די פראַגע פון אַ געװיינלעכן פּאַקטישן חשבון. איך באַטראַכט דעם פּרינציפּ, װאָס ליגט אין יסוד פון לעגיסלאַטיװ־ראַט אַלס אַזאַ, װאָס טרעפט אין דער נשמה פון ציוניזם.

דער ציוניזם איז די באַפרייאונגס־און זעלבסטשטענדי־קייטס־באַװעגונג פון יידישן פאָלק, ער האָט נישט קיין שום װילן עמיצן צו באַהערשן, ער שטעלט זיך אָבער מיט זיין גאַנצער קראַפט קעגן דער מינדסטער פאַרקנעכטונג צו אַנדערע. דער ציוניזם װיל קיינעם נישט אָנװאַרפן זיין הערשאַפט, ער איז אָבער אויך נישט משלים אונטערצוװאַרפן זיך דער הערשאַפט פון אַנדערע. אויך אין הערצלס װיזיע װעגן „יידנשטאַאַט" איז נישט געװען קיין שום אָנדייטונג אויף דעם, אַז מ׳יר װילן באַהערשן אַנדערע. הערצל האָט אויך נישט געפּרוּװט פעסט־שטעלן די פּאָליטישע אָרדנונג פון יידנשטאַאַט, צי װעט ער עקזיסטירן אַלס אומאָפּהענגיקע מדינה אָדער אַלס אויטאָנאָמע פּראָװינץ אין אַ גרויסן פּאָליטישן קאָמפּלעקס. דער פּירוש פון הערצלס גרויס־ציוניזם, אין װעמענס ליכט דער חלוץ איז עולה קיין א"י, איז: אַרויסגיין פון גלות. נישט קיין מוזעאום פאַרן פאָלק, נאָר אַ זיכערן אויפנאַם־אָרט פאַר די מאַסן װילן מיר האָבן. אַן אָרט, װו זיי זאָלן זיין זיכער פון רדיפות, גזרות, פּאָ־

גראַמען, בילבולים, באַליידיקונגען. און נישט איין אויסדערוויילטער שבט פון יידישן פאָלק זאָל אויסגעלייזט ווערן — ס׳זאָל זיין אַ קיבוץ גליות. די אַרבעטער־באַוועגונג איז טריי דער דאָזיקער וויזיע אויך אין שווערע, קליינע טעג פאַר דער באַוועגונג, און אפילו דאַן, ווען זי וויל זיך נישט באַנוצן מיט דעם באַגריף פון מלוכה, מיט וועלכן אויך הערצל אַליין האָט זיך אויפגעהערט צו באַנוצן דאַן, ווען ער האָט זיין אַבסטראַקטן פּלאַן פאַרביטן אויף ממשותדיקער פּאָליטישער טעטיקייט.

דוקא דער ציוניזם, וואָס האָט זיך אונטערגענומען אויפצוטאָן גרויסע זאַכן, וויל נישט קיין פּריווילעגיעס אויפן חשבון פון צווייטן אָדער באַהערשן דעם צווייטן. אונזער „יידנשטאַאט" וועט זיך נישט באַזירן אויף אַ מערהייט, וואָס אונטערדריקט די מינדערהייט. די ציוניסטישע וויזיע און די פּראַקטישע ציוניסטישע פּאָליטיק נויטיקן זיך נישט אין קיין שיין און גרויס־ריידעריי און אין די איבעריקע געבויך־אַרטיקלען פון טומלדיקן, זיך באַזונדיקן און אָנגרייפנדיקן פּאַטריאָטיזם. די ציוניסטן, וועלכע ווילן זיך נישט באַנוגענען מיט ווייניקער ווי מיט א „מלכות" און א „קרוין" און וואָס וואָרצלען איין אין פאָלק באַגריפן פון הערשאַפט און הערשנדיקע, אַנטליענע פון א פרעמדער ווירקלעכקייט — העלפן נישט צו אונזער אינערלעכער פּאָליטישער דערציונג און נישט צו אויסערלעכע פּאָליטישע דערגרייכונגען. דער אַרבעטער־ציוניזם דאַרף זיך אָפּהיטן פון דער דאָזיקער עבודה־זרה און פון דער רייצנדיקער טערמינאָלאָגיע, אין וועלכער זי הילט זיך איין.

אָבער צי וועלן מיר מסכים זיין אויף אַן א ר אַ ב י ש ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר מ ד י נ ה, דאַן, ווען מיר זענען נישט גורס א יידישע נאַציאָנאַלע מדינה?

און דער לעגיסלאַטיוו־ראַט, ביי זיין גאַנצער גאָרנישטיקייט אין הינזיכט פון ממשותדיקער קראַפט צו רעגירן, ביי זיין גאַנצער אונטערגעוואָרפנקייט דער בריטישער אַדמיניסטראַציע, ביי זיין גאַנצן זיין נאָר אַ קאַריקאַטור פון א פאַרלאַמענט, ברענגט מיט זיך דעם שילד פון דער אַראַבישער מדינה. ער פּראָקלאַ־

מירט די הערשאַפט פון אַראַבישן מערהייטס-פאָלק איבערן יידישן מינדערהייטס-פאָלק; ער גיט איבער דעם גורל פון לאַנד אין די הענט פון מערהייטס-פאָלק.

פון דעם, וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרן, דרינגען אַרויס די ליניעס פאַר אונזער פּאָזיציון פּראָגראַם.

די גאַנצע יידישע באַפרייונגס-באַוועגונג און בפרט די אַרבעטער-באַוועגונג טאָר נישט משלים זיין מיט דער עקזיסטירנדיקער ביוראָקראַטישער אָרדנונג. די מאַנדאַטאָרישע אָרדנונג, ווען זי וואָלט נישט געדאַרפט דינען צו פאַרשטעלן די קאָלאָניאַלע און אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן פון דעם אפּוטרופּס, איז גאָרנישט מחייב קיין אומבאַגרענעצטע הערשאַפט פון די באַאַמטע. די אויפגאַבע פון מאַנדאַט — בייהילפיק זיין דער ענטוויקלונג פון לאַנד כדי צו דערברענגען אים צו זעלבסטשטענדיקייט און צו דער שאַפונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים — דערמעגלעכט און פאָדערט ברייטע ענטוויקלונג פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג. די יסודות פון דער דאָזיקער פאַרוואַלטונג: מוניציפּאַלע דעמאָקראַטיע, נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע און אַנטייל פון דער באַפעלקערונג אין דער השפּעה אויף דער פאַרוואַלטונג פון לאַנד — אַן'אַנטייל וואָס זאָל וואַקסן — אויפן יסוד פון פּאַריטעט פון ביידע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן.

שוין דער מצב פון דער מוניציפּאַלער מאַכט אין לאַנד איז אַ שווערער באַשולדיקונגס-אַקט קעגן דער מאַנדאַט-רעגירונג. נאָכדעם ווי דאָס לאַנד געפינט זיך שוין אַזאַ לאַנגע צייט אונטער דער ציוויליזאַטאָרישער רעגירונג, לעבן נאָך אונזערע שטעט אין דער תקופה פון עבדול-חמיד. פון אַלע 900 ישובים אין לאַנד האָט נאָר אַ נישטיקע צאָל אָרטיקע ראַטן. וואַל-רעכט צו די שטאָט-ראַטן האָט אַ מינימאַלע צאָל פון די איינוווינער. צווישן אַלע אַראַבישע ראַטמענער איז נישטאָ קיין איין פאָרשטייער פון די אַרבעטער. די „מוסטערהאַפטע" טעטיקייט פון די שטאָטישע פאַרוואַלטונגען איז „באַרימט" אין גאַנצן לאַנד. די שענדלעכסטע עקספּלואַטאַציע פון אַרבעטער געפינט מען

בײַ די שטאָטישע אַרבעטן. נישט אײנמאָל האָט מען שױן געטײטלט אױף דער קאָרופּציע אין די שטעט, װאָס געפינען זיך אין די הענט פון עפּענדישע כּנופיות, און ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. ס׳איז אױך באַקאַנט, װי אַזױ די רעגירונג באַציט זיך צו די ייִדישע פאָרשטײער אין די שטאָט־ראַטן, צו די ייִדישע רעכט אױף אַרבעט און צו די ייִדישע בודזשעט־פאָדערונגען. צי איז עס אַ צופאַל, װאָס אַלע אַראַבישע פּאַטריאָטן, סײ די, װאָס זיצן זיכער אױף זײערע בענקלעך אין די שטאָט־ראַטן אונטערן שוץ פון די בריטישע באַאַמטע און סײ זײערע קעגנער, װאָס גראָבן אונטער זײ און פּרעטענדירן אױף זײערע בענקלעך, האָבן קײנמאָל נישט געזען קײן נױטװענדיקײט פאָדערן אױסצובעסערן די מוניציפּאַל־מאַכט, אױסברײטערן איר נעץ, אױסברײטערן אירע קאָמפּעטענצן און די װאַל־רעכט; און האָבן אױך נישט געשטרעבט זיך צו באַפרײַען פון דער אַפּוטרופּסות פון די בריטישע באַאַמטע. און נישט נאָר זײ, אױך די ייִדישע קרײַזן, װאָס האָבן זיך אײַנגעשפּאַנט אין װאָגן פון לעגיסלאַטיװ־ראַט, האָבן קײנמאָל נישט געזען קײן נױטװענדיקײט אָנצוהײבן אַ קאַמף פאַר מוניציפּאַלער דעמאָקראַטיע, זײ פאָדערן אױך זעלבסטפאַרװאַלטונג נאָר דאָרט, װוּ דער עפּענדי פאָדערט עס.

אין אונזער פּאָליטישער קאָנצעפּציע דאַרף די מוניציפּאַלע דעמאָקראַטיע פאַרנעמען אַ יסודותדיקן אָרט. דאָ איז די אמתע דערציִונג פון דער באַפעלקערונג צו זעלבסטפאַרװאַלטונג אין די ענינים, װאָס זענען איר אָמנאָנטסטן, דאָ איז די פאַרטײדיקונג פון די בלוטיקסטע אינטערעסן פון די פאָלקס־מאַסן, פון דאַנען איז אױך דער אױסגאַנג צו קלאַסן־דיפערענציאַציע אױפן גרונט פון לעבנס־אינטערעסן. אין די מוניציפּאַלע ראַטן, אױב ס׳װעט אױסגעקעמפט װערן צו זײ אַלגעמײנע װאַל־רעכט, װעט דער פעלאַח און שטאָטישער האָרעפּאַשניק זיך לערנען פאַרשטײן זײַנע אינטערעסן, צו אונטערשײדן צװישן זײַנע פאַרפירער — עקספּלואַטאַטאָרן און פרײַנט. דער קאַמף מיט די אָנגענומענע סדרים װעט נישט זײַן קײן לײַכטער. הינטער אים

זענען פאַרבאָרגן ממשותדיקע אינטערעסן. די הייגטיקע בענקל־זיצער, צוזאַמען מיט זייערע באַלעבאַטים — די ביוראָקראַטיע, וועלן מאָביליזירן זייער גאַנצע קראַפט. זיי וועלן געפינען פאַרבינדעטע אויך אין יידישן ישוב. דער דאָזיקער קאַמף איז אָבער כדאי. די מוניציפּאַלע דעמאָקראַטיע איז ווערט, אַז די א״י־דיקע אַרבעטער זאָלן פאַר איר קעמפן.

דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיזם איז ביי אונז קיין נייעס נישט. ער האָט טיפע וואָרצלען אין דער יידישער געשיכטע. דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער געדאַנק — זינט די צייטן פון סינאָפּטיקוס־רענער־שפּרינגער — דער׳ וואָס האָט דער נאַציאָנאַלער מלוכה אַנטקעגנגעשטעלט די נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה, האָט זיך געפלייסט צו דעפינירן די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, איר אינהאַלט און תחומים. אין דער השכלה־צייט איז דער נאָמען „קהל״ געווען אַ שו עק־וואָרט, אַ ציל פאַר אָנפאַלן. די דערוואַכונג פון יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק האָט צוריקגעשטעלט דעם כבוד פון יידישן אויטאָנאָמיזם (דובנאָוו׳ זשיטלאָווסקי). די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען האָבן געמאַכט דעם קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר זייערן אַ קנין. אין ציוניזם פון נאָך דער מלחמה האָבן זיך געהערט שטימען, אַז נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין א״י איז אַ גלות־נאָכשלעפּעניש, אַז דאָס איז מעכב די גאולה. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, ביי איר גאַנצן טיפן טעריטאָריאַליסטישן געפיל, האָט אפילו אין דער צייט פון די גרעסטע פּאָליטישע האָפנונגען נישט גרינגגעשעצט דאָס שאַפן פאָרמען פאַר יידישן אויטאָנאָמען לעבן; ווייל זי איז איבערצייגט, אַז די טעריטאָריעלע קעמערלעך און די קאָמפּאַקטקייט פון די ישובים קאָנען נאָר פאַרשטאַרקן די געמיינשאַפט און באַרייכערן איר אינהאַלט. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט באַטראַכט די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע נישט אַלס יידישע פּריווילעגיע, נאָר אַלס אַ פאָרם פון אָרגאַניזירן און באַפרידיקן יידישע באַדערפענישן מ צ ד ד ע ר ר ע ג י ר ו נ ג. שוין דער פאַריטעטער געבוי פון אַזאַ אינסטיטוציע פאַרזיכערט דער שוואַכערער נאַציאָנאַלער געמיינשאַפט אַנטקעגן גזירות, אַרויסשטויסונג און אונ־

טערדריקונג. די קאָמיסיע פון פועלי־ציון (פרילינג תר״פ) האָט שוין בשעתה, פאָרמולירנדיק אירע פּאָליטישע אָנשויוּנגען, אַרייג־געשטעלט פּאָלגנדיקן פונקט: „יעדע נאַציאָנאַלע געמיינשאַפט באַקומט נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר אירע אַלע אינערלעכע נאַציאָנאַלע ענינים״.

פאַקטיש האָט זיך אויך די פראַגע פון נאַציאָנאַלער אויטאָ־נאָמיע אין א״י נישט גערוקט אויף קיין סך פאָרויס. אין דעם רעגולאַמין פון דער „כנסת־ישראל״ האָט מען מטשטש געווען דעם נאַציאָנאַלן יסוד און פערשטאַרקט דעם געמיינדע־יסוד. די כנסת געפינט זיך אין דער לאַגע פון אַן אָפענעם קאָרידאָר; ווער ס׳וויל גייט אַריין, ווער ס׳וויל גייט אַרויס. דער מענטש איז נישט פאַרפליכטעט צו געהערן צו דער נאַציאָנאַלער גע־מיינשאַפט, אין וועלכער ער איז געבאָרן געוואָרן און לעבט. דער, וואָס וויל זיך באַפרייען פון איר יאָך, מוז גאָרנישט אַרי־בערגיין צו אַן אַנדער נאַציאָנאַלער געמיינשאַפט, ער גייט פשוט אַרויס פון איר און ער איז פטור פון מצוות. די קאָמפּעטענץ פון דער כנסת אַרויפצולייגן שטייערן איז איינגעשרומפן צוליב די פאַרשידענע באַגרענעצונגען און צוליבן רעכט אַרויסצוגיין פון איר, וואָס מאַכט איר בכלל הפקר. די אַראַבער האָבן בכלל נישט קיין שום אינסטיטוציע צו דערליידיקן זייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. די מוסלעמענישע מערהייט האָט זיך איר „אויבערשטן מוסלעמענישן ראַט״, וואָס האָט פיל גיטער און גרויסע הכנסות, און וואָס געפינט זיך אין די הענט פון אַ „נכבדים״־כנופיה, אָן קיין שום געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל. סיי מיר, סיי די אַראַבער דאַרפן זיין פאַראינטערעסירט אין שאַפן דעמאָקראַ־טישע פאָרמען פאַרן נאַציאָנאַלן לעבן. דאָס וואָלט געבראַכט מיט זיך: די באַפרידיקונג פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן דורכן פאָלק אַליין און מיט זיין ווילן, די פאַרשמעלערונג פון די רעכט פון דער פרעמדער ביוראָקראַטיע, אַן אינערלעכע קלאַסן־דיפערענציאַציע און די שאַפונג פון אַ דעמאָקראַטישער נאַציאָ־נאַלער פאָרשטייערשאַפט.

לאָמיר שטרעבן אויסצוברייטערן דעם פאַרנעם און טעטי־

קייטס-קראַפט פון דער נאַציאָנאַלער און מוניציפּאַלער אויטאָ־נאָמיע. אין דער ווייטערדיקער ענטוויקלונג קאָן מען זיך פאָר־שטעלן אויך אַ פאַרשטאַרקטע עקאָנאָמישע און קאָלאָניזאַטאָ־רישע טעטיקייט פון גאַנצע מוניציפּאַלע קערפּערשאַפטן, וואָס זענען פאַרייניקט אויפן יסוד פון געאָגראַפישער נאָנטקייט אָדער געמיינזאַמקייט פון עקאָנאָמישע אינטערעסן (פאַרבאַנד פון דאָרפס-ראַטן, פאַרבאַנד פון שטאָט-ראַטן). ווי מיר זאָלן אָבער נישט זיין פאַראינטערעסירט אין דער דאָזיקער ענטוויקלונג, וועלן מיר די דאָזיקע קערפּערשאַפטן נישט באַלאַסטן מיט פליכטן, וואָס זענען אויסער זייער תחום. די מוניציפּאַלע און נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע קאָן נישט קומען א נ ש ט א ט דער לאַנד-רעגירונג. די דעמאָקראַטיזאַציע פון דער מאַכט אין לאַנד, דאָס פאַרוואַנדלען איר פון אַ ביוראָקראַטישער אָרדנונג אין אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג, איז איינע פון די ספּעציפישע פּראָבלעמען פון לאַנד. די איבערגאַנגס-שיטות, וואָס ווערן פּראַקטיצירט אין די ענגלישע קאָלאָניעס, קאָנען דאָ פאַר קיין מוסטער נישט דינען. דער קולטורעלער און סאָציאַלער ניוואָ פון יידישן ישוב, די בפירושע פאַרפליכטונג צו פאַר־זיכערן דעם יידישן פאָלק פרייהייט צו שאַפן און בויען, די אינטערנאַציאָנאַלע אָנערקענונג פון דער „נאַציאָנאַלער היים", (די דאָזיקע אָנערקענונג, נישט קוקנדיק אויף אירע אַלע פּאָ־ליטישע נישט קלאָרקייטן, פאַרפליכטעט אָפּצוהיטן די נאַציאָ־נאַלע רעכט פון יידישן פאָלק און זיין אומאויפהערלעכן וווקס אין לאַנד אויפן יסוד פון רעכט און נישט פון חסד) — דאָס אַלץ פאַרפליכטעט צו זוכן אַזאַ פּאָליטישע אָרדנונג, וואָס זאָל אויסמיידן די באַהערשונג פון איין פאָלק דורכן צווייטן. אַזאַ פאָרם וועט געפונען ווערן, אויב די געזעצגעבערישע קערפּער־שאַפט וועט צונויפגעשטעלט ווערן פוןביידע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן גלייך אויף גלייך.

קיין אויסערלעכער כוח וועט נישט דאַרפן איבערוועגן קיין איינע פון די נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן. די „גלייכגע־וויכט" איז פאַראַן פון זיך אַליין. קיין איינע פון די נאַציאָ־

נאַלע קערפּערשאַפטן וועט נישט קאָנען באַהערשן די צווייטע. אויב קיין איינע פון די נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן וועט נישט קאָנען באַהערשן די צווייטע, ווען זי וועט נישט קאָנען געהאָלפן ווערן דורך אַן אויסערלעכן כוח, וועלן די אויסדערווײלטע פון ביידע פעלקער, אַרויסגייענדיק פון זייערע לעבנס־אינטערעסן, מוזן זוכן פאַרשטענדיקונגס־וועגן און געמיינזאַמע אַרבעט. נישט אייביק וועט מען אויך שטיין אין „פולער באַוואָפנונג" איינער קעגן צווייטן. נישט האָבנדיק קיין אויסזיכטן זיך נאַציאָנאַל צו באַזיגן, ווען ס'וועט אָוועקגענומען ווערן די שאַרפקייט פון יעדן צוזאַמענשטויס און ווען ס'וועט פאַרשווינדן די האָפענונג מצליח צו זיין מיטן דאָזיקן וועג, וועלן זיך די נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן פונאַנדערפאַלן אויף קלאַסן, און ס'וועט זיך עפענען אַ וועג פאַר אַ צוזאַמענאַרבעט לויט דער סאָציאַלער פונאַנדערטיילונג. די דאָזיקע צוזאַמענאַרבעט וועט סוף כל סוף דורכברעכן פאַר זיך נייע וועגן. די דאָזיקע ענטוויקלונג, לויט אַ הסכם צווישן ביידע פעלקער פון לאַנד, איז די איינציקע, וואָס איז ביכולת צו אויסברייטערן די זעלבסטפאַרוואַלטונג, און מיט דער צייט צו פאַרגרעסערן דעם אָנטייל פון דער באַפעלקערונג אין פאָרמירן די אַדמיניסטראַציע פון לאַנד און צו באַגרענעצן ביז צום מינימום די אפוטרופסות פון דער מאַנדאַט־מאַכט.

מ'וועט מיר פאָרוואַרפן, אַז דער דאָזיקער געדאַנקען־גאַנג איז נישט צוגעפּאַסט פאַרן „ענגלישן אופן פון דענקען": די איבערגאַנגס־פאָרמען פון ביוראָקראַטישער הערשאַפט צו זעלבסט־פאַרוואַלטונג זעען אויס אין דער ענגלישער קאָלאָניאַלער דערפאַרונג אינגאַנצן אַנדערש, די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז זיי פרעמד, און אַ פשיטא שוין וועט פאַר זיי פרעמד זיין דער געדאַנק פון אַ פּאַרלאַמענטאַרישער אינסטיטוציע, וואָס זאָל באַשטיין גלייך אויף גלייך פון פאָרשטייער פון ביידע פעלקער, אָן דעם אָנטייל פון נאָמינירטע באַאַמטע. קאָן זיין. איך בין נישט קיין פּאַרטיידיקער פון „ענגלישן אַרט דענקען" און כ'ווייס נישט, וואָס די „ענגלענדער" וועלן יאָ פאַרשטיין אָדער נישט פאַרשטיין. כ'נעם נאָר אָן, אַז אויב זיי

ווערן פאַרשטײן, און זײ װעלן זײן פאַראינטערעסירט צו פאַרשטײן — װעלן זײ פאַרשטײן. אויב אָבער זײ װעלן דוקא ווערן גוט װערן מיטן אראבישן עפענדי אויף אונזער חשבון און אויפן חשבון פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג פון לאַנד — דאן זאָלן זײ זיך אײנפירן דאָ, װאָס זײ האָבן אײנגעפירט אין עבר־הירדן, אונזער האנט זאָל אָבער דערבײ נישט זײן, זאָלן זײ עס טאָן אָן אונז. מיר קאָנען נישט צושנײדן אונזערע שטרעבונגען און אונזערע פּאָליטישע איבערצײגונגען לויט אן אויסערלעכן תקיפ׳ן כוח, װאָס באַטראַכט די אויפגאַבע, װאָס איז אים איבערגעגעבן געװאָרן דורכן פעלקער־בונד, אַלס אַ באַפּולמעכטיקונג זיך צו פירן װי א רעגירונג פירט זיך מיט אירע „נײטיװוס". און מיר מוזן גאָר נישט אויפנעמען דעם פּסק פון פאָרויס. אויב מיר זענען איבערצײגט אין אונזער גערעכטיקײט — װעלן מיר קעמפן. צי איז אונזער כח גרויס אָדער שוואַך, בכדי נישט צו דערלאָזן צו פּאָליטישע סיסטעמען, װאָס זענען שעדלעך פון יידישן, סאָציאַליסטישן און אינטערנאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט — אין דעם װעלן מיר זיך איבערצײגן נאָכדעם, װי מיר װעלן מאכן אַלע אָנשטרענגונגען. אָבער אויב מיר װעלן אפילו פאַרלירן דעם שווערן קאַמף — זענען מיר נאָך אויך נישט פאַרלוירן. דאָס װעט נאָך נישט זײן אונזער לעצטער קאַמף. דערמיט ענדיקן זיך נאָך נישט די געלעגנהײטן צו שטעלן פאָדערונגען און זיגן. די געשיכטע שטײט נישט אויף אײן אָרט. די כוחות־פאַרהעלטנישן בײטן זיך. און דער באַוווסטזײן פון דער װעלט װערט אויך נישט פאַרגליווערט. אויב אפילו מיר װעלן איצט לײדן א מפּלה און מיר װעלן אָבער נישט מפקיר זײן אונזער געװער — די איבערצײגונג אין אונזער גערעכטיקײט, די שלמות פון אונזער שטרעבונג, די פאַרעקשנטקײט פון אונזערע אָנשטרענגונגען — מעגן מיר האָפן אויף בעסערע צײטן. די איבערצײגונג אין דעם אָרט, װאָס אונזער דערװאַכונגס־װערק פאַרנעמט אין דער נײער מענטשלעכער געשיכטע, דער באַוווסטזײן פון אונזער שטאַרקן בונד מיט דער אויפשטײגנדיקער אַרבעטער־באַוועגונג — זײ

וועלן אונז בײשטײן אין דער שווערער צײט, בײם קעגנשטעלן זיך דער וועלט פון תקיפים. אָבער אויב מיר אלײן וועלן מסכים זײן אויף דעם סדום-בעטל, וואָס מ׳וויל אונז צומעסטן — דאן וועט וועט זאָרגן פאר אונז גערוימער צו מאַכן.

אין די שווערע צײטן ווערן מיר געצוווּנגען צו פירן אַ גרויסע אויפקלערונגס-אַרבעט. די דאָזיקע טרחה איז נישט שטענדיק געווען אומזיסט. אײניקע באַגריפן אונזערע (דער געדאַנק פון ײדישער אַרבעט צ. ב.), וואָס ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז קײן פרעמדער וועט זײ נישט פארשטײן, האָבן זיך שוין דורכגעשלאָגן אַ וועג צו די מוחות פון פרעמדע און נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען זענען זײ אַרײנגעפירט געוואָרן אפילו אין פּאָליטישע דאָקומענטן. אויב אין אונז וועט זיך געפינען דער כח זיך אײנצושטעלן פאר אונזער שאפונג, פאר אונזער הארטנעקיקײט, פאר אונזער קאמף — וועט די וועלט זיך מוזן דערציען אונז צו פארשטײן. מ׳וועט סוף כל סוף פארשטײן, אז א פאָלק, וואָס זוכט נישט קײן הערשאפט, קײן פריווילעגיעס, קײן מעגלעכקײטן אויסצונוצן אנדערע, נאָר אַן אָרט זיך צו באזעצן, צו בויען און אויפגעריכטעט ווערן נישט פון צווייטנס חורבן — האָט רעכט צו פאָדערן אַזאַ פּאָליטישע אָרדנונג, וואָס זאָל פאר אים נישט פארשליסן די טויערן צום שאפן.

ש. לביא

און אפענער בריוו

צו מר׳ גאלאקער, קאמוניסטישער דעפוטאט אין ענגלישן פארלאמענט

כ׳האָב געלייענט אין „דבר״ אייער רעדע אין פּאַרלאַמענט בײַ דער לעצטער א״י־דעבאַטע און געזוכט אַ געלעגנהייט צו דערציילן אייך עפּעס און שטעלן אייניקע פראַגן.

איידער כ׳גיי אַריבער צו די עצם־פראַגן, וויל איך זיך פאַר אייך פאָרשטעלן, איר זאָלט כאָטש אַביסל קענען דעם, וואָס שרייבט צו אייך.

איך בין אַלט 51 יאָר, 35 פון זיי לעב איך אַלס פיזישער אַרבעטער און בין זיך מפרנס נאָר פון פיזישער אַרבעט. 4 יאָר האָב איך נאָך געאַרבעט אין חוץ־לארץ און 31 יאָר אַרבעט איך אין א״י, פון זיי — 15 יאָר אין דער גרויסער קאָמונע עין־חרוד.

וואָס האָט מיר געבראַכט אַהער, אין דאָזיקן לאַנד? דריי סיבות: א. ארץ־ישראל אליין, דער היסטאָרישער בונד פון יידישן פאָלק מיט איר: ב. די שוידערלעכע יידישע טראַגעדיע ג. דער זיכערער וויסן, אז אין דעם לאַנד איז דאָ גענוג אָרט, צוזאַמען מיט די אָרטיקע איינוווינער, פאַר אַ גרויסן טייל פון

יידישן פאָלק, וועלכער נויטיקט זיך אין אַן אנטריינונגס-אָרט אין זיין לאַנד — ווי אין לופט צו אָטעמען.

און איצט קאָן איך אַריבערגיין צו אייערע רייד.

אין אייער רעדע האָט איר אייניקע מאָל אויסגעדריקט אייער סימפּאַטיע פאַר די געררודפטע יידן. איר האָט אַפילו געזאָגט: „איך קאָן נישט באַשולדיקן די יידן, וואָס ,יידן אין דייטשלאַנד, אין דעם, וואָס זיי ווילן אַנטלויפן קיין א״י״. און ווייטער האָט איר געזאָגט: „שטענדיק וועל איך שטיין אויפן שטאַנדפונקט צו העלפן די יידן״. אייער ליבע און הילף, וואָס איר זייט גרייט געבן פאַר די יידן, דערגייען אַזוי ווייט, אַז איר זייט אַפילו זיכער „אַז מ׳קאָן די יידן און די אַראַבער ברענגען צו פאַרשטענדעניש פאַר די רעכט פון די אַראַבער און דער גערעכטיקייט פון זייער טענה״. די ליבע און הילף זענען זייער גרויס, מ׳קאָן קיין טענות נישט האָבן. „גערעכטיקייט פון זייער טענה״? ס׳הייסט: די יידן מעג מען ברענען, וואַרפן באָמבעס אויף זייערע קינדער, הרגענען יונג און אַלט פון דער באַהעלטעניש. אָבער איר מיינט דאָך מסתמא עפּעס פּשוטערס: „די גערעכטיקייט פון זייער טענה״ — אַז מ׳דאַרף די יידן נישט לאָזן אַריינקומען אין זייער לאַנד, און די ביסל, וואָס איז שוין פאַראַן, זאָלן דינען אַלס זייערע מיסט-רייניקער, אַזוי ווי אין דער גליקלעכער געבענטשטער תימן. און אפשר נאָך פּשוטער: געבן רעכט די אַראַבער און זיי וועלן שוין באַשיצן די יידן, וואָס געפינען זיך אין א״י, מיט גלייכע רעכט אונטער זייער שוץ. און די רעכט וועט מען אָפּהיטן פּונקט ווי מ׳היט זיי אָפּ אין איראַק, דמשק און חלב. וואָס פאַר אַ רעכט פאָדערן זיי נאָך, וואָס מיר, די יידן, דאַרפן פאַרשטיין צו געבן זיי? וואָס נאָך?

און די רעכט פון די יידן? — פון די ייִדן, וועלכע איר האָט אַזוי ליב, און וואָס איר באַטייליקט זיך אַזוי שטאַרק אין זייער צער, צי קומט אויך זיי וועלכע ס׳איז רעכט? און אפשר זאָלן זיי זיך באַנוגענען בלויז דערמיט, וואָס איר סימפּאַטיזירט מיט זיי אַזוי שטאַרק און דערמיט אויסהיילן אַלע זייערע

ווייטיקן ? — וואָס הייסט אייער ליבע פאַר די יידן פּראַקטיש? האָבן זיי רעכט צו לעבן אויף דער וועלט ווי אנדערע פעלקער אָדער נישט? מעגן זיי האָבן א באָדן אונטער די פיס אָדער נישט? האָבן זיי רעכט אויף א מקום מקלט אָדער נישט? און אויב זיי האָבן יאָ, ווו איז דער מקום מקלט, ווו איז דער באָדן פאַר זיי? באַוויליקט צו זאָגן אונז קלאָר, וואָס לייגט איר אונז פאָר טאָן, תיכף, מאָרגן. אויב אין אייער סימפּאַטיע פאַר יידן איז דאָ כאָטש א שמץ פון אמת, פאַרוואָס קומט איר צו זיי בלויז מיט זיסע רייד, נישט זאָגנדיק אייער גאַנצן ביטערן אמת? זייער צער, ליידן, אָרעמקייט, זענען צו גרויס, אַז זיי זאָלן זיך קאָנען טרייסטן בלויז מיט ליבע-דערקלערונגען. ביטע, זאָגט, פאַרוואָס זאָל איך זיך לגבי אייך נישט באַנוצן מיט די זעלבע ווערטער, מיט וועלכע איר באַנוצט זיך כלפּי אנדערע, מיט די ווערטער: „איך קוק מיט אַן עקל, וואָס שטאַרקט זיך כסדר אויף רייד, וואָס דריקן אויס גרויסע מאָראַלישע זאָרג און שעצונג פאַר די יידן" א. א. וו. איך האָב זיך קעגן אייך באַנוצט בלויז מיט אייער אויסדרוק, איר וועט מיר דערפאַר ענטשולדיקן. אונז איז שוין נמאס געוואָרן די פלאַכע, פאַלשע, פּוסטע סאַלאָן-ליבע. מיר מוזן פרעגן אַט די אַלע אונזערע ליבהאבער, און אויך אייך: צו וואָס פאַר א פּראַקטישער טעטיקייט, וואָס וואָלט פאַרגרעסערט אונזער האָפענונג, וואָס זאָל ברענגען אונז כאָטש איין ליכט-שטראַל, פאַרפליכטעט אייך אייער ליבע? ניין, דאָס איז אין אייער ליבע נישטא. זי קאָן נאָר אוועקרויבן ביים יידישן פאָלק זיין לעצטע האָפענונג צו האָבן אַן אייגענעם באָדן און א מקום-מקלט.

ארויפגייענדיק אויף דער טריבונע פון ענגלישן פאַרלאַמענט צו קעמפן פאַר די אונטערדריקטע אַראַבער, האָט איר זיך געשאַפן זייער א באַקוועמע שטעלונג. דאָ זיצן אימפּעריאַליסטישע הערשער, אונטערדריקער פון שוואַכע פעלקער, רויקע געלט-מאַגנאַטן און איר קעמפט פאַר די אונטערדריקטע, עקספּלאָאַטירטע, פאַריתומטע און האָט הנאה פון היילקן קאַמף. אָבער פּרוווט נאָר קומען צו אונז מיטן דאָזיקן קאַמף, קעמפט אַזוי

קעגן די מיליאָנען יידן, געשלאָגענע דורך פּאָגראָמען, פאַרפאָלגטע דורך דראַקאָנישע געזעצן, די, וואָס מ'האָט אומעטום פײַנט, וועלכע זענען אומעטום איבעריק, וועלכע מ'טרייבט פון אומעטום און זיי האָבן נישט וווהין צו לויפן. קעגן זיי שטעלט זיך און טענהט: „אויב ס'איז געווען אַ פאָלק גערעכט אין זײַן פּראָטעסט און זײַן דעמאָנסטראַציע צו דערגרייכן גערעכטיקייט, איז עס דאָס אַראַבישע פאָלק". צי האָט איר דאָס טאַקע אויף אַן אמת געמיינט די דאָזיקע ווערטער?

כ'וויל אָפּלאָזן אויף אַ ווײַלע די יידן, כ'וועל פרעגן: און דאָס אַרמענישע פאָלק, וואָס איז אויסגעשאָכטן געוואָרן כמעט פאַר אײַערע אויגן? אים האָט איר פאַרגעסן? פאַרוואָס האָט איר פאַרגעסן? צי האָבן די אַראַבער אַמאָל פאַרזוכט אַזעלכע שווידערלעכקייטן? — אָט דאָס פאָלק, וואָס האָט דעראָבערט לענדער און זיצט רויק אין זיי, וואָס האָט אײַנגעשלונגען פעלקער און שבטים און ס'איז גאָרנישט קענטיק אויף אים, האָט בײַ אײַך זוכה געווען צו דער גרעסטער פאַרטיידיקונג; די אַראַבער און נישט די אַרמענער. צי איז אײַך נישט באַקאַנט דער גרויסער טומל, די פּראָטעסטן און דעמאָנסטראַציעס, וואָס די סירישע אַראַבער האָבן געמאַכט, בעת מ'האָט די ביסל איבערגעבליבענע אַרמענער געוואָלט באַזעצן אויף די וויסטע און פּוסטע זומפּן פון סיריע? איז עס דאָך נישט קיין צופאַל, וואָס מ'וואונדערט זיך צו די דאָזיקע אַראַבישע לענדער, וועלכע קאָנען אויפנעמען צענטליקער מאָל אַזויפיל אײַנוווינער, ווי זיי פאַרמאָגן?

און זאָגט מיר לויט דער ריינער קאָמוניסטישער גערעכטיקייט: ווער האָט רעכט צו זאָגן: אָט די ערד איז מײַנע, מײַן פּריוואַט-אייגנטום, און כ'מוז איר לאָזן וויסט, ווי מיר ווילט זיך. און דו, וואָס דו האָסט נישט קיין שפּאַן ערד אונטער דײַנע פיס און דו ווילסט איר אויסלייזן פון איר וויסטקייט, איר באַאַרבעטן און לעבן פון איר, האָסט נישט קיין רעכט אויף דעם? אַזוי זעט דען אויס די קאָמוניסטישע אויפפאַסונג פון גערעכטיקייט?

די דאָזיקע פראַגע שטעל איך אין צוזאַמענהאַנג מיט די רעשטלעך פון ארמענישן פאָלק, אין צוזאַמענהאַנג מיטן שוידער־לעכן בארבאריזם, וועלכן ס'האָבן ארויסגעוויזן די סירישע אראַבער, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם אריינקומען פון די ביסל אומגליקלעכע, וואָס זענען איבערגעבליבן פון דעם גרויסער טערקישער שחיטה.

אָבער, אייערע רייד זענען דאָך נוגע געווען די באַליב־טע יידן — און צי דען איז זייער גורל אַן אַנדערער, ווי דער גורל פון די ארמענער? דער אונטערשייד איז נאָר דער: די יידן האָט מען אַרויסגעטריבן פון זייער לאַנד און מ'האָט זיי געקוילעט און מ'קוילעט זיי ווייטער פון נאָך מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, און מיט די אַרמענער האָט מען אַזוי אָנ־געהויבן צו טאָן ערשט פאַר אונזערע אויגן כמעט. אָבער סיי די און סיי די זוכן פאר זיך אַ מקום מקלט און נויטיקן זיך אין אים. און ווער האָט עס דאָס רעכט צו אָפּזאָגן זיי? נאָר אַ האָטענטאָטישע מאָראַל גיט אַזאַ רעכט.

אויב איר וועט אָנטרעפן אויף אַ זאַטן פאַרשוין, וואָס לייגט זיך פאַנאַנדער ווי גרויס ער איז אויף אַ לאַנגן באַנק, און ער וועט נישט מאַכן קיין אָרט פאר אַ פארמאַטערטן מענטשן, וואָס זוכט אַן אָרט זיך אָפּצורוען, צי וועט איר אים נישט אָנכאַפּן פאַרן קאַרק און אַ רוק טאָן, בכדי אויך דער פאַר־מאַטערטער זאָל זיך קענען אָפּרוען? און פאַרוואָס זאָל די דאָ־זיקע עלעמענטאַרע מאָראַל, וואָס איז חל אויף אַ יחיד, נישט חל זיין אויך כלפּי אַ 17־מיליאָניקן פאָלק? איר וועט זאָגן: נישטאָ קיין אָרט, די באַנק איז פאַרנומען און אַלע, וואָס זיצן אויף איר, זענען פאַרמאַטערט. איז פונוואַנען ווייסט איר עס? צי האָט איר געפּאָרשט און זיך איבערצייגט, צי זענט איר ערשט נאָך אַ גרינטלעכן פאָרשן און לערנען געקומען צו דער דאָזיקער מסקנה?

ביים אָנהויב פון אונזער עליה זענען אין לאַנד געווען ביי 400 טויזנט איינוווינער, אין דעם אַ קליינע צאָל יידן. די גרעסטע טייל איינוווינער פון לאַנד זענען געווען גרויסע

אָרעמעלייט; זיי האָבן נישט געקענט זיך שפּייזן פון דעם לאַנד, וואָס האָט פּאַרצייטנס געשפּייזט מיליאָנען יידן. און איצט, ווען ס'זענען צוגעקומען 400 טויזנט יידן אַליין, דער־גייט די צאָל אַראַבער כמעט צו אַ מיליאָן. שוין דאַן האָבן זיי געשריבן, אַז אין לאַנד איז נישטאָ קיין אָרט פאַר יידן. און אָט האָבן מיר באַוויזן, אַז במשך פון 30 יאָר, וואָס נאָר אין פופצן פון זיי איז געווען אַן אינטענסיווע עליה, איז די באַפעלקערונג פון לאַנד געשטיגן מער ווי צווייפאַכיק און דער עקאָנאָמישער ניוואָ איז געוואַלדיק געוואַקסן. זאָגט, ביטע, מיט וועלכע מאָסן מעסט איר, צי ס'איז דאָ גענוג אָרט אָדער נישט?

איר וועט זאָגן, ווי איר האָט געזאָגט: דאָס אַלץ איז געשען אַ דאַנק אַ קאָניונקטור־אויפשטייג, וועלכן ס'האָט אויף אַ געוויסער צייט מיטגעבראַכט מיט זיך דער קאַפּיטאַליזם, און אַלע ווייסן, אַז ס'קאָן גאָר אינגיכן קומען צו אַ „צוזאַמענברוך". איר האָט גערעדט וועגן אַ זאַך, וועלכע איר האָט נישט גע־לערנט, נישט געפאָרשט און נישט געקענט. די ארץ־ישראלדי־קע באַפעלקערונג איז געוואַקסן און זיך ענטוויקלט אויפן חשבון פון דער יידישער אויפבוי־און שאַפונגס־אַרבעט און נישט אויפן חשבון פון אַ צופעליקער קאָניונקטור (ווייל פאַרוואָס זאָל קו־מען אַ צופעליקע קאָניונקטור דוקא אין דעם לאַנד, בשעת אין די שכנותדיקע לענדער איז זי נישטאָ?) אזא אויפבוי־און שאַ־פונגס־אַרבעט קען מען נישט „אויפבלאָזן" סתם אַזוי, בכדי צו פאַרבלענדן די אויגן. אויף טריט און שריט קאָן מען זען די אויפבוי־און שאַפונגס־אַרבעט פון די יידן.

אָט איז איין קליינער ביישפּיל פון אַ סך: דער שטח, אויף וועלכן איך לעב און אַרבעט. פאַר אונז זענען דאָ גע־ווען אייניקע צענדליקער אַראַבישע משפחות, פאַכטערס ביי דער סורסוק־עפענדי משפחה פון ביירוט. קודם כל האָבן זיי געמוזט אַוועקגעבן אַ פערטל פון זייער גערעטעניש דער דאָזיקער משפחה אַלס אַרענדע פאַרן באָדן. פון איבערגעבליבענעם האָבן מינימום 50 פּראָצ. אויפגעגעסן די צינזן און חובות ביי

אראַבישע פּראָצענטניקעס. וואָס איז זיי איבערגעבליבן אויסער הונגער און קדחת? זינט מיר זענען געקומען אהער, לעבן דאָ אָנשטאָט די איינציקע צענטליקער משפּחות (וועלכע האָבן ביים אָפּטרעטן באַקומען אַזאַ ענטשעדיקונג, וועגן וועלכער זיי האָבן אפילו נישט געחלומט) איבער 2000 נפשות, אָדער 800 יונגע משפּחות. אָנשטאָט די זומפּן, מיט וועלכע דער גאַנצער שטח איז געווען באַדעקט, געפינען זיך דאָ איצט אינטענסיווע תבואה־פעלדער; אָנשטאָט וויסטעניש אָן א בוים איבער אַ האַלב מיליאָן פּרוכט־און וואַלד־בוימער, אָנשטאָט קליינע סטאַדעס פון נעבעכדיקע קי, וואָס יעדע פון זיי פלעגט געבן 600—700 ליטער מילך א יאָר — מער ווי טויזנט קי, מיט אַ דורכשניטלעכער פּראָדוקציע פון 4000 ליטער אויף יעדערער. אָט דאָס הייסט קאָניונקטור, וואָס וועט זיך אַ וואַקל טאָן! און איר דאַרפט וויסן, אַז אויף דעם דאָזיקן גאַנצן שטח איז נישטאָ קיין איין קאַפּיטאַליסט און קיין איין עקספּלאָאַטירטער, נאָר אַן אַרבעטער־ציבור, וואָס אַרבעט, בויט און שאַפט פאַר זיך און גרייט צו אָרט פאַר נייע יידישע עולים, וואָס וועלן קומען אַהער, וואָס קאָנען און מוזן קומען.

איר, אַ זון פון אַ גרויסן נאָרמאַלן פאָלק, וואָס זיצט אויף זיין ערד, וואָס האָט במשך פון הונדערטער יאָרן צעטוויקלט זיין ווירטשאַפט, קאָנט נישט פאַרשטיין און באַגרייפן דעם כח און ענערגיע פון אַ הונגעריקן פאָלק, וואָס לעכצט נאָך באָדן, לופט, זון און זיכערקייט פון לעבן. דעם כוח פון אַזאַ פאָלק, וואָס שטייט אויפן ראַנד פון יאוש, האָט איר נישט באַגריפן; איר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלן, ווי גרויס ס׳איז זיין דורשט צו אַרבעט, צו קענען די ארבעט ענטוויקלען און אויסבעסערן איר, צו אויסשעפּן אַלע אירע מעגלעכקייטן.

און נישט וויסנדיק דאָס, קומט איר און איר זאָגט, אַז מ׳קאָן נישט אַריבערפירן דייטשע יידן קיין א״י. פונוואַנען נעמט איר עס? פונוואַנען נעמט זיך צו אייך די דרייסטקייט צו פסקנען עס?

און פונוואַנען נעמט איר זיך דאָס רעכט זיך מאַכן

נישט זעענדיק די אַלע גרויזאַמקייטן און סאַדיסטישע טאַטן, וואָס „די קינדער פון דעם גערעכטסטן פאָלק" טוען אונז אָפּ? ווען הער לעסלי האָט אייך געפרעגט: „צי זענען זיי גערעכט אויך דערמיט, וואָס זיי מאָרדן מענטשן", האָט איר געענטפערט: „זיי אַליין ווערן געהרגעט" — די יידישע נפשות זענען שטרוי, מעקענע אויפן ווינט. אָבער, צי ווערן די אַראַבער נישט געהרגעט בלויז דערפאַר, וואָס מ'לאָזט זיי נישט מאָרדן און אונטערצינדן קינדער, וואָס מ'לאָזט זיי נישט דערהרגענען פון באַהעלטעניש פרידלעכע מענטשן, וואָס גייען צו דער אַרבעט און אַלטע לייט, וואָס גייען צו זייער תפלה? צי איז אייך נישט באַקאַנט, אַז אייערע גערעכטע העלדן האָבן געפּרוווט אונטערצינדן אַ קינדער-הויז, אין וועלכן ס'זענען בכלל נישט געווען קיין דערוואַקסענע מענטשן, אויסער די פרויען, וואָס אַרבעטן ביי די קינדער? צי האָט איר נישט געהערט, אַז די העלדן האָבן געשאָסן צו אַן אַכציק־יעריקן יידן, ווען ער איז געגאַנגען דאַוונען, אַ יידן, וואָס האָט בכלל מיט פּאָליטיק און עולם־הזה'דיקע ענינים קיין שום שיכות נישט? צי האָט אירע טאַקע נישט געהערט, אַז אין 1929 זענען אָט די צדיקים אַריינגעגאַנגען אין חברון אין אַ ישיבה, אין וועלכער מ'לערנט „ווער ס'הויבט אויף זיין האַנט, ווערט אָנגערופן רשע" און אויסגעשאָכטן די ישיבה־לייט? צי איז אייך טאַקע נישט באַקאַנט דאָס אַלץ? ווי האָט איר עס געקאָנט זיך מאַכן נישט זעענדיק דאָס אַלץ און פעסטשטעלן אַז „נאָר זיי ווערן גע־הרגעט" און זיי מאַכן פאַר קדושים? צי איז דאָס נישט ענלעך צו דער קדושה, מיט וועלכער היטלער האָט באַשיינט זיינע העלדן — די רוצחים?

איך האָב דאָ אויסגערעכנט נאָר אַ קליין ביסעלע פון די סאַדיסטישע רציחות פון די אַראַבער. איך האָב עס אויס־גערעכנט עפנטלעך און אויב דאָס איז נישט ריכטיק, זאָל מען מיר רופן צו אַ משפט. זאָל אַ משפט פעסטשטעלן, ווער עס זענען די מערדער און ווער די דערמאָרדעטע.

אין דער אויבנדערמאָנטער רעדע האָט איר פאָרגעלייענט

אַ טעלעגראַמע פון אַראַבישן פרויען-קאָמיטעט און איר האָט אויסגעשריען, אַז „די פאַרשטייענדיקע הערצער זאָלן פאַרשטיין, ווי טראַגיש דאָס איז". איך וויל דאָ איבערחזרן די טעלעגראַמע: „מיר זענען אייך דאַנקבאַר פאַר אייער איידעלער שטעלונגביים פאַרטיידיקן די גערעכטע אַראַבישע זאַך פאַרן פּאַרלאַמענט און עפנטלעכקייט. מיר זענען צופרידן, וואָס ס'זענען פאַראַן אייניקע ענגלענדער, וואָס אונטערשטיצן די גערעכטע פאָדערונגען פון די אַראַבער אויף אַ נאַציאָנאַלן קיום און פאַלן נישט אַרונטער דער השפּעה פון די ציוניסטן. נאָר אַן ענדערונג אין דער איצטיקער ציוניסטישער פּאָליטיק גאַראַנטירט דאָס איבעררייסן די געשעענישן און אייביקן שלום.

אַנטקעגן דער דאָזיקער טעלעגראַמע וויל איך ברענגען פאָלגנדן קורצן בריוו, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער א"י-דיקער פּרעסע:

„פון מוטערס צו מוטערס

אין דער נאַכט פון 20-טן יוני האָבן פאַרברעכערישע הענט געפּרוּווט אונטערצינדן דאָס קינדער-הויז אין ירושלים, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן און ווערט אויסגעהאַלטן דורך אַן אָרגאַניזאַציע פון יידישע פרויען. הונדערט אומשולדיקע קינדער׳ עופהלעך-זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ שוידערלעכן טויט אין פייער. דער געדאַנק ווערט אויפגעציטערט, פאַרשטעלנדיק זיך די שוידערלעכע פאָלגן, וועלכע ס'האָט געקאָנט האָבן דער דאָזיקער טאַט׳ וואָס איז פאַרבאָטן אפילו אין מלחמה-צייט.

מיר ווענדן זיך נישט נאָר צו אונזערע יידישע שוועסטער, נאָר צו אַלע מוטערס און פרויען. מיר זענען זיכער, אַז יעדע פרוי, וואָס וועט דערהערן וועגן דעם, וועט אויפגעציטערט ווערן פון דאָזיקן פאַרברעכן, וועט נישט קאָנען רוען אין אַנבליק פון דער אכזריות, וואָס איז אַן אומבאַדינגטער רעזולטאַט פון טעראָר, וואָס הערשט אין לאַנד און וואָס צעשטערט די באַציונגען צווישן ביידע פעלקער, — און וועט פילן אַ פליכט

אויסצודריקן איר שאַרפֿן פּראָטעסט קעגן דער מעגלעכקייט, אַז אַזעלכע שוידערלעכע זאַכן, וועלכע מ׳קאָן גאָר אויפֿן געדאַנק נישט אַרויפֿברענגען, זאָלן קאָנען געשען.

צו אייך, אַראַבישע מוטערס און פֿרויען, ווענדן מיר זיך און בעטן אייך לייגן אַכט, אַז דאָס, וואָס איז געווענדעט צו פֿאַרניכטן אומשולדיקע קינדער — מוז לסוף פֿאַרסמען די נשמות און הערצער פֿון די קינדער פֿון אייער פֿאָלק. גלויבט אונז, אַז מיר האָפֿן אויפֿריכטיק צו דערציען די קינדער פֿון אונזער פֿאָלק צו אַרבעט און פֿרידלעכער געמיינשאַפֿט מיט די קינדער פֿון אייער פֿאָלק" און אַ. וו.

געחתמעט: די יידישע פֿרויען אין א״י.

אַ בריוו קעגן דער טעלעגראַמע. צי האָבן די אַראַבישע מוטערס, וואָס האָבן אייך געשיקט די טעלעגראַמע, פּראָטעסטירט, צי האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַפֿילו אַ שאָטן פֿון אויפֿטרייסלונג? פּונקט ווי איר האָט פּראָטעסטירט, אַזוי האָבן זיי פּראָטעסטירט.

איר פֿאַרזיכערט עפּעס־לעך: „די אַראַבער און די יידן האָבן צוזאַמען געלעבט הונדערטער יאָרן. זינט די מוסלעמענער זענען געווען אין שפּאַניע, פֿלעגן זיי שטענדיק אַנערקענען און פֿאַרגעטערן משהן און נישט אַרויסגעוויזן קיין שום שנאה צו די יידן", א. א. וו. איר האָט רעכט צו זיין נאַאיוו, וויפֿל אייער האַרץ גלוסט, אָבער צו וואָס דאַרפֿט איר דערמאָנען די שפּאַנישע תקופה, אויף וועלכער מיר ביידע זענען קיין מומחים נישט. צי ווילן מיר ביי די געשעענישן זיך זעצן באַהאַנדלען היסטאָרישע אָנגעלעגנהייטן? לאָמיר זיך בעסער צוקוקן צו געשעענישן פֿון אונזער תקופה. זייט אַזוי גוט און שפּאַצירט זיך איבער אין די גאַסן פֿון תימן, דאָרט, ווו ס׳איז נישטאָ קיין בריטישער אימפּעריאַליזם און קיין ציוניזם, גייט דורך איבער אירע דערפֿער און שטעט און הערט זיך צו צו די שמד־גזרות, וועלכע מ׳איז דאָרט אויף אונז גוזר. אָט איז איינער פֿון אַ סך אַזעלכע געזעצן: ווען אַ ייד רייט אויף אַן אייזל און באַגעגנט אַ מוסלעמענער, מוז ער אַראָפּגיין פֿון אייזל — פֿאַר

אַ מוסלעמענער טאָר אַ ייד נישט רייטן. באַטראַכט נאָר אַ ביסל דעם דאָזיקן געזעץ פון אַ מוסלעמענישן לאַנד, וואָס אונ־טערליגט נישט דעם אימפּעריאַליזם. און פאָרט זיך דורך פון דאָרט קיין דמשק, איראַק, חלב, אַלזשיר, וועט איר זען, ווי אַזוי מען דערנידעריקט דעם יידן. און דעם טאָג פון נעבי מוסאַ אין ירושלים קענט איר נישט? — דאָס איז דאָך איינער פון די שרעק־טעג פון לאַנד. פאַראַן קריסטן, וואָס מאַכן אויף אונז פּאָגראָמען אין נאָמען פון ישו, און פאַראַן מוסלעמענער, וואָס טוען עס אין נאָמען פון משה. אויב איר האָט אויף אַן אמת סימפּאַטיעס צו די יידן, טאָ בעט זשע, מ׳זאָל אונז בעסער אַריינוואַרפן אין ים אַריין, איידער איבערגעבן אין די הענט פון די דאָזיקע צדיקים.

צו לעבן מיט די אַראַבער בשלום און אין פריינטלעכע, מענטשלעכע באַציונגען, זענען מיר שטענדיק גרייט, צו דעם שטרעבן מיר. אָבער צוויי פּאָ־באַדינגונגען זענען צו דעם נויטיק, איינער: אַז מיר זאָלן בילדן אין לאַנד אַזאַ כוח, אַז מיר זאָלן קאָנען באַשיצן זיך און יעדן הסכם פון שלום און געמיינזאַמער געזעצגעבונג פון לאַנד. און דער צווייטער תנאי: אינטערנאַצי־יאָנאַלע גאַראַנטיע סיי פון אונזערע און סיי פון זייערע רעכט און פליכטן.

אויב איר טראַכט ערנסט וועגן גורל פוןביידע פעלקער, וואָס טרעפן זיך צונויף אין א״י, וועט איר זיך איבערצייגן, אַז מיר פאַר זיי דאַרפן מורא האָבן אַ סך, זיי פאַר אונז האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן. ווען מיר וועלן דאָ אפילו זיין אַ מערהייט, אַ גרויסע מערהייט, וועלן זיי נישט זיין ווייניק, אַז זיי זאָלן דאַרפן פאַר אונז מורא האָבן. וויפיל מיר זאָלן דאָ נישט זיין, וועלן מיר אַלץ זיין איינזאַם אין גרויסן אַראַבישן ים, און זיי וועלן שטענדיק זיין אַ טייל פון דאָזיקן ים. זיי וועלן קיינמאָל נישט זיין ווינציק צווישן אונז. אויב נישט זיין קיין סך אויף דער דאָזיקער קליינער טעריטאָריע, איז בעסער אונטערצוגיין, איידער די נעבעכדיקע עקזיסטענץ, וואָס שטייט אונז דאָ פאָר. דאָס איז דער ביטערער און טראַגישער אמת אונזערער.

און איצט לאָמיר זיך ווידער אומקערן צו יענעם זאַץ, אויף וועלכן עס שטיצט זיך אייער רעדע און וואָס באַרירט דעם עיקר פון אונזער אומגליק: איר זענט איבערצייגט, אַז מ'קאָן צונויפברענגען די יידן און די אַראַבער אויפן יסוד פון „פאַרשטענדעניש פאַר די רעכט פון די אַראַבער און גערעכטי-קייט פון זייער טענה" און אַ זאַץ פריער: „איך וויל דערלאַנ-גען דעם מיניסטער אַ דרינגענדע און ערנסטע בקשה: ער זאָל ערנסט אַ טראַכט טאָן וועגן די אַראַבער און געבן זיי אַ צייכן: וואָס פאַר אַ צייכן? איר מיינט דאָך נישט קיין אַנדער זאַך ווי אָפּשטעלן די עליה, און דאַן וועלן זיי צושטיין צו אייך, „גער-טער הער און חשובע חברים. אין קאַמף פאַר יידישער פרייהייט אין דייטשלאַנד און פוילן". אין וואָס, למשל, וועט זיך אויס-דריקן אייער קאַמף? איר און דער חשובער הער און די חשובע חברים וועט האַלטן פלאַמענדיקע רעדעס אין אייער פאַרלאַמענט און וועט זיך קוויקן מיט אייערע שיינע רעדעס. און אין דייטש-לאַנד און פוילן וועלן זיך אָפּשרעקן אַלע קעץ. און די א"י-דיקע מערדער וועלן באַקומען זייער באַלוינונג. יאָ, אויך די יידן וועלן באַקומען זייער באַלוינונג, ס'וועט זיי צוקומען נאָך אַ גלות, גלות-פּאַלעסטינע און די מינדערהייטס-רעכט וועלן דאָ אָפּ-געהיט ווערן פונקט ווי אין פוילן, רומעניע און ליטע. און די יידן מיט די אַראַבער וועלן קומען צו אַ פאַרשטענדניש וועגן די רעכט פון די אַראַבער און גערעכטיקייט פון זייער טענה. אַזוי וועט געשאַפן ווערן די גאַנצע אידיליע און אייערע הענט וועלן זיין ריין.

אָבער דאָך, מיין הער יידן-פריינט, וועגן וואָסערע רעכט דאַרפן מיר עס קומען צו אַ פאַרשטענדניש מיט זיי? וועגן רעכט צו הערשן איבער אונז? וועגן רעכט פראַנק און פריי צו מאַכן פּאָגראָמען אויף אונז? וועגן רעכט אַ בריקע צו טאָן דעם טרינקענדיקן, וואָס כאַפּט זיך אָן אָן לעצטן רעטונגס-ברעט? ניין, דאָס וועלן מיר נישט אנערקענען, קעגן דעם וועלן מיר קעמפן ביזן לעצטן אָטעם, מיטן גאַנצן כח, וואָס ס'פאַרמאָגט אויך דער שוואַכער. דער שוואַכער האָט דאָך אויך עפּעס אַ כח.

דעם כח צו שרייען געוואַלד, דעם כח, וואָס דערוועקט די שפּורן פון מענטשלעכן געוויסן. צום דאָזיקן געוויסן וועלן מיר נישט אויפהערן צו שרייען. אפשר וועט נאָך קומען פאַר אונז אַ רעטונג.

אייערע גאַנצע רייד, מיין הער, זענען דורכגעפלאָכטן מיט אַ גאַטקע, מיט וועלכער די קאָמוניסטן פון דער גאַנצער וועלט באַנוצן זיך זייער אָפט: אַז דער ציוניזם איז אַ קנוניה צווישן יידישע קאַפּיטאַליסטן און בריטישן אימפּעריאַליזם. דאָס איז אַ פראַזע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן צום פּאָליטישן קאַמף, וואָס איז דאָ צווישן ענגלאַנד און רוסלאַנד. צווישן די צוויי גרויסע בערג דאַרף צעריבן ווערן דאָס יידישע פאָלק. אָבער גלויבט מיר, אַז דאָס איז נאָר אַ פאַלשע פראַזע. ראשית כל האָט די מערהייט בריטישע אימפּעריאַליסטן די זעלבע מיינונג, וואָס איר, אַז מ׳דאַרף אָפּשטעלן די יידישע עליה אָדער באַגרענעצן איר אַזוי, אַז זי זאָל בכלל קיין שום באַדייטונג נישט האָבן. די א״י־דיקע אַדמיניסטראַציע מאַכט אונז ענג ווי וויט נאָר זי קאָן. איר קאָנט זיין רויק, מיין הער, דער אימפּעריאַליזם, וועלכער איז אייך אַזוי פאַרמיאוסט, שטייט אינגאַנצן אויף אייער זייט.

צווייטנס: די יידישע קאַפּיטאַליסטן זענען אין גרעסטן טייל נישט קיין ציוניסטן, קעגנער פון ציוניזם. נאָר איינצלנע, אויסנאַמען, שטיצן דעם ציוניזם. און אויב דער פּאַריזער באַראָן ראָטשילד האָט געטאָן אַ סך פאַר א״י, האָט ער דאָרט נישט געמאַכט קיינע געשעפטן צוליב ריוח. אַלץ. וואָס ער האָט דאָ געטאָן, האָט ער געטאָן נאָר צוליב פילאַנטראָפּיע און גרויסהאַרציקייט — פאַר דעם דאַרף מען אים פאַראורטיילן? אָט דאָס הייסט פאַרבינדונג מיטן בריטישן אימפּעריאַליזם? אגב, דעם גרעסטן טייל פון זיינע טאַטן אין לאַנד האָט ער געטאָן נאָך פאַר דער מלחמה, אין דער צייט פון די טערקן. און וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער געטאָן אויסערן ציוניזם, מיטן אייגענעם רשות. דער ציוניזם איז אַ ברייטע פאָלקס־באַוועגונג, וואָס באַשטייט פון אַרבעטער־מאַסן, מיטל־שיכטן, פאָלקס־אינטעליגענץ און אָרעמקייט. דאָס איז אַ מאַסן־

באַוועגונג, אין וועלכער די הסתדרות האָט די דעצידירנדיקע השפּעה.

די הויפּט־מכשירים פון דער אַרבעט פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע זענען צוויי נאַציאָנאַלע פאָנדן: דער קרן־קימת און קרן־היסוד, וואָס ווערן גרעסטנטייל געשאַפן דורך די אויבן דערמאָנטע שיכטן, פון וועלכע ס׳באַשטייט די ציוניס־טישע באַוועגונג. דער קרן־קימת, וועמענס גרונט־אידיי ס׳איז די נאַציאָנאַליזירונג פון באָדן, האָט נישט קיין גלייכן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און ס׳איז נישטאָ קיין דערהויבענערע אידיי פון דער געזעלשאַפטלעכער אוןווירט־שאַפטלעכער סאָציאַליזירונג. 80 פּראָצ. פון קרן־קימת־באָדן ווערן איבערגעגעבן די אָרגאַניזירטע אין דער הסתדרות־העובדים אַרבעטער און אַ טייל פאַר נישט אָרגאַניזירטע אַר־בעטער און פאַר ווין־קוואַרטאַלן פאַר אַרבעטער. אַזוי בערך שטעלט זיך עס פאַר אויך מיטן קרן־היסוד. ער באַזאָרגט מיטן נויטיקן אינוועסטאַר בנינים און אומזאַץ־קאַפּיטאַל ביז די ווירטשאַפט גיט הכנסה די אַרבעטער, וואָס באַקומען באָדן פון קרן־קימת. דער קרן־היסוד העלפט אויך דער אינדוסטרי, מלאכה און פאָלקס־דערציונג. זיינע געלט אינוועסטירט ער אין הלוואות אויף 2 פּראָצ. יערלעך אויף 50 יאָר אויסצוצאָלן.

דאָס איז דער צוזאַמענשטעל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אַזוי זענען אויס אירע אַרבעטס־מכשירים. זאָגן אויף דער דאָזיקער באַפרייונגס־באַוועגונג פון געפּלאָגטן פאָלק, אַז דאָס איז אַ קנוניה צווישן יידישן קאַפּיטאַליזם און ברי־טישן אימפּעריאַליזם, איז דער ערגסטער ליגן, וואָס ברענגט שאָדן דעם אַממערסטן ליידנדיקן פאָלק.

ריכטיק, מיר ווילן אַ טרייהייטס־בונד מיט ענגלאַנד — אַ בונד? סאיז אפשר אַ ביסל קאָמיש. דאָס וואָרט „בונד" פּאַסט פאַר גלייכע כוחות, און וואָס זענען מיר אין כוח אַנט־קעגן ענגלאַנד? — אין דאָך אין אַ טרייהייטס־בונד מיטן ענגלישן פאָלק. מיר האָבן צו אים עפּעס מער צוטרוי ווי צו אַנדערע, אפשר ווייל ענגלאַנד איז אונז אַ פּאָר מאָל בייהילפיק

געווען, ווייל זי האָט אַ פּאָר מאָל געזאָגט פאַר אונז אַ גוט וואָרט, אפשר ווייל אין ענגלאַנד זענען אויפגעשטאַנען טרוימער וועגן אונזער דערליידונג. אָבער אויך, און אפשר בעיקר, ווייל זי איז שטאַרק. און מ׳דאַרף נישט מאַכן קיין פאָרווורפן אַ שוואַכן פאָלק דערפאַר, וואָס ער וויל און דאַרף זיך שטיצן אויף אַ שטאַרקערן, אויפן שטאַרקסטן. מיר ווילן דעם דאָזיקן בונד און גלויבן, אַז ער קאָן זיך האַלטן. ער קאָן זיך האַלטן, ווייל אונזערע אינטערעסן אין דאָזיקן לאַנד פאַלן זיך צונויף מיט די אינטערעסן פון ענגלישן פאָלק.

דאָס ענגלישע פאָלק אַליין איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג. אודאי וואָלטן מיר, יידישע אַרבעטער, צופרידן געווען, ווען מיר וואָלטן געקאָנט שליסן אַ טרייהייטס־בונד מיט אַ סאָציאַליסטישער ענגלאַנד. אָבער מיר ווילן זוכן פאַרשטענדעניש מיט יעדער ענגלאַנד. די טריי־הייט צו ענגלאַנד איז ביי אונז נישט נאָר קיין ענין פון אַ צוזאָג, נאָר אַ לעבנס־נויטווענדיקייט. מיר וועלן צוזאַמען מיטן ענגלישן מיליטער, און אפשר נאָך מיט מער איבערגעגעבנ־הייט מוזן קעמפן קעגן יעדן פרעמדן כוח, וואָס וועט פרווון אַריינדרינגען אין דאָזיקן לאַנד. אָבער נישט מער. אויב ענגלאַנד וועט וועלן אונטערדריקן אַן אויפשטאַנד אין אינדיע אָדער מצרים, וועלן מיר צו דעם נישט גיין, און מיר מיינען, אַז קיינעם וועט גאַרנישט איינפאַלן צו פאָדערן עס פון אונז. אין דער צייט פון די יידישע לעגיאָנערן אין לאַנד איז געווען עפּעס אַן אויפשטאַנד אין מצרים, מ׳האָט דאַן גע־וואָלט שיקן אַהין מיליטער אויך פון די יידישע גדודים. זיי האָבן נישט געוואָלט, הגם זיי האָט געדראָט דערפאַר געשטעלט צו ווערן פאַר מיליטערישן געריכט. מיר ווילן נישט און וועלן נישט זיין קיין ווערקצייג צו אונטערדריקן אַנדערע. טרייהייט אויפן אָרט קעגן אָנגרייפער און דעראָבערער — הונדערט־פּראָצענטיק.

און אויב איר וועט וועלן זאָגן, אַז אויך דאָס הייסט „בונד מיטן אימפּעריאַליזם", און יעדע פאַרבינדונג פון דעם

מײַן איז פּסול — װעל איך אײַך ענטפֿערן, אַז אַזאַ בונד מאַכט איר אַלײן אױך (נישט דערמאָנענדיק שױן די בונדן פֿון סאָװיעט־רוסלאַנד). אױב מ'װעט צ. ב. מאַכן אױף אײַך אַן איבערפֿאַל אױפֿן גאַס, װעט איר זיך װענדן צום געריכט פֿון דער מדינה, אין װעלכער איר לעבט, הגם אירע געזעצן הײסן בײַ אײַך קאַפּיטאַליסטישע און אימפּעריאַליסטישע.

פֿאַר אונז איז קלאָר, אַז מיר קאָנען אַלײן נישט בײַשטײן אין ים פֿון פֿעלקער־אַנטאַגאָניזמען. מיר דאַרפֿן הילף, אַן אָנשפּאַר, און די געשיכטע האָט אונז געגעבן אַלס אַזאַ ענגלאַנד. מיר װעלן װיסן װי אָפּצוהיטן די פֿאַרפֿליכטונגען, װאָס זענען אױסגעקריצט אין אונזער געװיסן און לעבנס־אינטערעסן. דער שװאַכער איז זײַער טרײַ זײַן צוזאָג דעם שטאַרקערן. אָבער װײ צום שװאַכן. די פֿאַרפֿליכטונגען, װאָס ער האָט פֿון שטאַרקערן, איז אים שװער אױפֿצומאָנען. פֿאַרשײדענע פּירושים האָבן מיר שױן געהערט אױף די פֿאַרפֿליכטונגען, װאָס זענען אונז געגעבן געװאָרן, און װער װײס, װאָס פֿאַראַ פּרושים ס'גרײטן זיך נאָך. די װעקסלען, װאָס דער שטאַרקער גיט דעם שװאַכערן, זענען נישט אַזעלכע זיכערע.

און איצט, מײַן חשובער הער, ענטשולדיקט מיר פֿאַר מײַן אַזױ לאַנגן בריװ און פֿאַר אײניקע אױסדרוקן, װעלכע זענען געװען אפשר צו שאַרף. נאָכן לײענען אײַער רעדע האָב איך אַנדערש נישט געקאָנט.

און כ'װינטש אײַך די פֿעיקײט צו קאָנען פֿילן דעם אמת. —

עין חרוד, 7.7. 1936

י. טאַבענקין

דער פאַרמעסטן צווישן כוחות

מיר דאַרפן זען און וויסן, אַז דער קאַמף, וועלכער ווערט געפירט אין לאַנד, איז אַ לאַנגער קאַמף. די מענטשן ווילן קיינמאָל נישט גלויבן אין דער פאַרצויגנקייט פון דער מלחמה. אויך מיר און אויך די אַראַבער האָבן פון אָנהויב געהאַט דאָס געפיל, אַז ס׳איז אַ ענין נאָר אויף עטלעכע טעג, עטלעכע וואָכן. ס׳איז אפשר שווערער, ווען מען ווייס, אַז די מלחמה וועט זיך פאַרציען. אָבער ביי אַזאַ וויסן איז דאָ ווייניקער פאַניק, ווייל נישט מיט פאַניק קאָן מען ענט־פערן אויף לאַנגדויערנדע קאָנפליקטן. אַפילו אין אַ צוויי־קאַמף פון באָקסער קעמפט מען אָן פאַניק, ווען יעדער איינער ווייס זיין אייגענעם כוח און דעם כוח פון קעגנער. דאָס לעבן און דיווירקלעכקייט זענען אונז מחייב צו זען דעם דאָזיקן קאַמף, אַלס אַ שווערן און לאַנג דויערנדיקן אָנגריף, אין וועלכן ס׳איז נישטאָ קיין רחמנות. מיר ווערן נישט אויסמיידן די נויטווענדיקייט צו שטעלן זיך אויף דער פּאָזיציע מיט אונזער פולן מענטשלעכן כוח און קאַמפּס־געשפּאַנטקייט. אַ לאַנג־דויערנדע מלחמה פאָדערט צוגרייטונג צו אויסדויער פון מענטשן, וואָס האָבן באַשלאָסן נישט צו פאַלן אין קאַמף, נאָר צו זיגן, נישט צו אַנטלויפן — ווייל ס׳איז נישטאָ וווהין און דעריבער — אויסדויער און נישט קיין פאַניק. ס׳איז שווער צו זאָגן, אַז די געשעענישן האָבן גענוזט אויסברעכן. אָבער אַזאַ מעגלעכקייט איז געווען, ווייל ס׳איז דאָ געראַנגל דאָרטן,

ווי ס'זענען דאָ פאַרשיידענע קעגנזעצלעכע כחות. דער יידישער כח אין לאַנד איז דער כח, וואָס בויט און דעריבער צעשטערט ער דאָס עקזיסטירנדיקע אין לאַנד, וואָס איז באַזירט אויף נישט-אויפבוי. די פעאָדאַלע אָרדנונג, וואָס האַלט זיך ביי די אַראַבער, איז הערשאַפט איבער גרויסע נישט באַאַרבעטע, אָדער כמעט ווי נישט באַאַרבעטע, שטחים, אויף דער מעגלעכקייט פון דער קליינער משפחה, פון אַ געשלאָסענעם שבט, אויף קליין-פּראָדוקציע, אויף דער פּראָדוקציע פון אַ פאַרשקלאַפטן מענטש, אויף אַ קנאַפן באַהערשן די נאַטור און אויף דער הערשאַפט פון מענטש איבער קנעכט; דער פעאָדאַליזם איז געבויט אויף טעראָר, אַלס לעבנס-עטיק מיט דער ראָמאַנטיק פון אַ שבט-מענטש, וואָס מאָרדעט גוט, וואָס איז געניט צו באַווייזן כוח און גבורה, אויף מיטלאַלטערלעכער ריטערלעכקייט.

אין פעאָדאַליזם זענען דאָ אויך אַרבעטער און פויערים; אויך אין מיטלאַלטער האָבן דעם געזעלשאַפטלעכן פאַרמעגן און קולטור געשאַפן אַרבעטנדיקע מענטשן, אָבער זיי זענען געווען פאַרשקלאַפט און צוגעשמידט צו די ערד-אייגנטימער. אַראַביען איז אין די יסודות פון איר עקאָנאָמיש-געזעלשאַפטלעכן סדר — פעאָדאַל, כאָטש זי האָט אויך פויערים און אַרבעטער. און אוודאי איז דאָ אַ ענטוויקלונג, וואָס פירט פאַרשיידענע שיכטן צו דער באַפרייונג, וועלכע וועט קומען נאָך דער צעשטערונג פון פעאָדאַליזם. עס איז דאָ אַן אינערלעכער קעגנזאַץ צווישן דעם יידישן אויפשטייגנדן כח, וואָס קימט אין ארץ-ישראל, ענטוויקלט איר מיט נישט קיין געוויינלעכן טעמפּאָ, וואָס האָט געבראַכט צו דער מעגלעכקייט אויפצונעמען אַ 100 טויזנט יידן אַ יאָר — און דעם פעאָדאַלן כאַראַקטער פון דערווירטשאַפט און געזעלשאַפט, וואָס איז דאָ אין לאַנד.

דער קעגנזאַץ ווערט אַלץ שאַרפער און שאַרפער. די באַדערפעניש פון טויזנטער יידן צו קומען אין לאַנד און געפינען אין איר אַ רעטונג דורך איר עקאָנאָמישער ענטוויק-

לונג איז אין סתירה מיט דעם אינטערעס פון פעאָדאַלע שיכטן צו הערשן אַנדערש אין לאַנד און אַנדערש צו ענט־וויקלען אים.

ס'איז נישט גענוג צו זאָגן, אַז די אַראַבישע פּאַר־שטאַרקטע באַוועגונג איז אַ נאַציאָנאַלע. (אויך די היטלער־באַוועגונג איז אַ נאַציאָנאַלע). בכדי צו קענען זייער אמתן אינהאַלט, דאַרף מען וויסן די טרייב־קרעפטן פון דער באַ־וועגונג, איר באַציונג צו אַלע לעבנס־און געזעלשאַפטלעכע פראַגן — מען דאַרף וויסן איר געזעלשאַפטלעכן אינהאַלט. יעדע נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט אַנדערע מענטשלעכע צילן און אידעאַלן. יעדער ציל האָט זיינע מיטלען. אַ נאַציאָנאַל־פעאָדאַלע באַוועגונג — באַנוצט זיך מיט פעאָדאַלע קאַמפּס־מיטלען, וועלכע זאָגן אויך עדות וועגן אירע צילן.

די לענדער, וואָס ענטוויקלען זיך לאַנגזאַם, באַגעגענען זיך שטענדיק מיט לענדער, וועלכע האָבן זיך ענטוויקלט גע־שווינד. דער אַנגרייפנדער קאַפּיטאַליזם אָרדנט איין די באַגע־געניש דורך קאָלאָניאַלע דעראָבערונגען. ביי אונז האָט זיך דאָס לאַנד באַגעגנט מיט אַ יידישן כח, וועלכער קומט און קאָן אים שנעל ענטוויקלען. ווייל דער יידישער כח האָט דאָ געמוזט געפינען וואַסער, אַריינברענגען לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע וויסנשאַפט, און אינוועסטירן גרויסע איבערגע־געבנקייט פון מענטשן — און דאָס אין קעגנזאַץ צום לאַנגזאַ־מען וועג פון פעאָדאַליזם. די קעגנזאַצן זענען נישט קיין נאַטיר־לעכע פאַר דיביידע זיך באַגעגנדיקע פעלקער. צי איז דער קעמל דווקא אַן אַראַבישער און נישט אַראַביש איז דער אַעראָ־פּלאַן? צי איז דער אַעראָפּלאַן, די מאַשין נאַטירלעך נאָר פאַר אַ באַשטימטן פאָלק? אָבער דאָס אַראַבישע פאָלק אין זיין היינ־טיקן צושטאַנד דאַרף נישט קיין אַעראָפּלאַן און דאַרף נישט קיין ראַדיאָ. זיי זענען אים פרעמד און אין קעגנזאַץ צו די הערשאַפטס־אינטערעסן פון פעאָדאַליזם. אין אַזאַ היסטאָרישער ראַם קומט פאַר די באַגעגעניש פון יידישן און אַראַבישן כח:

דאָס איז דער קאָנקרעט-געזעלשאַפטלעכער אינהאַלט פון נאַציאָנאַלן קעגנזאַץ אין א״י.

ווען מיר שאַצן אָפּ די אַראַבישע באַוועגונג, דאַרף מען וואָס אַן אמת נישט רעדן וועגן דעם גאַנצן אַראַבישן פאָלק. דער דערפאָלג פון קאַפּיטאַליזם און פאַשיזם באַשטייט אין זיין איינפלוס אויפן באַוווסטזיין און אויף איינוואָרצלען באַגריפן פון „נאַציאָנאַלער איינהייט״ אָן צו באַמערקן די פאַרשידענע רעאַקציאָנערע און פּראָגרעסיווע טענדענצן אין פאָלק, אָן צו זען די סאָציאַלע דיפערענציאַציע אין פאָלק. עס טרעפט, אַז אַ גאַנץ פאָלק געפינט זיך אונטער דעם איינפלוס פון די רעאַקציאָנערע שיכטן און פירערשאַפט. מיר זעען, אַז אין יעדן אָרט, ווו די אַראַבער האָבן זעלבסטשטענדיקע מלוכות, דאָרט האָבן זיי אַ פעאָדאַלן רעזשים מיט רעליגיעזן פאַנאַטיזם און שקלאַפן-סיסטעם.

די אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג אין ארץ ישראל איז אין אירע צילן און מיטלען אונטער דעם איינפלוס פון אַ פעאָדאַל-אימפּעריאַליסטישער טענדענץ. מיט דעם איז זי אַ שוועסטער פון איראַק, וועלכע האָט, באַקומענדיק איר רעלאַטיווע זעלבסטשטענדיקייט, דערדריקט, איינגעאָרדנט שחיטות אויף די אַשורים און קורדן. זי איז אַ שוועסטער פון דער סירישער באַוועגונג, וועלכע האָט אַזוי „גוט״ זיך אויפגעפירט מיט די מאַראָניטן און דרוזן, וועלכע האָבן צוזאַמען געקעמפט קעגן פראַנקרייך און האָבן היינט מורא פאַר דער „סירישער פרייהייט״; זי איז אַ שוועסטער פון תימן אין איר באַציונג צו דער יידישער מינדערהייט און פון סעודיה אין איר באַציונג צו קולטור און צו פרעמדע. יעדע מינדערהייט אין די אַראַבישע לענדער ווייס, אַז איר גורל איז דער גורל פון אַ מיטל-אַלטערלעך-געררודפטער מינדערהייט.

אַזאַ איז איצט דער גורל פון די יידן אין באַגדאַד. אין באַדינגונגען פון מיטל-אַלטער געפינט זיך אויך דער אויפשפּראָצנדיקער אַרבעטער-קלאַס.

דאָס מיטל-אַלטער איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דער אויפטרייסלונג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — וועלכע האָט

אַ סוף געמאַכט צו די פעאָדאַלע קייטן פון דער ענטוויקלונג. אין ארץ ישראל ברענגט מיט זיך דער יידישער אויפשטייגנדער כוח די רעוואָלוציע קעגן פעאָדאַליזם. אין דער היינטיקער אַראַבישער באַוועגונג זענען אויך דאָ פאַשיסטישע דערשיינונגען, ווייל דער פאַשיזם איז דער אויסוועג פון אונטערגייענדן קאַפּיטאַליזם און זיין אומקערן זיך צום מיטל-אַלטער, צו דער טאָטאַליטעט פון דער געזעלשאַפט אין מיטל-אַלטער, צו נאַציאָנאַליסטישן פאַנאַטיזם. זיינע מיטלען זענען אויך מיטל-אַלטערלעכע: עלילות-דם, שרפות, אן אידעאַל פון פיזיש שטאַרקן מענטשן, קולט פון ספּאָרט, אידעאַליזאַציע פון דער אין שטוב זיצנדיקער פרוי א.א.וו. אָבער מען טענהט דאָן: ס׳זענען דאָך אויך דאָ אראבישע ארבעטער. ריכטיק, ס׳זענען דאָ אַראַבישע אַרבעטער און זיי איז שלעכט אין דער אָרדנונג, זיי וועלן אויך אמאָל קעמפן קעגן איר, אָבער יעצט זענען זיי איינגעשפּאַנט אין פעאָדאַלן רייטוואָגן.

מיר דאַרפן נישט אידעאַליזירן די „העלדן-מעשים" זייערע. ס׳טרעפט, אַז דער העלד, דער רוצח איז גאַנץ אָפט אַ פחדן. אָבער אויך דער מוטיקער רוצח איז אַ רוצח. עס איז דאָ העלדישקייט פון אַ מענטש, וואָס שטאַרבט אין קאַמף פאַר אַן אונטערגייענדער אָרדנונג. מאָרד פון קינדער, פרויען און זקנים, אונטערצינדונג פון בוימער און פעלדער זאָגן עדות וועגן דער קוואַליטעט פון אַזאַ גבורה און פון אַזאַ באַוועגונג. ביי אַזאַ שיטה פון מלחמה זענען נישטאָ אפילו די באַגריפן, וואָס זענען אָנגענומען אין קריג אין באַציונגען צווישן איין מיליטער-מאַן און דעם צווייטן. מען קאָן זיך אפילו נישט פאַרלאָזן אויף אויפהויבן אַ ווייסע פאָן, אויף דאָס בעטן ביי יענעם וואַסער צו טרינקען, מען קאָן נישט גלויבן אין אַ וואָרט, אַ צוזאָג, א שבועה. די קאַמפּס-מיטלען זאָגן עדות וועגן דעם מאָראַלישן הויך פון דער באוועגונג און וועגן איר מענטשלעכן אינהאַלט. מיר דאַרפן זען די אַראַבישע באַוועגונג, אזוי ווי זי איז.

אין דער אַראַבישער באַוועגונג איז נישטאָ קיין ערע-

באַציונג צו אַ זון פון אַ פרעמדן פאָלק און ס'איז נישטאָ קיין הייליקע באַציונג צו אַ לעבן פון אַ מענטש, אויך דעם אַראַבישן. איר ציל איז פאַרשקלאַפן דאָס לאַנד צו דער פעאָדאַלער הערשאַפט און אין איר פאָליטישן באַוווסטזיין איז זי מסכים באַהערשט צו זיין דורך ענגלאַנד און זי שטיצט זיך אויף ענגלאַנד אָדער אויף אַן אַנדער כוח, וואָס וועט איר דערמעגלעכן באַלעבאַטעווען אין פאָלק. יעדע דינאַסטיע פון פירשטן, וואָס קויפט די הערשאַפט אויף די אראבישע לענדער, איז גרייט צו פאַרראַטן די אינטערעסן פון פאָלק. די אראבישע פירערשאַפט פון אַלע פאַרטייען איז אין איר יסוד אַ פראָבריטישע און זי טראַכט גאָר נישט וועגן באַפרייען זיך פון ענגלאַנד. הן די אראַבישע פירערשאַפט און הן די ענגלישע רעגירונג ווייסן דאָס גוט און עס איז נישטאָ קיין וועזנטלעכער קעגנזאַץ צווישן זיי. ס'ווערט פאַר אונזערע אויגן בולט דער פאַראייניקטער פראָנט, דער געמיינזאַמער פון דעם אראבישן פעאָדאַל און דעם ענגלישן קאָלאָניאַל־אָפּיס־באַאַמטן. דאָס באַאַמטנטום שטיצט זיך נישט אויף דער קולטורעלער אויפגאַבע צו ענטוויקלען קאָלאָניאַלע לענדער, נאָר אויף דער מאַכט, וואָס דערדריקט, אויף דער מאַכט פון מיליטער, טראָץ דעם, וואָס אין ענגלאַנד איז דאָ אַ אינערלעכער געראַנגל וועגן די וועגן פון רעגירן און וועגן דעם אופן פון קאָנטאַקט מיט די קאָלאָניעס. עס קומט פאָר צווישן זיי נאָר אַ געראַנגל וועגן די מיטלען. די אַראַבישע פירערשאַפט דערפירט די באַוועגונג דורך אירע מיטלען צו אַ „בונט" כלומרשט קעגן דער ענגלישער הערשאַפט אין ארץ־ישראל, קעגן די יסודות פון מאַנדאַט. אָבער דער „בונט" האָט נישט קיין אויסזיכט, אַפילו אין באַוווסטזיין פון די פירער, צו זיגן, אַלס אַ אַנטי־בריטישער בונט, אַן אַנטי־אימפּעריאַליסטישער, אַלס אַ זעלבסטשטענדיקער (מיט דעם ווענדע־פּונקט אין דער אַראַבישער באַוועגונג פון אַ אַנטי־יידישער אין אַ אַנטי־בריטישער, אין אַ אויפשטאַנד קעגן דער רעגירונג, אָרדנונג און מיליטער, קומט אויך אַ ווענדע־פּונקט אין דער באַציונג פון דער רעגירונג). פאַרוואָס

איז אויסגעבראָכן די מלחמה אין לאַנד יעצט און אין אַזאַ פאָרם: ווייל ס'איז דאָ אַ אויפשטייגנדער כוח פון צווייטן. דער פעאָדאַליזם איז דער אונטערגייענדער כח. דער יידישער — דער אויפשטייגנדער. אמת, נישט אלץ, וואָס איז יידיש, איז אויפשטייגנד און דערוועקט די קעגנערשאַפט, אָבער ווייל ס'איז דאָ אַ יידישער אויפשטייגנדער כח איז דער קאמף קעגן יידן א פאַרצווייפלטער. ווען מיר וואָלטן באַוויזן שוין צו זיין 800 טויזנט יידן, אָדער ווען די אַלע 400 טויזנט יידן, וועלכע זענען דאָ אין לאַנד, וואָלטן געווען אַלע אָן אויפשטייגנדער כח, ווען דער פּראָצענט יידן, וואָס פארשנעלערט די ענטוויקלונג פון לאַנד, וואָלט געווען א גרעסערער — דאַן וואָלטן די מעגלעכקייטן פאַרן טעראָר געווען באשרענקטע.

מיר זענען געוואַקסן טראָץ דער פּאָליטיק, וואָס צילט צו באשרענקן אונזער ווערק, קעגן דעם ווילן פון דער רעגירונג ביי אלע אירע צוזאמענשטעלן. נאָר אַ דאַנק די מענטשלעכע כחות, וואָס מיר האָבן ענטפּלעקט, א דאנק די ציוויליזאַטאָרישע דעראָבערנדיקע און פינאַנסיעלע מיטלען אונזערע און א דאנק די ענטוויקלונגס-כחות, וואָס זענען פאַרבאָרגן אין לאנד און וועלכע מיר האָבן ענטפּלעקט מיט אונזער ארבעט, זענען מיר געשטיגן און געוואָרן שטארקער.

אַזעלכע ציפערן פון יידישער עליה, צו וועלכע מיר זענען דערגאַנגען, זענען נישט געווען אין רעגירונגס-פּראָגראַם. מיר האָבן זיי דערגרייכט צוליב דעם קריזיס אין דער וועלט, צוליב דער ענטוויקלונג פון אַנטיסעמיטיזם און פון קריזיס אין יידנטום, א דאַנק דעם אריינקומען פון קאַפּיטאַל און ארבעטער. די כחות, וואָס האָבן זיך אריינגעריסן אין לאַנד, האָבן זיך אַריינגעריסן טראָץ דעם ווילן פון דער רעגירונג און טראָץ די מיינונגען פון די הויך-קאָמיסאַרן. אין משך פון אַלע יאָרן האָט די רעגירונג זיך געקליגלט, ווי אַזוי צו באַגרענעצן אונז דורך פאַרשיידענע פאָרשלאַגן פון קאָמיסיעס, גזרות פאַר באָדן-קניות, עליה-באַשרענקונגען. און די פּאָגראָמען האָבן געדינט אַלס אַרגומענטאַציע, וואָס האָט עס געדארפט באָרעכטיקן. יעצט זאָגן

די אראבער, אַז אין בריטישן פּאַרלאַמענט זיצן „זקני-ציון".
דאָס הייסט, אַז אַ יידישער מיסטישער כח באַהערשט די וועלט.
דער פּשוטער זין פון די רייד איז, אַז ס'איז דאָ אַ יידישער
פאַרבאָרגענער כח, נישט קיין באַגריפענער און נישט קיין
געמאָסטענער, וואָס שטייגט אויף טראָץ אַלעס און אַלעמען.
דאָס געפיל האָט אַ גרונט אין דערווירקלעכקייט, ווייל טראָץ
די אויסערלעכע כחות, וואָס שטערן, שטייגט דער יידישער כח
אין ארץ-ישראל און אין דער פּאָליטיק.

מיר מוזן שטייגן, נישט שטייגן — קאָנען מיר נישט.
אָבער כל זמן ס'וועט נישט פאָרקומען די קלאַסן-דיפערענציאַ-
ציע ביי די אראבער, כל-זמן אַראַביען וועט זיין פעאָדאַל —
וועט דער קעגנזאַץ צווישן אונז, אלס אויפשטייגנדן כוח, און
זיי ווערן גרעסער. די אַראבער האָבן אויפגעהערט צו טענהן,
אַז זיי זענען באַעולט אלס יחידים, אַז זייער פּרנסה האָט גע-
ליטן, אַז ס'דראָט אַ געפאַר זייער רעליגיע — ווייל די ענט-
וויקלונג איז לטובת דעם אראבישן מענטש און ארבעטער.
אָבער די פעאָדאַלע איגטעליגענץ, די פּאַמיליעס פון דער פעאָ-
דאַלער הערשאַפט, די „כלי קודש" און "יחוס"-מענטשן — זיי
האָבן געליטן. און שטענדיק וועלן זיי פּרווון בונטעווען זיך
קעגן דעם יידישן כח מיט דער הילף פון באַקאַנטע פעאָ-
דאַלע מיטלען: מאָרד, אטענטאַטן אויף קינדער, צעשטערונג
פון באַנען, א אָנפאַל פון פּופציק אויף איינעם. און דערי-
בער וועט די מלחמה זיין א לאַנגדויערנדע. אויף דעם אָנ-
פאַל ענטפערן מיר מיט הגנה. אָבער הגנה אַליין איז ווייניק.
דער אויפשטייגנדער כח מוז ווערן אזוי שטאַרק, אַז דער פעאָ-
דאַלער כח זאָל קיין האָפנונג נישט האָבן צו באַזיגן אים.

פאַר אונז איז וויכטיק נישט נאָר צו זיין אַ מערהייט.
מיר דאַרפן טראַכטן אויך וועגן דעם, וואָס עס דאַרף זיין נאָכ-
דעם, ווי מיר וועלן זיין אַ מערהייט. אָבער, אַז מיר וועלן זיין
אַ מערהייט, וועט קומען א סוף צו דער האָפנונג פון אונטער-
גייענדן כח צו חרוב מאכן אונז און מיר וועלן קאָנען קאָנ-
צענטרירן זיך נאָר אין דער אויפבוי-ארבעט. אויך דאַן וועט

זיין מלחמה, אָבער אַן אַנדערע, א פּערמאַנענטע מלחמה מיט דער נאַטור, מיטן לאַנד, עס זאָל קענען מפרנס זיין אונז און זיין אַ באַזע פאַר אונזער ענטוויקלונג. און דאַן וועלן מיר ערוועקן כחות ביי די אַראַבער, וועלכע וועלן זען זייער ענטוויקלונג אין בונד מיט אונז. דאַן וועט זיין אַ אידעאַלער בונד צווישן סמילאַנסקי און דעם בעק, דעם רייכן עפענדי פון נס ציונה, און אַ בונד צווישן אונז מיט די אַראַבישע אַרבעטער.

מעגלעך, אַז שוין היינט קאָנען מיר אַ ביסל העלפן צום אויפשטייג פון די צוקונפטיקע אַראַבישע כוחות, וועלכע זענען שוין דאָ. אָבער ס'זענען דאָ גרענעצן פאַר דער מעגלעכקייט פון שאַפן אַ באַפרייונגס־באַוועגונג אין אַ פרעמדן פאָלק.

ס'זענען געווען נישט־יידן אין פאַרשידענע תקופות, װאָס האָבן פאַרשטאַנען און געזאָגט, אַז דער ייד דאַרף אויסגעלייזט ווערן, אָבער נישט זיי האָבן געשאַפן פאַר אונז אונזער באַפרייונגס־באַוועגונג. מער ווי מיט רייד און אויפקלערונג באַאיינפלוסן מיר די אַראַבער דורך דער ענטוויקלונג פון לאַנד, דורך אונזער שטייגער פון לעבן. אָבער כל זמן, ס'איז נאָך דאָ האָפענונג פאַר דעם אונטערגייענדן כח צו צוברעכן אונז אין דער מלחמה וועלן אונז נישט העלפן קיין שום פאַקטאָרן, נישט ענגלישע און נישט אַראַבישע.

באַדויערנסווערט איז, וואָס מיר דערוועקן ביי די אַראַבער די האָפנונג אונז חרוב צו מאַכן, איבעררייסן דעם וווּקס דורך טעראָר. ס'איז באַדויערנסווערט, וואָס מיר קאָנען נישט באַווייזן ווערן אַ דעצידירנדער כח אין דער קורצסטער צייט.

און דאָס באַשטימט אונזער וועג: אַ לאַנג־דויערנדע פּאָזיציע, אַ שטענדיקע אויפגאַבע פון הגנה.

אונזער וועג:

אַ גיכער טעמפּאָ אין אויפבוי פון לאַנד, אַ וווּקס פון כח אין אַן אַטמאָספער פון שטענדיקער הגנה; אַ שנעלע ענט־

וויקלונג פון דער עקאָנאָמישער פּאָליטישער און פּאַרטיידיקונגס־זעלבסטשטענדיקייט; ענטפּלעקונג פון דעם גאַנצן כּח און פּאָטענץ, וואָס איז דאָ ביי אונז אין ישוב בכדי צו דערגרייכן אונזער רעלאַטיווע זעלבסטשטענדיקייט און דעם וווקס פון כּח.

מיר דאַרפן זיין אן אויפשטייגנדיקער ביי אַלע מעגלעכקייטן און אין יעדן אָרט כּוח.

אליעזר הכהן

צום אַנאַליז פון װעגן

די פאַראײנפאַכנדיקע קאָנצעפּציע, װאָס מאַכט אויספירן פון די דירעקטע אויסערלעכע פאַקטן, האָט באַקומען דורך די געשעענישן 1936 אַ גרויסע פאַרשטאַרקונג דורכן פאַקט פון דער פולער צונויפגעשלאָסנקייט, װאָס הערשט אין דעם אַראַבישן לאַגער און שאַפט די טראַגישע סיטואַציע פון אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק. אָבער דער דיאַלעקטישער קוק זעט, אַז די דאָזיקע צונויפגעשלאָסנקייט איז אַ פאַרבײגײענדיקע אײנהייט פון פאַרשידענע קעגנזײצלעכע עלעמענטן, װאָס זײער אַרויסבאַטאָנונג איז אַ פראַגע פון דער טענדענץ פון דער היסטאָרישער ענטװיקלונג. די אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַװעגונג אין לאַנד מאַכט דורך אַ פאַרשנעלערטע ענטװיקלונג אונטער דער השפּעה פון די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע ענדערונגען, צו װעלכע ס׳ברענגט די יידישע עליה און די פאַרשנעלערטע קאַפּיטאַליסטישע ענטװיקלונג. אין דער מאָס, װאָס די דאָזיקע באַװעגונג איז אַרויף מיט אַ גרויסער שנעלקייט אויפן שטאַפּל פון נאַציאָנאַלער צונויפגעשלאָסנקייט, אין דערזעלבער מאָס ענטװיקלט זיך אין איר די סאָציאַלע און קלאַסן-דיפערענצירונג. אַלס אַ שפּעטע נאַציאָנאַלע באַװעגונג אין דער תקופה פון אונטערגײענדיקן קאַפּי-

טאַליזם איז זי אויסגעשטעלט אויף פלוצלונדיקע וואַקלונגען און פּאָליארע שנעלע ענדערונגען. שוין איצט זעען מיר, ווי אַזוי די אינטעליגענץ און די יוגנט, וועלכע זענען ביי אַנדערע פעלקער אין זייער דערוואַכונג בעתן אויפשטייג פון קאַפּיטאַליזם געווען די טרעגער פון פּאָרשריט און באַפרייונג, זענען אין דער אַראַבישער באַוועגונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּיאָנערן פון פאַשיזם און נאַציאָנאַלן שאָוויניזם. פון דער צווייטער זייט איז דאָס פּראָבלעם פון דערוואַכונג פון די עקספּלאָאַטירטע קלאַסן צו פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט און צו קאַמף פאַר העגעמאָניע אין פאָלק נישט קיין פּראָבלעם פון דורות, נאָר אַ זייער אַקטועל פּראָבלעם.

נישטאָ קיין שום צווייפל, אַז אין די איצטיקע געשעענישן געפינט זיך די העגעמאָניע אין אַראַבישן לאַגער אין די הענט פון די רעאַקציאָנערע שיכטן, וואָס ווערן אַקטיוו אונטערשטיצט דורך דער אינטעליגענץ און יוגנט, בעת די אַרבעטנדיקע און עקספּלאָאַטירטע קלאַסן זענען נישט מער ווי אַן אָביעקט פון דער נאַציאָנאַליסטישער העצע, וואָס אַן אמת אַ פאָלגזאַמער און התלהבותדיקער אָביעקט. אָבער די נישט־גלייכע פאַרטיילונג פון דעם נוצן און פון די קרבנות פון דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן קאַמף מוז זיך סוף כל סוף ענטפּלעקן און נישט דווקא אין אַ לאַנגער צייט אַרום. אין שטורמישע צייטן לערנען די מאַסן מער אין משך פון טעג, ווי אין רויקע צייטן במשך פון יאָרן.

אין די לעצטע געשעענישן האָבן געאַרבעט צוזאַמענגעמישט אַ פאַרפולקאָמטער מאָדערנער אַפּאַראַט און די אָריענטאַלע טראַדיציע פון פאַרטיזאַנישע בלוטיקע צוזאַמענשטויסן. אָבער מען האָט אַרויסגעזען, אַז די מאָדערנע אָרגאַניזירונג נעמט די אויבער־האַנט און אַז זי קען אין באַשטימטע פאַלן ווענדן איר שאַרף קעגן דער הערשאַפט פון דער רעאַקציע אויף דער אַראַבישער גאַס (שטרייק, סאַבאָטאַזש).

די צילן, וועלכע ווערן געשטעלט אין געשלאָסענעם קאַמף פון די אַראַבער, זענען די צילן פון הערשנדיקן שיכט אין אַראַבישן פאָלק. ווען מיר זיך צוקוקן צו זייערע גרונד־פאָדע־

רונגען: איבעררייסן די יידישע עליה, דעם באָדן-פּאַרקויף צו יידן און א נאציאָנאַלע אראבישע רעגירונג — און ארויסשיילן זייער תוך, וועלן מיר זען, אַז אין דידאָזיקע גרונד-פּאָדערונגען שפּיגלט זיך אָפּ דער באציונגען-קאָמפּלעקס צווישן אָט דער הערשנדיקער שיכט און דעם פּראָצעס פון ציוניסטישן אויפבוי און דער גרויס-מאכט, וואָס הערשט אין לאנד. מיר ווייסן גוט, אז די אראבישע רעאקציע וויל גאָרנישט אָפּזאָגן זיך פון דעם נוצן, וועלכן זי קען ארויסציען פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג און די רוחים, וועלכע זי באקומט פון דער יידישער עליה. אָבער ס'איז פאראן א גרענעץ פאר אָט דער גרייטקייט צו אויפמאָנען דעם טייערן פּרייז, וועלכן דער ציוניזם צאָלט טאָג איין טאָג אויס ביים בויען די נאציאָנאַלע היים; דער גרענעץ איז די געפאר צו פארלירן די פּאָליטישע העגעמאָניע. „די מורא פאר דער הערשאפט פון די יידן", מיט וועלכער די אראבישע רעאקציע שפאנט איין אין איר וואָגן אַלע שיכטן פון אראבישן פאָלק, איז בעצם די מורא פון אָט דער רעאקציע גופא פארן פארלירן ספערעס פון השפעה און עקספּלאָאטאציע, וועלכע האָבן זיך ביז איצט געפונען אין איר אויסשליסלעכער מאכט. אונטערן באדינג פון פארזיכערטער מאכט-קאָנטראָל (דורכן אפאראט פון דער א"י-דיקער אדמיניסטראציע און דורך פיקטיווע רעפּרעזענטאנץ-אינסטיטוציעס, ווי דער לעגיסלאטיוו-ראט) איבער די קאנאלן פון דעם שפע, וועלכן די יידן ברענגען אריין אין לאנד, און אונטערן באדינג פון א געזעצלעכן און יורידישן מאָנאָפּאָל איבער די ספערעס פון עקאָנאָמישער עקספּלאָאטאציע אין לאנד, איז די אראבישע רעאקציע גרייט צו שלום מאכן מיט א באגרענעצטער און געצוימטער יידישער עליה. זי איז אָבער בשום אופן נישט גרייט, ביז צו א פארצווייפלטן קאמף, צו משלים זיין מיט ווייט-גייענדיקע ענדערונגען, וואָס זאָלן צונעמען ביי איר דעם מאָנאָפּאָל פון עקספּלאָאטאציע פון גאנצן לאנד און אומדירעקט אויך אין איר אייגן פאָלק.

וויל מען פעסטשטעלן די פּאָליטישע באציונג צו אָט דער

רעפּרעזענטאַנץ פון דער אַראַבישער באַוועגונג, דאַרף מען גרינד־
לעך אַנאַליזירן די מאָס פון איר פּאָליטישער זעלבסט־
שטענדיקייט אין באַצוג צו דער מאַנדאַטאָר־מאַכט. געוויס
האָט די הערשנדע שיכט אין אַראַבישן פאָלק אַן עקאָנאָמישן,
סאָציאַלן און פּאָליטישן אינטערעס אין זעלבסטשטענדיקייט. כּדי
צו דערגרייכן אירע צילן איז זי גרייט צו פאַרפירן ביז אַ
באַשטימטן גרענעץ אַ קאַמף קעגן דער מאַכט, דערצערנען איר,
אָבער אַלץ נאָר מיטן חשבון צו דערגרייכן אַ גרעסערן פּרייז
און אין דער גרייטקייט צו שלום מאַכן מיט איר פאַר דעם מעג־
לעך גרעסטן ריוח. ס'איז נישטאָ קיין טיפער אונטערשיד צווישן
די „זעלבסטשטענדיקייט"־צילן פון די פירער פון דער אַראַ־
בישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און דער אימפּעריאַליסטישער
מאַכט; ס'איז אַ באַציונג פון אַ וואַסאַל, וואָס בונטעוועט זיך
אַמאָל, גיט זיך אַזוי לייכט נישט אונטער, אָבער צום לעצט
פאָלגט ער.

פון דער דערפאַרונג ווייסן מיר, ווי גרויס איז שטענדיק
געווען די האַרמאָניע צווישן דער מאַנדאַטאָר־מאַכט און די
עפענדיס ביים צוימען די יידישע אַרבעטנדיקע עליה און פּראָ־
טעזשירן די אימיגראַציע פון חורן (אויך צווישן די יידן זענען
געווען אַזעלכע, וואָס זענען געווען גרייט פאַרריניקן זיך אויף
אָט דער פּלאַטפאָרם מיט דער חברותא). ווען נישט אָט די האַר־
מאָנישע פונקציעס־פאַרטיילונג צווישן דער מאַנדאַטאָר־מאַכט און
דער רעאַקציאָנערער אַראַבישער פירערשאַפט בנוגע די וויכטיק־
סטע פראַגן פון לאַנד, וואָלטן מיר נישט געווען קיין עדות פון
פיל דערשיינונגען, וואָס זעען אויס אין פלוג זייער מאָדנע.
צי איז עס טאַקע אַ צופאַל, אַז ס'איז „פאַרבאָרגן" געווען פאַר
די אויגן פון דער אַדמיניסטראַציע אין לאַנד דאָס אָרגאַניזירן
זיך צו די איצטיקע געשעענישן, דאָס אָרגאַניזירן ד באַנדעס,
אַז ס'זענען פאַרווישט געוואָרן די צייכנס, וואָס האָבן געפירט
צו די אָרגאַניזיר־צענטרען פון דער טעראָריסטישער טעטיקייט
(דער מאָרד פון יעקבי), כאָטש דאָ און דאָרט האָט די רעגירונג
געמוזט צוזאַמענשטויסן זיך מיט די אויסערלעכע אויסדרוקן

פון אָט דער טעטיקייט (עז—אדין—קאסים)? קיין שום כּח האָט אזויפיל נישט צוגעהאָלפן דער איצטיקער צונויפגעשלאָסנקייט פון דעם אַראבישן לאגער, ווי די רעגירונג (די אונטערהאנדלונגען וועגן לעגיסלאטיוו-ראט און די דעלעגאציע קיין לאָנדאָן).

די מאנדאט-מאכט אין א״י איז דער שליח פון פּאָליטישע און סטראטעגישע אינטערעסן פון דער קלאסישער און עלטסטער אימפּעריאליסטישער און קאָלאָניאלער גרויס מאכט. די כּלומרשטע סתירות צווישן די אַרבעטן פון פאַרשידענע אָרגאַנען, דאָס פּעלן כּלומרשט פון אשיטה זענען נאָר אַן׳אויסערלעכער אויסדרוק פון אַ עלאַסטישן און כיטרען עמפּירישן סיסטעם, וואָס איז א רעזולטאט פון א דערפארונג פון הונדערטער יאָרן. מיר זענען געווינט צו לערנען אביסל און פארגעסן אסך. אויב אין די געשעענישן פון 1929 האָבן מיר גוט געוווסט דעם טעם פון אראבישן געשריי „די רעגירונג איז מיט אונז", האָבן מיר שוין באוויזן צו פארגעסן אסך. אסך האָבן צו דעם צוגעהאָלפן די פריינדלעכע באציונגען מיטן איצטיקן הויך-קאָמיסאר, דעם גענעראל און באוונדערונגס-ווערטן דזשענטלמען. ס׳איז אָבער נישטאָ קיין שום גרונט צו אָפּלייקענען די הנחה, אז אויך די איצטיקע געשעענישן זענען אַן׳עפּיזאָד אין דער קאלאָניאלער פּראקטיק פון „כיטרן אלביאָן". מיר קענען נישט אויפדעקן אלע פּעדעם, אודאי וועט זיי נישט אַויפדעקן די קעניגלעכע קאָמיסיע, וואָס באשטייט דאָך בעיקר פון מענטשן פון דעם זעלבן קאָלאָניאלן דינסט. וואָלטן מיר אפילו געפאָדערט א „נייטראלע" אויספאָרשונג פון פעלקער-בונד, איז א ספק, צי וואָלטן זיך געפונען אין די אָרגאנען פון אָט דער מאכטלאָזער אינסטיטוציע גענוג מוט און ליבע צום אמת, וואָס זענען נויטיק כּדי אויסצופאָרשן אלע צוזאמענהאנגען צווישן די פאקטן. פיל פאקטן, וואָס זענען לאָגיש נישט פארשטענדלעך, ווערן קלאָר אין ליכט פון דער אויבן-דערמאָנטער טעזע. די אלגעמיינע טענדענצן פון ענגלישן אימפּעריאליזם שטיצן איר.

די פארבייגייענדיקע אינטערעסן-נאָענטקייט צווישן ציוניזם און די בריטישע אינטערעסן אין א״י, וואָס דערמעגלעכט

א באַגרענעצטע קאָאָפּעראַציע צווישן דידאָזיקע צוויי פאַקטאָרן, שטיצט זיך אויף דעם נוצן, וועלכן ס׳באַקומט ביז געוויסע גרענעצן די בריטישע הערשאַפט אין לאַנד פון דער יידישער עליה פּאָליטיש, עקאָנאָמיש און פיסקאַל. פון יענער זייט פון דידאָזיקע גרענעצן שטויסט זיך אָן די ציוניסטישע אויפבוי־אַרבעט אויף דער צוימנדיקער און באַגרענעצנדיקער האַנט פון בריטישן אימפּעריאַליזם. נאָר אַ דאַנק דער מאָביליזירונג פון אַלע כּוחות אין אונזער עקשנותדיקן קאַמף האָבן מיר באַוויזן צו אויסברייטערן אין אַ געוויסער מאָס די ראַם פון באַדינגונגען פאַרן שאַפן די נאַציאָנאַלע היים. ס׳וועט קומען אַ טאָג, ווען די פאַרווירקלעכונג פון גרויסן ציוניזם וועט זיין מעגלעך נאָר אין קעגנזאַץ צו דער אימפּעריאַליסטישער ענגלאַנד (אויב זי וועט דאַן עקזיסטירן).

אין איר צוימנדיקער טענדענץ שטיצט זיך די ענגלישע קאָלאָניאַלע פּאָליטיק אויפן אַראַבישן רעאַקציאָנערן פאַקטאָר, וואָס איז אַ זיכערער שותּף צו דערדאָזיקער טענדענץ און וועמענס רייד וועגן „אַ נאַציאָנאַלער רעגירונג" זענען דערווייל נישט מער ווי רייד. דער איסטיקלאַלער עפּיזאָד פון 1933 איז ליקווידירט געוואָרן מיט אַן פלינקייט און שנעלקייט, וואָס שטייען אין אַן איבערראַשענדער סתירה צום טעמפּא פון די האַנדלונגען פון דער רעגירונג בעתן זומער 1936. אין די באַדינגונגען האָט נישט קיין שום יסוד די אילוזיע וועגן אַ נאָענטערן בונד מיטן ענגלישן פאַקטאָר קעגן דער רעאַקציאָנערער אַראַבישער פירערשאַפט און אירע טענדענצן, סיידן מען זאָל אָננעמען, אַז די בריטישע מאַכט וועט זיך פרייוויליק אָפּזאָגן פון אַ זיכערן אָנלען לטובת אַ נישט־זיכערער האָפענונג, אַז אַ גרויסער יידישער כּח אין לאַנד וועט זיין גרייט צו דערפילן יעדע שליחות לטובת די בריטישע אינטערעסן. אָבער אויסער דעם איז דער ווילן צו איינרעדן די בריטישע מאַכט מיט צוזאָגן טובות און קרבנות מצד דעם ציוניזם אַ טראַגי־קאָמישער בלאָזן זיך אויפן חשבון פון דער יידישער נויט. מיר צאָלן געגנוג דער בריטי־

שער מאַכט אין א״י פאַר דעם ביסל רעכט, וואָס מיר האָבן ; לאָמיר נישט אויפשרויפן די פּרייזן.

זינט די געשעענישן פון 1929 זענען אריבער 7 פעטע יאָר, מיר האָבן איבערגעלאָזן אין דער רעגירונגס־קאַסע אַן עודף פון זיבן מיליאָן אויף שלעכטע טעג. די שלעכטע טעג זענען טאַקע געקומען, נישט חלילה אַלס אַ קריזיס פון דער ידישער עליה. דאָס שלעכטס האָט זיך אָנגעהויבן פון די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע קאָמפּליקאַציעס, וואָס שטעלן די בריטישע אינטערעסן פאַר אַ זייער שווערן פּרוו. ס׳זענען געקומען צייטן, ווען מען דאַרף איבערגרופּירן די פּאָזיציעס ענטשפּרעכנד צו דער נייער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אויף אַלע סטראַטעגישע באַזעס אַרום מיטללענדישן ים. אויך אין מצרים האָט זיך די לאַגע געענדערט און מען מוז אריבער־פירן דעם שווערפּונקט פון דעם מיליטערישן שוץ פון סועץ־קאַנאַל קיין א״י. אָבער א״י איז אַ מאַנדאַט־לאַנד, יעדע נישט־געהעריק באַגרינדעטע מיליטערישע באַוועגונג קען גורם זיין נישט קיין אָנגענעמע דיפּלאָמאַטישע שריט. אָבער צי איז דען נישטאָ קיין נאַציאָנאַלער קאָנפליקט אין הייליקן לאַנד ? איז דען נישט צוגעזאָגט געוואָרן די אַראַבער אַ לעגיסלאַטיוו־ראַט ? נאָר וואָס, די יידן זענען אַלע קעגן דעם דאָזיקן ראַט ? האָבן דאָך אויך די אַראַבער מורא פאַר דער יידישער הערשאַפט. דאָס, וואָס די סירישע פּרעסע האָט דערציילט וועגן דער פאַרבינדונג צווישן דעם אריבערפירן די מיליטערישע גרופּן פון מצרים קיין א״י און די געשעענישן אין לאַנד, זייער צייט, פאַרנעם און טערמין פון אָפּשלוס וועט אפשר קיינמאָל נישט באַוויזן ווערן. אפשר וועלן זיך קיינמאָל נישט ענטפּלעקן די געהיימע פעדעם, וואָס ציען זיך פון דידאָזיקע דערשיינונגען צו אזעלכע זאָנדערבאַרע פאַקטן, ווי דאָס נישט וויסן פון דער רעגירונג וועגן די הכנות צו דער שחיטה אין יפו אָדער דאָס איבערגעשפּיצטע אונטערשיידן צווישן שטרייק און טעראָר־אַקטן אָדער די פּאַמעלעכדיקייט און נאַכלעסיקייט און די אומ־פּאַרשטענדלעכע שיטות אין די אָפּעראַציעס קעגן די טעראָ־

ריסטישע באנדעס און נאָך און נאָך. ווי ס׳זאָל נישט זיין, די אָפּעראַציעס פוןביידע זייטן סועץ וועלן זיך ענדיקן בשלום. מען וועט אויך געפינען די פאָרמול. גרויס־בריטאַניע וועט סוף כל סוף נישט אנולירן די התחיבותן פון מאַנדאַט, אינגאַנצן וועט זי נישט אָפּשטעלן די יידישע עליה. סוף כל סוף קאָסט דאָך אסך געלט דער פאַרגרעסערטער גארניזאָן אין א״י און מען דארף פארלייכטערן דעם שטייער־צאָלער אין דער מעטראפּאליע. ס׳וועלן אָבער זיין פּרוּוון צו צוימען און באגרענעצן און ס׳וועלן פארבלייבן נישט־קלאָרע פארמולן, וואָס לאָזן זיך פארשידנארטיק טייטשן. ווייל מ׳דארף נאָך האָבן אנהאלט־פּונקטן פאר דער טאַקטיק פון „טייל און הערש״. ס׳דארף דאָך אויך באקומען איר לוין די אראבישע פּירער־שאפט, וועלכע וועט זיך דינגען, אָבער סוף כל סוף אויסקומען.

וואָס וואָלט געווען דער פּאָליטישער זין פון „אַן הסכם מיט די אראבער״ אין אזעלכע באדינגונגען? דאָס וואָלט באדייט אַן הסכם מיט דער היינטיקער פּירערשאפט פון די אראבער, וועלכע וועט דאָך אין דער לעצטער ריי נישט ארויסגיין פון די גרענעצן, וועלכע ס׳וועט באוויליקן די מאַנדאטאָר־מאכט. אלזא מיינט דאָך עס אזעלכע גרענעצן, ווי בערך ברית־שלומדיקע פּלאַטפּארמען אָדער די השגות פון יענע ענגלישע קרייזן, וואָס דער „ניר איסט״ איז זייער אויסדרוק. מיר אָבער קענען דאָך נישט מסכים זיין מיט ברית־שלומדיקע מאָסן פון דער נאציאָ־נאַלער היים. סיי כלפּי דער רעגירונג סיי אין אונטערהאנדלונגען מיט אראבער דארפן מיר קעמפן מיט אונזער גאַנצן כוח און השפּעה פאר אלע אונזערע רעכט, וועלכע ס׳גאראנטירט דער מאַנדאַט. וועט די מאַנדאַט־רעגירונג פּסקנען אנדערש, וועלן מיר נישט משלים זיין און ווייטער פירן אונזער קאַמף. וואָלטן מיר געחתמעט אַן הסכם פון אויבנדערמאָנטן מין, וואָלט אונזער קאמף געווען זייער באשוועדט. דאָס מיינט נישט, אז מיר דארפן זיך אָפּזאָגן פון יעדן קאָנטאַקט, פון יעדע אונטערהאַנד־לונגען מיט דער היינטיקער פּירערשאפט פון די אראבער. דערווייל שטייט זי ביים רודער און מען טאָר נישט מותר זיין אויף יעדן פּרווו פון קאָנטאַקט און אונטערהאנדלונגען. דאָס האָט א גרויסע טאַקטישע, פּאָליטישע און דערציערישע באַ־

דייטונג, כלפי די ענגלענדער דורך דעם, וואָס מיר נעמען זיי צו יעדע טענה, אז מיר האָבן זיך נישט באמיט צו געפינען אַ וועג צו אַן הסכם, כלפי דעם יידישן פאָלק און דער ענגלישער און אינטערנאַציאָנאַלער עפנטלעכער מיינונג — דורך דעם, וואָס מיר באַווייזן, אז מיר זענען פאַרפליכטעט אין יעדער לאַגע מאכן אָנשטרענגונגען צו ליקווידירן דעם נאַציאָנאַלן קאָנפליקט אין לאַנד. דער עיקר אָבער כלפי דעם אַראַבישן פאָלק. דווקא ווייל די אויסזיכטן אויף אַן אמתן הסכם מיט דער איצטיקער אַראַבישער פירערשאַפט זענען נישטיקע, זענען מיר מחויב צו דרענגען אַן אויפהער, איבערן קאָפּ פון אָט דער אַראַבישער פירערשאַפט, צו דער גרויסער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו פון ציוניזם, צו אַן אמתן הסכם מיטן אַראַבישן פאָלק. ווארום דער ציוניזם וואָלט נישט געהאַט קיין צוקונפט און האָפענונג, ווען ער האָט נישט אָט די היסטאָרישע פּערספּעקטיוו — דאָס מיינט די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטנדיקע מאסן, וואָס זענען די מערהייט פון פאָלק. ס'איז זיך אין אונז שווער נוקם דאָס, וואָס מיר האָבן פאַרשפּעטיקט; ס'פעלט דער רינג, וואָס פאַרבינדט דעם אומעטיקן היינט מיט אַן בעסערער צוקונפט; ס'פעלט אין אַראַבישן פאָלק דער באַוווסטזיניקער, אַקטיווער טרעגער פון אָט דער בויענדיקער און אויסלייזנדיקער טענדענץ; אָבער ער וועט ענטשטיין, און צוזאַמען מיט אים אַנדערע כוחות און שטרעבונגען אין אַראַבישן פאָלק און אַנדערע מעגלעכקייטן פון אַ יידיש-אַראַבישן הסכם.

דער ציוניזם טאָר זיך נישט באַגרענעצן צו דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען. ער דאַרף צונויפשטעלן אַ פּראָגראַם פון אַ יידיש-אַראַבישן הסכם, אַ פּראָגראַם פון דער ענטוויקלונג פון געמיינזאַמען לעבן פון ביידע פעלקער, אַ פּראָגראַם, וואָס זאָל געבויט זיין אויף דער פּערספּעקטיוו פון דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם און צוגעפּאַסט זיין צו די לעבנס-אינטערעסן פון די אַראַבישע מאַסן.

אַזאַ פּראָגראַם דאַרפן מיר שטעלן צו באַהאַנדלונג פאַר דער אַראַבישער עפנטלעכקייט, פאַר דער עפנטלעכער מיינונג

פון דער וועלט; אויפן יסוד פון אזא פראָגראַם דאַרפן מיר פאָר-מולירן אונזערע פאָדערונגען צו דער מאַנדאַט-רעגירונג צו צווינגען איר, זי זאָל אָנשטאָט דער סטראַטעגיע פון „גלייכגע-וויכט" אָנווענדן די מעטאָדן פון אַקטיווער הילף פאַר דער איינאָרדנונג פון נאָרמאַלע באַציונגען צווישן ביידע פעלקער און דערמיט אויך העלפן דער ענטוויקלונג פון פּאָליטישער זעלבסט-שטענדיקייט פון לאַנד.

דער שפע, וואָס דער ציוניזם ברענגט אים ממילא פאַר אַלע איינוווינער פון לאַנד, דאַרף זיך אַריינגיסן אין קאַנאַלן, וואָס עפענען פאַר אונז די פּערספּעקטיוו פון ענטוויקלען יענע כוחות, וועלכע וועלן זיין אונזערע פאַרבינדעטע. מעג אַזאַ הסכם אַזוי גיך נישט אָנגענומען ווערן דורך די אַראַבער, וועט ער אָבער דינען ווי אַ קריסטאַליזאַציע-קערן פון אַ מער סטאַ-בילער און געזונטער קאָנסטעלאַציע אויף דער צוקונפט.

וועלכע דאַרפן זיין די יסודות פון אַזאַ הסכם? א) די יידישע עליה דאַרף זיין נאָרמירט נאָר דורך דער עקאָנאָמי-שער אויפנאַמספעיקייט פון לאַנד. די אויפנאַמספעיקייט קען פעסטגעשטעלט ווערן אויף עטלעכע יאָר פאָרויס; ב) אומפאַסנדע עקאָנאָמישע קאָאָפּעראַציע אָנשטאָטווירטשאַפטלעכער אָפּזונדע-רונג. קאָאָפּעראַציע פון יידישן און אַראַבישן קאַפּיטאַל אַלס ריכטונגס-ליניע פאַר דער רעגירונג, די פינאַנס-אָרגאַנען, אין דעם גרינדן געזעלשאַפטן און עקספּלאָאַטירן קאָנצעסיעס; ג) קאָאָפּע-ראַציע אין דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, וואָס זאָל צילן צו שיצן די ענינים פון דער ווירטשאַפט פון לאַנד אין אויסערלעכן האַנדל; קאָאָפּעראַציע אין דער פּאָליטיק פון שטייערן און צאָל, וואָס זאָל צילן צו ענטוויקלען אַלע צווייגן פון דער ווירטשאַפט פון לאַנד ד) לאַנדווירטשאַפטלעכע ענטוויקלונג מיט דער הילף פון דער רעגירונג, אָן אַרויסשטויסונג פון די פאַכטערס און פעלאַכן, כדי צו הויבן די פּרוכטבאַרקייט פון לאַנד, דעם ניוואָ פון אַראַבישן פויער און שטאַרקער ענטוויקלען די יידישע קאָ-לאָניזאַציע. ה) סאָציאַלע געזעצגעבונג, צילבאַוווּסטע טעטיקייט צו הויבן דעם לוין פון אַראַבישן אַרבעטער, פּראָפעסיאָנעל אים

אָרגאַניזירן, פאַרבעסערן זיינע אַרבעטס־באַדינגונגען, זיין פאַרזיכערונג און קולטורעלן מצב. קיין שום סטאַבילער אַראַבישער אַרבעטער אין דער יידישער ווירטשאַפט זאָל נישט אַרויסגעשטויסן ווערן פון זיין אַרבעט. צוזאַמען מיט דער פאַרווירקלעכונג פון דער אַלגעמיינער קאָאָפּעראַציע — אַ טענדענץ צו בטל מאַכן די נאַציאָנאַלע מחיצות אויפן אַרבעטס־מאַרק ו) פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג, אין דער ראַם פון אָרגאַניזירטער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, אין דער פלעגונג פון די באַזונדערע ווערטן פון יעדער געמיינדע (דערציונג, קולטור, סאָציאַלע הילף א. א.) אויפן חשבון פון כלל.

און צו דער פראַגע פון פּאָליטישן רעזשים. דער אַרגומענט פון „מורא פאַר דער באַהערשונג" שליסט צונויף דעם אַראַבישן לאַגער און איז דאָס הויפּט־געווער אין דער פּאָליטישער שפּיל פון די פאַראינטערעסירטע צדדים.

דער פּרינציפּ פון נישט־באַהערשונג דאַרף אין פּראָגראַם פון הסכם קאָנקרעטיזירט און אויסגעדריקט ווערן אין קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס.

מיר זענען קעגן אַ לעגיסלאַטיוו־ראַט, ווייל ער איז אַן אויסערלעכער צודעק פאַר אַ רעאַקציאָנערער רעפּרעזענטאַנץ, איבערלאָזנדיק די ענדגילטיקע ענטשיידונג אין די הענט פון דריטן פאַקטאָר; ער איז דער קעגנזאַץ צו זעלבסטשטענדיקייט און דעמאָקראַטיע. אויך אַ פּאַריטעטער ראַט ענדערט גאָרנישט אין דעם הינזיכט. אויף וויפל אָבער די קאָנסטיטוציאָנעלע ענדערונגען וועלן זיין נישט קיין אימפּעריאַליסטיש־רעאַקציאָנערע קנוניה, נאָר אַ רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַלע סוביעקטן צו אַ גרעסערער זעלבסטשטענדיקייט און אַן אמתער דעמאָקראַטיע, דאַרפן מיר זיי שטיצן. גלייכצייטיק מיט דער פאַרווירקלעכונג פון די אויבן־געשילדערטע תנאים פון אַ יידיש־אַראַבישן הסכם, מיט דער ליקווידאַציע פון די פאַקטאָרן פון נאַציאָנאַלן קאָנפליקט, מיט דער ענטוויקלונג פון געזונטער קאָאָפּעראַציע צווישן די פאָלקס־מאַסן וועט געשאַפן ווערן דאָס אָרט פאַר געזעצגעבערישע אינסטאַנצן.

אויף וויפל די סאָציאַלע אַנטוויקלונג פון לאַנד וועט זיך נאָך דאַן באַוועגן אין דער ראַם פון ענגן נאַציאָנאַלן חשבון, קען זיין, אַז די פאָרמול פון פּריטעט וועט דאַן קענען דינען ווי אַ קאָנקרעטער אויסדרוק פאַרן פּרינציפּ פון נישט-באַהערשן. מיר האַלטן, אַז דער חשבון פון אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק איז נישט קיין איבעריקער חשבון. מען דאַרף נישט קיין גאַראַנטיעס פון פּאַריטעט פאַר דער סוווערעניטעט פון נאַציאָנאַלן לעבן, ווען ער איז באַפרייט געוואָרן פון די מאַכט-אינטערעסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.

דאַקעגן איז אין לאַנד פון אימפּעריאַליסטישער הערשאַפט דער פּירוש פון פּאַריטעט די אומבאַגרענעצטע הערשאַפט פון „דריטן צד". ווען די באַדינגונגען אין לאַנד צוגעפּאַסט ווערן צו מערער זעלבסטשטענדיקייט דורך דעם, וואָס ס'וועלן שוין זיין אַנטוויקלטע סאָציאַלע באַדינגונגען, וואָס דערמעגלעכן אַ דעמאָקראַטישע זעלבסטשטענדיקע מאַכט — איז בעסער פּאַריטעט און געאָרדנטע באַציונגען איידער אַן אומאויפהערלעכער נאַציאָנאַ"ער קאָנפליקט — און דאָס כדי צו העלפן ליקווידירן די פראָנטן פון פאָלק קעגן פאָלק און דערמעגלעכן אַן אַנדער אַנטוויקלונג, לגבי וועלכער ס'וועלן נישט האָבן קיין באַדייטונג די מחיצות פון נאַציאָנאַלן פאַנאַטיזם.

אין ים פון צעשטורעמטע אינסטינקטן דאַרף די ציוניסטישע באַוועגונג מאָביליזירן אַלע אירע כוחות צו באַנען אַוועג צו אַ זיכערער צוקונפט פון אונזער באַפרייענדיקן ווערק דורך אַן אומגעוויינלעכער אָנשטרענגונג צו הויבן אויף דעם פאָלק, וואָס איז אונז דאָ אַ שותף אין גורל און צוקונפט, אויף אַ העכערער מדרגה פון פאַרשטאַנד אין דער אָרדנונג פון די קעגנזייטיקע באַציונגען אין גייסט פון קעגנזייטיקער הילף און סאָלידאַריטעט.

קיין לייכטערער וועג איז נישטאָ.

מ. בײלינסאָן

דער אַראַבישער שטרײק פון 1936

דער אַראַבישער שטרײק האָט זיך געענדיקט נאָך פינף און א האַלבן חודש, געענדיקט מיט א פולשטענדיקן דורכפאַל אויף זײן עיקר־פּראָנט, אויף דעם פראָנט, וואָס איז געווען געווענדעט קעגן יידישן ישוב.

דער ציל פון שטרײק איז נישט געווען קײן דירעקטער אָנגריף אויף דער רעגירונג כּדי צו צווינגען איר ענדערן איר פּאָליטיק. אויף דעם איז געווען א צו גרויסער אונטערשייד צווישן די זיך ראנגלענדיקע כּוחות. דער אָנגריף אויף דער רעגירונג איז געמאַכט געוואָרן דורך אַן אומוועג — דורכן יידישן ישוב. אים, דעם יידישן ישוב, האָט מען געוואָלט דערשטיקן, אויסהונגערן, צעברעכן, אונטערטעניק מאַכן. פון דריטן טאָג אָן פון שטרײק האָט מען אָנגעהויבן שרײען מיט קולי־קולות וועגן הונגער אין תל־אביב, וועגן יאוש אין די מושבות, וועגן דער דעזערציע פון די ווירטשאַפטן, וועגן באַנקראָט אין דער אינדוסטרי, וועגן צענדליקער טויזנטער, וואָס פאַרלאָזן דאָס לאַנד און וואָס זײער פאַרמעגן וועט גאָר אינגיכן פאַרקויפט ווערן פאַר גראָשנס.

אויפן דאָזיקן פראָנט האָט דער שטרײק געליטן א פולשטענדיקע מפּלה. דער מוט פון יידישן ישוב איז אויף א

האָר נישט געפאַלן. דער ישוב האָט זיך נישט געבויגן. מיט פיל אויסדויער און גבורה האָט ער אויסגעהאַלטן דעם פּרווו, וואָס אַזאַ איז נאָך אין אונזער געשיכטע נישט געווען. ער האָט געזען זיינע קדושים ליגנדיק פאַר אים, איז אויפגעצי־טערט געוואָרן ביז צו די טיפע טיפענישן און געשווירן טריי־הייט דעם ווערק פון זיין לעבן. אָבער ער האָט כּלל קיין הונגער נישט געליטן און זיינע פּאָזיציעס זענען נישט אָנ־גערירט געוואָרן. פאַרקערט, ער האָט זיך פאַרשטאַרקט און ענטפּלעקט גוואַלדיקע פאַרבאָרגענע כּוחות. וועגן וועלכע ער האָט אַליין נישט געוווסט. ער איז ביי־געקומען אַלע שטרויכ־לונגען, אויך דעם שטרייק אין דעם פּאָרט, וואָס האָט באַדינט ביז לעצטנס די מערהייט פון זיינע פונקטן. קיין איין ווירט־שאַפטלעכע פּאָזיציע איז נישט פאַרלאָזן געוואָרן. קיין איין עקאָנאָמישער צווייג איז נישט אונטערגעבראָכט געוואָרן, קיין איין אַרבעט איז נישט פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. טויזנטער נייע אַרבעטס־הענט זענען אויפגענומען געוואָרן אין לאַנד, און ס'איז גאָרנישט קענטיק געווען. קיין איין סימן פון עקאָנאָמישן קריזיס, אפילו פון עקאָנאָמישן שטילשטאַנד, האָט זיך נישט באַוויזן אויפן האָריזאָנט: דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן איז גע־גאַנגען זיין נאָרמאַלן גאַנג; אדרבא: דאָס דאָזיקע לעבן האָט זיך ענטוויקלט, געשטיגן און די יידישע ווירטשאַפט נויטיקט זיך היינט אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס אין נייע אַרבעטס־הענט, ווי פאַר דעם אַראַבישן שטרייק. אויף קיין איין טאָג איז נישט איבערגעריסן געוואָרן די פאַרבינדונג צווישן די שטעט און יידישע דערפער אין לאַנד. די וועגן פון לאַנד האָבן איינגעזאַפּט אין זיך דאָס בלוט פון די קדושים, זיי האָבן אָבער נישט אָנגענומען אויף זיך די הערשאַפט פון די רוצחים.

אָבער נישט נאָר זיך, זיין קיום און זיין ווירטשאַפט האָט דער יידישער ישוב באַוויזן צו באַשיצן פון חורבן, וואָס דער אַראַבישער שטרייק האָט זיך פאַרגנומען צו מאַכן. ער האָט אויך באַוויזן צוצושטעלן פיל כּוחות דער מדינה, אומעטום וו

ס'האָט זיך נאָר באַוויזן אַ שפּאַלט — אין חיפהער פּאָרט, אויף דער באַן, אין די עפּענטלעכע אַרבעטן, אין פּאָליציי, אין דער באַדינונג פאַרן מיליטער און דער פּאָליציי. ווען מ'וואָלט אַ ביסל ברייטהאַרציקער זיך באַנוצט מיט די דאָזיקע כוחות, וואָלט דער אַראַבישער שטרייק אויסגעזען נאָך נעבעכ-דיקער, און די מדינה וואָלט שטאַרקער געווען אין איר ווידערשטאַנד.

דער דאָזיקער שטרייק, — וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס ציל צו באַווייזן דער וועלט, אַז דאָס לאַנד איז אַן אַראַביש לאַנד, אַז די אַראַבער זענען דאָ די איינציקע באַלעבאַטים און אַז זייער שטרייק איז דעריבער דער שטרייק פון גאַנצן לאַנד, — האָט באַוויזן מיט הונדערטער ראיות פּונקט דאָס פאַרקערטע פון דעם: אַז דאָס לאַנד איז שוין נישט קיין אַראַביש לאַנד אַליין, אַז ווען די אַראַבער שטרייקן, שטרייקט נאָך נישט דאָס לאַנד, נאָר עס אַרבעט און בויט זיך ווייטער. די יידישע ווירטשאַפט איז נישט אָפּהענגיק פון חסד פון „אויבערשטן אַראַבישן קאָמיטעט" און נישט ער באַשטימט דאָס לעבן פון לאַנד.

אויף אויפן אינערלכן פראָנט — אין הינזיכט פון דער גרייטקייט פון די אַראַבישע מאַסן צו שטיין אויף די פּאָ-זיציעס — האָט זיך דער אַראַבישער שטרייק געענדיקט מיט אַ דורכפאַל. און הגם אויפן דאָזיקן פראָנט איז דער דורכפאַל ווייניקער בולט, איז ער אָבער דאָ כלל וכלל נישט לייכטער.

דער שטרייק איז געבוירן געוואָרן אין יפו, אין אָנבליק פון דעם אומשולדיקן בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן דורך די פּאָגראָמשטשיקעס און דער קין-צייכן פון דאָזיקן בלוט איז געבליבן אויף אים אויסגעקריצט. קיין איין טאָג האָט זיך דער שטרייק נישט געקאָנט באַגיין אָן בלוט פון יידן, אַראַבער, ענגלענדער. קיין איין טאָג האָט ער זיך נישט געקאָנט האַלטן אויף דער הסכמה פון די פאָלקס-מאַסן, אָן דעם שענדלעכן בילד פון רודפן די „זינדיקע", די „פאַררעטער" פון אַלע

קרייזן, שיכטן און קלאַסן און באַזונדערס צווישן דער אָרעמ־קייט, צווישן די אַראַבישע אַרבעטנדיקע, אָבער אויך צווישן די אַרבעטס־געבער. ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ דראָונגס־רעזשים, וואָס האָט פון ערשטן טאָג אָן באַקומען זיין אויס־דרוק אין באַגיסן די גרינגס פון אַ פעלאַכין מיט נאַפט, אין דערשטעכן מיט אַ מעסער אַ פעלאַך, וואָס איז געקומען צו דער אַרבעט, אין דער באָמבע, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אויפן שטאָט־פּרעזידענט, אין אונטערצינדן די קראָם פון איינ־געעקשנטן סוחר, אין דער קויל, וואָס איז געצילט געוואָרן צום גוט־באַזיצער, וואָס האָט געשפּענדעט פאַרן שטרייק־קאָמיטעט ווייניקער ווי מ'האָט פון אים געפאָדערט.

און טראָץ דעם דראָונגס־רעזשים, טראָץ דער פרייהייט, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן אַנצווואַרפן זיין שרעקלעכע דיסציפּלין אויף יעדן אַראַבער, האָט דער שטרייק אפילו אויף איין טאָג נישט באַהערשט די אַראַבישע גאַס.

דער שטרייק אין יפו'ער פּאָרט איז בלוטיק אויפגעצוווּנ־גען געוואָרן, אָבער קיין שום אָנשטרענגונגען האָבן נישט גע־האָלפן, אַז אויך דער חיפה'ער פּאָרט זאָל פאַרשטרייקן. דער דרוק פון די פירער, די העצע, די דראָונגס־בריוו און טעראָר־אַקטן האָבן נישט באַוויזן מער ווי איבערצורייסן די אַרבעט אויף עטלעכע טעג, און נישט נאָר דער חיפה'ער פּאָרט איז נישט צוגעשטאַנען צום שטרייק, נאָר אויך גרויסע אינדוסט־ריעלע אונטערנעמונגען, סיי יידישע, אין וועלכע ס'זענען באַ־שעפטיקט אַראַבישע אַרבעטער (נשר, עלעקטרי־געזעלשאַפט, ים־המלח) און סיי גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע אונטערנעמונגען (איראַק־פּעטראָלעום, „שעל“, כעמישע אונטערנעמונגען) האָבן נישט געוווּסט, וואָס עס איז אַזוינס דער שטרייק. די רעגי־רונגס־דינסט — אויסער אַ טייל פון די עפנטלעכע אַרבעטן און דער באַן אין חיפה אויף אַ פּאָר שעה — איז נישט איבערגע־ריסן געוואָרן צוליבן שטרייק. ס'איז אויך נישט געווען קיין שום נויטווענדיקייט איבערצורייסן די עפנטלעכע אַרבעטן, וואָס זענען יאָ איבערגעריסן געוואָרן — דאָס איז געווען נאָר אַ

רעזולטאט פון פאניק אָדער פון דעם ווילן פון איניקע לייטערס פון דער ארבעט. די פּאָסט, דער טעלעגראף, די פּאָליציי, באַן — זענען געווען טעטיק נאָרמאַל; די כסדרדיקע סאַבאָטאַזש-אַקטן האָבן נאָר בולט געמאַכט די שוואַכקייטן פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון שטרייק, דער „בירגערלעכער ווידערשטאַנד" איז געבליבן א פּוסטער וואָרט. ווען מ'האָט אויף איין טאָג אַרויסגעבראַכט אין דרויסן, בכדי אים גלייך צוריק צו באַהאַלטן. מ'האָט געדראָט מיט א שטרייק פון די באַאַמטע און דוקא דער דאָזיקער שריט וואָלט געקאָנט באַדראָען דעם רעגירונגס-אַפּאַראַט — אָבער די דאָזיקע דראָאונג האָט מען נישט געוואָגט צו פאַרווירקלעכן אפילו אויף קיין איין טאָג, ווייל זיי האָבן געפילט: דאָ קאָן מען נישט פעלשן. און אויב מ'וועט אויף אַן אמת שטרייקן — שטעלט מען עפּעס איין. דעריבער האָבן זיי זיך ענטזאָגט פון דעם. שאַפערן, וואָס האָבן געדינט ביי דער רעגירונג — האָבן זיך דערמיט געפרייט און געבראָכן בפרהסיה דעם שטרייק. דער האנדל אין די שטעט איז נישט איבערגעריסן געוואָרן און איז געפירט געוואָרן פאַרבאָרגענערהייט און אויך אָפּענערהייט. וואָס רייכער ס'איז געווען דער סוחר, אַלץ לייכטער איז אים עס אָנגעקומען. אין געוויסע ערטער — אין חיפה! — האָט מען במשך פון לאנגע חדשים נישט געפילט בכלל, אז אין לאנד איז דערקלערט געוואָרן א שטרייק.

און דער עיקר: בנוגע דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון דער אַראַבישער באפעלקערונג איז בכלל אויפן זינען נישט אַרויפגעקומען אזא מעגלעכקייט פון א שטרייק. דער אראבישער פויער האָט פאָרגעזעצט זיין ארבעט, אזוי ווי אין לאַנד וואָלט גאָרנישט געשען. אויך די אויבערשטע שיכט פון די גוט-באַזיצער און אייגנטימער פון פרדסים, וואָס פאַרנעמען אַזאַ בכבודיקן אָרט אין די פאַרשידענע „נאציאָנאַלע קאָמיטעטן" און „שטרייק-קאָמיטעטן", האָבן אפילו קיין איין רגע נישט געטראַכט וועגן צושטיין צום שטרייק. אין אַלע אראבישע פּרדסים איז נישטאָ קיין איין בוים, וואָס איז טאָג-טעגלעך

נישט אָפּגעהיטן געוואָרן במשך פון די פינף א האלבע שטרייק-חדשים.

זיכער: די פּרימיטיווקייט פון דער אראבישער ווירטשאַפט האָט פיל מיטגעהאָלפן דעם שטרייק, אויך דאָס קאָנען זיך באַגנוגענען מיט ווייניק און די הכנעה פון די אראבישע מאסן פאר די תקיפים האָבן מיטגעהאָלפן. מ'קאָן אָבער דערמיט נישט דערקלערן די אָפּשטעלונג פון עקאָנאָמישן לעבן אויף זעקס חדשים, דאָס עקאָנאָמישע לעבן איז נישט איבערגעריסן געוואָרן, ווייל אין די דעצידירנדיקע סעקטאָרן פון דער אראַבישער שטאָטישער ווירטשאַפט איז געווען נאָר א סימולאציע פון א שטרייק און אין דער לאַנדווירטשאַפט איז אפילו קיין סימולאציע נישט געווען. אָבער אויך די דאָזיקע פעלשונג האָט פיל געקאָסט, וואָס אן אמת נישט די אראבישע אָנפירערשאַפט, וואָס האָט געזיכערטע הכנסות, נאָר דער אָרעמקייט, די אראַבישע ארבעטנדיקע מאסן.

דער אראבישער טעראָר

דער אַראַבישער טעראָר אין זיין ביזאַנטיקער פאָרם איז. פאַרענדיקט געוואָרן מיטן אַנטלויפן פון „גרויסן גבור״ — פאוזי ביי אל קאוקאדזשי. ס'זענען נאָך נישט איבערגעריסן געוואָרן די שיסערייען. מ'האָט נאָך נישט אויפגעהערט וואַרפן באָמבעס דאָס זענען אָבער נאָר דערשיינונגען פון זיך אויסלעשנדיקן טעראָר. ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אז זיי זאָלן דינען אלס אויסגאַנגס-פּונקט פאר א נייער רציחות-כוואַליע. דאָס געווער איז דאָך געבליבן ביי די רוצחים. אָבער אויב ס'ער טעראָר וועט זיך איבערחזרן, חלילה, וועט עס זיין אַן אַנדער שטאַפּל און אפשר אויך איינגאַנצן אַן אַנדער דערשיינונג. דער טעראָר, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד פינף חדשים, האָט זיך פאַרענדיקט מיט „איבערגיין דעם ירדן״.

דער טעראָר האָט זיך נישט אָנגעהויבן אין יפו. אין יפו איז געווען אַ פּאָגראָם. אַ פּאָגראָם אויף יידן, ווי מיר קענען עס פון אַמאָל; אָן אויפרודערונג, אויפהעצונג, פאַלשע קלאַנגען, אָן אויפגעלויף, די „באַגייסטערטע יוגנטלעכע" אין די סקויטישע אוניפאָרמען, חורבער-אָנפאַלן פון צענטליקער אויף אומבאַוואָפנטע יחידים — אין מיטן העלן טאָג, אָנמעכטיקייט פון דער מאַכט — אַ באַקאַנט בילד. אַזוי איז געווען אין רוסלאַנד, אַזוי אין אַנדערע לענדער פון מזרח-אייראָפּע.

אין די ערשטע טעג האָט אַ צערודערונג באַהערשט די אַראַבישע קרייזן. נישט נאָר שרעק נאָר אויך עפּעס ענלעכעס צו בושה. די ראָל פון די חורבער איז צום אָנהויב אונטערגעשטראָכן געוואָרן דורך די אַראַבער גופא. מ׳האָט אויף אַ פרעמדן געפּרווט אַרויפוואַרפן די שולד פאַרן רייגעם בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן. זיי האָבן נאָך נישט געוואָלט, נישט געוואַגט צו נעמען אויף זיך די אחריות. אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געוואקלט. זיי האָבן פאַרבאָרגן די ראָל פון די סקויטן, אדרבא, מ׳האָט נאָך געלויבט די יוגנט, וואָס האָט כאילו פאַרטיידיקט די יידן און געראַטעוועט אייניקע פון זיי. ס׳הייסט: מ׳האָט נאָך נישט געזאָגט בפירוש, אַז פאַרגיסן יידיש בלוט איז אַ נאַציאָנאַלער העלדנטאַט. דער העצער אַל-פאַרוקי האָט דאַן געשריבן אין דער העצ-צייטונג „איסלאַמיה": מיר פאַרטיידיקן נישט קיין וועג-רויבער, אַלץ איינס, וועמען זיי האָבן געהרגעט, זיי זענען רויבער.

מיר זענען אויפגעציטערט געוואָרן. ווען מ׳זאָל אָבער פאַרגלייכן אונזער שפּראַך פון דאַמאָלסט, אין די סאַמע שוידערלעכע טעג, מיט אונזערע רייד אין די אַנדערע צייטן פון די געשעענישן, קאָן מען זען דעם גרויסן אונטערשייד. אונזער ערשטער רוף איז געווען: דיסציפּלין, אָרדנונג, באַהערשן זיך, אָפּוואַרטן. יאָ. אָפּוואַרטן די האַנדלונג פון דער ארץ-ישראלדיקער רעגירונג, די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר אָט אָ דער יפו׳ער אַדמיניסטראַציע.

ביידע פעלקער האָבן זיך נאָך די שטורם-טעג ווי צו-

געהערט, ווי זיי וואָלטן זיך געפרעגט? וואָס וועט זיין איצט — אין אָנבליק פון די 16 יפוער קרבנות, אין אָנבליק פון דער מאכטלאָזיקייט פון יפו׳ער מאכט־אָרגאַנען?

קיין שום דעצידירנדיקעס — געמיינט מעשים — איז נישט געשען. פון די צענטליקער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די פּאָגראָמען, איז געכאַפּט געוואָרן איין רוצח, איין און איינציקער. אין דער יפו׳ער אדמיניסטראַציע איז נישט פאָר־געקומען קיין שום ענדערונג. אַלץ איז געבליבן אויפן אָרט, אַזוי ווי ס׳וואָלט נישט געשען קיין זאַך, וואָס גראָבט אונטער דעם צוטרוי צו דער דאָזיקער מאַכט, אַזוי ווי זי וואָלט דער־פילט איר פליכט. קיין איין פּאָליציאַנט פון די, וואָס עדי־ראיה האָבן אויף זיי אָנגעוויזן, אַז זיי זענען געווען ביי די געשעענישן און גאָרנישט געטאָן בכדי זיי צו פאַרמיידן, איז נישט ענטזאגט געוואָרן פון זיין שטעלע.

דאָ שטעקן די וואָרצלען פון אַראַבישן טעראָר.

די צעמישונג אין אַראַבישן לאַגער איז גלייך פאַרשוואונדן. אָנשטאָט איר איז געקומען די כסדר וואַקסנדיקע חוצפה. די אַראַבער זענען פּלוצלונג דערשינען ווי אויפגערעגטע, באַליי־דיקטע און פאַרביטערטע, וואָס מאָנען גערעכטיקייט. זיי האָבן דאָך פון קיינעם נישט געהערט: אייערע מענטשן האָבן פאַר־גאָסן אומשולדיקן בלוט, איר זייט דערפאַר פאַראַנטוואָרטלעך. ס׳איז דערקלערט געוואָרן דער אַראַבישער שטרייק. ער איז געבוירן געוואָרן אין דעם ריינעם בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אין יפו. שוין פון אָנהויב איז דער שטרייק געווען דורכגעדרונגען מיט אָפּקלאַנגען פון דאָזיקן בלוט. זיין ציל איז געווען: אויסהונגערן דעם יידישן ישוב, אים פאַרניכטן. און דער שטרייק איז אָנערקענט געוואָרן אַלס „געזעצלעכער״. בלויז זיינע „באַגלייט־דערשיינונגען״ זענען פאַראורטיילט גע־וואָרן. אַזוי ווי מ׳וואָלט געקאָנט אַ זאַ שטרייק אָפּטיילן פון די „באַגלייט־דערשיינונגען״, וועלכע זענען פאַרגעקומען פאַר אים און האָבן צו אים גורם געווען.

דורך קליינקייטן, נאַרישקייטן, איז צוזאַמען מיטן

שטרייק געבאָרן געוואָרן דער סיסטעמאַטישער אָרגאַניזירטער אַראַבישער טעראָר, וואָס האָט במשך פון פינף חדשים אָנגעוואָרפן אַן אימה אויפן לאַנד און האָט באַוויגן דער ענגלישער רעגירונג אַרויסצושיקן מיליטער אין אַזאַ פאַרנעם, וועלכן מען האָט געקענט זען נאָר בעת דער וועלט־מלחמה.

קליייניקייטן: אַ טשוואָק אויף אַ שאָסיי, אַ שטיין אויף אַן אויטאָ אָדער באַן, אַ פלאַש נאַפט אויפן קויש גרינס פון אַ פעלאַכין, אַ קינדער־שפּיל. אַלע האָבן מיט פולער זיכערהייט געוווסט, ווער ס'דיריגירט מיט דעם. די נעמען פון די מיטגלידער פון „אויבערשטן אַראַבישן קאָמיטעט" און פון די „שטרייק קאָמיטעטן" אין יעדער שטאָט זענען דאָך מיט גרויס פאַראַז' פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַלע אַראַבישע צייטונגען. קיין זאַך איז נישט געטאָן געוואָרן בכדי צו פאַראַליזירן די פאַרברעכערישע האַנט. ווייל נאָר אַ שטרייק איז דאָך פּראָקלאַמירט געוואָרן דורכן „אויבערשטן ראַט" און נאָר צוליב אָפּהיטן דעם שטרייק האָבן געאַרבעט די אָרטיקע קאָמיטעטן — און דער שטרייק איז דאָך געווען אַ „געזעצלעכער". און וואָס שייך די „שפּילערייען" אין גאַסן, אויפן מאַרק אָדער אויפן שאָסיי — צי דאַרף די רעגירונג „דערקלערן קריג" קינדער? דער בריטישער פאָליציאַנט האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ בכדי נישט צו דערזען, דער אַראַבישער האָט געשמייכלט. די יידן, וואָס זענען געפאָרן מיט חיפהער באַן, פלעגט מען עצהן: „מאַכט צו די פענסטער, מיר דערנענטערן זיך צו קלקליה". אויף דורות וועלן איבערבלייבן די אורטיילן פון די צייטווייליקע ריכטער, וואָס זענען מאָביליזירט געוואָרן פון צווישן די באַאַמטע און וואָס האָבן פאַרמשפּט יידישע ק י נ ד ע ר צו שמיץ פאַר פונאַנדערוואַרפן טשוועקעס אין די גאַסן.

אַ סך צייט איז פאַרלאָפן פון ערשטן טשוואָק ביז דער „פרימי־זיווער באָמבע". מ'האָט געדאַרפט האָבן צייט בכדי צוצוקומען צו דעם נייעם שטאַפל. און די צייט איז געגעבן געוואָרן.

ווי אַזוי איז דער דאָזיקער באַגריף, וואָס איז אין אַ

קורצער צייט אַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טראַגישן וויץ ביי אַלע איינוווינער פון לאַנד, אַרייַנגעגאַנגען אין די אָפי-ציעלע מעלדונגען ? וואָס האָט ער מיטן צוגאָב „קיינע שאָדנס זענען נישט פאַראורזאַכט געוואָרן" אונז געוואָלט דערציילן ? נאָר דאָס האָט געקאָנט זיין זיין באַדייטונג : מיר געפינען זיך נאָך אין אַ פּאַזע פון מינדער-וויכטיקע זאַכן, וואָס דאַרפן נישט באַזאָרגן די עפנטלעכקייט, און וואָס זענען נישט גע-נוגנד אויף צו באַוויגן די רעגירונג צו אַן ענטשלאָסענער טעטיקייט, אדרבא, ס׳וועט אויסקומען קאָמיש, אויב די רעגי-רונג וועט מיט איר גאַנצן כּוח אַרויסגיין קעגן דער דאָזיקער פּרימיטיווקייט, וואָס איז נישט גורם קיין שום שאָדן.

און אַזוי האָט זיך טאַקע די רעגירונג נוהג געווען נישט נאָר אין די אָפיציעלע מעלדונגען נאָר אויך אין דער ווירקלעכקייט. כּמעט קיינער פון די באָמבען-וואַרפער איז נישט געכאַפּט געוואָרן, ס׳איז נישט אויפגעדעקט געוואָרן קיין איין אָרט, וווּ די באָמבעס זענען געמאַכט געוואָרן. און ס׳איז טאַקע נישט אַריבער קיין לאַנגע צייט און די באָמבעס האָבן אויפ-געהערט צו זיין פּרימיטיווע, און צום סוף איז מען דערגאַנ-גען צו עלעקטרישע טייוול-מאַשינען, צו מינעס, און פיל בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן. בלוט פון יידן, אַראַבער און רע-גירונגס-אָנגעשטעלטע.

מיר זענען געשטיגן פון שטאַפּל צו שטאַפּל — אַ טראַ-גישער שטייגן. דעם 13-טן מאַי איז דערהרגעט געוואָרן ר׳ מרדכי ראובן קלאַפּהאָלץ, גייענדיק פון בית-המדרש אויף דער חברון-גאַס אין ירושלימער אַלט-שטאָט ; דער דאָזיקער טאָג — ביי דריי וואָכן נאָך די בלוטיקע יפו-טעג — קאָן גערעכנט ווערן פאַרן אָנהויב פון אָרגאַניזירטן אַראַבישן טעראָר. זינט דאַן — אַ לאַנגע קייט, כּמעט אָן אויפהער. דעם מערדער פון קלאַפּהאָלץ האָט מען נישט געכאַפּט, פּונקט אַזוי ווי מ׳האָט נישט געכאַפּט די מערדער פון אַלע איבעריקע יידן, אויסער צוויי. איינציקווייז זענען געפאַלן די קרבנות פון די הינטער-

ליסטיקע מערדער; אויסער די קרבנות פון קינא „עדיסאָן‘ זענען אַלע דערהרגעט געוואָרן פון אַ באַהעלטעניש.

צוויי וואָכן זענען אַריבער אונטערן צייכן פון מאָרד-טאַ-טן, אויסגעפּירטע דורך יחידים. דער ערשטער יוני — ביי זעקס וואָכן נאָך די יפו׳ער געשעענישן — דער טאָג, ווען אויפן וועג ירושלים – תל-אביב איז דערהרגעט געוואָרן אבא קלענטעראָוו, קאָן פאַררעכנט ווערן אַלס טאָג פון דערשיינען פון די כנופיות. אין קאַמף מיט זיי — ביזן קולען פון מיליטער — האָט די רע-גירונג נישט אַרויסגעוויזן אַפילו אַ מינימאַלע מאָס פון סטראַ-טעגיע און פּאָליטישער ליניע. די געווער-רעוויזיעס האָבן גע-געבן ממש קאָמישע רעזולטאַטן. די פאַרבינדונגען צווישן די באַנדעס און די דערפער זענען נישט איבערגעריסן געוואָרן. לאַנגע וואָכן זענען פאַרלאָפן, ביז די רעגירונג האָט דעראָבערט סטראַטעגישע פונקטן אויף די וועגן און אין די בערג. ס׳איז נישט געווען דער מינדסטער ספק, אַז די באַוואָפנטע באַנדעס שטייען אין אַ לעבהאַפטן פּאָליטישן קאָנטאַקט מיטן „אויבערשטן אַראַבישן קאָמיטעט“, מ׳האָט געמעגט אויך חושד זיין, אַז דער קאָנטאַקט איז נישט נאָר אַ פּאָליטישער, נאָר אויך אַן אָרגאַני-זאַציאָנעלער און פינאַנסיעלער. און פונדעסטוועגן איז קיין שום פּערזענלעכע פּאָליטישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט נישט אַרויפגע-לייגט געוואָרן אויף דער אַראַבישער פירערשאַפט; בכדי מיר זאָלן הערן מער אָדער ווייניקער קלאָרע רייד, האָבן מיר גע-מוזט וואַרטן ביזן זיבעטן סעפּטעמבער. אָבער אויך נאָכן זי-בעטן סעפּטעמבער, האָט די באַציונג פון דער רעגירונג צו די „נכבדים-קאָמיטעטן“ ווייט נישט אַנטשפּראָכן אירע אָפיציעלע דערקלערונגען, און ס׳איז אויך געבליבן אין קראַפט דער גרעס-טער פּאָליטישער אַבסורד: די פּאָסטנס, פאַר וועלכע די רע-גירונג איז פאַראַנטוואָרטלעך, זענען געבליבן באַזעצט דורך יענע „נכבדים“.

די אויסנאַם-געזעצן פון 14-טן יוני זענען במשך פון צוויי חדשים געבליבן בלויז אויפן פּאַפּיר. דער באַוווּסטער קאָנפליקט צווישן דער אַדמיניסטראַטיווער און געריכטלעכער

מאכט איז א שאַנד פאַר דער מלוכה. און די גאַנצע צייט איז פאַרגעזעצט געוואָרן פאַר אַלעמענס אויגן די ווילסטע אַראַבישע העצע. מעגלעך — אדרבא, ס'איז זיכער — אַז ס'זענען געווען אַ סך אַראַבער, וואָס האָבן מיט פּיל זאָרג נאָכגעקוקט די ענטוויקלונג פון די געשעענישן. זיי זענען אָבער איינגעשטילט געוואָרן מיט כח. זיי זענען פאַרשריען געוואָרן אַלס פאַררעטער. די רוצחים, וואָס האָבן גלאָריפיצירט יעדן פאַרברעכן קעגן יידן, זענען געוואָרן די טאָן-געבער. די זעלבע, וואָס זענען דעם 20-טן אַפּריל פאַררעכנט געוואָרן דורך „איסלמיה" אַלס וועג-רויבער, זענען איצט געוואָרן „נאַציאָנאַלע העלדן" און די גאַנצע אַראַבישע יוגנט איז גערופן געוואָרן צו גיין אין זייערע וועגן.

ס'איז נישט קלאָר, צי די באַנדיטן-באַנדעס האָבן געציילט אַ קענטיקע צאָל מענטשן — זייער ראָל אין לאַנד איז אָבער וואָס ווייטער געוואַקסן אַלץ מער. זיי זענען געוואָרן אַ מין „צווייטע רעגירונג", וואָס גיט באַפעלן, מאָבּיליזירט זעלנער, לייגט אַרויף שטייערן. די אָפענע גרענעצן פון לאַנד האָבן זיי דערמעגלעכט צו באַקומען געווער, וויפל זיי האָבן נאָר געוואָלט, און מענטשן, געוווינטע צו בערג-קאַמפן און פּאַרטיזאַנישע אָנפאַלן — אַוואַנטוריסטן, רויבער, קרימינעלע פאַרברעכער און סתם מטורפים.

אַזוי זענען מיר געגאַנגען פון שטאַפּל צו שטאַפּל, טראַגיש געגאַנגען, די טריט זענען געצייכנט געוואָרן מיט בלוט — פון ערשטן טשוואַק אויפן שאָסיי ביז די „אָפיציעלע דערקלערונגען" פון „גרויסן פירער"; און דאָס אַלץ איז געשען פאַר די אויגן פון דער מאַכט.

אין דער וועלט איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען דער אָפּקלאַנג פון אַראַבישן אויפשטאַנד. דער וועג מיט וועלכן דער אויפשטאַנד איז ליקווידירט געוואָרן — צענדליקער טויזנטער סאָלדאַטן פון איין זייט, די הילף פון די אַראַבישע מלכים פון דער צווייטער זייט — האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם איינדרוק. דער אויפשטאַנד איז געוואָרן אַ וויכטיקער פּאָליטישער

פאקט פארן לאנד. א „פאראנטוואָרטלעכער פּאָליטיקער", א קאָן זיך, כביכול, נישט דערלויבן צוטרעטן צו באַטראַכטן דאָס א״י־פּראָבלעם און זיין לעזונג, נישט נעמענדיק אין אַכט די דאָזיקע דערשיינונג.

אָבער דער, וואָס האָט דורכגעלעבט די גאַנצע ענטוויק־לונג פון אָט דער תקופה און נישט איר לעצטן עטאַפּ בלויז, ווער ס'האָט געזען אָט דעם איבערגאַנג פון שטאַפּל צו שטאַפּל, פון טשוואַק אויפן שאַסיי און פלעשל נאַפט אויפן קויש גרינסן ביז די שווערע קאַמפן צווישן די באַנדעס און מיליטער־אָפּטיי־לונגען, ווער עס וויל די דאָזיקע דערשיינונג אָפּשאַצן לויט איר קאָנקרעטן מהות און נישט לויט דער אַבסטראַקטער אוי־סערלעכקייט, דאַרף זיך אַליין שטעלן אַן אפיקורסישע פראַגע: צי איז עס טאַקע געווען אַן אויפשטאַנד?

דער באַגריף „פּאָליטישער אויפשטאַנד" האָט א פּאָר־באַדינג — ס'מוז זיין אַ פּאָליטישער רעושים, קעגן וועלכן מ'מאַכט דעם אויפשטאַנד.

ווו איז געווען די א״י־דיקע רעגירונג, קעגן וועלכער מ'האָט געמאַכט דעם אויפשטאַנד. ווו האָבן מיר — ביז די לעצטע וואָכן — געזען די א״י־דיקע מדינה, וואָס שטעלט זיך שטאַרק קעגן, קעמפט פאַר איר קיום און זאָגט — מיט מעשים! — צו די אויפשטענדער: „באַרויקט אייך! מ'טאָר נישט!? ס'איז מסוכנדיק פאַר אייך! איר שפּילט זיך מיט אייער לעבן!" — ווו האָבן מיר געזען ד י ד אָ ז י ק ע מדינה?

אפשר אין דער יפו ער אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט נישט געקאָנט פאַרמיידן די געשעענישן, אָדער איבעררייסן זיי אַ שעה נאָכדעם ווי זיי זענען אויסגעבראָכן, און געלאָזט, זיי זאָלן זיך ציען טעג? אפשר אין דער פּאָליציי, וועלכע האָט מיט אירע אייגענע כוחות נישט געקאָנט באַשיצן קיין איין פונקט, האָט נישט אָנגערירט די „געפערלעכע ערטער", וואָס זייערע נעמען האָבן זיך טאָג־טעגלעך איבערגעחזרט אין דער שווארצער כראָניק, און שטענדיק פאַרשפּעטיקט מיט פאַרהי־טונגס־און פאַרזיכטיקייטס־מיטלען? אפשר אין דער אויספאַר־

שונג, וועלכע האָט נישט געקאָנט כאָפּן מער ווי צוויי מערדער פון יידן ? אפשר אין דער אויספאָרשונג, מיט די „באַווייזן״, וועלכע זי פלעגט צושטעלן די ריכטער ? אפשר ביים אָפּהיטן די גרענעצן, וועלכע זענען געבליבן אָפּן פאַר געווער און באַנדיטן ? אפשר אין די מחברים פון די אָפּיציעלע קאָמוני־קאַטן וועגן די „זיך צוזאַמענשטויסנדיקע געמיינדעס״, וועגן די „פּרימיטיווע באַמבעס״; פון מעלדונגען, וועלכע האָבן דעם טיילווייזן אַראַבישן שטרייק געשילדערט ווי אַן אַלגעמיינעם, וואָס האָבן פאַרטושט פאַקטן און „נישט דערזען ?״ און אפשר אין דעם אַמט פון הויך־קאָמיסאַר, וואָס האָט זיך באַצויגן אַ לאַנגע צייט צו די געשעענישן ווי צו אַ „געזעצלעכן שטרייק״ און נישט ארויסגעלייגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן טעראָר אויף די שולדיקע, און אפילו ווען דאָס איז שוין יאָ געטאָן געוואָרן להלכה, זענען דערפון קיין מסקנות נישט געמאַכט געוואָרן און קיינע גרינטלעכע ענדערונגען אין דער באַנקראָ־טער אדמיניסטראַציע פון לאַנד זענען נישט געמאַכט געוואָרן; אפשר אין דעם דאָזיקן אַמט, וואָס האָט נישט אויסגעצאָלט קיין ענטשעדיקונג די געליטענע און האָט זיך נישט באַצויגן צו די אָנגרייפער און געליטענע ווי מ׳דאַרף זיך צו זיי באַציען ?

די מלוכה האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט די מורדים, האָט נישט געקעמפט פאַרן אייגענעם קיום, פאַר אירע געזעצן, פאַר איר סדר. ד ע ר י ב ע ר איז מעגלעך געווען — נאָכ־מער: דעריבער האָט געמוזט זיין — די ענטוויקלונג פון אַ טשוואַק אויפן שאָסיי ביזן קאַמף צווישן באַוואָפנטע באַנדעס און מיליטער און צוליב דעם, וואָס ס׳איז אַזוי געווען, זענען די דאָזיקע געשעענישן נישט ראוי אָנגערופן צו ווערן אויפ־שטאַנד ; ווייל דער נאָמען אויפשטאַנד איז נישט חל אויף אַן אָרדנונג, וואָס פאַרטיידיקט זיך נישט. אַ סך אַ פּאַסיקערער נאָמען פאַר דערדאָזיקער דערשיינונג איז : דאָס פאַרשפרייטן זיך פון דער ה פ ק ר ו ת און איר כסדרדיקע אויסברייטע־רונג.

די פאַרענ:ז יקונג פון דער טעראָר־פּרשה — דאָס אריינ־

מישן די אראבישע מלכים ביים צוריקשטעלן די רו אין לאנד; די מעגלעכקייט זיך פונאנדערצולאָזן, וועלכע איז געגעבן געוואָרן די באנדעס; דאָס נישט ענטוואָפנען די תקיפישע אָנגרייפער, צוזאמען מיט די רייד וועגן „פארשטענדיקונג”; דאָס נצחונדיקע אָפטרעטן פון „פארבאָרגענעם־באוווסטן” קאוקאדזשין, פארבונדן מיטן קולט פון אזא טעראָר, וועלכן דאָס לאנד האָט נאָך ביז איצט נישט געקענט; דאָס צוריקשטעלן דעם „נכבדים־קאָמיטעט” אין זיין ראָל אלס פאָליטישער פאקטאָר ביי דער א״י־דיקעד מאכט; דאָס איבערלאָזן די מיטגלידער פון דאָזיקן קאָמיטעט אויף די אמטן, פאר וועלכע די רעגירונג איז פאראנטוואָרטלעך — אָט אָ דער סיום איז אין פולן איינקלאנג מיט דער גאנצער אויפפירונג פון דער מאכט במשך די זעקס חדשים.

פארוואָס האָט זיך די ארץ־ישראלדיקע אָרדנונג נישט באשיצט? צי ווייל זי האָט צום אָנהויב נישט פארשטאנען דעם פרוש פון יענעם טשוואָק און דעם מהות פון שטרייק, אָדער דערפאר, ווייל איר פאָליטישע ליניע באפעלט איר אָפצוהיטן די אראבישע אָנפירערשאפט, אָדער דערפאר, וואָס די דאָזיקע מאכט איז צוליב איר אראבישן כאראקטער, נישט געווען פעיק צו באשיצן זיך, צו טאט — דאָס איז א באזונדער פראגע. פאר אונז איז ביים מאכן דעם חשבון, ביים באשטימען די צוקונפט, וויכטיק פאָלגנדע לערע:

נישט דאָס פראָבלעם פון „אראבישן אויפשטאנד” שטייט פארן פאָליטיקער, וואָס וויל זען די ענטוויקלונג פון דער דאָזיקער דערשיינונג און איר מהות, נאָר די פראָבלעמען פון דער א״י־דיקער אָרדנונג.

און קודם כל מוז געלייזט ווערן דאָסדאָזיקע פראָבלעם. מיט וועלכן מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן א״ן 1920, אין 1929 און א סך שטארקער, ווייטיקדיקער און קלאָרער אין 1936.

דער, וואָס וויל פארמיידן פאגראָמען אויף יידן אין א״י, דער וואָס וויל פארמיידן מהומות און בלוט־פארגיסונג, אטענטאטן אויפן מאנדאט און זיין ציל, דער וואָס וויל פאר־

זיכערן די רו פון ענגלאַנד אין א״י און באַנען אַ וועג פון אויפריכטיקן פרידן צווישן ביידע פעלקער אין לאַנד, האָט פאַר זיך פאָלגנדיקע ערשטע און עיקרדיקסטע אויפגאַבע:

שאַפן אַזאַ אָרדנונג, וואָס זאָל מסוגל זיין זיך קעגנצושטעלן יעדן אַטענטאַט, וואָס זאָל קאָנען פאַרטיידיקן דעם יידישן לעבן און יידישן ווערק אין זיין גאַנצן פאַרנעם, און וואָס קאָן אָפּהיטן דעם געזעץ און די אָרדנונג אָן אונטערשייד פון דעם, פון וועלכן צד און פון וועלכן כוח ס׳וועט קומען די סכנה און די פאַרשווערונג.

מ. ביילינסאָן

וואָס ווייטער?

(זיין לעצטע רעדע)

דאָס ציוניסטישע פּראָבלעם איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ נייעם פּרוּוו. מיר ווערן ווידער אויפגעפאָדערט — ווי דאָס איז שוין איינמאָל געווען אין 1917 און אויך שפּעטער אין ענלעכע תקופות -- צו זאָגן דער גרויסער וועלט, נישט נאָר די ענגלענדער און נישט נאָר די אַראַבער, נאָר אויך אונז אַליין, ווי שטעלן מיר זיך פאָר אונזער צוקונפט אין א״י. מיר ווערן אויפגעפאָדערט צו שאַפן אַ ציוניסטישן א״י-פּלאַן אין הסכם מיטן ציל פון ציוניזם.

ס'וועט אפשר זיין אַ טעות פון אונזער זייט צוצוטרעטן צו אונזער נייער אויפגאַבע נאָר פון איין שטאַנדפּונקט, פון שטאַנדפּונקט פון גלייכהייט אין דער פּאָליטישער אָרדנונג. פאַר מיר איז פּאַריטעט נאָר אַ טייל פון אַ גאַנצן פּלאַן. מיר וועלן דאַרפן צוגרייטן אין די נאָענטסטע טעג אַן אויסשעפּדן און פולן פּלאַן וועגן אונזער צוקונפט אין דעם דאָזיקן לאַנד. און אין דעם הינזיכט איז דער ענין פון פּאַריטעט אַ נויט-ווענדיקער טייל פון פּלאַן. מען זאָגט, אַז דאָס איז אַ קרבן

און אַ ויתור. כ׳פאַרשטיי נישט: פאַרוואָס אַ ויתור, פאַרוואָס אַ קרבן? מיר דוכט זיך, אַז דאָ איז פאַראַן אַ מיספערשטענדניש. פאַר מיר איז דאָס אַ פאָרמעלער קאָנסטיטוציאָנעלער אויסדרוק פאַרן פרינציפ, וועלכן מיר האָבן אַלע פראָקלאַמירט, דעם פרינציפ פון נישט־באַהערשן. אויב נישט פאַריטעט, איז נישטאָ נישט־באַהערשן, נאָר די הערשאַפט פון איין פאָלק איבערן אַנדערן. דאָ קען זיין אַ יידישע מדינה און אין איר צוויי פעלקער, רעפרעזענטירטע אין אַ גלייכער פאָליטישער פאָרשטייערשאַפט, ווייל ס׳האַנדלט זיך וועגן פאָליטיש־נאַציאָנאַלער פאָרשטייערשאַפט. אין קאַנאַדע לעבן פראַנצויזן און ענגלענדער בערך אין באַדינגונגען פון פאַריטעט. נישטאָ דאָ קיין סתירה; אדרבא, ווייל מיר שטרעבן צו עפעס, וואָס איז גרעסער פון צאָל־פאַריטעט, זענען מיר מחויב צו פראָקלאַמירן דעם פרינציפ פון פאַריטעט אין דער אָרדנונג.

דער פרינציפ פון פאַריטעט באַגרענעצט נישט מיט גאָרנישט אונזער כוח. כ׳שרייב אים צו אַ באַזונדערע באַדייטונג אויך פון פאָליטישן און אינטערנאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט. אין אַזאַ איינציקאַרטיק לאַנד ווי א״י, מיט אַזעלכע איינציקאַרטיקע פראָבלעמען מעג אויך זיין אַן איינציקאַרטיקע לעזונג פון די פראָבלעמען. דער דאָזיקער פרינציפ האָט אויך אַ באַדייטונג כלפי פנים, כלפי אונז אַליין, ווי אַ תשובה אויף דער פראַגע: „ווי זאָלן מיר אָרדענען אונזער לעבן מיט די אַראַבער אָן שום קריוודע?״ אַזאַ תשובה דאַרפן מיר געבן סיי זיך, סיי די אַראַבער.

ס׳דאַרף אָבער זיין אויך קלאָר, אַז די דאָזיקע תשובה איז נישט קיין קמיע צו אַן הסכם מיט די אַראַבער אין דער נאָנטער צוקונפט. כ׳זע נישט פאָר אין דער נאָנטער צוקונפט קיין הסכם מיט די אַראַבער — אַ בפירושן הסכם, אויף וועלכן מ׳זאָל זיך אונטערשרייבן. מיר דאַרפן שטרעבן נישט צו אַן הסכם, נאָר צו שלום אין לאַנד. און דאָס איז אַ זאַך, וואָס מיר קענען דאָ דערגרייכן אפילו אין דער נאָענטסטער צייט. לויט מיין מיינונג האָבן מיר עס שוין געהאַט דערגרייכט,

ווייל דעם 10־טן אַפּריל 1936 איז געווען שלום אין לאַנד צווישן די יידן און אַראַבער. נאָך די לעצטע יאָרן פון פּ־אָספּעריטי, וואָס האָבן געבראַכט וווילשטאַנד אויך פאַר די אַראַבער, זענען מיר נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי נאָענט צום שלום מיט די אַראַבער אָן אָפּמאַכן, אָן אַ קאָנסטיטוציע, ווי דעם 10־טן אַפּריל 1936. אָבער אַ פאַרברעכערישע האַנט האָט צושטערט דעם שלום און איצט דאַרפן מיר אים ווידער שאַפן. און דאָ הויבט זיך אָן אַ גאַנץ אַנדער פּרשה, נישט קיין קאָנסטיטוציע־פּרשה, נאָר אַ לעבנס־פּרשה.

מיר דאַרפן אַלע פרעגן: ווי איז עס געשען, אַז אין אַ קליינעם לאַנד, אין וועלכן ס׳זענען געווען מיליטערישע און פּאָליציי־כּוחות און פיר הונדערט טויזנט יידן זענען געשטאַנען קעגן אַ טאָפּלטער צאָל אַראַבער, ווי עס איז געשען, אַז ס׳זאָל אַזוי לאַנג דויערן דער קאָשמאַר, די מאָרד־אַטמאָספער?

כ׳מיין, אַז די רייד וועגן „אַן אַראַבישן אויפשטאַנד" זענען אַ בבא־מעשה. כ׳וויל נישט אַנאַליזירן, ווער האָט עס געשאַפן די דאָזיקע לעגענדע־ וויכטיק איז, אַז אַזאַ לעגענדע איז פאַראַן און אַז דער ציוניזם דאַרף איר צעשטערן.

מיר זענען אַלע איבערצייגט, אַז נאָר אַ קליינער טייל פון די ארץ־ישראלדיקע אַראַבער האָט זיך באַטייליקט אין טעראָר. דער דאָרף האָט אינגאַנצן נישט געשטרייקט, ער האָט נישט אונטערגעהאַלטן קיין קאָנטאַקט מיט דער אַראַבישער פּירערשאַפט. מיר דאַרפן שטענדיק געדענקען, אַז די איבערוויגנדע מערהייט האָט אינגאַנצן נישט געשטרייקט און די, וואָס האָבן געשטרייקט, האָבן עס געטאָן אונטערן טעראָר. אין לאַנד איז נישט געווען קיין אויפשטאַנד און אָט פאַרוואָס־ אין יסוד פון באַגריף: „מלוכה־אויפשטאַנד" איז פאַראַן די הנחה, אַז ס׳איז פאַראַן אַ מלוכה, קעגן וועלכער מען בונטעוועט זיך. א״י איז אָבער נישט געווען אַזאַ מלוכה, וואָס קעגן איר בונטעוועט מען זיך, די אַראַבער האָבן זיך נישט געקענט בונטעווען קעגן דער מלוכה וואָס איר גאַנצע אויפפירונג (די טעמים דערפון ווייס איך אפשר נישט אַזוי גוט) איז באַשטאַנען אין דעם, ווי אַזוי

נישט דערשטיקן דעם אויפשטאַנד, נאָר אָפּהיטן די אָנפּירערשאַפט פון די אויפשטענדער, די אַראַבער האָבן זיך נישט געקענט בונטעווען קעגן דער מלוכה, וואָס איר שוץ און פּאַרטיידיקונג האָבן זיך געפונען ביז דער סאַמע לעצטער צייט בעיקר אין די הענט פון אַראַבער, וואָס איר אַראַבישע באַאַמטנשאַפט האָט עפנטלעך דעמאָנסטרירט איר סאָלידאַריטעט מיט די אויפשטענ־דער, וואָס אירע גרענעצן זענען געווען אָפענע און מען האָט געקענט דורך זיי אַריינברענגען אָן אומבאַגרענעצטע צאָל פון חורנער, פּראָפעסיאָנעלע באַנדיטן, פּאַטריאָטן, געווער.

ס'איז נישט געווען קיין אויפשטאַנד אין דעם דאָזיקן לאַנד. דאָס איז דאָס ערשטע, וואָס מיר דאַרפן זאָגן דער ענגלישער עפנטלעכער מיינונג. נאָר אויסערלעך איז עס געווען אַן אויפשטאַנד, פּאַקטיש איז געווען עפּעס אַנדערש: דעם 12־טן אַפּריל האָט מען עס געקענט איבעררייסן מיט צוויי שאָסן; אַפילו דעם 20־טן אַפּריל, אַפילו אַ חודש שפּעטער, האָט מען געקענט איבעררייסן די אָנפאַלן אָן קרבנות. אָבער אַז אין באַ־וווסטזיין פון די מענטשן האָט זיך איינגעבירגערט, אַז מען מעג עס טאָן, אַז מען האָט געזען די שטראָפלאָזיקייט, ווען די מדינה האָט אָנשטאָט ווידערשטעלן זיך געהאַלטן הומאַנע דרשות — האָט זיך די הפקרות, נאָכדעם, ווי ביי די אַראַבער זענען צע־רייצט געוואָרן די אינסטינקטן, געקענט ציען אַזוי לאַנג.

כ'זאָג, אַז אין איצטיקן מצב אין לאַנד מוזן מיר קעמפן קעגן דער אַדמיניסטראַציע, וואָס פּאַסט זיך פאַר אַן אַראַביש לאַנד און נישט פאַר אַ מאַנדאַט־לאַנד.

כ'ווייס, אַז ענגלאַנד שטאָלצירט מיט אירע באַאַמטע. כ'ווייס, אַז ס'איז נישט קיין לייכטער קאַמף, אָבער כ'זע נישט קיין אַנדער וועג. כ'ווייס, אַז מיר האָבן נישט קיין כוח. קיינ־מאָל האָבן מיר נישט געהאַט קיין כוח. אָבער על כל פּנים האָבן מיר איצט מער כוח, ווי אין 1929 און 1930. כ'ווייס, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע איז ערגער פאַר אונז; ענגלאַנד גיט איצט מער נאָך די אַראַבער, ווי פאַר דער איטאַליעניש־אַביסינישער מלחמה — אָבער אויך מיר זענען איצט שטאַרקער.

כ׳האָב אַ מיסטישן גלויבן אין אונזער לעבנס־כּוח, אין אונזער ווילן צו לעבן און ענטוויקלען זיך, און כ׳גלויב אין דעם דאָזיקן כּוח, אין כּוח פון באַליידיקונג, ווייטאָק, צער און לעבנס־ווילן. כ׳גלויב, אַז אויב מיר וועלן דעם דאָזיקן כּוח ברענגען צום אויסדרוק, וועלן מיר זיגן, ווי מיר האָבן געזיגט אין 1930־טן יאָר.

ד. בן-גוריון

אונזער גלויבן

מיר גלויבן — און אונזער גלויבן איז באשטעטיקט געווארן דורכדעם, וואס מיר האבן ביז איצט אויפגעטאן אין א״י — אז אונזער ווערק, וועלכן מיר האבן אנגעהויבן אין דער שטרעבונג צו ברענגען די גאולה דעם יידישן פאלק, וועט ברענגען לויט זיין עצם מהות א ברכה נישט נאר די נישט-יידישע איינוווינער אין א״י, נאר אויך די שכנותדיקע לענדער, דעם גאנצן נאענטן מזרח. מיר באגריסן דעם פאקט, וואס די אראבער אין איראק און מצרים, איצט אויך אין סיריען, זענען געווארן זעלבסטשטענדיק; מיר באגריסן עס נישט נאר צוליב מאראלישע מאטיוון, נישט נאר דערפאר, ווייל אונזער נאציאנאלע באוועגונג האט א פולע פארשטענדניש פאר די אנדערע נאציאנאלע באוועגונגען און ווייס, ווי צו שעצן זיי, נאר אויך צוליב א טיפערן מאטיוו פון זעלבסטנוצן. כדי מיר זאלן האבן א נאציאנאלע היים, מוזן מיר שאפן אין א״י א גרויסן און שטארקן יידישן ישוב; כ׳קען נישט זאגן, ווי גרויס וועט זיין אונזער ישוב אין דער צוקונפט; פאר אונזער קיום און ענטוויקלונג, איז על כל פנים נויטיק, אז די שכנותדיקע לענדער זאלן זיין גליקלעכע, ענטוויקלטע און פראספערירנדיקע.

און ס׳איז זייער צו באַדויערן, וואָס צווישן אונזערע אַראַבישע שכנים איז פאַראַן אַ בלויז פּאָליטישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג. ס׳איז פאַראַן אַ גרונד־אונטערשייד צווישן אונזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פון די אַראַבער אין א״י. אונזער באַוועגונג איז בעיקר אַן אויפבוי־באַוועגונג. מיר פאַרנעמען זיך נישט מיט פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע, נאָר מיט שאַפונגס־און אויפבוי־אַרבעט. מיר האָבן געמוזט אַזוי טאָן, כדי צו דערגרייכן אונזער ציל. מיר האָבן געזען אונזער אויפגאַבע אינם טריקענען זומפּן, פאַרגרעסערן די פרוכטבאַרקייט פון באָדן, בויען שטעט און פאַבריקן, שאַפן אַנשטאַלטן פון קונסט און וויסנשאַפט. אונזערע אַראַבישע שכנים זענען געווען פאַרנומען בלויז מיט פּאָליטישער אַרבעט. איצט זעען מיר מיט צופרידנהייט, אַז אונזערע שכנים אין סיריען, איראַק און מצרים מוזן זיך שוין פאַרנעמען מיט קאָנסטרוקטיווע פּראָבלעמען, ווייל זיי האָבן דערגרייכט די זעלבסטשטענדיקייט און קאָנען שוין נישט וואַרפן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זייערע צרות אויף פּ־עמדע רעגירונגען. איצט זענען זיי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייער פאָלק און לאַנד; איצט מוזן זיי ליין אַליין זייערע פּראָבלעמען און זיי וועלן מוזן זיך פאַרנעמען מיט דערזעלבער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, וועלכע מיר טוען אין א״י. כ׳האָף, אַז זיי, און נאָך זיי אונזערע אַראַבישע שכנים אין א״י, וועלן אַנערקענען און אָפּשאַצן דעם שאַפנדן און נוצלעכן מהות פון אונזער ווערק; זיי וועלן זיך איבערצייגן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אינטערעסן־קעגנזאַץ צווישן יידישן פאָלק און אַראַבישן פאָלק, נאָר אַז פאַרקערט: די אינטערעסן פוןביידע פעלקער דערגענצן זיך קעגנזייטיק. מיר דאַרפן האָבן איינער דעם אַנדערן, קענען נוצלעך זיין איינער דעם אַנדערן. ס׳איז נישטאָ קיין צווייפל, אַז די שכנים אין סיריען, איראַק און מצרים. וועלן זיין די ערשטע, וואָס וועלן אַנערקענען אָט דעם פאַקט; פון זיי וועט דידאָזיקע דערקענטניש אַריינדרינגען און פאַרשפּרייטן זיך צווישן אונזערע אַראַבישע שכנים אין א״י. כ׳גלויב אין דעם, ווייל בעצם איז

נישטאָ קיין אָרט און קיין נויטווענדיקייט פֿאַר אַ סכסוך צווישן ביידע פֿעלקער. פֿון אונזער זייט האָבן מיר קיינמאָל נישט געהאַט קיין סכסוך מיט די אַראַבער אין א״י און אויך נישט מיט די אַראַבער אין אַנדערע לענדער. מיר זענען געקומען קיין א״י מיט דער דערקענטעניש, אַז אויסער דער רעטונג פֿון אונז אַליין און דער גאולה פֿון אונזער פֿאָלק האָבן מיר אויך צו דערפֿילן אַ וויכטיקע קולטור־אויפֿגאַבע אין א״י און אַז מיר קענען אַ סך העלפֿן אונזערע אַראַבישע שכנים אין א״י און די אַרומיקע לענדער. כ׳מיין, אַז אונזער אַרבעט האָט עס שוין באַוויזן. וואָס מער מיר וועלן זיך שטאַרקן און ענטוויקלען אין א״י, וואָס מער ס׳וועט וואַקסן אונזער קאָלאָניזאַטאָרישער אויפֿטו און ס׳וועלן זיך ענטוויקלען אונזערע וויסנשאַפֿט־אַנשטאַלטן — אַלצמער וועלן אונזערע שכנים אין די אַרומיקע לענדער און א״י אַנערקענען די ברכה פֿון אונזער ווערק, אַלצמער וועט וואַקסן די היסטאָרישע אינטערעסן־געמיינשאַפֿט צווישן די ביידע פֿעלקער, צווישן דעם יידישן פֿאָלק, וואָס קערט זיך אום אין זיין היימלאַנד און ברענגט מיט זיך די אייראָפּעישע קולטור, און די אַראַבישע פֿעלקער אַרום אונז, וואָס שטרעבן אויך צו דערגרייכן נישט נאָר אָפֿיציעלע פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט, נאָר אויך עקאָנאָמישע, גייסטיקע און קולטורעלע אויפֿלעבונג. מיר גלייבן, אַז אַ גרויסער יידישער ישוב, דאָס פֿרייע יידישע פֿאָלק אין א״י וועט, האָבנדיק אַ ברייט פֿעלד פֿאַר זיין טעטיקייט, ברענגען אַ ברכה פֿאַר אונזערע אַראַבישע שכנים. און אויפֿן יסוד פֿון דער דערקענטעניש פֿון דעם דאָזיקן פֿאַקט וועט ענטשטיין אַ דויערהאַפֿטער שלום און אַ פּערמאַנענטע אַרבעטס־שותפֿות צווישן ביידע פֿעלקער.

ביבליאגראפיע

1. די שכנים

א. ז. רבינוביץ — האיסלם

מ. אסף — תולדות השלטון הערבי בארץ־ישראל, הוצאת „דבר"

ז. וילנאי — תולדות הערבים והמוסלמים בארץ־ישראל, הוצאת „שטיבל"

מ. אסף — התנועה הערבית הלאומית ומקורותיה הוצאת „דבר"

א. רינהרט — מצרים, אנגליה והמזרח, הוצאת „חברה"

ט. ב. אשכנזי — המזרח הקרוב, הוצאת „קדם"

י. בן־צבי — אוכלוסי ארצנו, הוצאת „יסודות"

ד. בן־גוריון — אנחנו ושכנינו, הוצאת „דבר" (באַזונדערס די קאַפּיטלען: לבירור מוצא הפלחים, לתולדות הפלחים)

ח. ארלוזורוב — כל כתבי - כרך ב' - די אָפּהאַנדלונג: היסוד הכלכלי של הפרובלימה הערבית

ז. אברמוביץ — המבנה הכלכלי והסוציאלי של האוכלוסין הערבים בא"י — „המשק השיתופי" — קאָאָפּעראַטיווע בײַלאַגע צום „דבר" נר. 7, 8, 9 1934.

2. ארבעט

ד. בן־גוריון — משמרות — די אָפּטיילונג וועגן אַרבעט;

" " — עבודה עברית; איבערזעצט אויך אויף יידיש

ד. בן-גוריון — אנחנו ושכנינו

אסופות לעבודה עברית — הוצאת הועד הפועל של ההסתדרות זאמל-בוך וועגן יידישער אַרבעט

ב. כצנלסון — במבחן — הוצאת המרכז לנוער

א. ד. גורדון — קיצור כתביו

ח. ארלוזורוב — כל כתבי, כרך ג׳ — די אָפּהאַנדלונג: לשאלת הארגון המשותף

מ. ביילינסון — צום יידיש-אַראַבישן פּראָבלעם — „החלוץ״-ביבליאָטעק; דער קאַפּיטל: אויפן סאָציאַל-עקאָנאָמישן געביט

מסילה — הוצאת ועדת התרבות של הסתדרות העובדים — כרעסטאָמאַטיע

ילקוט אחדות העבודה, כרך ב׳, הוצאת מפא״י

קובץ הקבוץ המאוחד הוצאת „חברה״

פרקי הפועל הצעיר הוצאת „שטיבל״

ספר השומרים הוצאת הקואופרטיב השומרי

דאָס בוך פון אַרבעט פאַרלאַג „אַרבעט און וויסן״

3. באדן

ש. קאַפּלאַנסקי — פון אָנזאָג צו פאַרווירקלעכונג — אַרויסגעגעבן דורכן אַלוועלטלעכן יידישן סאָציאַליסטישן אַרבעטער-פאַרבאַנד „פּועלי-ציון״ (פאַראייניקט מיט צ. ס.) צווייטער באַנד; די אָפּטיילונג: פּראָבלעמען פון דער א״י-קאָלאָניזאַציע

ש. קאַפּלאַנסקי — די קאָלאָניזאַטאָרישע אויפנאַמספּעיקייט פון א״י — אַרויסגעגעבן דורך דער ליגע פאַרן אַרבעטנדן א״י; אָפּגעדרוקט אויך אין פּראָטאָקאָל-בוך פון ערשטן קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדן א״י

ד"ר א. רופין — עשרים וחמש שנים התישבות חקלאית של ההסתדרות הציונית בארץ-ישראל

" " — הסוציולוגיה של היהודים, חלק ד' הוצאת „דביר"

" " — 25 קאָלאָניזאציע אין א"י — רעפעראט, ארויסגעגעבן אלס בראָשור דורך דער יידישער אגענץ

ד"ר ח. ארלוזורוב — תשובת הסוכנות היהודית על הדו"ח של ל. פרנטש — הוצאת הסוכנות

י. וילקנסקי — בדרך

" " — מידות

" " — משק הפלח

ד"ר א. גרנובסקי — הפרובלימות של הפוליטיקה הקרקעית בארץ-ישראל — הוצאת הקרן-הקימת לישראל

" " — מסי הקרקע והחקלאות בארץ-ישראל— הוצאת „מסחר ותעשיה"

" " — קרקע והתישבות — הוצאת הספריה „יסודות"

" " — הקרקע והבנין העברי בארץ-ישראל הוצאת הקרן-הקימת לישראל

" " — דער באָדן און דאָס יידישע ווערק אין א"י. פארלאג „ארבעט און וויסן"

" " — פרשת הקרקע בא"י, הוצאת הקרן-הקימת לישראל (דערשינען אויך אין יידיש)

א. בר-דרומא — הנגב

מ. ביילינסון, י. אהרונוביץ — קרקע לעם, הוצאת „דבר"

י. ווייץ — כוח הקליטה ההתישבותית של ארץ-ישראל

י. ווייץ — בית שאן ובנותיה, הוצאת לנוער של תקק"ל

ד"ר שלם — החולה, 2 חוב' הוצאת לנוער של הקק"ל

ד"ר נ. סלושץ — עבר-הירדן " " "

ר. סברדלוב — ים-המלח " " "

י. ברץ — דגניה " " "

בן-ציון ונסקי — תל-יוסף " " "

ש. דיין — נהלל " " "

נ. בנארי — עין-חרוד " " "

י. ווייץ — היער בארץ-ישראל " " "

ד. הורביץ — המשק החקלאי ונטל החובות — אין „המשק השתופי", י. 1933 נר. 7

" " — הקואופרציה ומשק הפלחים — אין „המשק השיתופי", י. 1933, נר. 8

" " — מגמות התפתחותו של המשק החקלאי בא"י— אין „המשק השיתופי", י. 1933, נר. 14

ז. אברמוביץ — הפרובלימה האגררית בא"י — אין „המשק השיתופי", 1934, נר. 16—17, 18, 20—21

ב. גרינבוים — להתפתחות היחסים האגרריים בא"י— „השומר הצעיר", 1936

4. קאנטאקטן

ד. בן-גוריון — אנחנו ושכנינו

מ. בײלינסאָן — צום ײדיש-אַראַבישן פּראָבלעם

ה. פרומקין — 4 שנים, הוצאת ההסתדרות

ילקוטי המזרח התיכון — הוצאת הסוכנות

„המשק השיתופי"— אַ רײ אָפּהאַנדלונגען

אַרטיקלען אין „דבר", „השומר הצעיר", „דער ײדישער קעמפּפער", „דאָס נײַע וואָרט", באַזונדערס:

ה. פרומקין — לעצמאות כלכלית; אם אין אנו לנו—מי?

ד. הורביץ — שאלות המשק הא"י בשעה זו, אין „דבר" 1936

5.—6. שמירה און הגנה — די בלוטיקע קייט

ילקוט תל-חי — הוצאת המרכז לנוער

ילקוט אחדות העבודה — חלק א׳, הפרקים: גדוד, תל-חי, במצור

יזכור — זאמל-בוך

נ. בנארי — זעלבסטפאַרווירקלעכונג

מ. בילינסון — פרקי בילינסון – חוברת א׳

זכרונות „השומר״ — הוצאת ארכיון העבודה.

עבר הדגי — „השומר״ הוצאת לנוער

דאָס בוך פון אַרבעט

מסילה

דברי פועלות — הוצאת מועצת הפועלות

רמת הכובש — הוצאת ההסתדרות

החורשה באש — הוצאת „השומר הצעיר״

זאַמל-בוך וועגן ישוב בעת די געשעענישן 1936 — אויסגאַבע פון דער הסתדרות

7. אין פאָליטישן געראַנגל

ד. בן-גוריון — אנחנו ושכנינו

„ „ — די אויסערן-פּאָליטיק פון יידישן פאָלק-ליגע פאַרן אַרבעטנדן א״י

ב. כצנלסון — לשאלות המשטר המדיני בא״י, הוצאת הירחון „אחדות העבודה״

ילקוט אחדות העבודה, כרך א׳, מדיניות

מ. בילינסון — בימי מסה (צום יידיש-אַראַבישן פּראָבלעם)

„ „ — פרקי בילינסון

ח. ארלוזורוב — כל כתבי, הכרכים א, ב, ג

ש. קאַפּלאַנסקי — פון אָנזאָג צו פאַרווירקלעכונג, 2-טער באַנד, אָפּטיילונג: ענגלאַנד, יידן, אַראַבער.

ד״ר ח. ויצמן — „דברים״. 4 כרכים, הוצאת „מצפה״

מ. שערטאָק — די אויפגאַבן פון אונזער פּאָליטישער טעטיקייט — אויסגאַבע פון דער אַגענץ
„אחדות העבודה" — חודש-זשורנאַל, יאָרגענג 1930—1931
דאָס עדות-זאָגן פאַר דער קעניגלעכער קאָמיסיע
„הפועל הצעיר" — וואָכן-זשורנאַל פון דער א״י-דיקער אַר-בעטער-פּאַרטיי, פון די לעצטע יאָרגענג
„השומר הצעיר" — אָרגאַן פון השומר הצעיר קיבוץ ארצי יאָרגענג פון די לעצטע יאָרן
מבפנים — אָרגאַן פון הקיבוץ המאוחד
א. מדזיני — עשר שנות מדיניות ציונית
א. רינהרט — מצרים, אנגליה והמזרח
ט. ב. אשכנזי — המזרח הקרוב
מ. אסף — לורנס בחיים ובאגדה
ילקוטי המזרח התיכון

אַלגעמיינע מקורות

ב. כצנלסון — ראשי-פרקים לתולדות תנועת הפועלים בא״י—הוצאת הבחרות הסוציאליסטית
ו. פרוים — די געשיכטע פון דער א״י-דיקער אַרבעטער-באַוועגונג
נ. בנארי — פרקים לתולדות תנועת הפועלים בארץ-ישראל הוצאת „החלוץ"
מ. בוגדן — מגלת ההסתדרות
א. בעם — די ציוניסטישע באַוועגונג (דייטש)
פּראָטאָקאָלן און באַריכטן פון דער הסתדרות, אירע קאָנ-פערענצן און אינסטיטוציעס
י. גרינבוים — שיעורים בתולדות התנועה הציונית
ד״ר א. בראור — הארץ
י. פיכמן — ספר הארץ

אזיפן ראנד פון בוך

דאָס פאָרליגנדע בוך איז א פרווו ענטקעגנצוקומען דער באַדערפניש פון דער גאנצער באַוועגונג אין אַלע אירע אָפּצווייגונגען, ווי אויך פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט, צו קענען שעפּן פון א גרינדלעכן און אַלזייטיקן ווערק די איצט אַזוי וויכטיקע ידיעות וועגן דער פראגע, וועלכע מען רופט אָן געוויינלעך דאָס יידיש-אראַביש פּראָבלעם און וואָס איז אייגנטלעך — לויט דער דעפיניציע פון ד. בן-גוריון — דאָס פּראָבלעם פון פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם אונטערן אַספעקט פון דער אראַבישערווירקלעכקייט אין א"י.

די כוונה ביים אויסוואַל פון מאַטעריאַל און זיין רעדאַגירונג איז געווען: נישט נאָר צוטרעפן צו די שפּיצן פון די פּראָבלעמען, וואָס זענען געוואָרן באַזונדערס אַקטועל אין דער לעצטער צייט אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן, נאָר געבן א גרינדלעך ווערק, וואָס זאָל באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם אין אַלע זיינע פלעכן, אין זיין גאַנצער היסטאָרישער הויך. די כוונה איז געווען: געבן א גרינדלעכן לערן-בוך וועגן די פּראָבלעמען פון אונזער באַוועגונג און איר וועג.

אין בוך זענען אריינגעקומען אָפּהאַנדלונגען און עסייען, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן און אין צוזאַמענהאַנג מיט פאַרשידענע ענינים; זייער ווערט איז אָבער א דויערהאַפטער. א באַדייטנדער טייל פון בוך איז אָנגעשריבן געוואָרן אין דער לעצטער צייט, אין עצם שוערן געראַנגל, בעת די געשעענישן

פון 1936. ס'איז א זאמל-בוך. די רייד פון די פירער און וואָרט-זאָגער פון אונזער באוועגונג דערגענצן זיך קעגנזייטיק, זיי דריקן אויס אלס א גאנצעס „די קאָלעקטיווע שטעלונג" פון אונזער באוועגונג: א שטעלונג, וואָס איז נאָכגעשטיט אָפּגעשלאָסן, וואָס ענטוויקלט זיך, פארצווייגט זיך, אין כסדרדיקע זוכענישן, אויפן גרויסן און שווערן וועג פון אויפבוי.

די אָפּהאַנדלונגען זענען נישט געאָרדנט לויט דער צייט פון זייער אנטשטיין, נאָר לויט די ענינים. זיבן פרשות זענען פאראַן אין בוך: די שכנים; ארבעט; באָדן; קאָנטאקטן; שמירה און הגנה; די בלוטיקע קייט; אין פּאָליטישן געראנגל. ס'איז אפשר נישט נויטיק צוצוגעבן, אז אזא פארטיילונג קאָן נישט פרעטענדירן אויף דורכפירן גענויע דעמארקאציע-ליניעס. די אָפּטיילונגען זענען געבונדן און געקניפּט — ווי אין לעבן. ערשט אין זייער צוזאמענהאנג פארמעסטן זיי זיך צו זיין א גאנצקייט.

דאָס בוך דערשיינט אלס געמיינזאמע אויסגאבע פון מרכז „החלוץ" העולמי און מרכז „החלוץ" אין פוילן לויט דער איניציא-טיוו פון מחלקת התרבות פון מרכז „החלוץ" אין פוילן.

ביי דער צונויפשטעלונג פון בוך האָבן געארבעט די ח"ח ב. שווארץ און י. ראבינאָוויטש. ס'האָבן מיטגעארבעט די ח"ח: י. שיינבוים, ש. באראנטשוק און מ. בליזשאָווסקי.

אינהאַלט און מקורות

זייט

פון דעם פנקס (1920) — כל כתבי, כרך ז׳ — י. ח. ברענער 3

די שכנים

די אַראַבישע וועלט

און די מוסלעמענישע וועלט (1936) — „דבר“ — י. בן-צבי 7

דער עקאָנאָמישער יסוד פון אַראַבישן פּראָבלעם (1930)

כל כתבי, כרך ג׳ — ח. ארלאזאָראָוו — — — 25

די אַראַבישע פּאָליטישע באַוועגונג אין א״י (1936) — מ. אסף 39

אונזער שליחות (1930) — אנחנו ושכנינו — ד. בן-גוריון — 62

אַרבעט

אונזער רעכט אויף אַרבעט (1932) — משמרות — ד. בן-גוריון 79

כיבוש עבודה (1932) — קובץ הקיבוץ המאוחד — י. טאַבענקין 86

אין קאַמף פאַר יידישער אַרבעט (1931) — אסופות — י. טאַבענקין 94

ארגון משותף (1924) — קונטרס — י. בן-צבי — — 98

ברית פועלי א״י (1927—1933)

דו״ח הועד הפועל של הסתדרות העובדים — — 106

די שטעלונג פון „השומר הצעיר“ (1934)

„השומר הצעיר“ — י. חזן — — — — 109

אין וכוח (1931) — אסופות — ב. כצנלסון — — 122

פאַלשע גלייכהייט (1935) — במבחן — ב. כצנלסון — 130

וואָס מען פרעגט וועגן

יידישער אַרבעט (1935) „ „ „ — 137

באָדן

צי פאַרדרענגט די יידישע קאָלאָניזאַציע

אַראַבער פון זייער באָדן ? (1936) — פרשת הקרקע בא״י —

ד״ר א. גרנובסקי 145

דאָס אַגראַר-פּראָבלעם פון פעלאַך (1931) „אחדות-העבודה“ —

ד. הורביץ — 157

שטרייכלונג פאַר דער קאָלאָניזאַציע, פאַרקנעכטונג
פאַרן פעלאַך (1936) — „דבר״ — ב. כצנלסון — 167
אונזער נאָענטסטע אויפגאַבע (1935) — פראַגמענטן פון
רעפעראַט אויפן 19-טן ציונ. קאָנגרעס — ד. בן-גוריון — 176

קאָנטאַקטן
צווישן פאָלק און פאָלק — קיצור כתבי — א. ד. גארדאן — 182
אין טויער פון מזרח (1934) — „מבפנים״ — ג. בנארי — 195
דאָס יידישע ווערק און די אַראַבער
אין ליכט פון דער פאָלקס-ציילונג (1934) —
המשק השיתופי — מ. נעמיראַווסקי — 196
פאַר דער קעניגלעכער קאָמיסיע (1936) — „דבר״ — ה. פרומקין — 199
געדאַנקען צו אַן אַראַבער-פּראָגראַם (1929) — צום יידיש·
אַראַבישן פראָבלעם — מ. ביילינסאָן — 203
זעלבסטשטענדיקייט און קאָאָפּעראַציע (1936) — „העמדה
שכבשנו בים״, „דבר״ — ד. בן-גוריון — 212

שמירה און הגנה
תל-חי (1920) — כל כתבי, כרך ז׳ — י. ח. ברענער — — 220
הגנת החיים (1920) — ילקוט אחדות העבודה, —א׳ — ג. סירקין — 228
אין טעג פון רוף (1936) — „דבר״ — מ. קושניר — 236
די חברה אין דער הגנה
דערציונג צו זעלבסטשוץ (1936) — „מבפנים״ — עווא טאַבענקין — 240
אַ נייער פראָנט (1936) — „השומר הצעיר״ — אממא לעווין — 243
אין נאָמען פון דער דערפאַרונג (1936)—„מבפנים״—רבקה דנית 246
דער וועג פון דערציונג צו הגנה (1930)—„מבפנים״ י. טאַבענקין — 248

די בפזטיקע קייט
1920—1921
פון תל-חי ביז ירושלים (1920) —
ילקוט אחדות העבודה, א׳ — י. ח. ברענער — 252
צו אונזערע ענינים (1921) „ „ „ „ „ — 254
געשלאָסענע טויערן (1921) — „ ב. כצנלסון — — 257
אַ פראַגע (1921) — „ „ י. טאַבענקין — — 259

וועמענס הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס בלוט (1922)—ד. בן־גוריון – 261

1929

אָכן געצווונגענעם שווייגן (1929) — „דבר" ב. כצנלסון — 265
ווער דאַרף באַשטראָפט ווערן (1929) — „ ש. יבניאלי — 268
אונזער אמתע תשובה (1929) — „ ז. רובאַשאָוו — 270
פאַקטן און מסקנות (1929)–אנחנו ושכנינו – ד. בן־גוריון — 272

1936

צו דער רעגירונג א. א. — „דבר" — מ. ביילינסאָן — 277
אויף דער פּאָזיציע „ — ב. כצנלסון — 291

אין פּאָליטישן גאַנג

דער יסוד פון אונזער פּאָליטישע פאָדערונגען (1924) —
ילקוט אחדות העבודה — י. טאַבענקין — — 302
אונזער וועג אין פּאָליטיק (1933) —
כל כתבי, כרך ג' ח. ארלאזאראוו — 307
צום פּראָבלעם פון דער פּאָליטישער אָרדנונג אין לאַנד
(1931), „אחדות העבודה" — ב. כצנלסון — 316
אן אָפענער בריוו צו מר' גאַלאַקער (1936)—„דבר"–ש. לביא — 336
דער פאַרמעסט צווישן כוחות (1936)—„במעלה"—י. טאַבענקין—352
צום אַנאַליז פון וועגן (1936)—„השומר הצעיר"—אליעזר הכהן—362
דער אַראַבישער שטרייק (1936) — „דבר" — מ. ביילינסאָן — 374
דער אַראַבישער טעראָר (1936) „ „ „ – 379
וואָס ווייטער (1936) „ „ „ — 390
אונזער גלויבן (1936) — פראַגמענט פון עדות־זאָגן
פאַר דער קעניגלעכער קאָמיסיע — ד. בן־גוריון – 395
ביבליאָגראַפיע 398
אויפן ראַנד פון בוך 404